ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עת לעשות

חלק ב'

אידיש

## 123

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

ספר

# עת לעשות

## חלק שני

אלה הדברים שאלות ותשובות "עת לעשות"

להורות לעם ד' דרך ילכו בה ומעשה אשר יעשון.
חברתי בעזרת החונן לאדם דעת. ומאתו מענה לשון.
אני הקטן הילל ל"ש מילדי עיר וועטש
במדינת אונגארן רב פה קאלאמיא והגליל
יע"א.

צווייטע פערבעסערטע אויפלאגע

לעמבערג

סנס תרלח לפ"ק

ETH LASOTH

Verlag und Eigenthum des B Lichtenstein in
Kolomea

הרוצה להשיג הספר **עת לעשות** ב׳ חלקים על ע״ט וגם **משכיל אל דל** ד׳ חלקים וגם **שירי משכיל** כלה״ק שילחו

מתחת מכבש הדפוס ישיגם אללי תחת אדרעססע שלי ·

**ברוך בענדיט ליכטענשטיין** אין **קאלאמעא** ״גאליציען״

כל ספר שאין עליו התימה שלי לגניבה יחשב —

בעזה״י

# הקרמה

דיא אורזאך וואס מיך דאצו האט בעוואגען דיזעס ספר צו מאכען איזט שאן בעקאנט אין דיא הקדמה פון דעם ערשטען "סת רעשות". פיעל מעהר דא שאן זייט דאמאהל איינינע יאהר פערפלאסען זינד. אונ דיא ימי ירידה דיא אלטערם צייט בייא מיר נעהער אונ נעהער קאמט וויא דיא כוחות אונ זעסטען פון דען מענשען פאנגען אן שוואך צו ווערדען אונ אב צו נעהמן. דאס דיזע צייט האט דען כח צו פערורזאכען בייא איין יעדען מענשען דאס ער ערוואכען זאל זיך מיט צדה לדרך רייכליך פאר צו זעהן (ווייל ער דאמלם מעהר אונ מעהר צו איינזיכט קאמט אונ פאר זיך זעהט דען הבל פון אלע קנייני עולם הזה) ווען אויך דאס ער אין דיא פריהערע יאהרן פערשלאפען וואהר. פיהל מעהר בייא איין זאלכען מענש וואס אויך פריהער זיין הערץ ניכט גאנץ ערווייטערט פון דיא ליעב צו השי״ת אונ צו זיין תורה וואהר. דער דיא רייפע יאהרן אויך ניכט גאנץ אין שלאף אונ שיכורת פערלעבט האט אונ זיין הערץ האט אימער געוואונטשען דען ווילען פון השי״ת צו טוהן. דאס דיזע צייט אויף איהם מעהר ווירקט אוף זיינע פיהרונג איין געניטעס וואכזאמעס אויג צו האבען. דאס ווען ער זיך בערעכענט דאס פרמעהג דען אויסראָרדענטליכען ווייטען וועג וואס ער פאר זיך האט. איזט ער נאך ניכט הינלענגליך גענוג מיט צדה לדרך פארגזעהן *) ווייל ליידער פרמעהג זיין הייטיגען פערשטאנד ער איינזעהט דאס ער זיך ניכט ריהמען קאן (אשרי ילדותנו שלא ביישו את זקנותינו) וואהל אונזערע פיהרונג אין דיא יונגע יאהרן דאס זיא ניכט בשעהמן אונזערע אלטע יאהרן. זאל ער ווענינגסטנס דיא זכייה האבען קאנען צו זאגן (אשרי זקנותינו שכפרו על ילדותנו) וואהל אונזערע אלטע יאהרן דאס זיא דען כח האבען אויס בעסערן צו קאנן דיא יונגע יאהרן. זנ איין מענש דער עטוואס אהבת השם בעזיצט אונ איין קליינע וויסענשאפט אין השגות התורה האט אונ דאדורך פערשטעהט. ווען מאן איין אמתדיגער ערליכר יוד זיין וויל. וויא דיא שולדיגקייט איזט דאס זיינע פירונג זיין זאל. געמליך ווייל דער צוועק פון זיינע גאנצע לעבנסצייט נור איזט דען ווילן פון השי״ת צו טוהן.



---

*) שמעתי שיחת חולין בשם קדוש עליון (ר׳ שמואל מבראד ז״ל) וזה לשונו המהו״ר דיא וועלט שרייט אונ וויינט זייא האבן ניכט מיט וואס צו לעבן. איך אבער שרייא אונ וויין. איך האבע ניכט מיט וואס צו שטארבן.

# הקדמה

דאריבער זינד אלע זיינע שריט . אלע זיינע מעשים . אלע זיינע דיבורים . אלע זיינע בוועגונגען . אלעס וואס ער געניסט . אלעס נור אב געוואגען אונ אבגעמאסען אויף דיא וואג שאהל פון דיא תורה . (אב עס קיין אונרעכט איז . אב עס ניכט איבער פליסיג איז) אונ זיין עבודה צו השי"ת מוס זיין ניכט קאלט ניכט ווארם . ניכט עטוואס ברענענד . זאנדערן איין אונגעהייערעס פלאמענד פייער פון שלהבת יה . אונ דאן דאס שארפזיניגעס אונ אין דיא וויסענשאפט פון דיא תורה פין איין זאלכען אמתדיגען עהרנסטען ערליכען יוד איזט (כמעין הנובע) וויא איינע קוואל וואס זיך אימער פערגרעסרט אונ פערמערט (ווייל דיא השגות התורה איזט אבהענגיג פערמעהג זיין יראת שמים) . נון פערמעהג דען מוסטער ווען ער זיין עבודה אונ זיינע פירונג בעזיכטיגט . אונ זיין השגות התורה בעטראכט אין וועלכען געמיינען גידריגען ארימען שטאנד ער זיא פינדעט . זעהט ער איין דאס ער עס ניכט איזט . זא איז ער דאריבער זעהר אונמוטהיג אונ אין פערבארגענען וויינט איהם זיין הערץ . ווען ווערדע איך דיא זכיה האבען מיינע נשמה פערזארגען צו קענען וויא זיך געביהרט . ווייל ער יעצט איינזעהט דאס ער פון (אשרי זקנותינו שכפרו וכו') אוך זעהר ערווייטערט איזט . אונ ניכט אים שטאנד איזט עס זאגען צו קאנען . זא בלייבט איהם ניכט מעהר צוריק דאס ער ניכט גאנץ טראסט לאז זיין זאל . דאס ער זיך בעשטרעבען זאל אלעס מעגליכע צו טוהן זאלכע יידישע קינדער דיא אונוויסענד פון תורה זינד . אבער אירע הערצער זינד נאך טרייא צו השי"ת . זיא צו ערוועקען מיט ווייכע תוכחה רעד . מיט אמתדיגע אוף קלערונגען . דאמיט זיא דאדורך איהרע שלעכטע פירונג אום בעסערן . אונ דיא יידישקייט פון נון אן אירע גאנצע לעבנסצייט טרייא צו בעפאלגען . אונ דאדורך פילייכט ווירד ער דיא זכיה האבען דורך איהנען ערבויעט צו ווערדן .

ווייל דיא פיער חלקים "משכיל אל דל" זינד געגרינדעט דען מענשען צו ערוועקען פון זיין שלאף דאס ער דיא עיקרי אמונה (דיא ווארצלען פון אונזער הייליגעס גלויבען) טרייא זיין זאל אונ דאדורך ווירד ער לייכט ערהייכען קאנען דאס זיינע גאנצע פירונג נאך דיא תורה איהר פארשריפט זיין זאל . אונ בעזאנדער דאס ער זיך פאר השי"ת רעכטפערטיגען זאל אונ תשובה טוהן אויף זאלכע עבירות וואס עס האבען פעראורזאכט חרבן ירושלים אונ דאס פינסטערע גלות . דאמיט מיר דאדורך באלד ערלעבען זאלן צו זעהן ירושלים ערבויעט . אונ דען קרן פון תורה אונ יראת שמים ערהאבען . אונ דיזעס איזט איינע שולדיגקייט אויף איין יעדען יידן . מענער . ווייבער . אהנע אוים נאהמע זעלבסט פון דיא נידריגסטע קלאס — .

דאריבער פינדע איך מיך בענעהטיגט אוף דען אינהאלט פון דיא אנדרע צווייא חלקים משכיל אל דל . אויף יידיש דייטש צו איבער זעצען (*

דאמיט

---

*) דאס מאן זיך אין מיר ניכט אירען זאל דאס איך פון דיא הייטיגע וועלט איין קליינן

# הקדמה

דַאמִיט עֶס אֵיין יֶעדֶר זָאל פַּרְשְׁטֶעהְן · אוּנ דִיא אוֹיף ,קְלֶערוּנְגֶען זִיךְ בֶּעדִינֶען אוּנ בֶּענִיצֶן זָאלְן -

ווייל

קְלֵיינֶן בֶּעגְרִיף הַאבֶּע אוּנ אוּנְוִויסֶענְד בִּין · דַאס אִיךְ בֶּעטְרַאכְטֶע דִיא אוֹיף גְקְלֶעהְרְטֶע לֶענְדֶר אִין אֵייְרָאפֶּע · וִויא דִיא לֶענְדֶר פוּן טִיף אַזִיֶען - וַייל אִיךְ מִיךְ אוּנְטֶר שְׁטֶעהֶע אֵיין סֵפֶר צוּ מַאכֶן וָואס נוּר דֶער אִינְהַאלְט דַאפוּן אִיזְט יִרְאָה אוּנ מוּסָר · אוּנ אַלֶעס נוּר נָאךְ דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא הֵיילִיגֶע גְמָרָא · אָהְנֶע דִיא גְרִינְגְסטֶע פֶערְקִירְצוּנְג · אוּנ דַאס מַאן זִיךְ נִיכְט פֶערְגְרֵייפֶן זָאל דָאס מִינְדֶעסְטֶע פוּן דִיא הֵיילִיגֶע פָארְשְׁרִיפְט צוּ עֶנְדֶערְן אוּם זִיךְ נָאךְ דִיא צֵייט צוּ רִיכְטֶן · וַייל דֶער וָואס דִיא הַיְיטִיגֶע וֶועלְט קֶענְן גְלֶערְנְט הָאט י זֶעהְט אֵיין אוּנ פַרְשְׁטֶעהְט דַאס אֵיין זָאלְכֶם חִיבּוּר נִיכְט נוּר נִיכְט נִיצִין אוּנ בֵּייא דִיא לֶעזֶער קֵיין אֵיינְדרוּק מַאכֶן וִוירְד · זָאנְדֶערְן דֶער מְחַבֵּר פֶערְפַאסֶער וִוירְד נָאךְ דַאדוּרְךְ פֶערְשְׁפָּאטֶעט אוּנ פֶערְאַכְטֶעט וֶוערְדֶן (דַא אִין דִיא הַיְיטִיגֶע צֵייט זָעלְבּסְט בֵּייא דִיא אָרְטָאדָאקְסִישֶׁע פַּארְטֵייא נָאךְ אֵיין גְרָאסֶע פֶערְוִוירוּנְג אִיזְט · דַאס פִיהְלֶע לֵצִים פְרֵייֶע שְׁפֶּעטֶר · נָאךְ שֶׁעדְלִיכֶער דִיא צְבוּעִים שֵׁיינְהַיילִיגֶע · בֵּייא אִיהְנֶן פַּרְמִישְׁט זִינְד) דַארוּם פִינְדֶע אִיךְ מִיךְ שוּלְדִיג צוּ פֶערֶעפֶענְטְלִיכֶן דַאס דִיזֶע צְוֵייא אֵיינְוֶוענְדוּנְגֶען שֶׁקֶר אוּנ נוּל זִינְד ·

דִיא עֶרְשְׁטֶע אֵיינְוֶוענְדוּנְג · דַאס דֶער מְ חַ בֵּ ר קָאן דַאדוּרְךְ פַּרְשְׁפָּאטֶעט וֶוערְדֶן · וִויא וַוייט קָאן דֶען דִיא פֶערְשְׁפָּאטוּנְג אוּנ פֶערְאַכְטוּנְג גֶעהְן · זֵיין כָּבוֹד צוּ פֶערְוֶוענִיגֶערְן · זֵיין גוּטֶען רוּף צוּ פַרְקְלֶענֶערְן · דַאס פִיהְלֶע פוּן זֵיינֶע אוּנְגֶעהֵייעֶרֶע אַנְהֶענְגֶר אוּנ גוּטֶע פְרֵיינְד אָבּ פַאלֶען · אוּנ דַאדוּרְךְ אוֹיךְ אֵיין גֶעלְד פֶערְלוּסְט זִיךְ עֶרְאֵייגְנֶען קָאן — אָבֶּר אֵיין יוּד דָער יֶעדֶען טָאג פָאר הַשֵּׁי"ת אֶמֶתְדִיג ק"ש זָאגְט · דַאס עֶר וֶועגֶען דֶען יָאךְ פוּן מַלְכוּת שָׁמַיִם אוּנ פָאר דֶען יָאךְ פוּן דִיא הֵיילִיגֶע מִצְוֹת זֵיין לֶעבֶּען · זֵיין פַרְמֶעגֶען · אַלֶע זֵיינֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן פְרֵייאוִוילִיג פָאר הַשֵּׁי"ת הִיעְן גֶעבֶּען טוּהְט -- קָאן שָׁאן מֶעהְר אֵיין זָאלְכֶע פֶערְאַכְטוּנְג עֶקְזֶעסְטִירֶן וָואס אִיהְם צוּרִיק הַאלְטֶן זָאל דֶע כְּבוֹד שָׁמַיִם אוּנ כְּבוֹד הַתּוֹרָה צוּ פַרְגְרֶעסֶערְן ·

דִיא צְוֵייטֶע · בֶּאֱמֶת אִיז גָאר נִיכְט פַרְהַאנְדֶען קֵיין הַיְיטִיגֶע וֶועלְט · דֶען הַשֵּׁי"ת הָאט צוּ גֶעזִיכֶערְט דַאס דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בֵּייא יִדִישֶׁע קִינְדֶער אוּנְאוּפְהֶערְלִיךְ בְּלֵייבֶּען וִוירְד · אוּנ דִיא אֶמֶתְדִיגֶע קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם · יִצְחָק וְיַעֲקֹב וֶוערְדֶן זִיךְ נִימָאהְלְס פֶערֶענְדֶערְן דַאס זֵייא פוּן דִיא תּוֹרָה מוּטְהְוִוילִיג אוֹיסְטְרֶעטֶן זָאלֶען · דֶען וֶוען אוֹיךְ אִין מַאנְכֶע דוֹרוֹת אִין פַּרְשִׁידֶענֶע גֶעגֶענְדֶן אֵיינִיגֶע הָרִיסוּת הַתּוֹרָה זִינְד אֵיינְגֶעטְרֶעטֶן · אִיזְט עֶס נוּר אוֹיס פַרְגֶעסֶענְהַייט אוּנ אוּנְוִויסֶענְהַייט · דַארוּם אִיזְט אוֹיךְ נוּר פוּן אֵיין קוּרְצֶן דוֹיֶער · דֶען וֶוען מַאן זִיא מִיט אֵיין עֶרְנְסְטֶע אֶמֶתְדִיגֶע אוֹיפְקְלֶערוּנְג צוּ רֶעדֶע שְׁטֶעלְט אוּנ טוֹכִיח אִיזְט · אַזוֹ טוּהְן זִיא זִיךְ בַּאלְד בֶּעדֶענְקֶן אוּנְד זִינְד מִתְחָרֵט אוֹיף אִיהְרֶע מַעֲשִׂים אוּנ שְׁרֵייֶען וֵויינֶענְד צוּ הַשֵּׁי"ת (סְלַח לָנוּ אָבִינוּ כִּי חָטָאנוּ

פערצייהע

# הקדמה

ווייל פילע מענשן זעהר בשעפטיגט זינד · אונ דארום איהנען ניכט דיא צייט אימר ערלויבט אלעם באריכות צו לייגען אונ זעהן צו קאנען · דאריבער פינדע איך מיך בנעטיגט אין דיא הקדמה פאהר רעדע · דען אינהאלט אין קורצן פון אלע פיער (משכיל אל דל) צו שרייבן · דאמיט זיא דער לעזר אימר פאר אויגען קאנן האבן זאל · ("אמונה בשלימות. דאס איין יעדער איין אמתדיגע ערנסטע אמונה האבען זאל · עיין (עת לעשות חלק א כלל ב דף יג ע״ב · חלק ב דף כג ע״ב) -- דאס זיא דיא טייערע מצוה פון "שבת" שטרענג אונ גענוי היטען זאלען · עיין (עת לעשות חלק א דף נט ע״א · קיג ע״א · ע״ב · חלק ב דף כג ע״ב) -- דאס איין יעדר זיך גוט אכט געבן זאל אויף דיא אום געצייכענטע טייערע מצוה פון "שמירות יסוד" אונ זאל וויסן וויא וויט זיא זיך פערצווייגט · עיין (עת לעשות חלק א דף מ · מא · מב · מג חלק ב דף נו · נז · נח · נט) --- דאס זיא איהרע "קינדר" נור אויף דיא שום פון תורה אונ יראת שמים ערציהען זאלן · עיין (עת לעשות חלק א כלל ג דף כו ע״א · חלק ב דף א ע״ב · ב · ג) · -- וויא אויך דאס זיא זאלן נור תורה לשמה לערנן · עיין (עת לעשות חלק א דף ד ע״א) -- דאס זיא זיך צוריק האלטען זאלען פון אלען "איבערפליסיגעס" · עיין (עת לעשות חלק א כלל ז דף מח ע״ב · חלק ב דף ו ע״ב) -- דאס איהר "עבודה" צו השי״ת אמתדיג אונ פייעריג זיין זאל · עיין (עת לעשות חלק א דף ו ע״ב · חלק ב דף נא ע״ב שאלה לג -- דאס יידישע קינדער געגען אומות העולם "אויסגעצייכענט" זיין זאלן · עיין (עת לעשות חלק א דף פח ע״ב · חלק ב דף לב) -- דאס "נשים צדקניות" איהרע שוועסטערן אונטערריכטען זאלן · עיין (עת לעשות חלק א דף ב ע״א · חלק ב כלל ז דף נט ע״ב) -- דאס מאן זיך בהעפטען זאל אן "תלמידי חכמים" אונ זיא צו אונטערשטיצען · עיין (עת לעשות חלק א דף עט ע״א שאלה ג · חלק ב דף סה ע״א) -- דאס ביא אלע "זיינע געשעפטען" זיין ציעל נור זיין זאל דאדורך תורה אונ יראת שמים ערלאנגען צו קאנען · עיין (עת לעשות חלק א דף נה · נו · חלק ב דף כ ע״ב · כא · כב · כג) -- דאס זיא זיך "אמתדיגע מנהיגים" אויף נעמן זאלן · עיין (עת לעשות חלק א דף עה ע״א · חלק ב דף עא · עב · עג) · אונ דאס זיא ליעב האבען זאלען "תוכחות מוסר" צו הערען · עיין (עת לעשות חלק א דף סח ע״א · חלק ב דף ו ע״א) -- דאס זיא אפט מיט "זיך רעכענען זאלען". אום דאמיט זיך ריין וואשן צו קאנן · עיין (עת לעשות חלק א דף סג · סד · סה · חלק ב דף יז · יח · יט · כ) ) אונ זיך צו בדענקן אב ער פון דיזע אלע · פעהלר פרייא איזט · אונ ווען ער געפינט זיך שולדיג זאל

---

א) פערצייהע אונז דאס מיר געזינדיגט האבען · (השיבנו לתורתיך) זייא אונז בייהילפיג דאס מיר תשובה טוהן קענען זאלען · אונ זיין תורה פרייא נאך פאלגן צו קענען · אונ דער ציעל פון מיין ספר וואס איך ערדרייכען וויל · איזט נור ביא זאלכע יידישע קינדער ·

# הקדמה

זאל ער איילענד זעהן עס אום צו בעסרן · וויא דר פסוק אונז בלעהרט (בכל עת יהיה בגדיך לבנים) איין מענש זאל ניכט דענקן עס איזט נאך צייט · מיינע יאהר זינד נאך ניכט פראיבר · דען צו יעדער צייט מוז דער מענש זיך מכין זיין בהאלטן · געהמליך דאס זיין גוואנט ריין גוואשן זיין זאל · דאס הייסט דאס זיין נשמה אונבפלעקט פון עבירות זיין זאל · אונ ווען איין מענש זיך אזו פיהרט זא איזט ער גליקליך אוף דיזע · אונ אוף יענע וועלט ·

אוף דיזע וועלט · ווייל דער פסוק זאגט כ ו פ ר נ פ ש א י ש ע ש ר ו דאס וואהרע גליק אונ דאס אמתדיגע רייכטוהם איזט נור ווען מאן דיא זכיה האט דאס מאן מיט זיך צו פריעדן איזט · אונ איין גוויסענס רוהע האט · נעהמליך ווען זיין געוויסן איהם רופט וויפיהל יאר האסט דוא שאהן פרלעבט אוף דיזע וועלט (דיא נור באמת איין מארקט טאג איזט איינע צייט וואס מאן זיא זיך בדינגן זאל איין צו קופן) האסט דוא דיינע יאהר אוף איינע זאלכע ארט פרלעבט דאס דוא דיך דורך דיינע שלעכטע פירונג זעהר פיל איינגעשולדיגט האסט דאס דאדורך העטע דיר ווינטשענס וועהרט גוועזן דאס דוא העסט אוף דיזע וועלט גאר ניכט ערשאפן וואורדן (ווייל דוא ביזט אנגעבריט וועגן דיינע שלעכטע מעשים בישערע פינסטערע שרעקליכע עונשים צו ליידן ביים יום הדין) אדער ניכט · אונ ווען אוך דאס דוא דיך ניכט דורך שלעכטע מעשים איינגעשולדיגט האסט · האסט דוא דיר אבער דיינע לעבענס יאהר בניצט אונ בעדינט גיטע מעשים זיך צו ערווערבן · אדער זינד זיא ביי דיר אונניצליך פרפלאסן · אונ ווען אוך דאס זיא ניכט גאנץ אונניצליך וואהרן · האסט דוא זיא דיר אבר געהעריג אונ וויא זיך געביהרט בדינט אונ בניצט · אדער ניכט · אונ ווען אוך דאס דוא פיר דיר אליין האסט זיא דיר געהעריג בדינט אונ בניצט איזט מיין פראג אב דוא ווירסט געניסן דען שכר פון דיינע גיטע מעשים אדער ניכט · ווייל איך פירכטע דאס דיא שלעכטע פירונג פון דיינע קינדר משרתים הויזלייטע · אדער אנדערע דיא דיר אונטרגעבן זינד · דיא איהרע גאנצע לעבענסצייט ניכט נור אומזאנסט פרשווענדעט האבן · זאנדערן נאך פיהל זיך איינגעשולדיגט · אונ איהר נשמה בעפלעקט אונ פראונרייניגט האבן · דאס דיר זאלכעס ניכט צו גערעכענט ווערדן זאל -- ווייל דוא מיט דיינע צו רעכט ווייזונג אונ תוכחה העטע זאלכעם גאנץ פרהיטען · אדער ווענינגסטענס עטוואס צוריק האלטן קענן --

נון ווען ער דאמאלס דיא אלע שאלות זיך גיט איברלעגט אונ פינדעט זיך פעהלר פרייא · דאס ער תשובה געבן קאן · מיין פרייעס געוויסן זייא ניכט אונמוטהיג · זייא ניכט בזארגט · דוא קאנסט זעהר רוהיג זיין · דא דר איינציגר בורא דער אלע הערצר פריבט · מיין עדות איזט דאס ניכט נור יעדן אבענד איך מיך ברעכנן טוהע אב איך (מיט דיא אלע דיא מיר אונטער געבן זינד) דען טאג פרלעבט האבע פינקטליך אונ גענוי נאך דיא פארשריפט פון דיא היילינגע תורה · ערליכע שמונה עשרות · פייערינגעם קריאת שמע · דעבענדיגע ברכות המזון בענטשן · אונ ברכות · ערינסטס תורה לערנן · אונ תהלים זאגן · אונ לוסטיגע מצות מקיים זיין · אונ מקיים צו זיין לקדש עצמו במותר לך (אהנע מינדעסטע אנדערע אינטערעסע ·

# הקדמה

נור דען ווילן פון השי"ת צו טוהן) ערליכן האנדעל. רעכטשאפענע מדות זיטען. פרטעהג וויא דיא תורה פרלאנגט אין היניזיכט (גאוה. כבוד. רחמנות. בושה. חנופה. שקר. לשון הרע. אונ דרגלייכן) . זאנדרן זעלבסט דאמאלס ווערענד דאס איך דען גאנצן טאג מיט פילערלייא גשעפטן מיט דיא וועלט פרוויקעלט אונ פרמישט בין. דאס איך קויף אונ פרקויף. איך עסע אונ טרינקע. אונ טוהע מיך מיט איהנן פידע מאהל אונטערהאלטן דאס זיא גלויבן דאס איך מיט איהנן אין גזעלשאפט בין. דאס איך באמת אלע מיינע אומגעבנדע גארען טוהע. ווייל אויך דאמאלס מיין הערץ פרקניפט צו דיא ליב פון השי"ת איזט. אונ בטראכטע נור מיין גאנצעס עולם הזה נור פיר איין (פרוזדור) פארהויז דאס איך מיר דאדורך חיי עולם הבא ערוורבן קענן זאל.

נון וויא האבן זאלכע גיטע מעשים אונ זאלכע גיטע פיהרונג דען כח אונ קראפט ביא אידען איינגעטימער דיא שמחה אין זיין הערץ צו ערוועקן אונ דאס פייער פון דיא ליב צו השי"ת ניכט נור צו צינדן דאס עס ברענן זאל. זאנדערן אויך אין גראסן פלאם איבר געהן. אזו ווייט דאס ווען ער אין איין חדר אליין איזט פאנגט ער אן צו זינגן מיט גראסע פרייד. אונ הויכע שטימע. מיט טאנצן. אונ שפרינגן. דען גאנצן נוסח פון (ברוך אלקינו שבראנו לכבודו) דאס ער דיא זכיה האט זיינע יאהר אויף איינע זאלכע ארט צו פרלעבן. דאס ער איין אמתדיגר ערליכר יוד איזט איינע זאלכע צו פרידענהייט. איין זאלכעס רייכטום איין זאלכעס גליקליכעס לעבן. איין זאלכס זיסעס אונגעהייערעס פרגעניגן. קאן מאן ניכט דען לעזער אויפקלערן וויא אויך ניכט צו פאפיער שטעלן - נור דאס ער דאך עטוואס איין בגריף דאפון האבן זאל. איזט געניג מיט דען דאס דר תענוג אונ דיא שמחה האט דען כח דען מענשן אזו ווייט צו ערפרייען. אונ צו בגייסטערן. דאס ווען אויך דאס ער נאך אזו גמיין אונ ארים פון עניני עולם הזה איזט. אונ נאך דאצו פון אנדערזייטס פיל קומער אונ יגון ואנחה האט (אזו וויא דאס גראסע פייער לעשט דאס קליינע) דאס ער דאמאלס ניכט נור אן זיין עלענדן שטאנד פרגעסט. זאנדרן נאך מיט גראס שמחה אונ נחת אונ תענוג פאר השי"ת אויף זיין מדריגה. שירים אונ שבחים אונ שבח והודיה גיבט. דיזעס איזט זיין גליק אונ רייכטום אויף דיזע וועלט.___

אונ דאס גליק פון איין זאלכן מענשן אויף יענר וועלט. איזט דיא אויפקלערונג אוננעהטיג. דען פיר וועם איזט דיא צוזיכערונג מה רב טובך אשר צפנת ליראיך וויא אונענדליך גראס איזט דער שכר וואס השי"ת בלאהנט איין יעדען מענשן דער השי"ת פירכטיג איזט --

**קאלאמיא** יום ד בהר י"ד אייר שנת תרל"ב לפ"ק:

## דברי המחבר

# מפתחות

## כלל א אורח חיים פֿן תפלם ובו ז שו"ת


| שאלה | | דף | עמוד |
|---|---|---|---|
| שאלה א | אויף וועלכע ארט דיא ליעב פאן עלטערן אויף איהרע קינדער זיין זאללען · | א | א |
| שאלה ב | אוף וועלכע ארט זאל דער פאטער זיין קינד צום געשעפט מחנך זיין (איינוויהען) דאס ער דאדורך זיינע גאנצע לעבענסצייט דיא פארשריפט פון דיא תורה טרייא בלייבן זאל · | א | ב |
| שאלה ג | וועלכע זאכן קענן דען מענשן בייא טראגן דאס ווען אוך דיא פאהרשריפט פון דיא תורה גרוס איזט · דאס מאן זיא דאך אימר טרייא נאך פאלגן זאל · | | ב |
| שאלה ד | ווי ווייט ביי איינן אמתדיגען ערליכן יידען דיא ליב צו תורה אונ מצות מקיים צו זיין קאמען קאן · אונ וויא נידריג אונ ניכט געאכט דאדורך בייא איהם אלע קנייני עולם הזה זינד · | ד | א |
| שאלה ה | דאס איין מענש צו פרידען זיין זאל מיט דעם וועניגען וואס איהם השי"ת צו טיילט · וויא דיא משנה זאגט איזה עשיר השמח בחלקו · אב דיזעס אין הינזיכט מעשים טובים אונ יראת שמים אויך איין מדה טובה איזט אדער ניכט · | ד | ב |
| שאלה ו | **אב איינע שולדיגקייט איזט זיך מיט ספרי מוסר צו בעשעפטיגן אונ אב עס איז אין כלל פון דיא מצוה פון תורה לערנן ·** | טז | א |
| שאלה ז | אב איינע זאכע פערדאנדען איזט וואס עס קאן פעראורזאכן דאס דער מענש דורך איהר קיינמאהל צו איין עבירה קאמען זאל · אונ ווען ער אויך קאמט · וועניגסטענס ווירד זיא בייא איהם ניכט איבר נאכט זיין : | | |


## כלל ב ותשחק ליום אחרון ובו ה שו"ת


| שאלה | | דף | עמוד |
|---|---|---|---|
| שאלה ח | איך ווינשע איין אויף קלעהרונג אויף צוויי פסוקים וואס זיך סותר זינד · אין משלי שלמה ווירד דער יום המיתה שטערב טאג געשילדערט פיר איין פרייליכן אונ לוסטיגן טאג מיט דען ווארט ותשחק ליום אחרון · אונ אין (עמוס סימן ח) ואחריתה כיום מר ווירד ער אלס איין פינסטערן ביטערן טאג בטראכטעט · | טז | ב |
| שאלה ט | וואס איזט איין מענש שולדיג צו טוהן דאס ער ניכט פרגעסן זאל | | |

# מפתחות


דף עמוד

זאל אן דיא התראה וואהרנונג וואס דיא משנה זאגט ולאן אתה הולך וואו הין דוא געהסט · אוף איין זאלכן ארט וואו ערד אונ פרשידענע ווירמער זינד · יח ב

שאלה י איזט איינע זאכע פערהאנדן דיא דען מענשן בייא הילפיג זיין קאן דאס ער נימאלס זינדיגן זאל אונ ווען אוך דם ער זינדיגט זיך איילענד בשטרעבן ווירד זאלכס אום צו בעסערן · יט ב

שאלה יא ווייל עולם הזה זעהר גלענצענד אונ זיס אונ רייצענד איזט · אונ דאדורך זיא פיר דען מענשן זעהר געפערליך זיין קאן פון איהר הינגעריסן צו ווערדן · ערזוכע איך דיך מיר איינע אויף קלעהרונג צו געבן וויא איך דאדורך געשיצט זיין קענע דען וועג פון דיא תורה טרייא צו בלייבן · כ ב

שאלה יב אב איין יעדר מענש דען איהם השי"ת רייכטוהם אונ פערמעגן צו געטיילט האט · פערדינט דען נאמן עושר דאס ער בעגליקט איזט אדר ניכט · כב ב


# כלל ג אמונה ובטחון ובו ז שו"ת


שאלה יג וויא וייט געהט דער ווערט פון מצות שבת ווען מאן זיא גענויא אונ טרייא האלטן טוהט · כג ב

שאלה יד אב שלאפן אונ שפאצירן געהן אין כלל פון מצות עונג שבת איזט אדר ניכט · כד ב

שאלה טו אב מיר האבן איינע מצוה וואס איהר סגולה איזט צו געבן אונזערע קינדר אריכות ימים ושנים · כה א

שאלה טז אב שבת איין ווירקליכר רוהע טאג איזט · דאס מאן דאמאלס דאס גרינגסטע ניכט פערדינן קאן אדר ניכט · כה ב

שאלה יז ווייל פרנסה צו זוכען זעהר שווער איזט, אב איהם דעסטוועגן ערלויבט איזט מיט דברים איסורים צו האנדלן, נעמליך (חזירים פעגל אונ פיש וואס טמא זינד) אדר ניכט · כו א

שאלה יח ווייל דער פסוק זאגט שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו דער וואס זיך פון צרות בעהיטן וויל זאל זיך אכט געבן מיט זיין מויל אונ צונג ניכט צו זינדיגן · ווינטשע איך אויף דען איינע אויף קלעהרונג · כז א

שאלה יט ערקלערע מיר וויא טייער אונ וויא חשוב דיא מדה פון שלום אונ אחדות איזט : נכח א


# כלל ד וצרפתם כצרוף הכסף ובו ו שו"ת


שאלה כ דיא טיילונג צווישן יידישע קינדער אין מאנכע מדינות איזט

# מפתחות


דף עמוד

איזט זאלכעס פיר דיא ערליכע פארטייא צוועק מעסיג אונ ניצליך אדר ניכט · כט א

שאלה כא ווייל שלום אונ אחדות איינינקייט בייא השי"ת זעהר טייער איזט אב דאך דיא טיילונג איין עצה טובה איזט · ווייל דאמאל מעהרערע צווייסטיגקייטן אונ געטיילטע הערצר אונ שנאת חנם ענשטעהן קענע · ל ב

שאלה כב ווייל וועהרענד דען אריכות הגלות האבן וויר שאן פערשידענע צייטן ערלעבט · עס וואהרן מאנכע צייטן וואס מיר פון דיא אומות העולם זעהר פילע צרות אונ דרוק אונ פעראכטונג געליטן האבן · עס וואהרן אבער אויך צייטען ווא מאן אונז ניכט נור פרייהייטן געגעבן האט · זאנדערן אויך עמאנציפירט גלייכגעשטעלט · איזט מיין שאלה וועלכע צייט איזט מעהר ווינטשענס ווערט · יענע · אדר דיזע · לב א

שאלה כג איינער דער וואס וועגן כבוד שמים אייפערן וויל · אב ער שולדיג איזט דאמאלס דיא גאנצע צוקונפט פאהר אוס צו זעהן · אדער ניכט · לג א

שאלה כד ערקלערע מיר דען זין פון דען פסוק כי דור תהפוכות המה זיא זינד איין פערקעהרט דור · לג ב

שאלה כה וועלכע מענשן פערדינען באמת דאס זיא גערופן ווערדן זאלן פארטשריטס פארטייא · לד ב


## כלל ה להצילך מאשה זרה ובו ד שו"ת


שאלה כו איך ווינטשע דייטליך צו זעהן ווא דיא תורה פערביטן טוהט מיט פרעמדע קענטניסע זיך צו בעשעפטיגן · לז א

שאלה כז דא דען יצר הרע זיין געשעפט איזט נור דען מענשן פון דען לעבענס וועג צו פערפיהרן · גיב מיר איינע אויף קלערונג ווארום ער זיך מעהר בעשטרעבט אונ בעמיהט יידישע קינדר צו איבר רעדן תורה לערנן צו פערלאסן אונ זיך מיט פרעמדע קענטניסע צו בעשעפטיגן · ער האט יא איינן פרייען וועג דען מענשן צו פערפיהרן אלע עבירות צו טון ווען אויך דם ער נור תורה אליין לעהרנט · לה א

שאלה כח ערקלעהרע מיר אויף וועלכע ארט דער יצר הרע עהרליכע יירן פערפיהרן קאן · מ ב

שאלה כט ערקלעהרע מיר אויס וועלכע אורזאך אונ אויס וועלכן גרונד פרעמדע קענטניסע לעהרנן פון


זייטע

# מפתחות


דף עמוד

## ווימע די תורה אזו שטרענג פערבאטן איזט · מד ב

## כלל ו חזק ואמץ ובו ח שו"ת

שאלה ל די טרייע יידישע קינדר צו איהר אמונה אונ דת · אויף וועלכע ארט קענן זיא זיך מוטה איינפלעסן אין די היטיגע עלענדע צייט זיך איהר הערץ צו שטערקן · מז ב

שאלה לא דורך וואס איין מענש זיך קנאה אייפער אונ זריזות טעטיגקייט פערשאפן קאן די יידישקייט דאדורך בעסר צו בעפאלגן · מח ב

שאלה לב אב איין מיטעל פערהאנדן איזט דאס איין מענש דאדורך גזיכערט זיין קאן דאס ער זיינע גאנצע לעבענסצייט נור אין דען וועג פון די הייליגע תורה געהן ווירד אונ גימאהלס זיא אוס צו טרעטן · מט ב

שאלה לג דא די מדה פון גאוה ביא השי"ת פערהאסט איזט · אב קיין וועג פערהאנדן איזט ווא מאן זיא זיך צו יראת שמים בעדינען קאן · נא ב

שאלה לד וויא איזט מעגליך ווען איין מענש פון אונגליקע פערפאלגט ווירד אינ אויף דען קראנקקענבעט פון גראסע יסורים געפייניגט איזט · דאס ער זיך דאך שטערקן קענן זאל אונ השי"ת אויף דען אלען צו דאנקן : נב ב

שאלה לה דא די בחירה פרייא איזט דאס איין יעדר זיך וועהלן קאן דען גוטען וועג · אדר דען שלעכטן · נון וויא קאן די תורה פערזיכערן לא תשכח מפי זרעו דאס די יידישקייט נימאלס אויף הערן ווירד · נג ב

שאלה לו וועלכע קיום המצוה אונ דינסט צו השי"ת איזט ביא איהם ער אונ אנגענעהם מעהר אלס די אנדערע · נד ב

שאלה לז אין דען היטיגן דור וויא ליידער די נבואה אונ רוח הקודש פון ישראל אויף געהערט האט · איזט נאך עטוואס פערהאנדן דאס דאדורך יידישע קינדר פון אנדרע פעלקר אוס געצייכענט זינד · דאס די אהבת השם אויף איהנען נאך פערקניפט איזט · אדער ניכט · נה ב

## כלל ז גן נעול ובו ח שו"ת

שאלה לח וויא זאל די אויף זיכט פון דען מנהיג ביא איינע חתונה אויס זעהן דאס יידישע קינדר ניכט איהר מייערן נאמען עם קדוש פערלירן · נו ב


וועלכם

# מפתחות


לף עמוד

שאלה לט וועלכם איזט דיא אסעקוראציאן וויא מאן דאדורך דיא דרייא טעגיגע חשך אונגעהינדערט דורך רייזען קאן · נז ב

שאלה מ דער יעניגע דער וואס פון דען נאמען עם קדוש (ווס מיר יודן דאמיט פון השי״ת געווירדיגט זינד) ניכט אום געשלאסן ··· וויל וועלכע אוף זיכט ער אוף זיך האבן מוס. נח ב

## פתיחה (פארערע) לשמירת דת משה ויאהדות

נט ב

שאלה מא וואס אלעס אין דען ווארט צניעות אונ בושה פרשטאנן איזט · סא א

שאלה מב וויא דען מענשנם פיהרונג זיין זאל אום דאדורך איינגעצייממט פון עריות זיין צו קענן · סב א

שאלה מג דורך וואס עלטערן אידרע קינדר איין געזונדעס לאנגעס לעבן געבן קענן · – –

שאלה מד דורך וואס איין מענש זוכה קאן זיין ערליכע קינדער צו האבן · סג ב

שאלה מה וויא דיא פיהרונג אין היגזיכט איינינקייט אונ צווישען דען מאן אונ ווייב אום זעהן זאל · סד א

## כלל ח שלום רב לאוהבי תורתך ובו ז שו״ת

שאלה מו זאג מיר וויא וייט געהט דער ווערט אונ דאס חשיבות פון דיא מצוה אן תלמידי חכמים זיך צו בהעפטן אונ זיא צו אונטערשטיצן · וויא אוך דען טעם דאפאן · סה א

שאלה מז זאג מיר איין אוף קלערונג אוף דען דין (יו״ד סימן רמ״ו סעיף ז׳) דאס דער עושר קאן זיך נור דורך זיין געלד שאפען דען זכות פון תורה לערנן ווען ער דאמיט תלמידי חכמים אונטערשטיצט ווען ער דען נאמען שותף האט · אבער ניכט מיט דען נאמן קונה · סז ב

שאה מח ווען איינר רייך איזט · אב איין מיטעל פערהאנדן איזט ווא ער זיך פערזיכערן אונ אסעקורירן קאן דאס ער זיינע גאנצע לעבנסצייט דאך איין ערליכער יוד זיין זאל · סח ב

שאלה מט ווען יידישע קינדר זיך פרגעסן האבן דען וועג פון דיא תורה געטוי צו בעפאלגן · ווענן דאס זיא זיך ערוועקן זאלן · אב קיין אנדרער וועג פערהאנדן איזט נור דורך יסורים אונ צרות אדר ניכט · עא א

שאלה נ זאג מיר וויא נאטווענדיג אונ ניצליך פיר דען דור איזט דאס זיא אמתדיגע פיהרער האבן זאלן · עב ב


ווען

# מפתחות


דף עמוד

שאלה נא ווען איינר זיין אוג ריכטעט אויף דען דור אין היינזיכט תורה לערנן אום וויא פיל עס איזט פערוועניגערט ווארדן · אין מאנכע מדינות זייט איניגע יאהר · אונ דאס וועניגע לעהרנן וואס נאך געבליבן איזט · איזט נור דיא אבזיכט צו ערלאנגן כבוד · גדולה · ועושר · אונ דער גלייכן. וואונדערט עס איהם וויא קאן מאן זיך אזו אויף איינמאל פרגעסן · דאריבער מעכטע איך גערן אויף דען איינע אויף קלעהרונג הערען — עד א

שאלה נב וויא ווייט דיא מצוה פון דן לכף זכות (דאס מאן איין יעדן מענשן רעכט פערטיגן זאל) געהט · עה א

# כלל ט שובו אלי ואשובה אליכם ובו ט שו״ת

שאלה נג דא אין דיא פריהרינגע צייטן דער טאג יום כפור דער גרעסטער יום טוב וואר · אב דיזעס נאך הייטע איזט · אדר ניכט · עו א

שאלה נד וייל דער פסוק זאגט אשרי איש שלא ישכחך וואהל דען מענשן דער דיך ניכט פרגעסט · דארום גיב מיר איין דייטליכע אויף קלערונג פון פערשידענע מענשן איהר פיהרונג אויף דיזע וועלט · דאמיט איך מיר זאל קענן וועהלן דען גוטן וועג פון דען ניכט גוטן ז עה א

שאלה נה אב פרנסה פערלאנגן מיט תשובה איינע פערבינדונג האט · אדר ניכט · עט ב

שאלה נו טוהע מיך איין ווענג אונטעררריכטן וויא דר עונש פון דיא עוברי עבירה ביים יום הדין אוס זעהט · פ ב

שעלה נז ווייל אין דען ווארט ערנסטע אמונה איזט פרשטאנן דאס אלעס וואס זיך ערייגענט אויף דיזע וועלט אהנע אום נאמע · רייכטום. ארמוטה · קראנק · גזונד · אלערליא שאדן אונ געלד פערלוסט אונ דער גלייכן · אלעס איזט נור פון דיא גזירה פון דען שופט פון דיא גאנצע וועלט · נון ווייל השי״ת קיין אומזאנסטיגע זאך טוט · ערקלערע מיר דען טעם פון דיא מצוה פון משיב אבידה (דאס מאן שולדיג איזט זיך צו בשטרעבן דאס פרלארענע פערמעגן פון זיין חבר איהם צוריק צו געבן אונ איין צו הענדיגן) דען פערדינט דער יעניגר דאס ער קיין געלד שאדן האבן זאל · אונ דאריבער האט דיא תורה געהייסן דאס מאן דיא אבידה איהם צוריק געבן מוס · איזט אבר דיא פראג ווארום האט השי״ת פעראורזאכט דאס ער דיא אבידה פערלירן זאל · איזט ער אבר באמת איין חוטא אונ פערדינט דאס ער איין געלד שאדן האבן זאל · אונ דארום האט ער עס באמת פערלארן · איזט ווידר דיא פראג ווארום הייסט דיא תורה דס מאן עס איהם צוריק געבן מוס · פא ב


שאלה נח

# מפתחות


דף עמוד

שאלה נח אב די מצוה פון תוכחה אימער אין איינן נוסח קאנצעפט גזאגט ווירד · אדר ווירד זיא פערענדערט פערטעג דען ארט אונ דיא צייט __ סב ב

שאלה נט דיא מצוה פון תוכחה אוף וועם דיא שולדיגקייט איזט · אונ וויא אזו מאן זיא מקיים זיין זאל · סג ב

שאלה ס וועלכעס איזט דער וועג אין היניזיכט יראת שמים אונ מצות וועלכעס איין מענש איזט שולדיג צו נעמן דאס ער דויער האפט זיין זאל · פד ב

שאלה סא גיב מיר איינע אוף קלעהרונג אוף דיא משנה המלאכה מרובה והפועלים עצלים דיא ארבייט איזט גראס אונ דיא ארבייטר זינד פויל · פה א

# כלל י תכון תפלתי קטורת לפניך ובו ח שו״ת

שאלה סב דאס מאן זוכה זיין זאל איין אמתדיגער ערליכר יוד צו זיין ווערענד זיינע גאנצע לעבענס צייט · אב דיזעס לייכט איזט · אדר ניכט · פו א

שאלה סג אב זאלכע תפלה פון איין אונוויסענדן דאס ער נימאל דען זין פון דיא ווערטר וייס · אוך ביא השי״ת איין ווערט האט · פז א

שאלה סד איינע זאלכע תפלה וואס מאן האט מיט מחשבות זרות גדאווינט אונ האט זיך ניכט אכט גגעבן דאס מאן דען זין פון דיא ווערטר פערשטעהן זאל · אונ דאדורך איזט זיא צוריק געוויזן אונ ניכט אנגענאמן ווארדן · אב זיא אוף אימער פערווארפן בלייבט אדער ניכט · פח ב

שאלה סה מאנכע חזנים אום איהרע נגונים צו פערשענערן אונ דאס איהר גזאנג בעסר פאסענד אונ קלינגענד זיין זאל · בעניצן זיא זיך דאצו פילע ווערטר פון תורה אונ תפלה צו פרדאפלן אב זאלכעס קיין אונרעכט איזט · פט א

שאלה סו דא אין מאנכע מדינות דיא כופרים אונ אפיקורסים זאלכע תפלות שרייבן וואס אוף דיא גאולה אונ משיח הינווייזט · מיט דען ווארט דאס זאלכעס איין מרידה געגן דען מלך איזט. פערלאנגע איך איינע אוף קלערונג זאלכס ווירד לעגן צו קענן. צ א

שאלה סז אב ער שולדיג איזט אוף בנין ירושלים צו בעטן ווען אוך דאס ער תורה לערנן קאן · צ ב

שאלה סח אב מאן אין דיא הייטיגע צייט פון השי״ת מעהר מיט כח דיא גאולה פארדערן קאן · צא א

שאלה סט וועלכעס איזט דער וועג דאס מאן השי״ת צו דען דין תורה רופן קאן דאס ער שולדיג איזט ניכט נור באלד זאנדערן שאן דען גואל צדק צו שיקן · צב א

# הערה

שאנו מחויבים לדרוש בשלום המלך והמדינה, ז"ל קרי בי רב הוא, ירא את ה' בני ומלך. ועם שונים אל תתערב — אני פי מלך שמור, דרשו את שלום העיר — והיא אחת מהשבועות שהשביע הקב"ה את ישראל (כתובות דף קי"א ע"א).

# מודעה רבא

זאת אשר כבר נודע ומפורסם כי בכל מקום אשר נמצא בספרים שם עכו"ם גוים, או כותים, הכונה על האומות אשר היו לפנים, את ה' לא ידעו ' עבדו לכוכבים ומזלות, הכחישו בבריאת עולם, לא הודו בהמופתים והנבואה את פועל ה' לא ראו ואת מעשי ידיו לא הביטו, אמנם לא כן האומות אשר בצילם אנו חוסים, מחוייבים אנחנו להתפלל בשלום המלך והשרים ומיילותיו, ובשלום המדינה ויושביה, כי המה מטיבים עמנו, ונותנים לנו מחיה שם ושארית בארץ — הטיבה ה' לטובים ומטיבים אכי"ר.

## כלל א אורח חיים פן תפלס ובו ז' שו"ת.

## שאלה א.

אויף וֶועלְכֶע אַרְט דִיא לִיעֶב פָאן עֶלְטֶערִין
אויף אִיהֲרֶע קִינְדֶער זֵיין זָאלְלֶען.

## תשובה

וֵוייל עֶס זִינְד פִילֶע דִיא אִיהֲרֶע קִינְדֶר זֶעהְר לִיבּ הָאבֶּען אַזוֹ וֵוייט דַס וֶועגִין דִיא אַנְבֶּעגְרֶענְצְטֶע לִיעבּ טָאהְן זִיא זִיךְ בֶּעמִיהֶען אוּנְד פְּלַאנֶען אַלֶערְלֵייא גֶעשֶׁעפְטֶען צוּ אוּנְטֶערְנֶעהְמֶען. דַאמִיט זִיא דַאדוּרְךְ אִיהֲרֶע קִינְדֶער קָאסְט אוּנְד קְלֵיידוּנְג גֶעבֶּען קָאנְנֶען זָאלְלֶען רֵייכְלִיךְ אוּנְד אוֹיךְ דִיא פֵיינְסְטֶע אַרְט. זוּמְמֶער. אוּנְד ווִינְטֶער גֶעוַואנְט. אוּנְד הָאבֶּען אוֹיךְ אִיהְנֶען אֵיינֶע גֶעוְוֹיעֶ אוֹיךְ זִיכְט דַאס זִיא נִיכְט זָאלְכֶע שְׁפֵּייזֶען גֶענִיסֶען זָאלְלֶען וָואס אִיהֲרֶע גֶעזוּנְדְהֵייט שֶׁעדְלִיךְ זֵיין קָאן (וֶוען אוֹיךְ דַאס זָאלְכֶע זַאכֶען נִיכְט נוּר נִיכְט ווִיכְטִיג זָאנְדֶערְן גַאנְץ אוּנְבֶּעדֵייטֶענְד זִינְד. דֶען וָואס טוּהְן דִיא אֶרִימֶע קִינְדֶר וָואס נוּר אֵיין מַלְבּוּשׁ הָאבֶּען. אוּנְד דִיזֶעם אוֹיךְ צֶערִיסְסֶען אִיזְט. אוּנְד אִיהְר קָאסְט אִיז זֶעהְר גֶעמֵיין. אוּנְד דֶענְנָאךְ דֶער נוֹתֵן לַיָעֵף כֹּחַ גִיבְּט אִיהְנֶן גֶעזוּנְדְהֵייט) אוּנְד פָאן דִיא זַאכֶן וָואס זֶעהְר ווִיכְטִיג זִינְד דַאס נִיכְט נוּר אִיהְר גֶעזוּנְד זָאנְדֶערְן דָם לֶעבֶּן פָאן אִיהֲרֶע קִינְדֶער פָאן אִיהְנֶען אַבְּהֶענְגִיג אִיזְט. דֶענְנָאךְ בֶּעזָארְגֶען זִיא זִיךְ נָאר נִיכְט דַארִיבֶּער אוֹיף זָאלְכֶעס אַכְט צוּ גֶעבֶּן. נֶעמְלִיךְ אָבּ זִיא אוֹיף אֵיין יֶעדֶע טְהִיר אֵיין כְּשֵׁרָה מְזוּזָה הָאבֶּען. אוּנְד אָבּ זִיא אַכְט גֶעבֶּן דַאס זִיא קֵיינְמַאהָל קֵיין דָבָר טוֹב צוּ טִיהְן אוֹף זִיךְ נֶעהְמֶן וֶוען זִיא נִיכְט דַאבֵּייא זָאגֶען בְּלִי נֶדֶר. אוּנְד אָבּ אִיהֲרֶע צִיצִית אוֹף דֶען טַלִית לְשֵׁם מִצְוַת צִיצִית אָהְנְגֶעקְנִיפְּט זִינְד. אוּנְד דַאס זִיא אוֹף אִיהֲרֶן טַלִית קָטָן נִימַאהְלס אֵיינֶע בְּרָכָה מַאכֶען זָאלֶען. אוּנְד אָבּ פָאן דֶען נֶקֶב וָוא דִיא צִיצִית הֶענְגֶען אַזוֹ פִיעֶל בֶּגֶד גֶעבְּלִיבֶּען אִיזְט וָואס אֵיין קֶשֶׁר אַגוּדָל גְרָאס אִיזְט. אָבּ זִיא אַכְט גֶעבֶּען אִין אִיהְרֶן הוֹיז דַאס מַאן דֶען שֵׁם שָׁמַיִם נִיכְט

אוּמְזָאנְסט מֶעלְדֶען זָאל עֶס זַייא אוֹיף וָואס פִּיר אֵיין שְׁפְּרַאךְ אִימְמֶער. אָבּ זִיא מֶעגְלִיךְ אֵיין יֶעדֶער נָאךְ זַיין פֶערְשְׁטַאנְד עֶטְוַואס תּוֹרָה לֶערְנֶען. עַיין (עת לעשות ח״א דף פ״ד ע״א) אָבּ זִיא דִיא קִינְדֶער עֶרְצִיהֶען אוֹיף דֶען וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה. אָבּ זַייא נִזְהָר זִינְד אַן פְּרִישָׁה סָמוּךְ לְוֶסְתָּהּ אוּנ דַאס זִיא אַכְט גֶעבֶּען זָאלֶען דַאס אִין דֶען חֵדֶר וִויא אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ וָואהְנֶען יֶעדֶע נַאכְט אַלְלֶע דְבָרִים קְדוֹשִׁים דָאפֶּעלְט צוּ בֶּעדֶעקֶען. וִויא אוֹיךְ דַאס זִיא אֵיינֶע גֶענוֹיֶע אוֹיף זִיכְט אוֹיף אִיהְרֶע נָשִׁים הָאבֶּען זָאלְלֶען דַס זִיא (דַת משֶׁה וְיַאֲהֻדוּת) גֶעהֶערִיג צוּ הַאלְטֶען (דֶען וֶוען אִיהְרֶע הָאר פְרֵייא גֶזֶעהֶן וֶוערְדֶען. קָאן דָאס גוֹרֵם זַיין פִּיר אִיהְרֶע קִינְדֶער פִיעלֶע צָרוֹת ר״ל. אוּנ וֶוען זִיא נִיכְט אוֹיף דִיא דִינִים פוּן נִדָּה גֶעהֶערִיג אַכְט גִיבְּט קָאן זָאלְכֶעס פֶערְאוּרְזַאכֶען דָאס לֶעבֶּען פָאן דִיא קִינְדֶער צוּ פֶערְשְׁנֵיידֶען ח״ו) פִיעלְמֶעהְר אָבּ זִיא הַשְׁגָחָה הָאבֶּען אוֹיף שְׁמִירוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. עַיין (עת לעשות חלק א׳ דף מ׳ מ״א מ״ב). נוּן דַא דִיא אַלֶע וֶוען מַאן זִיא גִיכְט נָאךְ דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה נָאךְ פָאלְגְט זִינְד זִיא גוֹרֵם מִיתוֹת בָּנִים ר״ל. דַארִיבֶּער וֶוען אִיהְר טְרֵייֶע עֶלְטֶערֶן צוּ אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זַיין ווילְט זָאלְט אִיהְר זֶעהֶן אַלְלֶעס מֶעגְלִיכֶע צוּ טוּהְן אוֹיף דֶען אַלְלֶען גֶענוֹי אַכְט צוּ גֶעבֶּען אוּן וֶוען אִיהְר הָאט גֶעפֶעהְלט זָאלְט אִיהְר עֶס אֵיילֶענְד אוּיס בֶּעסְסֶערֶן. דַאן ווִירְד אִיהְר אוּנ אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים:

**שאלה ב** אוֹיף וֶועלְכֶע אַרְט זָאל דֶער פָאטֶער זַיין קִינְד צוּם גְשֶׁעפְט מְחַנֵּךְ זַיין (אֵיינְגְווֹייהֶען) דַאס עֶר דַאדוּרְךְ זַיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצַייט דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה טְרֵייא בְּלֵייבֶּען זָאל:

**תשובה** עַיין (עת לעשות חלק א׳ דף נ״ו נ״ז) וַוייל אִין הִיעֶנְזִיכְט פַּרְנָסָה צוּ זוּכֶען. זַיינֶע הוֹיז לַייטֶע אִיהְר פֶערְפְלֶעגוּנְג צוּ פֶערְשַׁאפְפֶען זִינְד פֶערְשִׁידֶענֶע ווֶעגֶן מַאנְכֶער מִיט וֶועגִיג מִיהֶע. אוּנד

מאנכער

מאנכער מיט מעהר מיהע אונ פלאג. אונ מאנכער מיט גראס
שטראפאין. אונ פיזור נפש פערבינדען איזט. אונ דער שוועהרסטער
(פערמעהג דיא מענשענס אויגען וואס נור אוים פלייש זינד. דער
אמת איזט אבער ניכט אזוי דען דער וואס איין עהרנסט גלויבען האט
דאס נור השי"ת אליין מאכט ארים אונ רייך. אונ דען מענשענס
פליים אונ זיין בעשטרעבען רייכטוהם צו שאפען איזט אונניצליך. נון
איזט דען דיא מאכט פון השי"ת צו קורץ איהם זיין פרנסה בריות צו
געבען אוף דען עהרליכען וועג) וועג איזט, דאס מען זאל פרנסה
זוכען אונ דאביא געניי אכט צו געבען ניכט אוים דיא פארשריפט
פון דיא תורה דאס גרינגסטע אוים צו טרעטען (נעמליך אכט צו געבן
אויף חילול שבת. עהרליך צו האנדלען אהנע בעטרוג אונ גזל. מיט
קיינע דברים איסורים צו האנדלען. טעגליך געהריג דרייא מאל צו
דאווינען. קובע עתים לתורה צו זיין. אונ געלד מפזר צו זיין וועגן
קינדר צו ערציהן אויף תורה. (עיין לקמן בכלל זה שאלה ו'). דאריבער
מוס זוך דער מענש מאכען געפאסט אום זיך צו שטערקען דאס ער
פעסט אונ שטאנדהאפט זיין זאל דאס איהם ניכט דער יצה"ר פערפירען
זאל דאס ער זיין פרנסה זוכען זאל אויף זאלכע וועג וויא מאן דאביא
פון דיא פאהרשריפט דער תורה פיל אדער וועניג אזם טרעטען מוס.
ווייל ער איהם זאגט דאס דאדורך ווען ער ניכט אזוי שטרענג אונ
עהרנסט אוף דיא פאהרשריפט פון דיא תורה האלטען וויר[ד]. ווירד
ער ניכט אזוי פיל זארג אונ צער טרייאונג האבען מיססען וועגן זיין
פרנסה צו זיכען. נעמליך דאס ער זאל זיך בעשטרעבן צו זיין איין
דאקטאר דער מעדעציען. דער וויססענשאפט. דער
רעכטען אד"ג.

ווייל דאס איינע געוויססע זאכע איזט דאס זאלכע תורה אונ
אונטעררריכט וואס דער פאטר זיין זאהן אין דיא קינדער יאהרין גיבט
דאס זיא בלייבט אין זיין הערץ איינגעווארצעלט אונ איזט דויערהאפט
זיינע גאנצע לעבענסצייט. דאריבער איין זאלכר פאטר וואס יראת
שמים

# כלל א שאלה ב

שָׂמַיִם בֶּעזִיצְט אונ ווינְשְׁט דאס זיין זאהְן זוֹכֶה זיין זאל צו רֶען עוֹשֶׁר הָאֲמִיתִּי צו דֶען אֶמְתִדינְגֶן גְליק אונ רייכְטוּהְם (גֶעמְלִיךְ דאס ער זיינֶע גאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצייט דיא פארְשְׁרִיפְט פון דיא תּוֹרָה גֶענוֹי נאךְ פָאלְגֶן זאל) אִיזְט אויף אִיהְם אייְנֶע גְרָאסֶע שוּלְדִיגְקֵייט זא בַּאלְד דאס דאס קִינְד עֶרְוואכְט אונ צו רייפֶען פֶערְשְׁטאנְד קָאמְט. זאל ער אִיהְם זאגְין נִיכְט נור איינְמָאהְל זאנְדֶערְין אונְצֶעהְלִיגֶע מָאהְל דאמִיט עס אִין זיין הֶערְץ אייְנְגֶעפְּרֶעגְט בְּלֵייבֶּן זאל. פָאלְגֶענְדֶע וֶוערְטֶער. דוא זאלְסְט וויסֶען מיין קִינְד דס דוא דִיךְ וֶועהְרֶענְד דיינֶע גאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצייט גְרֶעסְטֶען טֵהיילְס נור מִיט זאלְכֶע זאכֶען בֶּעשֶׁעפְטִיגֶן זאלְסְט וואס דוא דיר בֵּייא דיינֶע אַבְּרֵייזֶע (שְׁטֶערְבּ טָאג) מִיט גֶעהְמֶען קֶענְנֶען ווירְסְט. גֶעהְמְלִיךְ דאס דוא דִיךְ בֶּעפְלֵייסֶען זאלְסְט דיא פָאהְרְשְׁרִיפְט פון דיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גֶעהְמְלִיךְ דיא (תרי"ג מצות) גֶענוֹי אונ פִּינְקְטְלִיךְ נָאךְ צו פָאלְגֶן. אונְד דאן שְׁטֶעהְט דיר פָאהְר זֶעהְר פִיל צו גֶעוויִנֶן. גֶעהְמְלִיךְ דאס דוא דאדוּרְךְ זוֹכֶה זיין ווירְסְט איין זאלְכֶן שָׂכָר. איין זאלְכֶן תַּעֲנוּג נִצְחִיי אֲשֶׁר עַיִן לֹא רָאָתָה. אונ דאס דיזֶע וועלְט נור איין פְּרוֹזְדוֹר (פָאהְר הויז) אִיזְט. ווא מאן דארְט נור אוּים דיזֶען גְרוּנְד איינֶע צייט לאנְג פֶערְווייֶלְען מוּם דאמִיט דאס מאן זִיךְ פָאהְר זֶעהְן קָאן אונ זאל: זִיךְ צו שְׁמִיקֶען אונ צו צִיעֶרְן דאס מאן אייְנְסְט גֶעהֶרִיג אונ וויא זִיךְ גֶעבִּיהְרְט אוּנְפֶערְזֵיימְט אִינְס טְרַקְלִין שְׁלָאס קָאמֶען קֶענֶן זאל. אונ גֶעהְמֶע דיר דיא רייד גִיט אִין אַכְט דאמִיט דוא תָּמִיד זיא פָאר דיינֶע אויגֶען הָאבֶּן זאלְסְט דאס דו ווִיסֶען זאלְסְט דאס וֶוען דיזֶע וועלְט דיר נָאךְ אַזוֹי שֶׁעהְן. אונ נָאךְ אַזוֹי גִינְסְטִיג. אונ נָאךְ אַזוֹי גְלֶענְצֶענְד זיין ווירְד. דאס דו דִיךְ נִיכְט טֵיישֶׁען אונ נַארֶען זאלְסְט דאס זאלְכֶס פִיר זִיךְ אַלֵיין איין קֶרֶן אִיזְט. זאנְדֶערְן נור בֶּאֱמֶת איין יָרִיד אונ אַלְס יוֹמָא דְשׁוּקָא (מַארְקְט טָאג) צו בֶּעטְרַאכְטֶען אִיזְט. דארוּם זָאלְסְט דוא דיר גֶענוֹי אַכְט גֶעבֶּן דאס דוא קיין אַכְזָר אויף דיר זֶעלְבְּסְט זיין זאלְסְט. גֶעהְמְלִיךְ דאס דוא דיר נִיכְט וֶועהְלֶן זאלְסְט איין זאלְכֶעס גֶעשֶׁעפְט. אָדֶער איינֶע מְלָאכָה. אָדֶר איין לִימוּד

חכמה. אום דאמיט דיר דיין פרנסה צו שאפן וואס דוא מיסט דאדורך פון דיא פארשריפט דיא תורה אויס טרעטן. אין גאנצן. אדער עטוואס. חליכה וחלילה. דאס דיין הערץ זאל אזוי פערשטאקט זיין דאס דיר זאלכם אין דיא געדאנקען קאמן זאל. דאס דוא זאלסט צוריק לאסען אונ פערלירן דען. עיקר וועגן דען טפל. דא דיין גאנצעם לעבן אויף דיזע וועלט איזט נור וועגן דיא מצות פאן דיא תורה. דיר איינען צו מאכן — נון וויא איזט דער פערשטאנד דאס דוא דיר זוכן זאלסט איין זאלכם געשעפט וואס דיך פאן דער קיום התורה אונ מצות הינדערן אדער שוואכן זאל אונ ווען דאס קינד ערוואקסט אונ טוהט זיך ערינערן אן דיא פילע אזהרות וואס איהם זיין פאטר געוואהרנט האט אויף דיזען געגענשטאנד. ווירקט דאס ביי איהם דאס ער זיין גאנצע לעבענסצייט נור אין דען וועג פון דיא תורה געהט אונ ווינטשט נימאלס זיך אויף אזוי איין ארט זיך זיין פרנסה צו זוכען וויא ער דאדורך פון דיא יידישקייט געשטעהרט אדער אם גרינגסטען געהינדערט זיין זאל:

**שאלה ג** וועלכע זאכן קענין דען מענשין ביי טראגין דאס ווען אויך דיא פאהרשריפט פון דיא תורה גרוס איזט. דאס מאן זיא דאך אימר טרייא נאך פאלגין קענין זאל:

**תשובה** דאס זינד דיא צווייא פאלגענדע, ערשטענס: דאס זיא זיך בעשטרעבן דאס זיא זאלען האבען פיר איהרע קינדער ווען זיא נאך קליין זינד זאלכע מלמדים וואס יראת שמים בעזיצען דאס זיא אויך דיא קינדער גראס אופזיכט האבן זאלן אין איהר הערץ איין צו פרעגן יידישקייט. נעהמליך דיא ווארצלען פון דוא אמונה דאס עס עקסעסטירט איינע אויפזיכט אוף אלע מענשענס פיהרונג אונ שריט פון דען אוינ וואס אלעס זעהט. דאס דיא תורה פון השי"ת געגעבן איזט. דאס השי"ת בעלאהנט אונ בעשטראפט. אונ דערגלייכען. וויא אויך זיא צו אונטעררייכטן מיט דיא דינים פון

זאלכע

## כלל א שאלה ג

זאלכע מצות וואס אלטעגליך זינד. וויא אויך מיט מדות טובות (גיטע זיטטען. בושה. ענוה. רחמנות. אונ דערגלייכן. — דאס צווייטע איזט. דאס מען שולדיג איזט אלעס מעגליכע צו טוהן דאס עס זאלען זיין אין איינע יעדע שטאדט „תלמידי חכמים" וואס אמתדיגע יראת שמים בעזיצן וואס זיך בעשטרעבען טוהן יידישע קינדער אמתדיגע טובות צו טוהן. געמליך דאס זיא זאלען זיא ערוועקן (איין יעדען פערמעהג זיין פערשטאנד). זיא זאלען זעהן דאצו צו טוהן דען וואהרען תכלית צו ערלאנגען נאך וואס זיא זינד ערשאפען וואָרדען. דאס איזט זיך אימער צו שטערקן אמתדיגע יראת שמים מעהר אונ מעהר צו ערלאניען אונ איהר נשמה אוים צו פערטיגען אונ צ פערשעהנערן מיט תרי"ג מצות מקיים צו זיין. אונ דאס זיא זאלען זיך יעדן טאג איינע צייט בעשטיממען (ווען זיא נאך אזו קליין איזט) תורה צו לעהרנן איין יעדר נאך זיין השגה. אונ יעדען שבת זאל ער צווישען איינע גראסע פערזאמלונג איהנען פאהר טראגן זאלכע תורה אונ יראה וואס זיא בענעהטיגען. עהרליכען האנדל צו פיהרן. אונ וויא גראס דיא מצוה פון שלום אונ אחדות איזט. קינדער ערציהען אויף יראת שמים וועג דאס זיא זאלן בקי זיין אין דינים פון תפלה. נטילת ידים. וגוף נקי. פילמעהר אין דינים פון נדה אונ פרישה סמוך לוסתה. אונ זאלען איהנן אויך דאביי זאגען זאלכע אויף קלעהרונגען פון דיא תורה וואס דאס הערץ פון דיא צו הערער אויף הייטערן אונ ערקוויקן. דען ווען נור דער אונטערריכט פון דיא יוגענד אליין איזט. דאס האט קיין לאנגען דויער אונ ווירד באלד פערגעסן. וויא אויך ווען ניכט דער יוגענד אונטעררינכט וואס דאדורך איינגעווארצעלט ווירד אין איהר הערץ דיא ליב צו השי"ת אונ צו זיין תורה. זא העטע דער תלמיד חכם מיט זיין אונטעררינכט אונ פאהרטראג וועניג ווירקען קענען. וויל זיא העטען נאר ניכט צו איהם געקאמען זיינע אויפקלערונג ביא צו וואהנען אונ צו צו הערן. דאריבער אלע צוויי צו זאמען דאס זיא שאהן פון איהרע יונגע יאהר

אונטערריכטעט

אוּנְטֶערְרִיכְטֶעט וָוארְדֶן אַהֲבַת הַשֵּׁם צוּ בֶּעזִיצֶען. אוּנ דַּאדוּרְךָ הָאבֶּן זִיא לִיבּ תּוֹרָה אוּנ יִרְאָה צוּ הֶערֶן. דַּארוּם אִיזְט פִיר אִיהְנֶען זֶעהְר גִיצְלִיךְ וֶוען זִיא הָאבֶּן זָאלְכֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס זִיא נֶעהְמֶן זִיךְ צֵייט דְעןְ הֲמוֹן עַם צוּ אוּנְטֶערְוַוייזֶען — נוּן דַא נוּר דִיא צְוֵויי זִינְד בֵּייא אוּנְז יִידֶען דֶער גְרוּנְדְשְׁטֵיין דִיא יִידִישְׁקֵייט צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען. קָאנְסְט דוּא יֶעצְט שְׁלִיעֶסֶען דִיא אַרְמוּטָה פוּן דֶען דוֹר אִין זָאלְכֶע לֶענְדֶער וִויא דִיא צְוֵויי פֶעהְלֶען. פִילְמֶעהְר אִיזְט צוּ בֶּעדוֹיעֶרְן אוּנ גְרָאס מִיטְלֵייד צוּ הָאבֶּען וֶוען גָאר אַזוֹ צֵייט גֶעקָאמֶען אִיזְט דַּאס דָאס דוֹר אַזוֹ גֶעמֵיין אוּנ עֶלֶענְד אִיזְט דַּאס נִיכְט נוּר אַלֵיין דַּאס דֶער גִיטֶער אוּנְטֶערְרִיכְט פֶעהְלְט: זָאנְדֶערְן אַנְשְׁטַאדְט מְלַמְּדִים יִרְאֵי שָׁמַיִם נִימְט מַאן זִיךְ זָאלְכֶע מוֹרִים (לֶעהְרֶער) וָוס כּוֹפְרִים אַפִּיקוֹרְסִים זִינְד *) וָואס זִיא טוּהְן פֶערְאוּרְזַאכֶען אִין דִיא הֶערְצִיר פוּן דִיא קִינְדֶער בַּאלְד אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְר אֵיין צוּ וָוארְצֶלֶען שֶׁעדְלִיכֶע אוֹיפְקְלֶעהְרוּנְגֶען אוּנ גֶעפֶעהְרְלִיכֶע גְרִינְדֶע. אוּנ אַנְשְׁטַאט מַנְהִיגִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים יִרְאֵי הַשֵּׁם. נִימְט מַאן זִיךְ פַאלְשֶׁע פִיהְרֶער (אִין אֵיין יֶעדֶער מְדִינָה אוֹיף אֵיין אַנְדֶערְן פָארִים) נוּן דֶער חָכָם וָואס זָאלְכֶעס זֶעהְט אוּנ פֶערְשְׁטֶעהְט

וואס

*) דַא דֶען יצה״ר זֵיין בֶּעשְׁטְרֶעבֶּן אִיזְט נוּר דֶען מֶענְשִׁין צוּ פֶערְפִיהְרֶען דַּאס עֶר אִין שְׁלֶעכְטֶען וֶועג גֶעהְן זָאל. אִיהְם דַּאדוּרְךָ שְׁטִירְצֶן צוּ קֶענֶן אִין פִינְסְטֶערִין גֵּיהִנָּם. אָבֶּער וֶוען אוֹיךְ דָאס עֶר אִיהְם שָׁאן מִיעֶלֶעס נָאכְגֶעפָאלְגְט הָאט. אִיזְט עֶר נָאךְ נִיכְט דַּאמִיט צוּפְרִידֶען. וִויא אוֹיךְ בֶּעאוּנְרוּהִיגְט וַוייל עֶר וֵוייסְט דַּאס דִיא תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הָאט אֵיין אֵייגֶענְשַׁאפְט וֶוען מַאן זִיא לֶערִינְט אָדֶער צוּהֶערְט פוּן דִיא מַנְהִיגֵי הָאֱמֶת. קָאן זִיא וִוירְקֶען דַּאס מַאן מִתְחָרֵט אִיז אוֹיף אַלֶע פֶערְפְלָאסֶענֶע פֶעהְלֶער אוּנ וֵויינְט צוּ הַשִּׁי״ת מִיט אֵיין חֲרָטָה גְמוּרָה. נוּן קָאן יָא זֵיין דַּאס זֵיינֶע גַאנְצֶע מִיהֶע וָואס עֶר זִיךְ מִיט אִיהְם גֶעפְּלָאגְט הָאט אוּמְזָאנְסְט זֵיין וִוירְד וֶוען עֶר אֵיינְמָאהְל צוּ אֵיינֶע דְּרָשָׁה גֶעהְן וִוירְד. דַּארוּם זִיעט עֶר אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע צוּ טוּהְן אִיהְם אוֹיף אַזוֹ אַוֶועג צוּ פִירֶן דַּאס עֶר תּוֹרָה לֶערְנִין פֶערַאכְטֶעט אוּנ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פַיינְד הָאבֶּען זָאל. דַּאס עֶר זָאל זִיךְ תָּמִיד פוּן אִיהְנֶען עְרְוַוייטֶערִין. וִויא אוֹיךְ זֶעהְט עֶר אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע צוּ טוּהְן דוּרְךָ לָשׁוֹן הָרָע אוּנ שֶׁקֶר. צוּ שְׁטִיפְטֶען מַחֲלוֹקֶת (צְווִיסְטִיגְקֵייטֶן)

צווישען

וָוס זִיךְ פון דֶען שְׁפֶּעטֶר הִין עֶנְטְווִיקְלֶן קָאן. אונ וִויא דָאס יוּנְגֶע דוֹר וֶוען עֶס עֶרְוַואקְסֶן וִוירְד. אוּיס זֶעהְן וִוירְד. בְּרִינְגְט זָאלְכֶס אִיהְם גְרָאסְסֶן צַעַר אונ הֶערְץ קְרֶענְקוּנְג דַאס עֶר וֵויינְט פַאר השי"ת מִיט דֶען וָוארְט. דַא שָׁאהְן דֶער פָּסוּק (אָזְלַת יָד. נִתְמַעֲטוּ הַתַּלְמִידִים וכו') גֶענְצְלִיךְ אֵיינְגֶעטְרָאפֶן אִיזְט: זָא אִיזְט שָׁאהְן צֵייט דַאס דוּא זָאלְסְט מְקַיֵּים זַיין דֵיין צוּ זִיכֶערוּנְג וְעַל עֲבָדָיו יִתְנֶחָם דַאס דוּא זָאלְסְט אוֹיף דֵיינֶע יִידִישֶׁע קִינְדֶער דִיךְ מְרַחֵם זַיין:

**שאלה ד** וִויא וַוייט בֵּייא אֵייגֶען אֶמְתְדִיגֶען עֶרְלִיכֶען יִידֶען דִיא לִיבּ צוּ תּוֹרָה אונ מִצְוֹת מְקַיֵּים צוּ זַיין קָאמֶען קָאן. אונ וִויא נִידְרִיג אונ נִיכְט גֶעאַכְט דַאדוּרְךְ בֵּייא אִיהְם אַלֶע הַנְאוֹת עוֹלָם הַזֶּה זִינְד:

**תשובה** עַיין (עת לעשות ח"א דף ו' ע"א) זָאלְכֶעס קֶענֶען מִיר אָפּ לֶערְנִין פוּן (מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה) דַא מוּר זֶעהְן דַאס עֶר הָאט זִיךְ בֶּעשְׁטְרֶעבְּט תקט"ו תְּפִילוֹת, פִינְף הוּנְדֶערְט אונ פוּנְפְצֶעהְן תְּפִילוֹת מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין דַאס אִיהְם השי"ת דִיא זְכִיָּה גֶעבֶּן זָאל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַרַיין קוּמֶן צוּ קֶענֶן אונ נוּר אוּים דִיזֶן גְרוּנְד אונ אָבְּזִיכְט וַוייל עֶס זִינְד דָארְט פִיעלֶע מִצְוֹת וָואס מַאן נוּר דָארְט זִיא קָאן מְקַיֵּים זַיין. דַארִיבֶּער הָאט עֶר גֶעוִוינְשֶׁן אונ גְרוֹיס לוּסְט גֶהַאט זַיינֶע נְשָׁמָה מִיט זָאלְכֶע מִצְוֹת אוֹיךְ צוּ הֵיילִיגֶן אונ צוּ רֵיינִיגֶען וַוייל נוּר דוּ מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן דֶען מֶענְשִׁין דָאס אֶמְתְדִיגֶע גְלִיק אונ דָאס וַוארֶע רֵייכְטוּם אִיז. וִויא אַבֶּער זַיין יוֹם פְּטִירָה אִיז גֶעקוּמֶן. אונ עֶר וָואהְר אִין זַיינֶע

מיינונג

---

צְוִוישֶׁען דִיא מַנְהִיגִים אונ דֶען פָאלְק דַאמִיט דַאס זִיא בֵּיי אִיהְנֶען פֶערְהַאסְט אונ אִיהְרֶע תּוֹכָחָה רֵייד פֶערַאכְט זַיין זָאלֶען דַאן אִיזְט עֶר גֶעזִיכֶערְט דַאס אִיהְם זַיין גֶעשֶׁעפְט נִיכְט פֶעהְל שְׁלָאגֶען וִוירְד. נוּן וֶועגֶען דַאס דֶער מֶענְשׁ נִיכְט אִין זַיין גֶעץ גֶעפַאנְגֶן וֶוערֶדען זָאל עֶר זִיךְ גוּט אִין אַכְט נֶעמִין אונ עֶס נִימָאלְס צוּא פֶערְגֶעסִין וַואס דִיא הֵיילִיגֶע גְמָרָא זָאגִין טוּהט. וֶוער זִיךְ עֶרְוַוייטֶערְט פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען. עֶרְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן זַיין לֶעבֶּן. אונ דֶער וָואס מַחֲלוֹקֶת מִיט דֶען תַּלְמִיד חָכָם וָואס זַיין רַבּ אִיזְט מַאכְט. אִיז זָא פִיעל אַלְס הֶעטֶע עֶר מַחֲלוֹקֶת מִיט דִיא שְׁכִינָה.

מיינונג דאס זייגע קינדר ווערדן זיין גדולה איבר געמן. דא אבר השי"ת האט צו איהם געזאגט דאס ער זייגע רעגירונג אונ קייזערטום יזשיע איבר געבן זאל. ניכט זייגע קינדר. פינדן מיר ניכט אין דיא תורה דאס ער דיא גרינגסטע תפלה וועגען דען צו השי"ת געבעטן האט. ווייל דר חכם דר דען אמת פרשטייט. בייא איהם איז דאס רייכטום אונ הצלחה אונ דיא גדולה פון דיזע וועלט נור אלס איין הבל בטראכטעט אונ שטעהט בייא איהם ניכט אין זאלכן ווערט דאס ער וועגען דעם בעזארגט זיין זאל אונ זיך בעמיהען אונ בשטרעבן דאס זאלכעס זייגע קינדר פון איהם ערבן זאלן. ליידער אבר פילע מענשן וואס איהר שכל פרגראבט איז אונ איהר הערץ פרשטאקט דאס זיא זיך איין אנדרן וועג וועהלין צו געהען. דען וועגן זיך איין גרוסעס רייכטום צו זאמלן. הייזער שלעסר צו בויען. איינענטום פון פעלדר אונ וויינגערטן זיך צו פערשאפן. דאמיט דאס זאלכעס ביי איהר אבלעבן איהרע קינדר פון איהנן ערבן זאלן. וועגן דען פלאנן זיא זיך אונ זיין בעזארגט דאפיר וועהרענד איהרע גאנצע לעבענסיאהר אונ פרשווענדן דאריבר איהרע טייערע צייט (וואס זיא העטען זיך קענן דאמאלס מעהר תורה אונ מעשים טובים איינען מאכען) נור וועגן דען. אבער וועגן איהר איינענעס פעלד וואס נור באמת איהנען אליין נהער (נעמליך דאס זיא זאלן עובד אדמתו זיין דאס זיא זאלן זיך בשטרעבן איהרע רמ"ח אברים אונ שס"ה גידים מיט דען מקיים זיין תרי"ג מצות צו היילינען. אונ צו רייניגען אונ טעםטעלירען) בעקימערין זיא זיך זעהר ווייניג אונ זינד טרעהג אונ פויל עס גהריג צו בארבייטן. אויף דעם שלמה המלך האט גזאגט. על שדה איש עצל עברתי וכו' איך האבע בטראכט דאס פעלד ווא דער איינענטימער פויל אונ טרעהג איז. דאס עס גאנץ מיט דערנער אין דיסטלען בעוואקסן איז. עיין (חובת הלבבות סוף פ"ג משייר הבחינה משל שני אחים):

**שאלה ה** דאס איין מענש צו פרידען זיין זאל מיט דעם וועניגען וואס איהם השי"ת צו טיילט. וויא דיא משנה זאגט איזה עשיר

## כלל א שאלה ה

**תשמח בחלקו. אב דיזעס אין הינזיכט מעשים טובים אונ יראת שמים אויך איין מדה טובה איזט אדער ניכט:**

**תשובה** ניכט נור דאס דוא ניכט פרגלייכען קאנסט דס פלאגען אונד שטרעבען צו ערלאנגען דאס אמתדיגע עושר פאן תורה אונ יראה. צו דען פלאגען אונ שטרעבען פון עושר עוה"ז צו ערלאנגען. דאס דוא פון דען שליעסן זאלסט דאס זעלבסט ביא עניני התורה והמצות שמח בחלקו איין מדה טובה איז. זאנדערן דיא גאנצע אורזאך אונ דער גרונדשטיין דאס מאן זאל פון עניני עוה"ז צו פרידען אונ ניכט גייציג זיין. איז נור וועגען דען וייל מאן דאדורך מער צייט געווינען ווירד תורה אונ יראת שמים צו ערלאנגען (וייל מאן דארט אימער גייציג אונ אונצופרידען. אונד איין ווייטעס אויג האבען מוס) וייל אוף דיא השגות התורה והיראה (צו ערלאנגען תורה אונ יראת שמים. האט משה רבינו געשריבען ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים) דס זיא ווייטלייפיגער איז וויא דיא ערד: אונ ברייטער אלס וויא דאס וועלט מעהר) וייל דער גאנצער תכלית פון דען מענשענס לעבין בעוה"ז וואס עס איז געגליכען צו איין פרוזדור (פארהויז). איז נור וועגען דען דס ער זיך אין דען פרוזדור דורך תורה אונ מעשים טובים שמיקען אונ ציהרן קאן אונד זאל. דאס ער איינסט אין דען טראקלין (שלאס) בעוה"ב (דיא קונפטיגע וועלט) קומן קאנין זאל. נור וייל דער מענש נור בלוט אונ פלייש איז אונ איז דאדורך געצוואנגען מיט זאלכע זאכען זיך אויך צו בשעפטיגען וואס פיר דען טרקלין. גאנץ אונביצליך איז (וייל פון דען אלען ער זיך ניכט דאס גרינגסטע דארט היען מיט געמן קאן) געמליך ער מוס זיך בשטרעבען זיך פרשאפען פרנסה צו קאנן. קליידונג. וואהנונג. וייל ער אהנע דען אלען ניכט עקסעסטירן קאן. אזוי ברינגט יא דער רייגער פרשטאנד מיט. דאס ער זיך אימער גוט בערכען זאלל דאס דיא צייט וואס ער אויף זאלכעס צו ערלאנגען פרשווענדע מוס זאל זיין זעהר וועניג אונ געגוי אונ קארג):

אונ

אוּנ דִיא חַכְמֵי מוּסָר שְׁרַייבֶּען דַאס אִין הִיעֶנְזִיכְט תּוֹרָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ עֶרלַאנְגֶען זָאל אֵיין מֶענְשׁ אִימֶער זֶעהֶן אִיבֶּער זִיךְ גֶעמְלִיךְ עֶר זָאל מְקַנֵּא זַיין דֶעם צַדִּיק וָואס גְרֶעסֶר אִיז אַלְס עֶר אִין יִרְאָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים: אוּנ דֶעם תַּלְמִיד חָכָם וָואס מֶעהְר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזִין צוּ עֶרלַאנְגֶען הַשָּׂגוֹת הַתּוֹרָה. דָאס וִוירְט בֵּייא אִיהְם פֶערוּרְזַאכֶען דַאס עֶר אִין גֶעוִויסֶע צַייטֶען אִין פֶערבָּארְגֶענִין טְרוֹיעֶרְן אוּנ וֵויינֶען וִוירְד אוֹיף זַיין גֶעמֵיינֶען אוּנ אָרֶעמֶען שְׁטַאנְד. אוּנ זִיךְ מִיט קִנְאָה (אֵייפֶער) עֶרְוֶועקֶען וִוירְד מִיט דִיא וָוארְטֶען. מָתַי אֶעֱשֶׂה גַּם אָנֹכִי לְבֵיתִי (וֶוען וֶוערְדֶע אִיךְ שׁוֹן דִיא זְכִיָּה הָאבֶּען דַאס אִיךְ מִיךְ גֶעהֶערִיג פָאהְר זֶעהְן זָאל מֵיין אֵייגֶענֶעם וִוירְקְלִיכֶם הוֹיז גוּט פֶערְזָארְגֶען צוּ קֶענִין) אוּנ אוֹיךְ דַאדוּרְךְ פוּן נוּן אַן טֶעטִיגֶער אוּנ פְלֵייסִיגֶער זַיין וִוירְד זִיךְ צוּ בֶּעשְׁטְרֶעבֶּען צוּ זוּכֶען תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם. וִויא אִין (תּנדב״א שְׁטֵייט. חַיָּיב אָדָם לוֹמַר מָתַי יַגִּיעַ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂה אָבוֹת הָעוֹלָם (אֵיין מֶענְשׁ אִיז שׁוּלְדִיג צוּ זָאגִין וֶוען וֶוערְדֶע אִיךְ אִין דֶען שְׁטַאנְד קוּמֶען דַאס מַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים גֶערֵייכֶען וֶוערְדֶען צוּ דִיא מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן דִיא אָבוֹת) אָבֶּער אִין הִיעֶנְזִיכְט פוּן עִנְיָנֵי עוה״ז צוּ עֶרלַאנְגֶען עוֹשֶׁר וְהַצְלָחָה זָאל זִיךְ אֵיין מֶענְשׁ גֶעוֵוינֶען תָּמִיד צוּ זֶעהְן אוּנְטֶער זִיךְ גֶעמְלִיךְ וֶוען עֶר נוּר אֵיין קְלֵיינֶעם קַאפִּיטַאהְל הָאט. זָאל עֶר דָאךְ מִיט זִיךְ צוּ פְרִידֶען זַיין. וֵוייל אֵיין אַנְדֶערֶער גָאךְ אֵיין קְלֶענֶערֶם פַרְמֶעגֶן הָאט. אוּן דִיא גְמָרָא בֶּעלֶערִינְט אוּנְז דַאס מַאן אִין דֶען שְׁטְרֶעבֶּען אוּנ זוּכֶען עִנְיָנֵי תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת נִיכְט טְרֶעהְג אוּנ פוֹיל זַיין זָאל. מִיט דֶעם וָוארְט (זודאי קלילי ואורחא רחיקא) דֶער וֶועג אִיז זֶעהְר וַוייט אוּנ דָאס צֵדָה לַדֶּרֶךְ וָואס מַאן זִיךְ פָאהְר זֶעהְן מוּס אִיז זֶעהְר וֵוינִיג. אוּנ דִיא מְפָרְשִׁים זָאגֶען דַאס דִיא גַאנְצֶע אוּהְרְזַאךְ דַאס הַשׁי״ת הָאט נִפְלַאנְצְט אִין דִיא נַטוּר פוּן דֶען מֶענְשִׁין דִיא מִדָּה פוּן אוּנְצוּפְרִידֶענְהֵייט וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט (יש לו מנה מבקש מאתים) וֶוען אֵיינֶער הָאט אִין זַיין פַרְמֶעגִין הוּנְדֶערְט זִילְבֶּער. ווינְשְׁט עֶר צְווֵייא. הָאט עֶר צְווֵייא וִוינְשְׁט עֶר פִיעֶר. וַוען אוֹיךְ דאס זָאלְכֶם אֵיינֶע מִדָּה מְגוּנָּה אִיז. אִיז

נור

נור דער גרונד דעסטוועגן. ווייל דער צוועק פון דען מענשן אויף דיזע וועלט איז נור זיך איינען צו מאכין און צו ערלאנגן דאס עושר פון תורה און מעשים טובים. און דיזעס איז זעהר ווייטלייפיג. דאריבער ווירד איהם דיא אונצופרידענהייט דאצו ברינגען דאס ער אימער מעטיגער און פלייסיגער זיין ווירד; נור ווייל דיא בחירה איז פרייא. בעדינט זיך דער נאר און אונוויסענדער דיא מדה אויף עניני עולם הזה רייכטום און הצלחות עוה"ז צו ערלאנגען. און דאדורך כל ימי עני רעים. ועינו לא תשבע עושר (פרלעבט ער זיינע גאנצע צייט מיט קומער און זארג. און איז נימאהל צו פרידען) אבער דער חכם זאל זיך נור דיא מדה בעדינען זיין גוף צו היילינגען און צו רייניגען מיט תורה און מעשים טובים און עדלע מדות. דען ווען איין מענש פיר זיך אליין ניכט זארגט זיך גוט פאהר צו זעהן. וועלכר אנדערער ווירד זיך פיר איהם דאריבער בעקוממערין:

**שאלה ו** אב איינע שולדיגקייט איזט זיך מיט ספרי מוסר צו בעשעפטיגן און אב עס איז אין כלל פון דיא מצוה פון תורה לערנין.

**תשובה** ניכט נור דאס עס איין מצוה איז, זאנדערן עס איז דער גרונד און עקשטיין פון אלע מצות. ווייל אויף תורה לערנין איז געזאגט ווארדן, רפאות תהי לשרך ולכל בשרו מרפא (דס זיא איין היילמיטעל איז פיר דען גאנצין גוף) דאריבער דאס איין מענש זוכה זיין זאל דאס ער איינע געזונדהייט פון דיא קראנקהייטען וואס זיך בייא דיא נשמה פלעגן צו ערייגנען ערלאנגען זאל, דאס איז איינע אונמעגליכקייט, זאנדערן נור ווען ער אפט אין פארבינדונג שטעהט מיט דיא דאקטארען פון דיא נשמה, דאס זינד זאלכע תלמידי חכמים צדיקי אמת, דיא וואס זיך בעשטרעבן יידישע קינדער אונטערריכט צו געבן וועלכן וועג זיא אונטער געמין און וועלכן זיא צוריק לאסען זאלין אין הינזיכט מעשים טובים און יראת שמים וועהרענד איהרע גאנצע לעבענסצייט

דאמיט

דאמיט זיא זיך אליין קיינע קראנקהייטען צו ציהען זאלין, אונ ווען אויך זיא שאהן זיך פעראירט האבין דאס זיא שוין ערקראנקט זינד, וויא אזו זיא זיך העלפין קענין איהרע געזונדהייט צוריק צו שאפין, אדער דאס זיא זיך איין יעדין טאג איינע צייט בעשטימען זיך מיט ספרי מוסר צו בשעפטיגען דיא געגרינדעט זינד אויף דיא אגדות פון חכמי הש"ס, דען נור דורך איהנען קאן דער מענש ערוואכען פון זיינען שלאף, אונ ווירד מוטה אונ קראפט האבין צו שטרייטען געגן דען יצה"ר אונ איהם צו בעהערשען, אונ זיינע ליידענשאפטען צו אונטער דריקען, אונ דאס דיא ליעב צו השי"ת זיך אין זיין הערץ צינדען זאל אונ דאס ער אויף אזוי איין שטאנד קומען זאל דאס נור זיין גאנצער וואונש אונ פרלאנגען זיין ווירד צו לערנין תורה אונ איין אמתדיגער ערליכער יוד צו זיין.

וויל עס גיבט פילע לייכטזיניגע מענשין דיא וואס פערשפאטין טוהן זאלכע דיא זיך בעשטרעבן ספרי מוסר צו לערנען דאריבער פינדע איך מיך שולדיג (צו רעטן אונשולדיגע מענשן דם זיא ניכט אין דיא נעץ פון דעם יצה"ר גפאנגן ווערדין) דיא וועלט אויף צו קלערין דאס זיא האנדגרייפליך איינזעהן זאלען דם דיא גאנצע יידישקיים, עס זיי דער קיום המצות אדר דאס צוריק האלטען פון דיא עבירות, ניכט מעגליך איז נאך פאהרשריפט געהעריג נאך צו פאלגן, זאנדרין נור ווען מאן זיך אין ספרי מוסר לערנען בעהעפט, אונ ווען ער זיך פאן איהנן ערווייטערט, אזו ערווייטערט ער זיך דאדורך פון זיין עוויגעס לעבן.

וויל איין זאלכער בעוויז וואס מאן אויגען שיינליך זעהט ווירקט אויף דען מענשין מעהר אלס פילע אנדרע בעווייזע וואס נור דורך אויף קלערונג זינד, דאריבר בעטראכטע דיר גענוי דיא וועג אונ פיהרונג אונ דיא מדות (זיטען) פון זאלכע מענשין דיא וואס ספרי מוסר צו לערנין פעראכטן, וויא אויך זאלכע צדיקים וואס מוסר אונ תוכחה זאגין, קיינמאל ניכט בעזוכן) אין הינזיכט

# כלל א שאלה ו

רְדִיפַת הַכָּבוֹד, עהרגייץ, גַאֲוָה און כַּעַס און אוהב בֶּצַע געלד רייץ; און דער גלייכען, און דער פארעם און אוים זעהן פון איהרע תְּפִילּוֹת און בְּרָכוֹת, און וויא איהר עסין און טרינקן און רעדן אונגעצעהמט און ניכט אבגעוואגן איז אזו ווירסט דו שטוינן וויא קאן מען אזו איבראיילט ווירטשאפטען און זיך זעלבסט איין שׂוֹנֵא צו זיין. ווארום זיא זיך ניכט אלע איהרע וועג און שריט גענוי בערעכנן דאס זיא זאלין נור זיין נאך דיא היילינגע תּוֹרָה איהר פאהרשריפט: דען מאנכער בעזיצט תּוֹרָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, נור דיא לידענשאפט פון איבער פליסיגע אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה הערשט איבער איהם *) און דאדורך וועגען זיינע ליידענשאפט צו ערלאנגן איזט ער מבטל פילע

---

*) ניכט וויא אין מאנכע געגענדן ווייל זיא פון תּוֹרָה און סִפְרֵי מוּסָר לערנען זעהר ערווייטערט זינד. אזו איזט ביי איהנען זאלכעס גאר פיר קיין עֲבֵירָה גערעכנט. זעהר אפט צוזאמין צו קאמען איינע חַבְרוּתָא (געזעלשאפט) אין דיא ווייגשענק און דארט צו פערוויילען איין שטיק צייט און זיך צוא אונטערהאלטין מיט עסין און טרונקין. ועבירה גוררת עבירה דאס מאן מבטל איזט נאך בְּרָכוֹת. תְּפִלּוֹת מִנְחָה וּמַעֲרִיב. גאר ניכט צו דאווינען. אדער וויא מאן פלעגט אין דיא שענק צו דאווינען — און איבער פליסיגע דיבורים צו רעדין; ביז זיא אויך קאמען צו זאלכע רייד וואס פערבאטען זינד. לשון הרע ליצנות. שקרים. שפעטער היען קאמט עס גאר צו זאלכע רייד פון עזות חוצפא. ניבול פה. נאך שפעטיר אויף נָשִׁים צו זעהן. וויא אויך קריבה דגילוי עריות. און צו זנות זעלבסט. אוֹי לָהֶם וּלְנִשְׁמוֹתֵיהֶם.

וואס ניצט דאס זייא מיינען דאס זיא צוזאמין גוטע ברודער זינד. דאס זיא איינער דען אנדערין ווינטשען לְחַיִּים — ווען דיא תּוֹרָה שרייעט. ניכט איירע געדאנקין זינד דיא מיינינגע. ווייל כִּי מוֹצְאַי מָצָא חַיִּים. (נור דער יעניגער. דער וואס מיך ליבט און זיך בעשטרעבט מיך צו ערלאנגען דער איזט זוכה צו דען אמתדיגען לעבן) — מְשַׂנְאַי אָהֲבוּ מָוֶת. דיא יעניגע אבער וואס דיא תּוֹרָה גרינג שעצין און פעראכטין אזו ווייט דאס זיא ביי איהנען אין גאר קיין ווערט שטעהט. דאס פערמעהג איהר פערשטאקטעס הערץ און קורץ זיכטיגעס אוג. איזט ביי איהנען מעהר צוועקמעסיג פילע שעות צו פערשווענדען אין דיא שענק צו אונטערהאלטען אלס זיא זיך דיעזע צייט תּוֹרָה

אייגען

פילע מצות צו טוהן *) ביטול תורה, ביטול תפלה, איבער הויפט פראווהרזאכט זאלכעס שלום בית צו פערהינדערן, ווייל ער וועגן דען קיין פאטער צו זיינע קינדער איזט, פיר איהנען זיך צו בעשטרעבן געהעריגע פרנסה צו זוכן אונ מאנכעס מאהל אויך עבירות עובר צו זיין בפועל ובידים. עיין (עת לעשות ח"א דף מ"ח ע"ב). נון ווער האט איהם נורם געוועזין דאס ער איין פערקויפטער שקלאף איזט צו דיא תאוה פון אכילה ושתיה, קיין אנדערר נור ער אליין מיט זיין ערווייטערין פון ספרי מוסר צו לעהרנן, דען ווען ער זיך מיט זאלכע בעשעפטיגט אונ דורך איהנען אויף דיא איינזיכט געקאמען העטטע דאס דיא עליות הנפש דאס מאן זיין נשמה פערפיינערין אונ ערהעבין זאל (וואס נור וועגן דען דר מענש אויף דיזע וועלט גקאמין איזט) איזט אנדערסט ניכט מעגליך נור דורך דען הכנעת הגוף דאס מאן דען גוף זיינע לײדענשאפטען דעהמיטטיגט אונ אונטערדריקט, אונ העטטע אויך דורך איהנען צו דען פערשטאנד געקאמען דאס דורך
דיא

---

אייגען צו מאכען בעדיענען זאלען. דיא פעראורזאכען זיך אליין דען עוויגען טוט. ווען זאלכעס האט בייא דיא עשרת השבטים ווען אויך דס זיא גדולים בתורה וואהרען, פראורזאכט פילע גראסע עבירות. נון וואס קאן זאלכעס ווירקען בייא הדיוטים אין זאלכע געגענדען וויא דיא תורה שאן אהנע היען פערלאשען איז ר"ל – וויא ווייט קענען זיא קאמען – וואו היען קענען זיא זיך פעראירען,

*) דער (רבינו יונה שרייבט אין דיא "הקדמה" פון זיין ספר או"צ) איין מענש דער קיין איבערלעגונג האט דאס ער זיינע מדות (זיטען) נור ריכטען זאל נאך דיא פארשריפט פון דיא הייליגע תורה. איזט מעגליך דאס מאנכעס מאהל איין שלעכטע מדה קאן איהם מאכען פערלירען פילע זכיות. אונ דער איזט צו פערגלייכען צו איינעז דער מיט זעהר טייערן וויין איין חביות (פאס) פילט ער האט אבער פערגעסן אויף דען באדען פון דען פאס דאס לאך צו פערשטאפען אזו איזט יא קיין צווייפעל דאס ער דען גאנצען וויין איינביסען ווירד. אזו אויך דער מענש דער וואס שטאלצירען טוהט מיט זיינע מעשים טובים אונ ריהמט זיך אונ טוהט זיך פערשעגערין מיט דיא פעהלער פון זיין חבר. ווען אויך דאס ער מלא תורה איזט. טוהט ער זיך פיל שאדען דורך דיא שלעכטע מדה ווען ער זיא ניכט באלד מתקן זיין ווירד אונ דער גלייכען.

דיא איבערפליסיגע ליידענשאפט צו געניסען, איזט ער איין אכזר אויף זיך זעלבסט, אונ בגזלת זיין נשמה זיינע טהייערע צייט וואס ער העט זיך זיא גקענט בדינען דורך תורה אונ מעשים טובים איין חיי עולם זיך צו קויפן, איזט ער לידערליך אונ פרשווענדעט זיא וועגין תאות בהמיות צו געניסען, אונ פרוועקסלט חיי עולם זיין עוויגעס לעבין וועגין חיי שעה וועגין איין זאלכעס לעבין וואס באלד פעראיבר געהט, אונ דאס איין יעדר איבערפליססיגער גענוס פון דיא פאהרשריפט דער תורה פרבאטן איזט, וויא דיא גמרא זאגט קדש עצמך במותר לך דאס איין מענש מוז זיך צעהמן זיך צו ערוויטערין פון אללעס איבערפליסיגע, אונ דיא אורזאך דאס דיא עשרת השבטים פון ארץ הקדושה פרטריבן וואורדן, וואהר נור דאס זיא נאך איבערפליססיגע לייד ענשאפטען נאך געגאנגען זינד, אונ דאדורך צו פילע עבירות געקאמין, ביז זיא צו לעצט לתרבות רעה גקאמען זינד גאנץ פון דיא תורה אוים צו טרעטן, זא העטטע ער גוים אלעס מעגליכע געטוהן זיך צו צעהמין אונ זיין יצר הרע צו אונטרדריקען אונ זיך צו געוועהנן מיט דיא מדה פון הסתפקות מיט דען וועניגן צו פרידען צו זיין אין אלע הינזיכטן,

אונ מאנגבער איזט איין גבה לב הויכמיטהיג, בזיצט גאוה (שטאלץ) *) אונ דאדורך שטרעבט ער אימער נאך כבוד אונ גדולה

און

---

*) מיין פריינד גיב אויף דיר אכט אונ זייא פארזיכטיג דאס דוא דיא צווייגען פון דיא גאוה אב שניידען אונ אוים רייסען זאלסט וועז זיא נאך יונג זינד. דען וועז דוא ווירסט דיזעס פערנאכלעסיגען אזו קאן זאלכעס ביי דיר פערארזאכען דאס דוא מיט פילע עבירות געשטרויכלט ווירסט. דען דער דרך פון דען יצה"ר איזט ביי איינעם דער גאוה בעזיצט. איהם צו פערפיהרען דאס ווען עס ווירד מפורסם ווערדען דער נאמין פון איין אנדערין צדיק תלמיד חכם. אונ דאס ער איין גראסער נדבן אונ בעל גמילות חסדים איזט. דאדורך ווירד דיין רוף אונ כבוד פערקירצט ווערדען. איבער דען איזט איין שולדיגקייט אלעס מעגליכע צו טוהן אליין. אדער דורך אנדערע. איהם אונ

זיינע

און זיין נאנצער וואנש איזט נור דאס זיין גיטער רוף זאל אין דער וועלט פרעפענטליכט ווערדין דאס ער איזט איין תלמיד חכם, איין צדיק, איין קדוש, איין בעל צדקה, איין בעל גמילות חסדים, און דער גלייכען, און זאלכע מדות זינד פערצווייגט מיט פילע עבירות, מחלוקות, קנאה, שנאה, לשון הרע, מסירות, אונאות דברים, ליצנות, און אפט מאהל אויך בזיון תלמידי חכמים, אבער אין אנדערע זאכען איזט ער איין ירא ד' באמת און איזט מדקדק במצות. וויא עלענד זינד זאלכע מענשען, וויא פערדינגען זיא דאס מאן זיא בעדויערן זאל און מיט איהנען מיטליידונג צו האבען אויף איהרע אויגען דיא מיט בלינדהייט געשלאגען זינד, ווענן פילע טעמים. ערשטענס

---

זייניע פירונג. או זיין תורה. און מעשים טובים צוא פעראכטען און צו פערשפאטן און זאלכעס ביי דיא וועלט צו פערעפענטליכען און ווען זיך ערייגענט דאס איין תלמיד חכם וויל דעם המון עם מדריך זיין און אינטערווייזען אין היניזיכט תורה און יראת שמים. ווען אויך דאס ער זעלבסט איינזעהט דאס דיזעס זעהר ניצליך און באטוועענדיג איזט. אונד איין טייערע מצוה איזט – דענאך וייל ער פירכטעט דאס דאדורך קאן מעגליך זיין דאס זיין כבוד און רוף עטוואס פערשמעלערט זיין ווירד. מאכט ער אלערלייא תחבולות זאלכעס צו פערהינדערין. דען ווען דיא גאוה שאן אין גראסען גראד איזט. זא איזט דער כבוד שמים אויך ניכט היניייכענד גענוג דאס דאדורך זיין כבוד פערקירצט זיין זאל.

*) איין משל עס איזט איין גראסער שטראם דער זעהר טיעף איזט. און דעו לויף פון דען וואסער איזט זעהר שנעל און רייסענד. און איין מענש דער איין רייזענדער איזט. איזט געצוואונגען זיין וועג דער זעהר באטוועענדיג איזט צו נעמען אויף יענע זייט שטראם. און עס איזט קיין אנדערער וועג צו געהן איבער דען שטראס נור איבער איינע בריקע דיא שאן זעהר אלט איזט. און אויף פיעלע פלעצע געשפרענגט און בויפעליג איזט. און געפעהרליך איזט דארט צו געהן. נון דער מענש דער וואס קיין אנדערין אוס וועג האט נור איבער דיא בריקע צו געהן. און זיין לעבען ביי איהם אין איין גראסן טייערן ווערט שטעהט. וויא פיעל מאהל איזט ער שולדיג צו דיא וועכטער פון דיא בריק צו געהן אום זיך ביי איהנען גוט און גענויא צו ערקונדיגען וועלכן וועג דאס

ערשטענס: ווייל אלעס שטרעבען און פלייס וואס מענשען אנווענדן אום זיך צוא פערשאפען גדולה און ממשלה, איזט אלעס אומזאנסט, ווייל דער פסוק זאגט דאס זאלכעס נור אין דיא האנד פין השי"ת איזט, אלקים שופט זה ישפיל וזה ירים:

צווייטענס: ווען אויך דאס עס העטטע מעגליך געוועזין דאס איין מענש אליין זיך העטע פערשאפען קענן כבוד, וגדולה און איין גראסען רוף דורך זיינע גיטע מעשים, ווי איזט זיין חכמה וויא איזט זיין תבונה זאלכעס צו טוהן, וויא איזט זיין עהרליכעס געוויסען דס ער פערטוישען און פערוועכסלן זאל רב טוב הצפון שכר נצחיי שלו זיין אונענדליכען שכר וועגען הנאות עולם הזה וועגן איינען גענוס פון דיזע וועלט וואס קורץ און באלד פערגענגליך איזט און דער נביא מיכה וואהרנט אין זיין תוכחה מה ד' שואל וועלכע

ארט

ער געהן זאל דאמיט ער ניכט זעלבסט זיינע לעבענסיאהר פערקירצט און ניכט זעלבסט גורם זיין דאס זיין ווייב און קינדער אלס אלמנה און יתומים צוריק בלייבען. ווען ער אבער איבעראיילט איזט און איז באכלעסיג אויף דען איינע געזונדהייט... ער קונדיגונג צו מאכען. ווען איהם דאס אומגליק טרעפט און אין וואסר שטירצט. אזו פערדיהנט ער ניכט דאס מאן מיט איהם מיטליידונג האבן זאל. ווייל ער זיך זעלבסט שולדיג איזט און פערדיענט גערופען צו ווערדן מאבד עצמו לדעת (איין מענש דער זיך אליין ערמארדעט האט) — נון ווען דער רייני שכל ברינגט מיט דאס מאן זאלכעס שולדיג איזט צו טוהן ווען דיא רעדע איזט נור דאס ער ניכט זיין חיות פערלירן זאל. איין זאלכעס חיות וואס נור באמת איזט איין חיי שעה איין חיי זמניות איין לעבען וואס נור אהנע היען קורץ און פערגענגליך איזט. קאנסט דוא יעצט שליסען וויא פיעל מעהר איזט איין מענש שולדיג צו טוהן אונד זיך אכט צו געבן מיט אלען מעגליכן וואס נור אין זיין קראפט שטעהט. ווען דיא רעדע איזט פון איין זאלכען חיות וואס איין חיי נצחיות עוויגעס לעבען איזט. וויא פיעל חקירות און דרישות איזט ער שולדיג צו מאכען וועלכען וועג דאס ער אונטערנעמען און וועלכען דאס ער צוריק לאסען זאל.

דאס נמשל איזט. דיא בעוועהגונג פון דיא צינג אין כמות איזט פיעל לייכטער און גרינגער אלס דיא בעוועהגונג פון אנדערע אברים (גלידער) דיא וואס

דען

ארט יראת שמים פארדערט השי"ת פון דען מענשין (דאס זיא דיא בעסטע אונ דיא פיינסטע איזט) הצנע לכת איינע זאלכע עבודה וואס פערבארגן איזט, אונ דער ירושלמי זאגט ווען איינר האט איין מסכת געלעהרנט, אונ דיא וועלט איזט איהם מכבד ווייל זיא גלויבען דאס ער צווייא מסכתות געלערנט האט, איזט ער שולדיג איהגען צו זאגען דאס ער נור איינע געלעהרנט האט, פילמעהר דאס איין מענש זאל ניכט שטאלצירען מיט זאלכענע מעשים טובים אונ תורה דיא ער ניכט בעזיצט:

וויא פיל תפילות האט דוד המלך פערנאסן צוא השי"ת דאס זיינע מעשים זאלן ניכט פערראוהרזאכן פון השי"ת ערוויטערט צוא זיין, ואני קרבת אלקים לי טוב איך שעצע מיך גליקליך אוף איין זאלכן שטאנד צוא קאמן דאס איך פון השי"ת ניכט ערוויטערט זיין זאל, אל

דען גוף בעדיענען. אבער ווען מיר איינע בעטראכטונג נעמען אויף דיא בעוועגונג פון דיא צונג אין איכות (קוואליטעט.) וואס אין איהר קראפט צו ווירקען שטעהט. איזט זיא פיעל טייערער אונ שווערער אלס דיא ווירקונג פון אנדערע אברים אזו ווייט דאס דער פאסוק שרייבט מות וחיים ביד הלשון (דאס אין דער געוואלט פון דיא צונג איזט דער טויט און לעבין מי האיש החפץ חיים נצור לשונך מרע (ווער איזט דער מענש דער זיין לעבען ליעבט זא זאל ער זיך אכט געבען קיינע שלעכטע דיבורים צו רעדין) דאריבר ווייל מאן זיך מיט מאנכע דיבורים פערזינדן קאן. זאגט דער תנא סייג לחכמה שתיקה אונ דיא גמרא זאגט (מלה בסלע משתיקא בתרין) ווען דוא דאס ווארט רעדין בעצאהלסט מיט איין סלע. זאלסט דוא פיר דאס שווייגן דאס דאפעלטע געבען. נון ווייל דער מענש געצ ואנגען איזט מיט דיא צונג זיך צו בעדיענען. געמליך זאלכע דיבורים צו רעדין וועלכעס ער צו זיין געשעפט האנדעל. פראפעסיאן בענעהטיגט. וויא אויך זאלכע דיבורים וואו ער דאדורך השי"ת דיענט. נעמליך תורה צו לערנען. ולתפלה (זיין געבעט צו פערריכטען) אונ גמילות חסדים צו טוהן. שלום צו מאכען צווישען איין מענש אונ זיין חבר אונ דער גלייכען — איבער דען איזט ניכט מעגליך דאס ער זיין מויל גאנץ פערשליעסען זאל. ווען ער אבער זיין מויל גאר ניכט צעהמען טוט אונ גאר קיין צוריקהאלט גיבט. זאנדערין די צונג גאך איינגעבען וואונש איין פרייען לויף צו לאסען — וויא שעדליך וויא געפעהרליך איזט זאלכעס:

ווייל

## כלל א שאלה ו

אל תשליכני מלפניך טוהע מיך ניכט פערוואַרפען פון דיר, אונ דער מענש וואס דיא מדה רעה פון גאוה בעזיצט איזט זיך גורם מיטהוויליגער ווייזע דאס ער ביא השי"ת פעראַבשייד אונ ערווייטערט זיין זאל, וויא דיא גמרא זאגט המתגאה גורם שהשכינה תסתלק מישראל דער יעניגער וואס שטאלץ בעזיצט דער פערורזאכט דאס דיא שכינה צווישען יידישע קינדער ניכט רוהען זאל.

דריטענס: מעכט ער וויסען פון דיא (גמרא סוטה דף ה') וויא פיל אזהרות אונ שטראף וואס דיא תורה האט געוואהרענט אויף איין זאלכען מענשען דער איין גאוותן איזט, נעהמליך דאס ער ניכט תחית המתים אויף שטעהן ווירד, אונ דאס ער פערדינט פערשניטען צוא ווערדען וויא איין אשרה, אונ דער גאוותן איזט זיין עונש אלס ווער ער פרוץ אין עריות, אלס העטע ער עובד עבודה זרה געווען, אזו

העטע

---

ווייל עס גיבען מאנכע דיבורים אויף דען דער פסוק פלוכט. יכרת ה' כל שפתי חלקות. (השי"ת זאל פערשניידען דיא פאלשע צונגען) עס גיבען אויך מאנכע דיבורים וואו דיא עבירה פון דען רעדנער איזט אזו גראס אלס דיא עבירה פון גילוי עריות ושפיכות דמים. אונ מאנכע דיבורים וואס איהר עונש אזו וויכטיג איזט דאס ווען אויף איהנען איז גחתמת וואָרדען איין גזר דין פון זיבציג יאהר לטובה. ווירקען זיא דאס דער גזר דין ווירד פערקעהרט לרעה. עס גיבען אויך מאנכע דיבורים וואו ער דאדורך זיין חבר קרענקט אונ פעראכטעט אונ מבייש ברבים איזט. אויף דען די גמרא זאגט המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא (דער וואס זיין חבר פאר מענשין בעשעמט. דאס וועגן דיא בושה זיין פנים זעהר בלאס אונ וויים ווירד. דער יעניגער פערלירט זיין עולם הבא) – דאריבער ווער נור איין וועניג פערשטאנד בעזיצט מוס יא בקענגען דאס איין יעדער מענש דער איין אמתדיגער ירא שמים זיין וויל איזט אויף איהם זיינע גראסע שולדיגקייט דאס ער טעגליך ספרי מוסר לערנין זאל פלא יועץ. מנורת המאור. קב הישר. שבט מוסר. אונ דער גלייכען. בזאנדערס אין אורחות צדיקים דען שער הגאוה. ענוה. אמת. שקר. לשון הרע. חנופה. עזות. בושה. שתיקה. אום דאדורך זיך צעהמען צו קענען. ווייל ער דאמאלס שאן קונדיג זיין ווירד. אונ ווירד וויסען צו אונטערשיידען צווישען דיבורים איסורים אונ מותרים. זאלכע רייד וואס פערבאטען זיינד. אונ זאלכע רייד וואס מותר זיינד

עס

העטע ער גוויס זיין הערץ געדעהמיטיגט פאר השי"ת אונ העטע מתחרט גוועזן פון נון אן דיא מדה פון גאוה פון זיין הערץ אוים צוא ווארצלען, נון ווער האט איהם פעראוהראזאכט זיין נשמה צו פרדערבן, איזט עס נור זיין צוריק האלטן ספרי מוסר צו לעהרנן *) אבער דען מוס יא איין יעדער בעקענען דער וואס זוך פורש איזט, ערוויטערט צוא לעהרנן ספרי מוסר, איזט זיך פורש מן החיים אונ איזט יורש גיהנם, עיין (עת לעשות ח"א דף ס"ט ע"ז.)

אונ מאנכער איזט איין עהרליכער יוד געגזי נאך צוא פאלגן, דיא פאהרשריפט פון דיא תורה. וויא אויך זאס ער ניכט שטרעבט נאך איבר פליססיגע זאכן. אונ בעזיצט מדות ענוה דעהמיטיגקייט. אבר זיין יראת שמים האט דאך איין גרענץ. ווייל זיא געהט נור אזוי וייט ביז עס געלד בערירט. דען דיא ליידענשאפט פון דען געלד רייץ

*) עס איזט איינע געוויסע זאכע דאס דער מענש וואס ניכט אפט (ספרי מוסר) לעהרנט דיא דען מענשענס הערץ אוף פייערן אונ אוף פלאמען צו אמתדיגע יראת שמים דאס זיינע געדאנקען נור אימער זיין זאל דען ווילען פאן השי"י צו טוהן, אונ צו זיין פון דיא מארי דחושבנא (געהמליך נאך איין יעדע מצוה דיא ער מקיים האט גוועזין. ברכת המזון. תפלה. אונ דער גלייכען. בערעכנט ער זיך אב ער זיא געטוהן וויא זיך געביהרט. אב דאס מויל מיט דען הערץ וואהר צו זאמן איינשטימיג וועהרענד ער דיא מצוה געטוהן האט. אונ וועןער זיך פינדעט שולדיג אזו ויינט איהם זיין הארץ אונ איזט זיך מצער ווייל ער פון דען פערשטעהט דאס זיין עבודה פערטאכט איזט ביא השי"ת דאס ער ניכט דיא זכיה האט זיא עהרנסט וויא זיך געביהרט מקיים צו זיין. אונ ווייל איהם זאלכעס זעהר שמערצט ווירקט דאס ביא איהם אלעס מעגליכע צו טוהן זיינע מעשים פאר השי"ת אויס צו בעסערין. דאמיט ער זוכה זאל זיין איין אמתדיגער עובד ד' צו זיין.) אויף דען קאן מאן זאגען שוטה אינו מרגיש. דער וואס קיין שכל האט שפיהרט ניכט זיינע יסורים. דען ווען זיין עבודה נאך אזו געמיין אונ נאך אזו פעהלער האפט איזט. פיהלט ער ניכט קיין שום שמערץ אונ פעראוהראזאכט ביא איהם קיין שום צער. ווייל ער מעולם פון ספרי מוסר ערווייטערט איזט. אזו וייס ער גאר ניכט פון דעם ווארט שם דרך דאס נור דער וואס זיינע וועג אונ שריט אפט בערעכענט. דער שטעהט אין טייערין וועהרט. — אונ דאדורך

פערלעבין

## כלל א שאלה ו

רייץ פערבלענדט זיינע אויגן אזוי ווייט דאס ער זיין געשעפט ניכט באמונה פיהרט. ער איז משקר במשקולת פעלשט זיינע געוויכטער. ער איזט מגדל חזירים. ער האנדעלט מיט עופות טמאים. ער איזט זעהר קארג מהדר במצות צו זיין. דיא מצוה אויף איינע שעהנע ארט מקיים צו זיין. וויא אויך ברינגט איהם דיא תאות ממון מבטל צו זיין דיא מצוה פון תוספות שבת. דאס ער זעהר שפעהט ערב שבת זיין געשעפט פערשליסט:

אונ מאנכע וואו ביא איהנען דער געלד רייץ אזו ווייט שטייגט דאס זעלבסט בעניני החיתון וזיווגים (ווען יער פיר זיך אדער פיר זיין קינד איין ווייב צו נעמן ווינטשט) וואו עס זיך געביהרט ווען מאן נור עטוואס יראת שמים בעזיצט אלעס מעגליכע צו טוהן ניכט פונם זרעו צו זיין (ווייל ביא איינען מענשן דער איינציכט האט דער

פערשטעהט

---

פערלעבין זאלכע איהרע יאהר אין דיא פינסטער דאס זיא נימאהלס דיא זכייה האבין דאס ליכט פון דיא אמתדיגע פייעריגע יראת שמים צו זעהן דאס זייא שפיהרן זאלין איינע גראסע פרייד. אונד דיא זיעסונג פון דיא מצוה ווערעגד דאס מאן זיא מקיים איזט:

אונד ווייל נור דיא ספרי מוסר איין תבלין דען יצר הרע צו אונטערדריקען זינד. ווען ער אבער ווערענד זיינע גאנצע יוגענד יאהר וואו איין יעדער מענש פון דיא נטור איין עיר פרא צו איין ווילדען עזעל צו בעטראכטען איזט. אהנע ספרי יראה ערוואקסען איזט. אזו איזט יא קיין צווייפעל דאס ער אזו ווייט אויס ארטען ווירד דאס פון דען עיר פרא ווירד אין שפעטרע צייטן איין חמור הבר ווילדער וואלד עזעל ווערדען (אין היגזיכט זיינע שלעכטע מעשים אונ אונגעצהמטע זיטען. וואו הין – אונ וויא ווייט – דיא שלעכטע ליידענשאפטין איהם פערפיהרען ווערדען) דאס ער דאדורך פערדינט דאס מאן אויף איהם זאגין זאל אוי לו ואוי לנפשו. וועהע איהם. וועהע זיין נשמה. פיהל מעהר ווען איין זאלכער איין רב אונ מורה אונ מנהיג העם איין פאלקס פיהרער איזט. דאמאהלס איזט דאס געשריי פון אוי ואבוי ואוי לנשמתו פיהל מאהל פערדאפעלט. ווייל ער עלס מוסטער פון זיין דור אדער פון זיינע געגענד אדער פון זיין אורט שטעהט. דאס מאן זיך פון זיינע פיהרונג אונ מעשים באבריכטען טוט א ו צו טוהן. ווייל דאמאלס ווירד דאס תורה לעהרנין ביא דעם המון עם פעראכטעט

פֶערשְׁטֶעהְט דאס וֶוען מַאן דִיא זְכִיָה האט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶר צוּ הָאבֶּן
דִיא פָּאהְרשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה פִּינְקְטְלִיךְ אוּנ טְרֵייא נָאךְ פָּאלְגֶן.
אִיזְט דָאס בֶּאֱמֶת דָאס גְרֶעסְטֶע רֵייכְטוּהְם אִין דִיא וֶועלְט. אוּנ פוּן
אֵייגֶע בִּיטֶערֶע וָוארְצֶעל קָאמֶן זְעלְטִין זִיסֶע פֵּירוֹת פְּרִיכְטִין. דֶען
דֶער אַפֶּעל פַאלְט נִיכְט וֵוייט פוּן דֶען (בוֹים) גֶעהְמלִיךְ צוּ זוּכֶן אֵייגֶע
זָאלְכֶע אִשָּׁה דִיא אֵייגֶע צְנוּעָה אוּנ אֵיין בּוֹשֶׁת פָּנִים אִיזְט. אוּנ דִיא
מִדוֹת טוֹבוֹת אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם אֵייגֶן הָאט. אוּנ צוּ עֶרְקוּנְדִיגֶן אָב
אִיהְרֶע בְּרִידֶר אוּנ עֶלְטֶרֶן השי"ת פַּרְכְטִיג זִינְד. דֶענְנָאךְ דִיא
לֵיידֶענְשַׁאפְט פוּן דֶען גֶעלְד רֵייץ פֶערְבְּלֶענְדֶט אִיהְנֶען דִיזֶעס אַלֶעס
נִיכְט צוּ זֶעהְן. וִויא אוֹךְ וֶוען דִיזֶע לֵיידֶענְשַׁאפְט אוּנְגֶעצֶעהְמְט אִיזְט.
קָאן זִיא פְּרָאוּהְרַזַאכֶן דֶען מֶענְשֶׁן דאס עֶר מִיסְגִינְסְטִיג זֵיין זָאל זִיךְ
פוּן זֵיין גֶשֶׁעפְט טֶעגְלִיךְ גֶעוִוישֶׂע שְׁטוּנְדֶן צוּ עֶנְטְרֵייסֶען צוּא דוּא
הייליגע

---

וַוייל זִיא זָאגֶען וַוייל וֶוען מַאן תּוֹרָה לֶעהְרִינְט דָאךְ זָאלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע פִּיהְרוּנְג
אוּנ אוּנְגֶעצָעהְמְטֶע זִיטֶען הָאבִּין קֶען. אִיזְט יָא בֶּעסֶער דַאס מִיר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער
נִיכְט צוּ תּוֹרָה לֶעהְרִין עֶרְצִיהֶען זָאלִין:

וַוייל נוּר פוּן דִיא סִפְרֵי מוּסָר קָאן זִיךְ אֵיין מֶענְשׁ פֶערְפֵיינֶערִין אוּנ
טֶעסְטֶעלִירֶן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטֶען. וִויא זֵיינֶע הוֹיז פִּיהְרוּנְג זֵיין זָאל. וִויא זֵיין
פִּיהְרוּנְג אִין גֶעשֶׁעפְט זֵיין זָאל. וִויא עֶר זִיךְ זֵיינֶע זִיטֶען צֶעמֶען אוּנ פֶערְפֵיינֶערִין
זָאל אוֹיף וֶועלְכֶען גְרַאד זַיין (עֲבוֹדָה) צוּ השי"ת זֵיין זָאל. קָאן דֶען אֵיין
מֶענְשׁ דֶער פֶערְשְׁטַאנְד הָאט זָאגִין דַאס דֶער וָואס זִיךְ צוּרִיק הַאלְט קֵיין חֲזִיר
צוּ עֶסֶען דַאס עֶר פֶערְדִינְט גְרוֹיסֶן צוּ וֶוערְדֶען דֶען נָאמֶען חסיד – וַוייל זָאלְכֶעס
אֵיין דֵייטְלִיכֶער פֶערְבָּאט אִין דִיא תּוֹרָה אִיזְט. אַזוֹ אִיזְט עֶס בֶּאֱמֶת דַאס דֶער וָואס
אָפְט (סִפְרֵי מוּסָר) לֶערִינְט דַאס עֶר זֶעהְט אֵיין אוּנ פֶערְשְׁטֶעהְט דַאס עֶס נוּר אֵיין
זֶעלְטִינֶר פַאל אִיזְט צוּ פִינְדֶען אֵיין חָסִיד. וַוייל אַלֶע עֶרְוֵוייטֶערוּנְגֶען הָאבִּין אִיהְר
שׁוֹרֶשׁ אִין דִיא תּוֹרָה אָדֶער נְבִיאִים וּכְתוּבִים דַאס מַאן דַארוּף גֶעוָוארִינְט אִיזְט –
גֶעהְמלִיךְ דַאס אֵיין מֶענְשׁ שׁוּלְדִיג אִיזְט זִיךְ מִיט אַלֶען מֶעגְלִיכֶען צוּ הִיטֶען
דַאס זֵיין אוֹיג נִיכְט זֶעהְן זָאל אוֹיף נָשִׁים. וַוייל דִיא גְמָרָא זָאלְכֶעס אָב לֶעהְרִינְט
פוּן דֶען פָּסוּק לֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם. בְּרִית כָּרַתִּי לְעֵינַי מָה אֶתְבּוֹנֵן עַל בְּתוּלָה:
אוּנ דַאס מַאן זִיךְ עֶרְוֵוייטֶערִין זָאל מִיט אֵיין אִשָּׁה נִיכְט פוּל צוּ רֶעדִין. וַוייל דִיא
גְמָרָא זָאלְכֶעס אָב לֶעהְרִינְט פוּן דֶען פָּסוּק מַגִיד לְאָדָם מַה שִׂיחוֹ. דַאס בֵּיים יוֹם
הדין

## כלל א שאלה ו

היילינע תורה צו לערנען. ווען אויך דאס ער איין פעסטער מאמין איזט אן דען פסוק כי היא חייך ואורך ימיך. נור דורך תורה לערנען קאנסט דוא זוכה זיין צוא דען עוויגען לעבען:

עס גיבען אויך מאנכע עשירים דיא זעהר רייך זינד דיא זיך יעדען טאג געוויסע צייטען בעשטימען צו לערנין תורה. אונ דאדורך זינד זיא מיט זיך צו פרידען. אונ זינד אין דיא איינבילדונג דאס זיא ערליכע יידען זינד. דא זיא דען בפעהל פון חשי״ת נאך פאלגען.
ווייל

---

הדין ווירד איהם פאר געלעגט דיא איבר פליסיגע רייד שבין איש לאשתו. אונ דאס מאן זיך ערוויייטערין זאל אונ מוס פון יעדע נעהערונג צו עריות דאס דיא גמרא זאגט ווען איינער מיט אב זיכט צעהלט געלד פון זיין האנד אין איהר האנד וועגין דאס ער זיא בעטראכטן זאל. ווען אויך דאס ער אזו גרוס איז אין צדקות אונ אין תורה לערנין וויא משה רבינו זא איזט ער דאך ניכט פרייא פון דען דין פון גהינם. ווייל זאלכעס ווירד אב גלערנט פון דען פסוק יד ליד לא ינקה רע. אונ אויף חיבוק ונישוק אדר יעדע נגיעה דרך חיבה איזט דער דין יהרג ואל יעבור איז ער שולדיג זיך ליבער צו הרגנין לאסן איידער זאלכעס צו טון וויא דיזעס אב גלערינט ווירד פון דען פסוק לא תקרבו לגלות ערוה. אונ דאס איין מענש שולדיג איזט זיך זעהר צו צעהמען פון איבער פליסיגע רייד דאס ווירד אב גלערינט פון דען פסוק ודברת בם ולא בדברים בטלים אונ פון דעם פסוק האומנם אלם. אונ דאס מאן קיין לץ שפעטער זיין זאל אונ דער וואס איין שפעטער איזט ברינגט אויף זיך יסורים אונ זיין פרנסה ווירד פערוועניגערט אונ פאלט אין גיהנם. דאס ווירד אב געלעהרינט פון דען פסוק אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם. אונ דאס מאן קיין גאוה האבין זאל ניכט שטאלץ צו זיין. אונ דאס דער וואס גאוה בעזיצט. ווירד פערקלענערט אונ פערדיענט דאס מאן איהם אב שניידען זאל וויא איין אשירה. אונ ווירד ניכט זוכה זיין תחית המתים אויף צו שטעהן. דאס ווירד אב געלעהרינט פון פיעלע פסוקים. ורמי הקומה גדועים. הקיצו ורננו שוכני עפר. ורם לבבך ושכחת. השמר לך פן תשכח: — נון דא דיא תורה שרייבט סמר מפחדך בשרי וכו׳ פאר דער פורכט פון יום הדין איזט מיין גאנצר גוף ערשיטערט קאן מאן נאך זאגין אויף איין זאלכען דער וואס זיך צוריק האלט פון גאוא. אונ פון ליצנות. אונ פון דברים בטלים. אונ פון הסתכלות אויף נשים: אונ פון מחולות. אונ קריבה דרך חיבה דאס ער איין חסיד איזט — ווייל דיא תורה האט אויף דען מזהיר
גוועזין

ווייל בייא דען גרוסין יום הדין פרעגט מאן נור אב מען האט זיך טעגליך צייטן בעשטימט תורה צו לערנין. באמת אבער אירן זיא זיך. אונ זינד זיך זעלבסט שונאים איהר נשמה צו בעגזלין. אונ זיך פראורזאכן איהר עולם הבא צו פרלירן. דען נור בייא איינן זאלכן מענשין דער נור איין קליינעם קאפיטאל בעזיצט אונ דער געברויך פון זיין הויז איז גרוס אונ דיזעס פראורזאכט איהם גראסע זארג אונ

פיל

---

גוועזין וואס איזט דער אונטערשיעד צווישען דען פערבאט. אדער דער פערבאט פון חזיר. אבער דיא שוטים וואס קיין ספרי מוסר ניכט זעהן מייגען זיא דאס זאלכעס נור אלעס אפערטריבען אונ חסידות איזט—דאס זיא וועהרענד איהרע גאנצע לעבענסצייט אויף דען אלען אונצעהליגע מאהל עובר זינד. דאס מכף רגל ועד ראש אין בו מתום דאס איהר גאנצר גוף בעשמוצט אונ בעפלעקט פון עבירות איזט. דען ווען אויך איין יעדער מענש ווייס דאס ער נור שטערבליך איזט אונ דאס ער מוכן איזט אויף זיינע פירונג רעכענשאפט צו געבען. עס ערעגט בייא איהם דאך קיין גראסן פחד אונ שרעקין. ווייל ער זאלכעס זיך פיר גרינג אונ קליין האלט. ווען ער אבער ספרי מוסר זעהט דאס דער תנא ר׳ יוחנן בן זכאי ווען אויך דאס ער זעהר גראס אין תורה אונ יראת שמים וואהר. האט איהם דאך דיא מורא אונ דער פחד פיר דען יום הדין אזו וייט ערשיטערט דאס ער האט פאר זיין פטירה געוויינט מיט דען ווארט איך ווייס ניכט וועלכען וועג מאן מיך פיהרן ווירד. אב דען וועג פון גן עדן אדר פון גהינם. אונ שמואל הנביא ווען אויך דאס ער אזו צדיק וואר דאס ער זיך משה רבינו פיר איין עדות גערופען האט דאס ער אלעס מקיים האט גוועזין וואס ער אין דיא תורה געשריבען האט. דענאך איזט ער ערשראקין וויא איהם שאול המלך גערופען האט. ווייל ער געמיינט האט דאס מאן איהם רופט צום יום הדין. אונ דוד האט געזאגט ווייל עון עקבי יסבני זאלכע עבירות דיא מאן פערגרינג אונ קליין האלט. דארום טוהט מען זיא מיט דיא פערשט טרעטין. זאלכע טוהן דען מענשין ביים יום הדין אומרינגלען אויף איהם מקטרג צו זיין. דאריבער האט ער געבעטן ווייענד סמר מפחדך בשרי. לא תתן חסידך לראות שחת. הצילה מחרב נפשי. דאריבער ווער איין חכם (געשייט) איזט. זאל שומע לעצה זיין. וואס דער פסוק וואהרינט החזק במוסר ואל תרף טוהע דיך שטארקען מיט לערנין ספרי מוסר אונ טוהע זיא ניכט פערנאכלעסיגען. נצרה כי היא חייך נעהמע זיא גוט אין אכט. דען זיא איזט דיין אמתדיג לעבין:

דעי

פִיל בֶּאוּנְרוּהִיגוּנְג *) פוּן וָואו עֶר בֶּעמִין וִוירְד זַיינֶע הוֹיז לַייטֶע צוּ בֶּפְרִידִיגֶען. דֶענְנָאךְ דִירְף עֶר נִיכְט זָאגֶן וִויא קָאן אִיךְ מַיין גֶעשֶׁעפְט הִינְדֶערִין (דָא פַּרְנָסָה צוּ זוּכֶן אִיז אַיין מִצְוָה פוּן עוֹשֶׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת) וֶועגִין תּוֹרָה צוּ לֶערְנִין ווייל זָאלְכֶעס דִיא תּוֹרָה אִיהְם בַּפֶעלְט מִיט דֶען וָוארְט וְלֹא אַתָּה בֶּן חוֹרִין לְהִבָּטֵל מִמֶּנָּה. דוּא קָאנְסְט דִיךְ נִיכְט וֶוענִין דַיינֶע פִילֶע גֶשֶׁעפְטִין פוּן תּוֹרָה לֶערְנִין פְרַייא שְׁפְּרֶעכֶן. זָאנְדֶערִין עֶר מוּס זִיךְ בֶּשְׁטִימֶן יֶעדִין טָאג וֶועגִינְסְטֶענְס אַיינֶע שְׁטוּנְד דַאצוּ. אָבֶּער אַיין זָאלְכֶער מֶענְשׁ דֶער זֶעהְר רַייךְ אִיז דַאס זַיין פַּרְמֶעגִין הִינְלֶענְגְלִיךְ גֶענוּג אִיז זַיין הוֹיז דַאמִיט צוּ פַּרְפְלֶעגִין וֶוען עֶר אוֹיךְ גָאר קַיין גֶשֶׁעפְט אוּנְטֶער נִימְט. אוּנ וֶוען עֶר אוֹיךְ זַיין קַאפִּיטַאל נִיכְט אוֹיף רַייבִּין אָדֶער פַּרְוֶועגִינֶערִין וִויל. זָא קָאן עֶר עֶס יָא פַּרְוֶוענְדִין מִיט זָאלְכֶע גֶשֶׁעפְטִין וָואו עֶר דַאדוּרְךְ זַיינֶע צַייט נִיכְט פַרְשְׁוֶוענְדִין מוּס. נֶעמְלִיךְ אַקְצִיֶען צוּ קוֹפִין. אָדֶער גְרוּנְד שְׁטִיקֶע. וֶוען אוֹיךְ דַאס נוּר דִיא אַיינְקוּנְפְטִין דַאפוּן בִּיז אַכְט פְּרָאצֶענְט זִינְד. ווייל אָבֶּער זַיין פַּרְמֶעגִין גְרוֹס אִיז. אִיז עֶס יָא דָאךְ הִינְרַייכֶענְד דַאמִיט זַיין הוֹיז צוּ פִירֶן אוּנ דַאדוּרְךְ וִוירְד עֶר גֶעווינִין דַאס יֶער דֶען גְרֶעסְטִין טֵייל פוּן זַיינֶע לֶעבֶּנְס צַייט אוֹיף תּוֹרָה לֶערְנִין פַּרְוֶוענְדִיי קָאן. אָבֶּער לַיידֶר ווייל דֶער וָואס גֶעלְד לִיבְּט וִוירְד עֶר עֶס נִימָאהְל זַאט. הָאט עֶר הוּנְדֶערְט ווינְשְׁט

ער

*) דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט וְשָׂם דֶּרֶךְ. דשם ארחותיו שגיא שוה (דֶער מֶענְשׁ וָואס זִיךְ זַיינֶע וֶועג אוּנ שְׁרִיט אִין יֶעדֶער הִינְזִיכְט גֶענוֹי בֶּערֶעכִינְט אָבּ זִיא זִינְד נָאךְ דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה. דֶער אִיזְט טַייֶער אוּנ אַכְטוּנְגְס וֶוערְט):

אִין דֶען פְרִיעֶרִיגֶען דוֹר וָוא דַאמָאלְס דִיא יִרְאַת שָׁמַיִם מֶעהְר עֶרְנְסְטֶער וָואהְר. הָאבִּין זִיךְ פִילֶע סוֹחֲרִים גֶעפוּנֶען וָואס זִיךְ הָאבִּין אַנְפַאנְגְס וָואכֶע זֶעהְר גֶענוֹי בֶּערֶעכֶענְט ווִיא פִיעֶל גֶעלְד דַאס זִיא בְּרוֹיכֶן אִיהְר הוֹיז דַאמִיט בְּצוּמְצוּם צוּ פִיהְרֶען (ווייל אִיהְר לִיעֶבּ צוּ תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת זֶעהְר גְרָאס וָואהְר אוּנ בֵּייא אִיהְנֶען דִיא צַייט אוּן אַיין טַייֶערִין וֶוערְט שְׁטֶעהְט דַאס זִיא זִיא נִיכְט אוּנְנִיצְלִיךְ פֶרְשְׁוֶוענְדֶען זָאלֶען) נוּן וֶוען אִיהְנֶען הַשֵּׁי״ת גֶעהָאלְפֶען הָאט דַאס זִיא דִיא סוּמָא בַּאלְד אִין דֶען עֶרְשְׁטִין טָאג פֶעְרדִיעֶנְט הָאבִּין. אַזוֹ הָאבִּין זִיא שָׁאן מֶער דִיא גַאנְצֶע וָואכֶע קַיין גֶעשֶׁעפְט גֶעמַאכְט. זָאנְדֶערִין דִיא גַאנְצֶע צַייט הָאבִּין זַייא

פערוועגדעט

ער צוויא. צוויא. ווינשט ער פיער. אונ זא וויטר. אזוי וייט פרפירט איהם דער געלד רייץ דאס ער זיינע גאנצע טייערע צייט פרשווענדט פילע גשעפטין צו אונטר נעמין אום זיין רייכטום נאך צו פרגרעסרין דאמיט ער זיינע קינדר איינן זעהר גראסין נדן געהין קענין זאל *) :

עס איז צו בוואנדערן וויא זינד פרדונקעלט פון זאלכע מענשין דיא אוינן עיני השכל. דיא תורה האט יא געוואהרינט והגית בו יומם ולילה: איז דער זין דאס איין יעדר איז שולדיג אונאויפהערליך זיינע גאנצע לעבנצייט נור מיט תורה צו לערנין זיך צו בשעפטיגען. נור וייל אויף איהנן דיא שולדינקייט איז איר הויז צו פרפלעגן אונ אירע קינדר צו ערציהען אונ צו אונטרריכטען דאס זיא אין דען וועג פון תורה אונ יראת שמים געהן זאלן. ווענן דען איז איהנען ערלויבט עטוואס איין גשעפט צו פירן ווען אויך דאס זיא דאדורך פון איהר תורה לערנין גהינדערט ווערדן. ווען אבער איהר פרמעגין היערייכענד איז זאלכעס צו טוהן ווען זיא אויך קיינע גראסע גשעפטן אונטרנעמן אונ דיא אוהרזאך דאס זיא איהרע צייט פרשווענדן איין גראסן האנדל צו פירען איז נור אויס דיזן גרונד אום זיך מעהר צו ברייכערן. וועער האט איהנן זאלכעס ערלובט – אונ ווא איז איהר

פערנונפט

---

פערווענדעט תורה אונ מצות נאכצוגעהן. ווען זיא אבער האבין זיך מוסן פלאגען דיא גאנצע וואך דיא סומא צו ערפילען. זא האבין זיא זיך מוסען בעגניגט לאסען יעדין טאג עת ערב תורה צו לערנין:

*) זאלכע מענשין דיא וואס איהר פערמעגין הינרייכענד איזט דאס זיא איהר הויז פיהרען קענטין ווען זיא אויך נור וועניג גשעפטין מאכין אונ דאדורך רוב היום זיך בעדיהנן צו קענין תורה אונ מצות צו פערשאפין. נור וייל זיא אויך איהרע קינדער אין הינזיכט נדן אונ מתנות אונ אוס געצייכענטע טייערע קליידר זעהר פילע אלפים שפענדירן ווילן. דאריבר מיסן זיא איהרע געשעפטע זעהר פרגרעסערין אונ פיל מעהר פאן איהרע צייט דאצו פערשווענדן. אונ דאדורך איהרע נשמה פאן תורה אונ עבודה בגזלן. וועהע איהנען דאס זיא האבין אויגן אונ זעהן ניכט. אונ זיא זינד ווען איהרע מעשים צו בטראכטען

אלס

## כלל א שאלה ו

פרנונפט — ווא איז איהר פרשטאנד צו פרטווישען איין פרגניגען וואס אימער אונ עוויג דויערט מיט איין פרגניגען וואס נור קורץ אונ פרגענגליך איז וויא קענן זיך זאלכע איין רעדן דאס ווען זיא נור איין שעה אין טאג לערנין דס זיא מיט דען נאך פאלגן דען ווילן פון השי"ת צו טוהן אונ דאדורך מיט זיך צו פרידן צו זיין. דא זיא זעלבסט וויסן אונ איינזעהן דאס זיא איהרן גוף ווייט מעהר פאהרצוגען טוהן אלס איהר נשמה. דען ווען אויך דס איין מענ"ש אימר פאהר זיך זעהט דאס דיא אלע פרגניגונגען וואס דער גוף גענ"סט ווען זיינע יאהר פראיבר געדן. וויררד ער פון דען אלען דאס רינגסטע ניכט מיט נעמן אונ ווען אויך דאס דער גוף. לעבן אונ עקסעסטירן קענטע מיט איינע געמיינע קאסט. דעננאך בשטרעבן זיא זיך מיט אלען מעגליכן זיינע קאסט רייכליך צו געבן פרשידענע פליישרייא. צו שפייז׳ באקערייא. פרשידנע ויינן. אנדרע אונטרהאלטונגן דען גוף דאדורך אויף צו הייטערין אונ צו בלעבן (דא זיא וואהל וויסן דאס דיא פרנסה וואס זיא זיך בשטרעבן דיא נשמה צו געבן. נעמליך תורה אונ מעשים טובים. דאס דאס איין קרן קיימת איז: אונ ביי איהרן אבלעבן נור דיזעס אליין איהנן בגלייטן וויררד. אונ נור פון דען האבן זיא צו האפן איין אוסערארדענטליכן גראסן שכר אויף דיא עוויגע וועלט) נון ווא איז איהר געוויסן דאס זיא פיר איהר נשמה

זעהר

---

אלס חסרי דעת (מענשין דיא קיין פערשטאנד האבין) וועגין דרייא טעמים:

ערשטענס מיר זעהן יא אלטעגליך היא פיל קינדער פאן עשירים וואס פאן דען גדן פאן איהרן פאטר אונ שוויגער פאטר איין גראסעס רייכטום צו זאמן גקאמען איזט. דענאך אין וועניגע יהרין האט דאס פערמעגין אב גענאמין. פערוועניגערט. ביז צו לעצט האט עס זיך גאנץ אויף גילעזט. נון ווא איזט איהר פערשטאנד דא דער דין איזט אין ספק מוציא מידי ווַדאי דא זיא גזלן איהר נשמה איין זאלכעס עושר. איין זאלכע הצלחה. וואס זיא העטין געוויס אהנע שום צווייפעל ערלאנגען קענין. וועגין איין זאלכעס עושר אונ הצלחה פון איהרע קינדר וואס נור איין ספק צווייפעל איזט:

צווייטענס

זעהר ק״ג אונ מיסגינסטיג זינד דאס זיא איהר קאסט גאנץ גענוי אונ בצמצום. געבן טוהן אזוי דאס איהר לעבן נור חיי צער איז דאס זיא זיך מוס בעגניגט לסען איין גאנצן טאג וואס פיר אונ צוואנציג שעה דויערט. מיט איין שעה וואס זיא חק לערנן אדער איין יום תהלים זאגן — . זינד זיא דען ניכט פון די קינדר אברהם יצחק יעקב די מאן ריימט דאס זיא רחמנים. גומלי חסדים. זינד מיט איין אנדערן נימס צו טוהן. נון וויא קענן זיא אוף זיך אליין קיין ערבארמונג האבן אונ הארטהערציג זיין — ווען אבער די יעניגע העטן זיך בשעפטיגט אלע טאג מיט ספרי מוסר צו זעהן וואס עס זיין פרפאסט צו זאמן גנאמן פון די אגדות. גמרא. מדרש. זוהר. וואס זיא האבן דען קראפט צו עפנן דען מענשן זייגע אויגן. פיעלמעהר דען (שער השמחה) אין (אורחות צדיקים) און (שער הבטחון) אין (חובת תלבבות) וואס דארט איינע האנדגרייפליכע אויף קלערונג איז וויא איין יעדר איינזעהן מוס דען ריינען אמת דאס דאס פיהלע שטרעבן אום רייכטום צו ערלאנגן אומזאנסט אונ אונניצליך איז. וייל די מזונות אונ פרנסה פון דען מענשין. אב זיא ברייט אדר גענגט זיין זאל אלעס ווירד נגזר אויס געזעצט פון השי״ת אונ ווען אויף איהם איז נגזר דאס זיין פרנסה ברייט זיין זאל. אזוי ווירד געוויס דאס ווארט פון הש״י מקוים ווערדן ווען. ער אויך ווענינ געשעפטין

פיהרט

---

צווייטענס ווען אויך דאס זיא העטין גזיכערט גוועזין דאס ווען זיא איהרע קינדר איין גראסין נדן געבין אזו ווערדין זיא עס נימאלס פערלירן. זאנדערין זיא ווערדין דאדורך איהרע גאנצע לעבענסצייט בעגליקט אונ רייך זיין. אבר דאס מיסן זיא יא בקענין דאס איינע זאלכע הצלחה אונ שלוה באלד פעראיבר געהט. נון זאלין זיא מיר זאגין ווא איזט איהר שכל. ווא איזט איהר תבונה. דאס זיא פערטוישען אונ פערוועכסלין זאלין איינע זאלכע הצלחה אונ עושר וואס נצחי איזט עוויג דויערט. פיר איינע הצלחה ועושר וואס נור זמניי איזט איינע צייט לאנג:

דריטענס ווען אויך דאס זיא אין איהרע מאכט העטין דורך דען גראסי,

נדן

פִיהְרט. אִיז אָבֶּר אוֹיף אִיהְם נִגְזַר דַאס עֶר גֶענְגט אוּנ בְּצִמְצוּם לֶ'עבְּן מוּס. זָא וִוירְד גֶעוִויס אִיהְם נִיכְט נִיצֶען וֶוען עֶר נָאךְ אַזוֹי פִיעהְל גְשֶׁעפְטֶן אוּנְטֶערְנִימְט. נוּן וֵוייל עֶר שָׁאהְן יֶעצְט זָאלְכֶעס אֵיינְזֶעהְט אוּנ דַאפוּן פֶּעסְט אִיבֶּר צֵייגְט אִיז. אוֹיס וֶועלְכֶע אוּהְרזַאךְ זָאל עֶר זַיין תּוֹרָה לֶערְנְן פְרהִינְדֶערין. אוּנ אוֹיס וֶועלְכֶן גְרוּנְד זָאל עֶר נִיכְט אַכְט גֶעבְּן בֵּייא זַיין הַאנְדֶל אוֹיף בֶּעטְרוּג. אוּנ גֶזֶל וְהַשָׂגַת גְבוּל אוּנ חִילוּל שַׁבָּת. דַא עֶר יֶעצְט וֵוייס דַאס דִיזֶעס אַלֶעס נִיכְט אִיהְם וִוירֶקְן קֶענְן זַיין פַרמֶעגְן מִיט דֶען גְרִינְגְסטְן צוּ פַרגְרֶעסֶערְן וֶוען עֶס אִיהְם נִיכְט מִן הַשָּׁמַיִם בֶּעשְׁטִימְט אִיז (אָפְט מָאהְל אִיז אוֹיף דֶען מֶענְשֶׁן נִגְזַר דַאס עֶר רֵייךְ זַיין זָאל. אוּנ וֶוען עֶר הֶעטֶע זַיין גְשֶׁעפְט נוּר נָאךְ דִיא פָאהְר שְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה גֶעפִיהְרט: אַזוֹי הֶעטֶע זִיךְ גֶעוִויס זָאלְכֶעס בֶּשְׁטֶעטִיגְט. אָבֶּר וֵוייל דֶער גְרָאסֶער גֶעלְד רֵייץ וָואס עֶר הָאט דַאס עֶר זִיךְ מֶעהְר בֶּערַייכֶערְן זָאל פֶערְאוּרזַאכְט בֵּייא אִיהְם זַיין גְשֶׁעפְט נִיכְט נָאךְ דִיא תּוֹרָה אִיהְר פָאהְרשְׁרִיפְט צוּ פִירֶען זָאנְדֶערִין מִיט חִילוּל שַׁבָּת אוּנ בַּטְרוּג אוּנ גֶזֶל. אוֹיף דֶען דֶער פָּסוּק זָאגְט עוֹשֶׂה עוֹשֶׁר וְלֹא בְּמִשְׁפָּט בַּחֲצִי יָמָיו יַעַזְבֶנוּ, דֶער וָואס זִיךְ רֵייכְטוּהְם פֶערְשַׁאפְט אוֹיף דֶען אוּנרֶעכְטֶן וֶועג, מוּס עֶר עֶס פֶערְלָאסֶן אִין דִיא הֶעלְפְטֶע פוּן זַיינֶע יָאהְרֶן. וֵוייל דָאס אוּנרֶעכְטֶע גֶעלְד מַאכְט פַרלִירֶן אוּנ רִיכְטֶעט צוּ גְרוּנְד דָאס רֶעכְטֶע. זָא אִיז עֶר זִיךְ דַאמִיט זֶעלְבְּסְט גוֹרֵם דַאס דִיא גְזֵירָה פוּן השי"ת נִיכְט אִין עֶרפִילוּנְג קָאמֶן קֶען) פִיהְל מֶער וֶוען עֶר

אין

---

גְדַן אִיהְנֶן אֵיינֶע עֶווִיגֶע הַצְלָחָה צוּ פֶערְשַׁאפֶן. דַא זִיא אָבֶּער אִיהְנֶן זָאלְכֶעס נִיכְט גֶעבִּין קֶענִין זָאנְדֶערִין דַאס זִיא דַאדוּרךְ אִיהְר נְשָׁמָה פֶערְקִירְצֶען אוּנ זִיא בְּגַזְלֶן פוּן אִיהְר הַצְלָחָה בִּנְצְחִיוּת. נוּן דַא דִיא תּוֹרָה זָאגְט חַיֶּיךָ קוֹדְמִין דַאס דֶער מֶענְש צוּ זִיךְ דֶער נָאהֶעסְטֶער פְרַיינְד אִיזְט. אוּנ אִיזְט שׁוּלְדִיג עֶרְסט זִיךְ צוּ פֶערְזִיכֶערִין אוּנ צוּ פֶערְזָארגִין. נוּן וִויא קָאן זַיין הֶערְץ אִיהְם בֶּעוִוילִיגֶען זָאלְכֶעס צוּ טוּהְן. דַארִיבֶּר וֶוען זִיא רַחֲמָנִים אוֹיף אִיהְרֶע קִינְדֶער זִינְד אוּנ וִוינְשֶׁן אִיהְנֶען גְלִיק צוּ פֶערְשַׁאפֶן. זָאלִין זִיא פָאלְגֶען דִיא עֵצָה פוּן (משלי שלמה) מִתְהַלֵּךְ בְּתֻמּוֹ צַדִּיק אַשְׁרֵי בָנָיו אַחֲרָיו דֶער צַדִּיק וָואס אִין פְרָאמִין וֶועג גֶעהְט וָואהְל זַיינֶע קִינְדֶער נָאךְ אִיהְם:

דער

אין דיא ספרי מוסר זעהט דאס דער זכות פון שבת האלטן געגויא. אונ דער זכות פון תורה לערנין אונ פרייא געביג זיין פון דיא מצוה פון צדקה. אונ מהדר במצות צו זיין (דאס דיא מצוה שענר אונ בעסר זיין זאל. אויף דען מעדר געלד צו שפענדירן) דיזעס אלעס ווירקט דאס זיין פרנסה ברייט זיין זאל. זא העטע ער געוויס אויף זיך גענאמן נור דיא פאהרשריפט פון דיא תורה גענוי נאך צו פאלגין אונ דאס גרינגסטע ניכט אויס צו טרעטן:

אונ מאנכע וואס איהרע עבודה צו השי"ת אין היענזיכט תפלה ק"ש. אונ ברכות. אונ ברכת המזון בענטשין זעהר געמיין איז. אונ דאדורך ניכט נור דאס זיא ניכט איהר עבודה פייעריג אונ מיט שמחה פעררריכטען. זאנדעריי זיא זינד נאך פיהלע מדריגות שטופן צוריק. וייל זיא איהר עבודה זעהר איילענד פעררריכטן אונ דאדורך ניכט נור דאס זיא קיין פירוש המילות אין זין האבן קענו דען אינהאלט פון דיא תפילה, אונ ברכה. זאנדערן נאך ערגער. דאס זיא פרשלינגען בוכשטאבן אונ ווערטער וואס זיא ניכט דייטליך אויס שפרעכען *). אונד מיט איין זאלכע עבודה פרלעבן זיא איהרע יאהר אונ אזו וייט זינד איהרע אויגן פרדינקעלט דאס נאך איהרע איינזיכט זינד זיא ערליכע יודען אונ טוהן דען ווילען פון השי"ת:

דער פערשטענדיגע אבער דער וואס זיך אויף איהגן איינע גנויע בטראכטונג מאכט. מוס שטוינען אויף איהרע פירונג. דען ווען זיא

*) דער צדיק (רבי יואל מוכיח זללה"ה) איזט געקאמען אין איין גאסטהויז אבענדצייט בזמן מנחה וועהרענד דער בעל הבית האט גדאוינט. אזו האט ער אויף איהם אכט געגעבין אום צו וויסען וויא ווייט זיין יראת שמים געהט. אזו האט ער גזעהן דאס ער אזו איילענד אונ גשווינד דאווינט דאס דער צו הערער האט ניכט קענין אוס געהמין נימאהלס איין ווארט וואס ער דייטליך מיט דיא אותיות אונ נקודות גזאגט העטטע. דאס ניכט נור דאס מאן מיט זאלכע רייד מיט איין מלך רעדין קענטע זאנדערין מיט איין הדיוט זיינס גלייכען וועהרע עס אויך ניכט פאסענד. וויא דער בעל הבית האט זיין דאווינען פערפערטיגט אונ האט דען צדיק גזעהן. האט ער איהם גגעבין שלום אונ דאביי איהם גפרעגט פון

## כלל א שאלה ו

זִיא הֶעטֶען אָפט גְזֶעהֶן סִפְרֵי מוּסָר דַאס דִיא מִשְׁנָה זָאגְט וֵוייל תְּפִלָּה אִיזְט אַזוֹ טֵייעֶר אוּנ שְׁטֶעהְט אִין דֶען גְרַאד אַלְס מַאן הֶעטֶע מַקְטִיר קְטוֹרֶת גְוֶועזֶן. אוּנ דִיא מִצְוָה פוּן קְרִיאַת שְׁמַע נִיכְט נוּר דַאס זִיא אַזוֹ חָשׁוּב אִיזְט אַלְס זִיא הֶעטֶען דָאס קָרְבָּן תָּמִיד מַקְרִיב גְוֶועזֶן. זָאנְדֶערְן נָאךְ טְהֵייעֶרֶער דַאס וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר פִילֶע עֲבֵירוֹת הָאט עוֹבֵר גְוֶועזֶן וָואס עֶר וֶועגֶן אִיהְנֶן מוּס גְשְׁטְרָאפְט וֶוערְדֶן יְסוּרִים אִין גֵיהִנָּם צוּ לֵיידֶען. נִיצְט אִיהְם דִיא מִצְוָה פוּן קְרִיאַת שְׁמַע דַאס דָאס גֵיהִנָּם וִוירְד אִיהְם אָבּ גֶעקִיהְלט. אוּנ דֶער תַּנָּא זָאגְט וּכְשֶׁאַתֶּם מִתְפַּלְלִים וִוען אִיהְר אַייעֶר גֶבֶּעט פֶערְרִיכְט דַע לִפְנֵי מִי אַתֶּם עוֹמְדִים (זָאלְט אִיהְר אַייךְ גוּט אִיבֶּער לֶעגֶן פַיר וֶועהְם אִיהְר שְׁטֶעט אַייעֶר גֶבֶּעט צוּ פֶערְגִיסֶן). אוּנ דַארִיבֶּער זָאגְט דִיא מִשְׁנָה אֵין עוֹמְדִין לְהִתְפַּלֵּל אֶלָּא מִתּוֹךְ כּוֹבֶד רֹאשׁ מַאן דַארְף נִיכְט אַיילֶענְד גֶעהֶן צוּם דַאוִוינֶען. זָאנְדֶערְן דַאס מַאן פְרִיהֶער זָאלְכֶע עִנְיָנִים אוּנ מַחֲשָׁבוֹת נָאךְ דֶענְקִין טוּהְט וָואס עֶס קָאנְן פֶערְאוּרְזַאכֶן דַאס דֶער מֶענְשׁ צִיטֶערְן אוּנ צוּ רִיק שְׁרֶעקְן זָאל פַאר דִיא עֶהְרְפוּרְכְט פוּן דֶען הֵיילֶעגְן בּוֹרֵא. פִילְמֶעהְר דַאס זָאלְכֶע תְּפִילוֹת אוּנ בְּרָכוֹת דִיא מַאן נְשְׁוִוינְד אוּנ אֵיילֶענְד אָהְנֶע כַּוָּונָה זָאגְט. קֶענְן פְרַאוּרְזַאכֶן דַאס מַאן אִיהְם פֶערְאוּנְרֵיינִיגְט מִיט מִקְרֶה לַיְלָה

רחמנא

---

וָוא עֶר אִיזְט. אַזוֹ הָאט עֶר אִיהְם מִיט אַבְּזִיכְט אוּנ עֶרְמָה אֵיילֶענְד אוּנ גְשְׁוִוינְד תְּשׁוּבָה גְגֶעבִּין גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט אַזוֹ דַאס עֶר אִיהְם גָאר נִיכְט פֶערְשְׁטֶעהֶן זָאל. אַזוֹ הָאט עֶר אִיהְם נָאךְ אֵיינְמָאל גְפְרֶעגְט פוּן וָוא עֶר אִיזְט אַזוֹ הָאט עֶר אִיהְם ווִידֶער אוֹיף אַזוֹ אֵיין צַרְט תְּשׁוּבָה גְגֶעבִּין דַאס עֶר אִיהְם וֵוייטֶער נִיכְט פֶערְשְׁטֶעהֶן זָאל. בִּיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיזְט גֶקָאמֶען אִין כַּעַס וָואהְר עֶרְצִירֶענְט. זָא הָאט אִיהְם דֶער צַדִּיק גְפְרֶעגְט וָוארוּם עֶר בְּרוֹגֶז אִיזְט. זָא הָאט עֶר צוּ אִיהְם גְזָאגְט וֵוייל דֶער רֶבִּי מִיךְ פֶערְאַכְטֶן טוּט. מִיר אוֹיף אַזוֹ אַרְט צוּ רֶעדִין דַאס אִיךְ עֶס נִיכְט פֶערְשְׁטֶעהֶן זָאל. זָא הָאט עֶר צוּ אִיהְם גְזָאגְט יִשְׁמְעוּ אָזְנֶיךָ מַה שֶּׁפִּיךָ מְדַבֵּר דַיינֶע אוֹיעֶרִין זָאלִין הֶערִין וָואס דַיין מוֹיל רֶעדִין טוּט. וָוארוּם מַאכְסְטוּ הַשֵּׁי״ת בְּרוֹגֶז דַאס דוּא צוּ אִיהְם אוֹיף אַזוֹ אַרְט רֶעדִין טוּהְסְט וָואס מַאן דִיךְ נִיכְט פֶערְשְׁטֶעהֶן קָאן. דַא דִיךְ זָאלְכֶעס פֶערְדְרִיסְט פוּן אֵיין מֶענְשׁ דַיינֶעס גְלֵייכֶן. קִיל מֶעהְר אֵיין מֶענְשׁ זָאל הָאבִּין דִיא הָעָזָה קֶעקְהֵייט זָאלְכֶעס צוּ הַשֵּׁי״ת צוּ טוּהְן.

רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹ הֶעטֶע עֶר גֶעוִויס נִיכְט נוּר פוּן נוּן אַן אֵיינֶע גְרָאסֶע הַסְכָּמָה זִיךְ גֶמַאכְט דַאס זַיין עֲבוֹדָה שֶׁעהְנֶער אוּנ בֶּעסֶר זַיין זָאל. זָאנְדֶערְן עֶר הֶעטֶע מִיט אֵיין צֶערבְּרָאכֶען הֶערְץ גֶעוויינְט צוּ השי״ת דַאס עֶר אִיהְם מוֹחֵל (פֶּערְצֵייהֶען) זָאל אוֹיךְ דֶען פֶערְנַאנְגֶען :

אוּנ מַאנְכֶע וָואס זִיא דִיא לֵיידֶענְשַׁאפְט פֶערְפִיהְרְט דַאס זִיא זִיךְ בֶּעשְׁטְרֶעבֶּן אִיהְרֶען גוּף צוּ פֶּרשֶׁעהְנֶערְן אוּנ מִיט אַלֶען מֶעגְלִיכֶען צוּ צִיעְרֶען אוּנ צוּ שְׁמִיקֶען, עֶס שְׁטֶעהְט אִין מֶדְרָשׁ אָמַר ר׳ אַמִי בְּשָׁעָה שֶׁיֵצֶר הָרָע רוֹאֶה אָדָם מְמַשְׁמֵשׁ בְּעֵינָיו מְתַקֵּן בִּשְׂעָרוֹ. מַתְלָא בְּעָקְבוֹ. הוּא אוֹמֵר הָדֵין דִּדִי וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעהְט אֵיין מֶענְשׁ דֶער זִיךְ תָּמִיד זַיינֶע אוֹיגֶען פִּיצְט אוּנ צִיהְרְט. אוּנ רִיכְט זִיךְ דִיא הָאר. אוּנ דִיא בֶּעוֶועהְגוּנְג פוּן זַיינֶע פִיס זִינְד מִיט נַאוָה (שְׁטָאלְץ) זָאגְט עֶר דוּא בִּיזְט שָׁאן גַאנְץ אִין מֵיינֶע הַאנְד :

דַאס דִיא רֵייד פוּן דֶען מֶדְרָשׁ דִיא רֵיינֶע ווָארְהֵייט אִיזְט. בֶּעווייזְט יַא דִיא אִיבֶּערְצֵייגוּנְג. וֶוער אֵיינֶע בֶּטְרַאכְטוּנְג מַאכְט אוֹיף זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען זֶעהְט וִויא בֵּיי אִיהְנֶען אֵיין עֲבֵירָה צִיגְט דִיא אַנְדֶערֶע בִּיז צוּ לֶעצְט זִיא דָאס גַאנְצֶע יָאךְ פוּן תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת פוּן זִיךְ עֶנְטְרֵייסֶען. וַוייל אָבֶּער יֶענֶע פוּן סִפְרֵי מוּסָר עֶרְוֶוייטֶערְט זִינְד. גְלוֹבֶּן זִיא דַאס זָאלְכֶע זַאכֶען נוּר קְלֵיינִיגְקֵייטִין זִינְד :

אוּנ מַאנְכֶע וָואס אִיהְנֶען דֶער יֵצֶר הָרָע פֶערְפִיהְרְט תּוֹרָה לֶערְנֶען צוּ פֶערְלַאסְן אוּנ בַּשְׁטְרֶעבֶּן זִיךְ צוּ בַּשֶׁעפְטִיגֶען מִיט פְרֶעמְדֶע קֶענְטְנִיססֶע צוּ לֶעהְרְנֶען. אוּנ דַאס זִיא קוּנְדִיג זַיין זָאל אִין מֶעהְרֶערֶע שְׁפְּרַאכֶן. וַוייל זִיא גְלוֹיבֶּן דַאס זִיא דַאדוּרְךְ זִיךְ לֵייכְטֶער אוּנ גְרִינְגֶער מְפַרְנֵס זַיין וֶוערְדֶען. וִויא אוֹיךְ בֵּיים גְשֶׁעפְט ווירְד זָאלְכֶס בֵּיי אִיהְנֶען פִיהְל גִיצֶען דַאס זִיא גְרָאסֶע קֶענֶער זִינְד אִין שְׁרֵייבֶּן דַאס זִיא נִימָאהְלְס אֵיינֶען פֶעהְלֶער מַאכֶען וֶוען זִיא וֶועכְסְלֶען אוּנ קָאנְטְרַאקְטֶען אוֹיספֶערְטִיגֶען. אָדֶער אִיהְרֶע גְשֶׁעכְטֶען אִין בּוּךְ נִידֶער שְׁרֵייבֶּן. אוּנ דַארִיבֶּער שִׁיקֶען זִיא אִיהְרֶע קִינְדֶער אִין דִיא גְרָאסֶע שְׁטֶעט צוּ לֶעהְרְנֶען אִין דִיא הַאנְדֶעלְס שׁוּהְל. אוּנ וַוייל זִיא אִין עִנְיְנֵי מִסְחָר וְקִנְיָן קוּנְדִיג זַיין וֶוערְדֶען. זָא וֶוערְדֶען

## כלל א שאלה ו

זִיא יָא גֶוִים בֶּעגְלִיקְן אוּנ רֵייךְ וֶוערְדֶן – דַארִיבֶּר פִינְדֶע אִיךְ מִיךְ שׁוּלְדִיג אִיהְנֶן אוֹיף צוּ קְלֶעהְרְן אוּנ צוּ בֶּעוַוייזֶן דַאס אִיהְר גַאנְצֶס טוּהְן אוּנ פָארְנֶעהְמֶן אִיזְט שֶׁקֶר אוּנ נִיכְט נוּר אוּנְנִיצְלִיךְ. זָאנְדֶרְן אוֹיךְ שֶׁעדְלִיךְ. דֶען וַוייל זִיא וֶוערֶן דֶען אִין דִיא מְקוֹמוֹת הַמִּתְפַּרְצִים אוֹיס גְלַאסֶנֶע שְׁטֶעט גֶעהְן אוּנ מֶערֶערִי צֵייטֶן צוּ זַאמֶן קָאמֶן מִיסֶן אוּנ אִין פֶרְבִּינְדוּנְג שְׁטֶעהְן מִיט זָאלְכֶגֶע חֲבֵרִים אוּנ מוֹרִים וָואס כּוֹפְרִים זִינְד. עֶנְטְוֶועדֶר דַאס זִיא וִוירְקֶן בֵּייא זִיא דִיא אֱמוּנָה צוּ דִיא תּוֹרָה אוּנ יִידִישֶׁקַייט גַאנְץ אוֹיס צוּ וָוארְצְלֶן אָדֶר צוּ פֶרְוֶוענִיגֶרְן אוּנ צוּ פֶרְשְׁוֶועכֶן אוּנ דֶער גֶעוִוין פוּן זָאלְכֶע קֶענְטְנִים אִיזְט זֶעהְר זֶעלְטֶן. דֶען הָאט זִיךְ שָׁאהְן אֵיינְמָאל עֶרְאֵייגְנֶט דַאס מַאן אֵיין וֶועבְּסֶל אָדֶר אֵייגֶן פֶרְטְרַאג פִיר אוּנְגִילְטִיג עֶרְקְלֶערְט הָאט וֵוייל דִיא שְׁרִיפְט וַואהְר נִיכְט שֶׁעהְן. אָדֶר וֵוייל עֶר זִיךְ גֶעאִירְט הָאט שְׁטַאט אֵיינֶע גְרָאסֶע הַא אֵיינֶע קְלֵיינֶע צוּ שְׁרֵייבֶּן. דַארִיבֶּר אִיזְט דֶער דֶרֶךְ הַיָּשָׁר דַאס אֵיין מֶענְשׁ זָאל עֶטְוַואס אֵיינֶע וִויסֶענְשַׁאפְט הָאבֶּן פוּן כְּתַב וּמִכְתָּב אוּנ אֵיין וֶוענִיג לֶעזֶן קֶענֶן. אוּנ וֶוענְן דֶען אִיזְט נִיכְט נָאטְוֶוענְדִיג נָאךְ דִיא גְרָאסֶע שְׁטֶעט צוּ גֶעהְן. דֶען זָאלְכֶם קָאן עֶר יָא לֶערְנֶן אִין אֵיין יֶעדֶן דָארְף בֵּייא דֶען מוֹרֶה וָואס עֶר וִוירְד גֶערוּפֶן רֶעקְטוֹר. פִילְמֶעהְר וֶוען מַאן לֶעהֶרְנְט סִפְרֵי מוּסָר פוּן דִיא עִנְיָנֵי אֱמוּנָה דַאס מַאן דַאדוּרְךְ אֵיינְזֶעהְט דַאס דֶער גַאנְצֶר פְּלֵיים אוּנ פִּילֶעס שְׁטְרֶעבֶּן פוּן דֶען מֶענְשֶׁן אַלֶס נוּר הֶבֶל אִיזְט. וֵוייל נוּר השי״ת אַלֵיין מַאכְט אָרִים אוּנ רֵייךְ. אוּנ בֵּייא אִיהְם אִיזְט קַיין צוּרִיק הַאלְט צוּ הֶעלְפֶן מִיט וֶוענִיג אָדֶר פִיהְל. זָא אִיזְט דִיא אֱמֶתְדִיגֶע אֱמוּנָה דִיא וַואהְרֶע הַאנְדֶלְס שׁוּהְל. אוּנ דָאס שְׁפְּרִיכְוָוארְט פוּן דִיא גְמָרָא (זבין וזבין תגרא אקרי) קוֹיף אוּנ פֶערְקוֹיף. בִּיזְט דוּא אֵיין גֶלֶעהְרֶנְטֶר סוֹחֵר :

אוּנ דַאס דִיא רֵייד דִיא רֵיינֶע וָוארְהֵייט אִיזְט. בֶּעוֵוייזְט יָא דִיא אִיבֶּערְצֵייגוּנְג אִין אֵיין יֶעדֶע שְׁטָאט דַאס מַאן זֶעהְט פִילֶע מֶענְשֶׁן וָואס גַאנְץ אוּנוִויסֶענְד זִינְד: דַאס זִיא זִיךְ גֶענוֹי אוֹיף יִידִישׁ חַתְמֶנֶן קֶענֶין. אוּנ דֶענְנָאךְ זִינְד זִיא גְרָאסֶע קְצִינִים אוּנ עֲשִׁירִים. אוּנ פִילֶע

מענשין

מענשן וואס זיא זינד קונדיג אין פילע וויסענשאפטן אונ דאך זינד זיא געמיין אונ ארום:

**שאלה ז** אב איינע זאכע פערהאנדען איזט וואס עס קאן פערואוהרזאכען דאס דער מענש דורך איהר קיינמאהל צו איין עבירה קאמען זאל. אונ ווען ער אויך קאמט. וועניגסטענס ווירד זיא ביא איהם ניכט איבר באכט זיין:

**תשובה** וויל ביא איינין מענשין מעהר ווירקונג אונ איינדרוק מאכט זאלכם וואס ער אליין דאפון איבערצייגט ווארען איזט (האט ער עס מיט זיינע אוגין גזעהן. מיט זיינע אוערין געהערט. מיט זיינין מזיל גגעסין אונ האט גשפיהרט דיא פיינהייט אונ דיא זיססונג דאפון) אלס איינע זאלכע זאכע וואס ער האט ערצעהלין געהערט ווען אויך דאס ער ניכט צווייפילט אן דיא ווארהייט דאפון. עיין (עת לעשות חלק א דף ו׳ ע״ב):

וויל דער יצר הרע דען מענשין וועהרענד זיינע גאנצע לעבענסצייט איהם איין טאדעס פיינד איזט. אונ בשטרעבט זיך אימער איהם צו פערפיהרען. ווען אויך דאס ער וויים דאס ער שאהן אונצעליגע מאל איז פון איהם בעזיגט ווארדין. דאס ער איהם אונטערדריקט האט אונ וואהר איין גבור הכובש את יצרו. דענגאך בנייעט ער מיט איהם טאג טעגליך איינע פרישע מלחמה צו האלטין אונ דארום זאגט דיא משנה אל תאמין בעצמך עד יום מותך דאס איין מענש זיך קיין צו טרזיען שענקין קאן דאס ער אימער אין דיא פרעמיקייט בלייבן ווירד, ביז ער גשטארבין ווירד זיין:

אונ וויל אלעס זיך ווענדט וויא דען מענשנס זיינע פיהרונג איז אם ענדע פון זיינע לעבענס יאהר, דאריבער איז אויף איין יעדין מענשין איינע גראסע שולדיגקייט דאס ער זיך בשטרעבין זאל יעדין טאג זעהר פילע ספרי יראה אונ מוסר צו זעהן, וויל נור דיא קענין פערווארזאכין ביא דען מענשין ניכט נור דאס ער זיך אויף דיא

# כלל א׳ שאלה ז׳

פָאהְרְשְׁרִיפְט פון דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זֶעהְר אַכְט גְעבִּין ווִירְד זִיא טְרֵייא א.. גֶענוּי נָאךְ צוּ פָאלְגֶן, אוּנ דִיא פַארפְלָאסִגֶע אָהְר פוּן דִיא בֶּעגַאנְגֶגֶע פֶעהְלֶער דִיא עֶר זַיין נְשָׁמָה דַאבִּיט בַּאפְלֶעקְט אוּנ בֶּשְׁמִיצְט הָאט מִיט אַלֶען מֶעגְלִיכֶן זִיךְ בְּשְׁטְרֶעבִּין ווִירְד זִיא צוּ רֵיינִיגֶען אוּנ צוּ לֵייטֶערִין, אוּם דַאס עֶר ווֶעוֶן דֶען זוֹכֶה זָאל זַיין צוּ דֶען שְׂכַר פוּן עוה״ב, זָאנְדֶערְן זִיא ווִירְקֶן בֵּייא אִיהם דַאס דָאס פֵייעֶר פוּן דִיא לִיבּ צוּ השי״ת אוּנ צוּ זַיין תּוֹרָה אִין גְרָאסִין פְלַאם קָאמְט דַאס דַאמָאלְס ווֶעהֶרֶנְד עֶר תּוֹרָה לֶערִינְט אוּנ מִצְוֹת מְקַיֵּים אִיזְט שְׁפִּירְט עֶר דִיא פְּסוּקִים פוּן תְּהִלִּים מְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנוֹפֶת צוּפִים דִיא מִצְוֹת טְרֵייא צוּא בֶּפָאלְגֶען זִינְד זִיכֶר אַלְס דֶער פֵיינֶר הָאנִיק. הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפָּז זִיא זִינְד גְלִיסְטִינֶער אַלְס דַאס פֵיינֶע גִינְגָאלְד, דַאס זִיא בֶּאֱמֶת אִין דִיא ווִירְקְלִיכֶקַייט אַזוֹ זִינְד, אַזוֹ אִיזְט זַיין הֶערְץ פָאלֶער פְרֵייד אוּנ זַאט פוּן נַחַת רוּחַ דַאס עֶר פִיהלְט זִיךְ דַאמָאלְס גְלִיקְלִיכֶר אַלְס אַלֶע רֵייכְסְטִין אִין דֶער ווֶעלְט - נוּן ווֶען אֵיין מֶענְשׁ אוֹיף אַזוֹ שְׁטַאנְד קָאמְט, זָא אִיזְט עֶר גֶעווִיס גֶזִיכֶרְט דַאס אִיהְם דֶער יֵצֶר הָרַע נִימָאלְס פוּן דֶען ווֶעג דֶער תּוֹרָה פֶערפִידְרֶען קֶענִין ווִירְד, דֶען ווֶעלְכֶע הַצְלָחָה ווֶעלְכֶע גְדוֹלָה, ווֶעלְכֶע זִיסוּנְג פוּן אֵיין לֵיידֶענְשַׁאפְט אִיזְט פֶערְהַאנְדִין אוֹיף דִיזֶע ווֶעלְט דַאס עֶר זָאלְכְס אוּנְגֶעהֵייעֶרְס בְּרֶענֶנְד פֵייעֶר אִיבֶּר ווִינְדֶן אוּנ לֶעשִׁין קֶענִין זָאל (דֶען ווֶען זִיךְ אוֹיךְ טְרֶעפְט מַאנְכֶם מָאהְל אֵיינֶע צֵייט ווִיא דֶען מֶענְשִׁינְס פֶערְשְׁטַאנְד ווֶערְד פֶערְמִישְׁט אוּנ פֶערְווִירְט דַאס עֶר דַאדוּרְךְ צוּ עֲבֵירוֹת קָאמִין קָאן, ווִיא אִין אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת שְׁטֶעהְט אָב הָרַחֲמִים יַצִּילֵנוּ מִשָּׁעוֹת רָעוֹת בַּארִימְהֶערְצִיגֶר פָאטֶער טוּהֶע מִיךְ רֶעטִין פָאן שְׁלֶכְטֶע שָׁעוֹת, אָבֶּר דִיא פֶערְווִירוּנְג אוּנ פֶערְגֶעסֶענְהַייט הָאט קַיין לַאנְגֶן דוֹיעֶר, דֶען אִין אֵיין הֶערְץ ווִיא אֵיין זָאלְכֶר גְרָאסֶר פֵייעֶר שְׁטָאף זִיךְ בֶּפִינְדֶעט אִיזְט נִיכְט מֶעגְלִיךְ לַאנְג רוּהִיג צוּ זַיין דַאס עֶס נִיכְט אִין פְלַאמֶענְד פֵייעֶר אוֹיסבְּרֶעכִין זָאל) :

# כלל ב

## ותשחק ליום אחרון וכו ה׳ שו״ת

**שאלה ח** איך ווינְשֶׁע אֵיין אויף קְלֶעהְרוּנְג אויף צְוֵייא פְּסוּקִים וָואס זִיךְ סוֹתֵר זִינְד׳ אִין מִשְׁלֵי שְׁלֹמֹה ווירְד דֶער יוֹם הַמִּיתָה שְׁטֶערְבּ טָאג גֶעשִׁילְדֶערְט פִיר אֵיין פְרֵיילִיכֶן אונ לוּסְטִיגֶן טָאג מִיט דֶען וָוארְט וַתִּשְׂחַק-לְיוֹם אַחֲרוֹן׳ אונ אִין (עמוס סימן ח׳) וְאַחֲרִיתָהּ כְּיוֹם מַר ווירְד עֶר אַלְס אֵיין פִינְסְטֶערִין בִּיטֶערְן טָאג בֶּטְרַאכְטֶעט :

**תשובה** אֵלּוּ וְאֵלּוּ דִבְרֵי אֱלֹהִים חַיִּים׳ בֵּיידֶע פְּסוּקִים זִינְד אֱמֶת דֶען דֶער מֶענְשׁ וָואס כָּל יָמָיו זַיין צֵייט פַרְלֶעבְּט אויף דִיזֶע אַרְט וִויא אִין (או״ח סימן רל״א) דִיא פָארְשְׁרִיפְט אִיז׳ גֶעמְלִיךְ דַאס זַיין גַאנְצֶער הַאנְדֶל אונ אֲכִילָה׳ שְׁתִיָּה׳ מַלְבּוּשׁ׳ אונ אַלֶע זֵיינֶע פֶערְגֶענִיגוּנְגֶען דִיא עֶר גֶענִיסְט׳ אַלֶס נוּר אִיזְט בֵּייא אִיהְם אוּים דִיזֶען גְרוּנְד אוּם דַאמִיט דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה בֶּעסֶר נָאךְ פָאלְגֶען צוּ קֶענֶן׳ עיין (עת לעשות חלק א דף נ״ו נ״ז) אונ דַאדוּרְךְ זְעהְר אוּנְגֶעהֵייעֶר פִיהְל בֵּייא הַשֵּׁי״ת פֶּערְדִיעֶנְט דַאס נִיכְט נוּר דַאס עֶר צוּ עֶרְוַוארְטֶען הָאט אֵיין גְרָאסֶן שְׂכַר אויף דִיא אַלֶע מִצְוֹת וָואס עֶר זֵיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּנְסְצֵייט גֶטוּהְן הָאט׳ זָאנְדֶערְן אויף אַלֶע זֵיינֶע אוּנְטֶערְנֶעהְמוּנְגֶען וָואס עֶר זִיךְ הָאט בַּשֶׁעפְטִיגְט פוּן עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶּה׳ הָאט עֶר זָאלְכֶעס צוּא עֶרְוַוארְטֶען׳ וֵוייל דֶער וָואס דִיא הֶערְצֶער פְּרִיבְט וֵוייסְט דַאס זֵיינֶע אַבְּזִיכְט פוּן דִיזֶען אַלֶען אָהְנֶע אוֹיסְנַאמֶע וָואהְר נוּר דַאס עֶר דַאדוּרְךְ הַשֵּׁי״ת זַיין תּוֹרָה אונ מִצְ׳ת מֶעהְר אונ בֶּעסֶר טוּהְן קֶענֶן זָאל׳ נוּן וֵוייל דִיא מִשְׁנָה זָאגְט מִיט אֵיינֶע יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דֶער מֶענְשׁ טוּהְט ווירְד בֶּעשַׁאפֶן אֵיין מַלְאָךְ טוֹב וָואס פִיר אִיהְם אויף דִיא קִינְפְטִיגֶע וֶועלְט אֵיין מֵלִיץ יוֹשֶׁר זַיין ווירְד׳ נוּן וֶוען אֵיין מֶענְשׁ דֶער אֵיין זָאלְכֶן וֶועג גֶעהְט הָאט דִיא זְכִיָּה אויף דִיזֶע אַרְט זִיבְּצִיג יָאהְר צוּ פֶערְלֶעבֶּן׳ וִויא פִיהְל שְׁוֶוערֶע מִילִיאָנֶען מְלִיצֵי יוֹשֶׁר הָאט עֶר זִיךְ דוּרְךְ זֵיינֶע גוּטֶע פִיהְרוּנְג וֶועהְרֶענְד דִיא צֵייט אֵיינֶן גֶעמַאכְט (אונ וֶוען אויךְ דַאס זֶעלְטֶען אֵיין מֶענְשׁ עֶקְזִיסְטִירְט דֶער נִיכְט זִינְדִיגְט׳ אָבֶּר בֵּייא אֵיינֶן זָאלְכֶן מֶענְשִׁין

# כלל ב שאלה ח

דער אפט זיך בערעכנט דוירען זאלכע פעהלר ניכט לאנג אונ לאזט
זיא ניכט אלט ווערדן, זאנדרן ער זעהט אלס מעגליכע צוא טוהן
דאס ער זיא מיט חרטה אונ ווידוי אונ דמעות אוים בעסרט, אונ דער
בעל תשובה איזט איין העכרע מדריגה אלס דער צדיק) אונ ווען
דען מענשענס יום פקודה זיין שטערב טאג קאמט דאס ער אבערייזען
זאל, קאמן אלע זיינע פרפלאסנע טעג דיא ער פרלעבט האט איין
יעדער טאג מיט אלע זיינע מעשים טובים וואס ער דאמאלס געטוהן
האט אונ דאדורך זיך מליצי יושר ערשאפין, אין פאראדע, וויים
געקליידעט, אין רייהע אונ גליעד איהם צו בעגלייטן דאס ער צו זיין
געהעריגס ארט אונ קוואטיר אין גן עדן וואס ער זיך פרדיענט גמאכט
האט אונגעהינדרט קאמן צוא קענן, וויא אויך איהם צוא בעהיטן אונ
צוא בעשיצן פון דען פירכטרליכן דרייא טעגיגן וועג וואס ער דורך
דען גהינם רייזען מוז ווא דארט חושך ואפילה איזט, אונ פיהלערלייא
אלפים רבבות נתיבות מוקשי מות זינד - וויא אויך פילע נשמות פון
צדיקים דיא איהם דאמאהל ענטגעגן קאמען צו בעגריסן מיט וויגשונג
יבוא שלום, וויא אויך דרייא כתות פון מלאכי שרת דיא איהם ענטגעגן
געהן מיט ווינשונג בוא בשלום הולך נכוחו (פירש"י בדרך ישרה)
דאס ער זיין וועג אהנע צוריק האלט געהן קענן זאל, יבוא שלום
ינוחו על משכבותם, (עיין רבה פקודי) דאס מאן דען צדיק פאר זיין
פטירה וייזט דען גראסן ארדענטליכן אונענדליכן שכר וואס פאר
איהם בעוה"ב אנגעברייט איזט דאס דאדורך זיין נשמה זיך זעהר
פרייען טוהט אונ גליפט דאהין צוא קאמן, אונ בייא איין זאלכן זיין
פטירה אונ יציאת נשמה נור צו בעטראכטן איזט אלס מאן איין האר
אוים דיא מילך ציהט. נון איין מענש וואס זאלכעס דיא זכיה האט
מיט זיינע אויגין צו זעהן, האט יא גנוים דען פסוק אין משלי זעהר
רעכט אונ אמת דאס דער טאג פון זיין שטערבן איין פריידיגער.
פרעהליכר, לוסטיגר טאג איזט, דען ווען אויך דאס ער נאך אזו רייך
איזט אונ דאס ער בייא פילע מענשן זעהר געשעצט אונ געהערט איזט,

דענגאך

דֶענְנָאךְ אִיזְט עֶר זִיךְ נִיכְט מְצַעֵר דַאס עֶר זָאלְכֶס פֶערְלָאסֶען מוּז, (וַוייל אַלֶס עוֹשֶׁר אוּנ כָּבוֹד אוּנ פֶּרְגֶענִיגְן פוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ דֶעם תַּעֲנוּג אוּנ צוּ דֶען עוֹשֶׁר פוּן עוֹלָם הַבָּא קֵיין דִמְיוֹן וְהִשְׁתַּוּוּת הָאט).

אָבֶּר אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס זִיךְ פוּן דֶען יצה״ר פֶערְפִיהְרֶען לָאסְט אוּנ זֵיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּנְסְצֵייט זִיךְ נוּר בֶּשְׁטְרֶעבֶּן טוּהְט וֶועגֶן עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶה, גֶעלְד, כָּבוֹד מֶמְשָׁלָה צוּא עֶרְוֶוערְבֶּן אוּנ דוּא לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן פוּן דֶען גוּף צוּא עֶרפִילֶן (וַוייל עֲלִיוֹת הַגוּף הַכְנָעוֹת הַנְשָׁמָה אִיזְט) אוּנ פוּן תּוֹרָה לֶערְנִין זִיךְ עֶרוַוייטֶערְט אוּנ דַאדוּרְךְ זֶעהְר פִילֶע מִצְוֹת פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַרְנַאכְלֶסִיגְט זִיא נִיכְט מְקַיֵים צוּ זַיין, וִויא אוֹיךְ זֶעהְר פִילֶע עֲבֵירוֹת צוּ טוּהְן (אוּנ וֶוען מַאן שָׁאן אֵיין עֲבֵירָה אֵיינִיגֶע מָאהְל טוּהְט, זָא אִיזְט זִיא שָׁאן בֵּייא אִיהְם אֵיינֶע גֶעוָואנְהֵייט אַלְס וֶוערֶע עֶס גַאנְץ מוּתָּר). נוּן וֶוען מַאן אוֹיף דִיזֶע אַרְט חָלִילָה דָאס אוּנְגְלִיק הָאט אַלְט צוּ וֶוערְדֶן אוּנ זִיבְּצִיג יָאר צוּ פֶערְלֶעבֶּן וֶוען זַיין יוֹם פְּקִידָה (שְׁטֶערְבּ טָאג) קָאמְט, וָוא דַאמַאלְס אַלֶע זֵיינֶע פֶרְפְלָאסֶנֶע טֶעג דִיא עֶר פֶרְלֶעבְּט הָאט. קָאמֶן אֵיין יֶעדֶר טָאג מִיט דִיא מַעֲשִׂים רָעִים וָואס עֶר דַאמָאלְס גֶעטוּהְן הָאט אוּנ דַאדוּרְךְ מַלְאֲכֵי חַבָּלָה עֶרְשַׁאפִין (וַוייל מִיט אֵיינֶע יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס דֶער מֶענְשׁ טוּהְט וִוירְד בֶּעשַׁאפִין אֵיין מַלְאָךְ רָע וואס עֶר וִוירְד גֶערוּפִין קַטֵיגוֹר דֶער וָואס אוֹיף אִיהְם מְלַמֵד חוֹב אִיזְט אוּנ בֶּעשְׁטְרָאפְט אִיהְם) וִויא פִיהְל שְׁוֶוערֶע מִילִיאָנֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אִין רֵייהֶע אוּנ גְלִיעֶד, אִין טְרוֹיעֶר, שְׁוַוארְץ גֶעקְלֵיידֶעט קָאמִין אִיהְם צוּ בֶּעגְלֵייטִין, אִיהְם צוּ פִיהְרֶען אִין דִיא פִינְסְטֶערֶע שִׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵיהִנָם, אוּנ דְרֵייא כִּתּוֹת פוּן מַלְאֲכֵי חַבָּלָה דִיא אִיהְם קָאמִין עֶנְטְגֶעגִין מִיט וִוינְטְשׁוּנְג: בְּשׂוֹרוֹת רָעוֹת מִיט דֶען וָוארְט אֵין שָׁלוֹם וכו׳. לְמַעֲצֵבָה תִּשְׁכָּבוּן, רְדָה וְהָשְׁכְּבָה אֶת עֲרֵלִים, אוּנ דִיא בִּיטֶערֶע יְסוּרִים פוּן יְצִיאַת נְשָׁמָה בֵּייא אֵיין רָשָׁע זִינְד זֶעהְר פִּירְכְטֶערְלִיךְ וִויא וָואל דִיא אִין דֶערְנֶער זֶעהְר פֶּרְוִוירְט אִיזְט, דִיא נִיכְט מֶעגְלִיךְ אִיזְט אַרוֹיס צוּ נֶעהְמִין דַאס זִיא נִיכְט אוֹיף פִילֶע זֵייטִיִי אִיבֶּער גֶערִיסֶן וִוירְד (דַאס דֶער פָּסוּק אִין תְּהִילִים אִיזְט יִתְפַּלֵל לְעֵת

## כלל ב שאלה ח

מְצוּא דַאס מַאן שוּלְדִיג אִיזְט בֵּייא זֵיינֶען לֶעבֶּין פִיהְל גִבֶּעט צוּ פַּרְגִיסֶן דַאס וֶוען דִיזֶע צַייט קָאמְט דַאס זִיא נִיכְט אַזוֹ יֶעמֶערְלִיךְ אוּנ בִּיטֶער זֵיין זָאל) אוּנ פָאר יְצִיאַת נְשָׁמָה קָאמְט אֵיין קָאמִיסִיאָן פוּן בֵּ״ד שֶׁל מַעְלָה אוּנ לֶעגֶען אִיהְם פָאר זֵיין בּוּךְ מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דִיא עֶר כָּל יָמָיו גֶעטוּהְן הָאט, אוּנ וַוייזֶען אִיהְם דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע עוֹנְשִׁים וָואס פָאר אִיהְם אָנְגֶעבְּרֵייט אִיזְט דִיא עֶר אֵיינֶע גֶעוִויסֶע צַייט לֵיידִין מוּז, נוּן וֶוען מַאן זִיךְ פָאר אוֹיגֶען נִימְט זַיין גְרָאסֶעס עוֹשֶׁר אוּנ שַׁלְוָה אוּנ כָּבוֹד צוּרִיק צוּ לָאסֶען, אוּנ פָאר זִיךְ הָאט אֵיינֶע זָאלְכֶע יְצִיאַת נְשָׁמָה אוֹיס צוּ שְׁטֶעהְן, אוּנ בַּאלְד דַארוֹיף זָאלְכֶע בְּשׂוֹרוֹת רָעוֹת צוּ הֶערִין פוּן דִיא דְרֵייא כִּתּוֹת. אוּנ צוּ מֶעהֶערֶע אִיבֶּערְצֵייגוּנְג, דַאס זָאלְכֶעס אֱמֶת אִיזְט, זֶעהְט עֶר מִיט זֵיינֶע אוֹיגֶן דִיא בִּיטֶערֶע עֶלֶענְדֶע, טְרוֹירִיגֶע, בֶּעגְלֵייטוּנְג פוּן דִיא שְׁוַוארְצִין. נוּן וִויא אִיזְט דַאמָאלְס זֵיין מוּטְה. וִויא צֶעבְּרָאכִין אִיזְט דַאמָאהְל זֵיין הֶערְץ. וִויא נִידֶר גֶעבֵּייגְט בִּיז צוּ דִיא עֶרְד אִיזְט דַאמָאהְל זֵיין קָאפְּף. נוּן הָאט דֶען עָמוֹס הַנָּבִיא נִיכְט רֶעכְט אוּנ אֱמֶת גֶזָאגְט וְאַחֲרִיתָהּ כְּיוֹם מַר דַאס דֶער שְׁטֶערְבּ טָאג אֵיין בִּיטֶערֶר טָאג אִיזְט:

דַארִיבֶּר זָאל אֵיין מֶענְשׁ וֶועהְרֶענְד זֵיינֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט שֵׂכֶל הָאבִּין אוּנ זָאל אֵיין חָכָם רוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד זֵיין. דִיא צוּקוּנְפְט אִימֶער פָאר אוֹיס צוּ זֶעהְן. אוּנ זִיךְ נִיכְט פַּרְפִיהְרֶן לָאסֶן פוּן תַּאֲוַות עוֹלָם הַזֶּה. זָאנְדֶערִין עֶר זָאל אִימֶער טְרַאכְטִין דֶען פָּסוּק צוּ עֶרְלַאנְגֶען בְּכָל עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים. דַאס אִימֶער זֵיין גֶעוַואנְט וֵייס גֶעוַואשִׁין זֵיין זָאל. נֶעמְלִיךְ עֶר זָאל אִימֶער דַאפִיר בֶּעזָארְגְט זֵיין דַאס זֵיין נְשָׁמָה אוּנבֶּעפְלֶעקְט פוּן עֲבֵירוֹת אוּנ פֶעהְלֶער פְרֵייא זַיין זָאל. דַאן וִוירְד עֶר זוֹכֶה זַיין דַאס זֵיין שְׁטֶערְבְּטָאג וִוירְד זַיין טוֹב מְאוֹד. (עַיין עת לעשות חלק א דף ע״ב:)

**שאלה ט** וָואס אִיזְט אֵיין מֶענְשׁ שוּלְדִיג צוּ טוּהְן דַאס עֶר נִיכְט פֶּרְגֶעסִין זָאל אַן דִיא הַתְרָאָה וַואהְרִינוּנג וָואס דִיא מִשְׁנָה זָאגְט וְלִפְנֵי

אהה

אַתָּה הוֹלֵךְ וָוא הִין דוּא גֶעהְסְט. אוֹיף אֵין זאַלְכֶען אָרְט וָוא עֶרְד אוּנ פֶּרְשִׁידֶענֶע ווּירְמֶער זִינְד:

**תשובה** וֵוייל דַאס אֵיינֶע גֶעוִויסֶע זַאכֶע אִיזְט דַאס זָאלְכֶעס וָואס דֶער מֶענְשׁ מִיט זֵיינֶע אוֹיגֶען זֶעהְט מַאכְט בֵּייא אִיהְם פִּיהְל מֶעהְר וִוירְקוּנְג אוּנ אֵיינְדְרוּק אַלְס זָאלְכֶעס וָואס מַאן נוּר עֶרְצֶעהְלִין הֶערְט. דַארוּם אִיזְט דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט אוֹיף אֵיין יֶעדִין מֶענְשִׁין וָואס זַיין ווִילֶען אִיזְט דֶען עֶרְלִיכֶען וֶועג נִיע אוֹיס צוּ טְרֶעטִין. דַאס עֶר יֶעדִין טָאג זָאל גֶעהְן אִין דֶען קְרַאנְקֶענְהוֹיז וָואס עֶס וִוירְד גֶערוּפִין (שְׁפִּיטַאל) וָוא עֶר דָארְט זֶעהְן וִוירְד אַלֶערְלֵייא לֵיידֶען. עֶלֶענְד אוּנ שְׁמֶערְץ פוּן פִּילֶע מֶענְשִׁין דִיא וָואס פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע קְרַאנְקְהֵייטֶען דֶערְהֵיים גֶעזוּכְט זִינְד. אוּנְבֶּעדֵייטֶענְדֶע. בֶּעדֵייטֶענְדֶע. גֶפֶעהְרְלִיכֶע. זֶעהְר גֶפֶעהְרְלִיכֶע. מַאנְכֶע גָאר הָאפְנוּנְגְס לָאז. מַאנְכֶע שָׁאן קוּרְצִין אָטִים אוּנ גְזָסִים זִינְד. מַאנְכֶע מִיט הִיצִיגֶע קְרַאנְקְהֵייטִין אַזוֹ דַאס עֶר אָהְנֶע פֶערְשְׁטַאנְד רֶעדִין טוּהְט. מַאנְכֶע מִיט מָאגִין קְרַאנְקְהֵייט דַאס אִיהְם עֶקִילְט דָאס מִינְדֶעסְטֶע אוּנ גְרִינְגְסְטֶע גֶענִיסֶען צוּ קֶענִין. מַאנְכֶע בְּרוּסְט קְרַאנְקְהֵייט. וִויא אוֹיךְ דִיא לוּנְג מִיט עֶרְגְרִיפֶען אִיזְט וִויא עֶר בְּלוּט אוּנ אֵייטֶער שְׁפַּייט. מַאנְכֶע מִיט נִירֶען קְרַאנְקְהֵייט וָוא עֶר בֵּייא דֶען מַשְׁתִּין זַיין (אָרִין לַאסִין) וֶועגֶען דִיא בִּיטֶערֶע פִּירְכְטֶערְלִיכֶע שְׁמֶערְצִין יֶעמֶערְלִיךְ וֵויינְט מִיט דֶען וָוארְט בֶּעסִיר פִּיר מִיךְ דֶער טוֹיט אַלְס זָאלְכֶס לֶעבִּין צוּ צוּ בְּרִינְגֶען. דַאס זָאלְכֶעס פְּרָאוֹרְזַאכְט בֵּייא דִיא צוּ הֶערֶר רִירֶענְר מִיט אִיהְם צוּ וֵויינֶען. מַאנְכֶער מִיט לֶהְמוּנְג וָואס עֶס וִוירְד גֶערוּפִין שְׁלַאג דַאס עֶר לֶעבְּט אוּנ גֶעזוּנְד אִיזְט. נוּר מַאנְכֶע גְלִידֶר זִינְד בֵּייא אִיהְם אָבּ גֶשְׁטָארְבִּין. מַאנְכֶע אִין דִיא אוֹיסְצֶעהְרוּנְג דַאס עֶר אַלֵיין פָּאר אוֹיגֶען זֶעהְט דַאס זֵיינֶע קְרֶעפְטֶע אוּנ זֶעפְטֶע נַאךְ אוּנ נַאךְ אָבְּנֶעהְמִין אוּנ פֶרְשְׁוִוינְדֶען. מַאנְכֶע אִין בְּרַאנְד דַאס וֶועגִין אוּם זַיין לֶעבִּין צוּ רֶעטִין מוּז מַאן אֵיינְס פוּן זֵיינֶע גְלִידֶר אָבּ נֶעהְמִין וֶועק שְׁנַיידִין, מַאנְכֶער אִין דִיא מִיזֶערֶע דַאס זַיין צוֹאָה (אוּנְפְלוּט) גֶעהְט אִיהְם

דורך

## כלל ב שאלה ט

דורך דען מויל דאס ער איזט דאדורך איין אבשייא אונ עקיל פיר אלע זיינע נעבן מענשן. מאנכעד אין דיא מרה שחורה (היפאכאנדריא) דאס ער אימער טרויריג אונ זעהר בעזארגט אונ אב געזאנדערט פון מענשין איזט. מאנכער משוגע (וואהנזיניג) צור צייטין. אדער אימער. מאנכער אין דיא היגפאלענדע קראנקהייט. מאנכער אין דיא אויגן קראנקהייטין זא דאס זיין וועלט ביא איהם פרפינסטערט איזט.

נון איין מענש דער וואס פרנונפט האט אונ זאלכעס פאר אויגן זעהט אונ אויך איברצייגט איזט דאס זעהר פיהלע פון איהנן איהרע געזונדהייט אונ איהרע נאטור. פיהל בעסיר אונ שטערקיר וואהר אלס זיינע געזונדהייט אונ נאטור. אונ דאך זינד זיא יעצט דיא ליידן אונטרגעבין. איזט יא אהנע צווייפעל דאס ביא איהנען נור השי"ת זאלכעס פרורזאכט האט דאמיט זיא איהרע שלעכטע מעשים אויס בעסערין זאלין. דיזעס מאכט ביא איהם איינע גראסע ערשיטערונג דאס ער זאגט וויא קאן איין מענש גאוה שטאלץ האבין ביא זיין געזונדענשטאנד. וויא קאן איין מענש אזו פערנארט זיין דאס זיין גאנצעס שטרעבין נור זאל זיין מעהר געלד צו זאמלין. מעהר כבוד אונ גדולה צו ערלאנגין. ווען ער ניכט אויס געזעצט איזט דאס זאלכעס אלעס אויך איהם טרעפין ווירד. אונ דאמאלס וואס קאן איהם נוצן זיין כבוד אונ עושר ווען עס נאך אזו גראס איזט דאס ער פון דען זיך בעפרייען קענין זאל. אונ דאדורך ווירקט זאלכעס ביא איהם זיין פערשטאקטעס הערץ צו בעשניידין אונ אימר נור איין צערבראכענעס נידריגעס הערץ האבין זאל. אונ אויף זיך צו נעהמין אלע זיינע שלעכטע וועג אין היגזיכט יידישקייט אויס צו בעסערין. אונ דאס ער אן דען טאג פון זיינע אברייזע ניע פרגעסין ווירד. אונ זיך פאר צו ברייטין אונ פאר צו זעהן מיט פיהל צדה לדרך (מיט זאלכע זאכין וואס ער אויף דען וועג בענעהטיגט אונ איהם ניצליך זינד) ווייל דער וועג זעהר ווייט אונ ענטלעגין איזט:

נון ווען איין מענש זאלכע מצות ביקור חולים *) מקיים איזט יעדין טאג וועהרענד זיינע גאנצע לעבנסצייט. איזט יא געוויס דאס זיא איהם בייא טראגין אונ פערהעלפין ווירד דען וועג פון דיא הייליגע פארשריפט פון דיא תורה פינקטליך נאך צו פאלגין:

**שאלה ו'** איזט איינע זאכע פערהאנדן דיא דעז מענשין בייא הילפיג זיין קאן דאס ער נימאלס זינדיגן זאל אונ ווען אויך דאס ער זינדיגט זיך איילענד בשטרעבין ווירד זאלכעס אוס צו בעסערין:

**תשובה** ווען זיך איין מענש ערינערט דאס זיין לעבין אויף דיזע וועלט ניכט נור דאס עם פערגענגליך איז. זאנדערין אויך פון קיין לאנגען דויער **) אזו וייט דאס ער זעלבסט יעדען טאג ניכט זיכר דארויף רעכנן קאן דאס ער איהם אוים לעבין ווירד. ווען אויך דאס ער נאך אין זיינע מיטעל יאהרן אדער יונגע יאהרין איזט דאס ווירקט בייא איהם זעהר פיהל דאס ער אויף אלע זיינע וועג אונ שריט גענוי אכט גיבט דאס זיא זאלין נור זיין גענוי נאך דיא תורה איהר פאהרשריפט. וויא דיא גמרא אונז באלערינגט דאס ווען איין מענש זעהט דאס דער יצה"ר איהם פרפיהרן וויל פון דיא תורה איהר וועג אוים צו טרעטין: אונ ער פינדעט זיך שוואך געגין איהם שטרייטין צו קענין זאל ער זיך ערינערין אן דען שטערב טאג

*) איך האבע געהערט פון (מגידי אמת) דאס דער הייליגער גאון (רבי עקיבא איגר זללה"ה האט זאלכעס געטוהן יעדן טאג. נור וויא ער איזט אויף גענאמין וארדן אלס רב אין (פוזן) דאס איהם דיא פיהלע טרדות הצבור ניכט ערלובט האבין זאלכעס צו טוהן, האט ער טעגליך איין געוויסען מענשין היגעשיקט וואס איהם אלע ערייגניסע פון דארט גענוי ערצעהלן זאל — נון ווען איין קדוש עליון האט זאלכעס געטוהן אום זיך צו ערינערן אונ ניכט צו פערגעסין וואס זאלין וויר הדיוטים אין אונזערין שפעטערין דור טוהן.

**) וויא וייט זינד מענשין פערנארט אונ פערדומט. דען ווען איינער מעכטע זאגין צו זיין חבר דאס ער איהם איין יאהר אדער נור איין חודש פון זיינע לעבענסצייט פערקויפן זאל, אזו מעכטע ער עס ניכט נור ניכט טוהן זאנדערין

טָאג, אוּנ וִויא עֶר דַאמָאהְל הִיעְן גֶעהְן וִוירְד, אִין אֵיין קְלֵיינֶעס עֶלֶענְדְס פִינְסְטֶערֶעס קְוַואטִיעֶר, אוּנ דַאס דֶער זוהַר עֶרְצֶעלְט וֶוען אֵיין מֶענְש מֶערְכְטֶע סוֹבֵל זַיין וֶוערֶענְד זַיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצַייט זָאלְכֶע יְסוּרִים פוּן אִיוֹב דֶענְנָאךְ הָאט דִיזֶעס אַלֶס קֵיין פֶרְגְלֵייךְ צוּ דִיא פִירְכְטֶערְלִיכֶע יְסוּרִים וָואס אֵיין מֶענְש מוּס סוֹבֵל זַיין וֶועהְרֶענְד זַיין שְטֶערְבּ צַייט וֶוען דִיא נְשָׁמָה זִיךְ פוּן אִיהְם טְרֶענְט, אוּנ אוֹיךְ דוּא יְסוּרִים אוּנ צָרוֹת וָואס עֶר דַאמָאהְל סוֹבֵל אִיז, אִיז נָאךְ וֵוייט וֶוענִיגֶער אוּנ קְלֶעגֶר גֶעגֶן דִיא יְסוּרִים אוּנ צָרוֹת וָואס עֶר שְפֶּעטֶר הִיעְן סוֹבֵל זַיין מוּס, נוּן וֶוען זִיךְ אֵיין מֶענְש זָאלְכֶעס פָאר אוֹיגֶן גִימְט, אַזוֹ וִוירְד דַאדוּרְךְ דֶען כֹּחַ פוּן דֶען יצה״ר צֶערְבְּרָאכֶען אוּנ צֶערְשְפְּלִיטֶערְט, וַוייל זָאלְכֶע פָאהְרְשְטֶעלוּנְגֶען דֶען מֶענְשִין אַזוֹ עֶרְשִׁיטֶערְן קֶענִין דַאס עֶר מֶעהְר צוּ גָאר קֵיין לֵיידֶענְשַאפְט קֵיין לוּסְט אוּנ רֵייץ הָאט — נוּן וֶוען אִיהְם אָבֶּער דֶער יצה״ר אַזוֹ וֵוייט פֶרְפִיהְרְט דַאס דֶער שְטֶערְבּ טָאג בֵּייא אִיהְם גַאנְץ אִין פֶרְגֶעסֶענְהֵייט קָאמְט, אוּנ וֶוענִין דֶען זַיין בֶּעשְטֶערֶעבִּין אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט אִיז אַלֶס מֶערְכְטֶע עֶר עֶווִיג לֶעבִּין, אוּנ דַאדוּרְךְ זֶעהְר פִיהְל גְלֶעגֶנְהֵייט הָאט אִיהְם פֶערְפִירֶען צוּא קֶענִין זָאלְכֶע מַעֲשִׂים צוּ טוּהְן וָואס גֶעגֶען דִיא תּוֹרָה אִיהְר פָאהְרְשְׁרִיפְט אִיז, זָא וֶוען דֶער יוֹם הַגְמוּל קָאמֶען וִוירְד, וִוירְד עֶר צְוֵוייא פַאךְ בֶּעשְטְרָאפְט וֶוערְדִין, עֶרְשְטֶענְס, וַוייל עֶר זִיךְ עֶרלוֹיבְּט הָאט פוּן דִיא תּוֹרָה אִיהְר פֶערְבָּאט זִיךְ צוּ עֶנְטְלֶעדִיגֶען, צְווֵייטֶענְס, פִיר וָואס עֶר נִיכְט נָאךְ גְפָאלְגְט הָאט

זָאנְדֶערְן עֶר וִוירְד דָאךְ וֶועגִין אֵיין זָאלְכֶען אַנְטְרַאג זֶעהְר פֶערְדִינְסִיג זַיין אוּנ זִיךְ זָעהְר בְּלֵיידִיגְט פִינְדֶען, וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר אִיהְם אֵיין גְרָאסֶעס רַייכְטוּהְם דַאפִיר גֶעבִּין וִויל. וָוען מַאן אָבֶּער פוּן זָאלְכֶע מֶענְשִׁין אִיהְר לֶעבֶּענְסוַואנְדֶעל גוּט בֶּטְרַאכְטֶעט אוֹיף וֶועלְכֶע אַרְט בֵּייא אִיהְנֶן דִיא צַייט פֶערְאִיבֶּר גֶעהְט דַאס נִיכְט נוּר דַאס זִיא זִיא פֶערְשְׁוֶוענְדִין אוּנ זִיא בֵּייא אִיהְנֶען אוּנְנִיצְלִיךְ פֶערְפְּלִיסְט. זָאנְדֶערִין זִיא מַאכִין זִיךְ נָאךְ אֵייגֶען זֶעהְר פִיעלֶע מַעֲשִׂים רָעִים דַאס אֵיין יֶעדֶער דֶער וָואס נוּר עֶטְוַואס פֶערְשְטַאנְד בֶּזִיצְט אֵיינְזֶעהְן מוּס אָב מַאן אוֹיף אֵיין זָאלְכֶע אַרְט אוּנ מִיט זָאלְכֶע מַעֲשִׂים זַיין לֶעבִּין צוּ בְּרִינְגֶען זָאל. אִיזְט בֶּעסֶער דֶער טוֹיט.

האט דיא עצה פון דיא גמרא זיך אפט צו ערמאנערין אן זיין יום המיתה ווייל דאדורך העטע ער געגוג כח גהאט דען יצה"ר מיט זיינע ליידענשאפטען צו אונטערדריקן :

**שאלה יא** ווייל עולם הזה זעהר גלענצענד אונ זיס אונ רייצענד איזט אונ דאדורך איז פיר דען מענשין זעהר גפערליך זיין קאן פון איהר הינגעריסען צו ווערדין. ערזוכע איך דיך מיר איינע אויף קלעהרונג צו געבין וויא איך דאדורך גשיצט זיין קענע דען וועג פון דיא תורה צו בלייבין:

**תשובה** דיין וואונש צוא ערפילן פינדע איך מיך בנעהטיגט דיר ערסט איין משל (בייא שפיעל) צוא זאגן (דער מדרש אין שיר השירים זאגט עס זאל אין דיינע אויגן ניכט פרגרינג גשעצט זיין איין משל. ווייל דורך דען משל קאנסט דוא דאצו קאמן דאס דוא דיא היילינע תורה בעגרייפן אונ פרשטעהן ווירסט. משל דאס איינר האט פרלארן אויף איין פינסטערין ארט איינן זעהר טייערן עדעל שטיין; דורך איין קליינעס לעכט וואס ער קויפט פיר איין גרייצר. געפינט ער זאלכעס). ווען איינר מיט זיין חברותא (גזעלשפט) איינע זעהר ווייטע רייזע מאכט אין איינע פרמדע מדינה ווייל דארט אין דיא הויפטשטאדט איין זעהר גראסר יריד (מארקט צייט) איז. וואו דארט זינד צו בקאמן פערשידנע אויס גצייכנטע זעלטנע פיינע סחורות אין זעהר בילינען פרייז וואס זאלכע אין זיין מדינה ניכט

נאר

---

נון איזט דיא פראג האבין זיא שכל אין איהר קאפף אדער זינד זיא פערשטאנד לאז. דע זיא וועגען איין גראסעס רייכטום צו בקאמען וואהר בייא איהגן איהרע לעבענסצייט טייערער דאס זיא. זיא ניכט האבין הין געבען וואלין – אונ אונגיצליך אונ גאנץ אימזאנסט וואהר בייא איהגן גלייכגילטיג איהרע צייט צו פארליהרען (חכמי מוסר) – ווער אבער בייא ריינען שכל איזט זאל זעהר קארג זיין אויף איינע יעדע שעה פון זיינע לעבענסצייט דאס זיא בייא איהם ניכט אומזאנסט פעראיבער געהן זאלין. ווייט מעהר אלס אויף גאלד אונ זילבער אכט גיבט זיא ניכט אונגיצליך צו פערליהרן:

## כלל ב שאלה יא

נָאר זֶעהְר זֶעלְטֶן. זָאנְדֶערְן גָאר גִיכְט צוּ בֶּקָאמֶן אִיז. אוּנ דַאדוּרְךְ אִין אֵיין גְרָאסֶן טֵייֶערְן וֶוערְט שְׁטֶעהֶן. אוּנ דִיא צֵייט פוּן דֶען יְרִיד אִיזְט נוּר פוּן אֵיין קוּרְצֶן דוֹיֶער. נוּן דֶער חָכָם וָואס זִיךְ אִיבֶּער לֶעגְט דִיא צוּא קוּנְפְט אוּנ בֶּרֶעכִינְט זִיךְ דֶען גְרָאסֶן אוּנְגֶעהֵייֶרְן גֶעוִוין פוּן רֵייכְטוּהְם וָואס עֶר עֶרְלַאנְגֶן קָאן וֶוען עֶר זִיךְ וֶועהֶרֶענְד דִיא גַאנְצֶע מַארְקְט צֵייט נוּר בֶּמִיהֶען אוּנ פְּלָאגֶן וִוירְד אֵיין גְרָאסֶן אֵיינְקוֹיף צוּ מַאכֶן אוּנ זִיךְ נוּר בְּשְׁטְרֶעבֶּן וִוירְד דַאס עֶר מֶעהְרֶרֶע סְחוֹרוֹת פוּן פַרְשִׁידֶענֶע אַרְטִיקֶל פֶרְשַׁאפֶן זָאל (וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר זֶעהְר רֵייךְ אִיז. אוּנ אִיז גֶעוָואהְנְט זֵיין הוֹיז צוּ פִירֶן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטֶן זֶעהְר בְּרֵייט אוּנ הֶערְלִיךְ) וִוירְד אִיהְם דֶער גְרָאסֶר לוּסְט אוּנ דֶער רֵייץ פוּן רֵייכְטוּם צוּ עֶרְלַאנְגֶן. דָאךְ דַאצוּ בְּרֶענְגִין קֶענְן דַאס עֶר וֶועהֶרֶענְד דִיא גַאנְצֶע צֵייט פוּן דֶער יְרִיד זִיךְ אֵיין וֶועניג צוּא קְוֶועלִין אוּנ זֶעהְר אֵיינְגֶעצָאגֶען צוּא לֶעבִּין דַאס נוּר דַאמָאהְלְס זֵיינֶע קָאסְט אוּנ שְׁלָאף זֶעהְר קַארְג אוּנ גֶענוֹי אוּנ אֵיילֶענְד אוּנ גְשְׁוִוינְד זַיין זָאל (וֶוען אוֹיךְ דַאס אִיהְם זָאלְכֶעס זֶעהְר שְׁוֶוער פַאלְט) וֵוייל זֵיין הַארְץ אִיהְם זָאגְט וִויא קָאן אִיךְ מַאַרִיךְ בְּשׁוּלְחָן זַיין. אוּנ מִיט אַנְדֶרֶע אוּנְטֶרְהַאלְטוּנְגֶן מֵיינֶע צֵייט צוּא פַרְשְׁוֶוענְדִין. אוּנ מִיט לַאנְגֶן שְׁלָאף מֵיין גוּף צוּ פֶערְגֶנִיגֶען. וֶוען אִיךְ אוֹיגֶן שֵׁיינְלִיךְ זֶעהֶע דַאס אִיךְ דַאדוּרְךְ אֵיין גְרָאסֶען פַארְלוּסְט הַאבֶּע פוּן פִיהְלֶערְלֵייא סְחוֹרוֹת וָואס אִיךְ הֶעטֶע מִיר קָאנֶנֶען אִין דִיזֶער צֵייט מֶעהְר פֶרְשַׁאפֶן:

דֶער מֶענְשׁ אָבֶּר וָואס לֵייכְטְזִינִיג אִיז. אוּנ אִיבֶּר אֵיילְט. אוּנ מִיט זֵיינֶע אוֹיגֶן נוּר זֶעהְט דִיא צֵייט וָואס גֶעגֶענְוֶוערְטִיג אִיז. נִיכְט דִיא צוּ קוּנְפְט. וֵוייל עֶר נָאךְ בִּימַאהְלְס אַזוֹי שֶׁעהְנֶע הֶערְלִיכֶע פְּרֶעכְטִיגֶע שְׁטָאדְט גְזֶעהְן הָאט דַאס מַאן דָארְט פוּן אַלֶערְלֵייא פֶּרְגְנִיגוּנְגֶן אוּנְד אוּנְטֶרְהַאלְטוּנְגֶן וָואס נוּר עֶקְסֶעסְטִירֶן. אוּנ אַלְס אוֹיף דִיא בֶּעסְטֶע אַרְט גֶעניסֶן אוּנ בֶּקָאמֶן קָאן. פוּן עִנְיָנֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָה אָהְנֶע דִיא גְוֶועהְנְלִיכֶע שְׁפֵּייזֶען פוּן פַרְשִׁידֶענֶע פְלֵיישֶׁערֵייא. אוּנ טֵייגְוֶוערְק. וָואס אַלְס אוֹיף דִיא פֵיינְסְטֶע אַרְט אִין דִיא גַאסְטְהֵייזֶר צוּ בֶּקָאמֶן

איז

איז. זינד נאך די נאסן געמיקט מיט די פרקייפר פון פיינע לצעלמן און אויס געצייכנטן ליקעהר. און די רזאליען. און די שפאציער פלעצע מיט צוקרבאקעריא. און געפראָרענים געציהרט איז. וויא אויך אנדרע פערגעניגונגן. קאסינן. קאפע הייזר. וואו מאן דארט זיך די צייט פרטרייבן קאן אויף פרשידנע ארט, מיט שאכציגן, מיט קארטן, בילארד שפילן, קעגל שיבען, און אלס דיזעס קאן מען טוהן ברוב עם מיט איינע מענגע פון פאלק פרזאמלונג, וויא אויך פרשידנע אונטרהלטונגן, טאפל מוזיק, נאכט מוזיק, מוזיק צוא בעלע מיט אלס וואס דאצו געהער קאמדיע טעאטר, פייער ווערק, אד"ג, זאגט איהם זיין הערץ לאססע דיר וואל זיין, ווארום זאלסט דו די שעהנע זיסע וועלט ניכט געניסן, האט דען דער הימלישר פאטר אומזאנסט זאלכס ערשאפן, דאריבר ביז ער פון די נאכטמוזיק, און טעאטר גקאמן איז, און דאן מיט דען נאכט מאהל זיך פרווילט, ווען אויך דאס ער קיין חצות אב גערעכט האט, וואהר דאך שאהן מיטער נאכט ווען ער שלאפן געהט, זא ג"ז יא איהם ניכט פעראיבל צו האבן ווען ער ערסט אום אכט אוהר פון זיין שלאף ערוואכט, דאריבר ווען ער אויך ניכט פון די חסידים הראשונים איזט, וואס די דזיער פון איהר זמן תפילה וואהר דרייא שעה, ביז ער אבר פון נאסטהויז קאמט איין קאפע און טשאקאלאדע צו געניסען און פון דארט אויס מחיל אל חיל צו דען לעצעלטנר, און צוקרבעקר געהט, און פון דארט אין קאפע הויז, זא בלייבט אוהם שאהן ווענינ צייט איבר וואו ער זיך אויף דען יריד בשעפטיגן קאן, ווייל די מיטאג שטונד קאמט שאהן באלד, אזוי פיהרט ער זיך ווערנד די גאנצע מארקט צייט - און ווען דער מרקט שאהן פראיבר איזט דאס ער צוזאמן קאמט מוט זיין חבריתא נאך הויזע צו רייזן וויא זיא איין געדער פילע לאסט וואנאגען מיט דען גראסן איינקויף מיט פיהרן, און זיא זעהן דאס ווען זיין הנאות הגוף צוא ערפיללן האט ער דיזען איינקויף גאנץ פרנאכלעסיגט, זאגן זיא איהם ווען אויך דאס מיר
דיך

# כלל ב שאלה יא

דִיר נִיכְט אָבּ שְׁטְרֵייטְן קֶענֶן דַאס לֶעצֶעלְט מִיט לִיקֶעהר, אוּנ צוּקֶערְבַּאקֶרֵייא, מִיט גֶפְּרָאֶרעֶנֶס, זֶעהְר זִיס אוּנ אַנְגֶענֶעהם אִיזְט, וִויא אוֹיךְ דַאס פִילֶע שְׁטוּנְדֶן צוּ פֶרְוֵוייל'ן מִיט מוּזִיק, טֶעאַטֶר, גֶעלְלֶע אוּנ דֶער גְלֵייכֶן, דַאס זָאלְכֶס אֵיין פֶרְגֶענִיגֶן אִיזְט אָבֶּר הָאסְט דוּא דֶען, דֶען זֶעהְר וַוייטֶן עֶנְטְלֶגֶענֶן וֶועג גְמַאכְט וָואס מִיט זֶעהְר פִילֶע שְׁפֶּעזִין אוּנ מִיט גְרָאסֶע פְּלָאג אוּנ שְׁטְרַאפַּאצֶע פֶערְבִּינְדֶן אִיזְט, דַאמִיט דַאס דוּא דַיין גוּף פֶערְגֶענִיגוּנְגֶן גֶעבֶּן זָאלְסְט, אוּנ מִיט אַלֶערְלֵייא אוּנְטֶרְהַאלְטוּנְגֶן אִיהְם צוּ עֶרְפְרֵייעֶן דוּא בִּיזְט יָא וֶועגֶן דֶען אַלְם מְשׁוּגָע אוּנ חֲסַר דֵעָה צוּא בֶּעטְרַאכְטֶן:

נוּן וֶוען עֶר זָאלְכֶס הֶערְט אוּנ זֶעלְבְּסְט פֶרְשְׁטֶעהְט וִויא דוּם עֶר גֶעטוּהְן הָאט, וַוייל עֶר זֶעהְט פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים דַאס זִיא פוּן דֶען אֵיינְקוֹיף פוּן דֶען יָרִיד אֵיין גְרָאסֶן רֵייכְטוּהְם זִיךְ פֶרְשַׁאפְט הָאבְּן וִויא זִיא דַאדוּרְךְ אִיהְר וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער רֵייכְלִיךְ עֶרְנֶעהְרִין אוּנ פֶערְפְּלֶעגְן קֶענְן וֶוערְדֶן. אוּנ עֶר נִיכְט נוּר דַאס עֶר בֵּערוּם וּבְחוֹסֶר כֹּל צוּ הוֹיזֶע קָאמְט, עֶר מוּס נָאךְ זָארְגֶן פוּן וִויא עֶר וִוירְד נֶעהְמֶען דַאס עֶר זִיךְ וֶועגִינְסְטֶענְס דִיא גְרָאסֶע שְׁפֶּעזִין וָואס עֶר גֶמַאכְט הָאט, עֶרְזֶעצְן קֶענְן זָאל. אִיזְט דִיא תְּשׁוּבָה פוּן אִיהְם וַויינֶענְד וֶועהֶע אוּנ אָךְ מִיר, אִיךְ בֶּערֵייעֶ עֶס גֶענוּג דַאס אִיךְ אַזוֹ פֶרְנַארְט וָואהְר דַאס אִיךְ בַּייא דִיא פִילֶע תַּעֲנוּגִים וָואס אִיךְ הָאבֶּע גֶנָאסֶן, הָאבֶּע אִיךְ גֶמֵיינְט דַאס אִיךְ מִיךְ מִיט דֶען לִיבּ הַאבֶּע, דֶער אֱמֶת אָבֶּר, וָואהְר אִיךְ מִיט דֶען אוֹיף מִיר אַלֵיין אֵיין עוֹכֵר שְׁאֵרוֹ אַכְזָרִי לֵיידֶער עֶס אִיזְט שָׁאהְן אֵיין מְעוּוָּת שֶׁאֵין יוּכַל לִתְקוֹן אֵיין פֶעהְלֶער וָואס מַאן נִיכְט מֶער אוּים בֶּעסֶרִין קָאן.

דַאס גְמְשַׁל אִיזְט, דַא דִיזֶע הֵייטִיגֶע וֶועלְט נוּר בֶּאֱמֶת אֵיין (פרוזזדור) פָאר הוֹיז אִיזְט, אוּנ דִיא אוּרְזַאךְ דַאס דֶער מֶענְשׁ נוּר דֶעסְטְוֶועגִין אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט אֵיגֶע צֵייט לַאנְג פֶרְוֵויילְט, אִיזְט נוּר דַאמִיט עֶר זִיךְ צִירֶען קֶענֶין, זָאל אִינְסְט אִין טְרַקְלִין (נֶעהְמְלִיךְ לְעוֹלָם הַבָּא) קָאמְן צוּ קֶענְן, זָא אִיזְט דִיזֶע וָועלְט וֶוען מַאן זִיא מִיט דִיא

עיני

עיני השכל בטראכטען וויל, באמת נור איין יריד איין מארקט צייט וואס נור פון קורצן דויער איזט וויא דיא תורה זאגט היום לעשותם הייטיגע וועלט איזט גאייגעט תורה ומצות צו טוהן, אונ נור וועגן דיא אבזיכט אליין איזט דער מענש אויף דיזע וועלט אהער געשיקט װארדען דאמיט ער זיך דען יריד גוט בניצן זאל, וויל דער שכר געווין אויף דיזען איינקויף ביא דיא אברייזע אונגעהייער גראס איזט אבער וייל דער מענש נור בלוט אונ פלייש איזט אונ קיין מלאך, אונ וועןן ער אויך ניכט פרנארט איזט אונ אימער פאר זיינע אויגן האט וויא טייער אונ חשוב יעדע שעה פון זיין לעבענסצייט איזט, וייל מאן קאן זיך אין איין שעה אויך עולם הבא קויפען, עיין (עת לעשות חלק א׳ דף מ״ט ע״ב. נ. ע״ב. נ״א ע״א) אונ ניט פרשטעהט דאס עולם הזה ווען מאן עס ערלאנגט אונ אויף דיא בעסטע אונ גליקליכע ארט דאך נור אין איינן זעהר קליינן ווערט שטעהט, זא איזט ער דאך געצוואנגן זיך מיט עולם הזה צו בעשפטיגן, אבער מיט קליגהייט, נעהמליך עס מוז נור זיין אויף איין זאלכע ארט וויא דער אבען במעלדעטער סוחר וואס איין חכם איזט, וויא ער זיך האט געפיהרט ווערענד דיא מארקט צייט דאס זיין נאגצר נאהרונג אונ פרגעניגן פון דען גוף וואר נור איילענד אונ געשווינד, דען ווען ער וויל דען גוף אלע זיינע ליידענשאפטן ערפילען, אזו איזט ער איין אכזר אונ איין נזלן אויף זיין נשמה, דען ווען דיא מארקט צייט פראיבער איזט (דאס הייסט ווען זיינע לעבנס יאהר שאהן פרפלאסן זינד) האט דער יעניגער ניכט מעהר דאפון ווען אויך דאס ער יעדן טאג זעהר פיהל גיטעס גנאסן האט, אונ מיט פילע אונטערהאלטונגן זיך פרגניגט אלס זיין חבר וואס זעהר געגנט אונ בצמצום געלעבט האט, אבער דען גראסן פרלוסט וואס איהם דורך זיינע ליידענשאפטן צו ערפילען גטראפן האט דאס ער דאדורך האט פערזיימט דען איינקויף צו מאכן, נעהמליך צו פרנאכלעסיגן דיא פאהרשריפט פון

דיא

דיא תורה געגזי נאך צו פאלגן, דער איזט אונבעשרייבליך אונ דער איזט הימעל שרייענד אונ אונערזעצליך.

נון עפענע דיינע אויגן אונ בעטראכטע דיר גיט פילע מענשן דיא רייכטוהם בעזיצן, וויא איהר פיהרונג איזט, וויִרסט דוא זעהן דאס זיא צו בעוואנדערן זינד, ווען ביא דען אביגען משל דאס נור דער נארישער סוחר האט נור דורך זיינע ליידנשאפטען איינגעביסט אונ פרלארן איין זאלכעס רייכטוהם פון ענייני עולם הזה וואס נור פון איין קורצען דויער איזט, דענגאך איזט אלעס איינשטימיג דאס ער איבר זיינע נארישע פיהרונג מיט דען נאהמן משוגע אונ חסר דעת גערופען צו ווערדען, נון ווען מאן זיך אזו פיהרט דאס מאן וועגן זיינע ליידענשאפטען אונ תענוגים נאך צו געהן, מעהרערע הייזר צו בויען, געלד צו זאמלן, זיך צו בשטרעבן כבוד אונ גדולה צו ערררייכען, דאדורך פרנאכלעסיגט איין זאלכען עושר עולם הבא וואס זאלכעס דאס אמתדיגע אונ דאס עוויגע רייכטוהם איזט, וויא פיל מאל מעהר פרדינט איין זאלכער מיט דען נאהמען משוגע אונ חסר דעת גערופען צוא ווערדען - אבער ליידער, וויא זעהר פיל זינד זאלכע משוגעים, בעסר אונ שעהנר גזאגט, וויא וועניג אונ זעלטן קאן מאן פינדן איינן זאלכן וואס אימר גאנץ ביא ריינען פרשטאנד איזט - דען ווען אויך דאס פילע מענשן אין מאנכע צייטן זיך ברעכנן אונ דיזעס אלעס פרשטעהן אונ זיך זאלכעם צום הערצן געמן, אבער נור מאנכע צייטען - דארום איזט דיא עצה לשם שמים אורח חיים מן תפלס דאס דוא דען לעבענס וועג ניכט אויס טרעטן זאלסט, דאס דוא דיך אימער בהעפטען זאלסט מוסר פון דיא היילינע תורה צו לערנן, דען נור זיא אליין איזט דיא ריכט שניר וואס מאן דורך איהר דאס עוויגע לעבין ערררייכען קאן.

**שאלה יב** אב איין יעדר מענש דען איהם השי"ת רייכטוהם אונ פערמעגין צו געטיילט האט, פערדינט דען נאמין עושר דאס ער בעגליקט איזט אדער ניכט.

תשובה

**תשובה** נִיכְט אֵיין יֶעדֶר, דֶען עס אִיזְט מִיטלֵיידוּנְג צוּ הָאבִּין אויף פִילֶע קְצִינִים דַאס וֶוען אויך דַאס זִיא יִרְאַת שָׁמַיִם בֶּעזִיצֶן דֶענְנָאךְ טוּהֶן זִיא נִיכְט מִיט אִיהְר רֵייכְטוּהם וְוירְטשַׁאפְטֶן וִויא זִיךְ גֶעבִּיהְרְט, דֶען וֶוען אֵיין מֶענְשׁ עֶרקְרַאנְקְט אוּנ עֶר זִיהְט דַאס זֵיין שְׁטֶערְבּ טָאג זִיךְ אִים גֶענֶהְרְט, אַזוֹ אִיזְט עֶר זִיךְ מְצַעֵר דַאס עֶר זֵיין גַאנְצֶעס רֵייכְטוּהְם פֶרְלָאסְן וִוירְד אוּנ פֶרְמֶעג דֶען זֶעהְר וֵוייטִין וֶועג וָואס עֶר פָאהְר זִיךְ הָאט, אִיזט עֶר נָאךְ מִיט וֶועניג צֵדָה לַדֶרֶךְ פָארגֶזֶעהְן וֵוייל עֶר יֶעצְט גָאר נִיכְט מֶעהְר מִיט זִיךְ מִיט גֶעהְמֶן וִוירְד נוּר דָאס וֶועניגְע תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר זִיךְ עֶרְוָוארְבֶּן הָאט אַזוֹ אִיזְט עֶר מִתְחָרֵט אוּנ וֵויינְט דַאס עֶר מִיט זֵיינֶע פֶרפְּלָאסֶענְע לֶעבֶּנְס יָאהְר פִיר פְרֶעמְדֶע מֶעהְר גְזָארְגְט הָאט אַלְס פִיר זִיךְ זֶעלְבְּסְט, נוּן וֶוען דַאמָאהְלְס אִיהְר אֵיינֶער אֵיינֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה זָאגִין מֶעכְט דַאס זֵיין וֵויינֶען פָאר הַשי"ת גְקָאמֶען אִיזְט, אוּנ עֶר וִויל זִיךְ אִבֶּר אִיהְם מְרַחֵם זַיין זֵיינֶע לֶעבֶּנְס צֵייט נָאךְ מִיט צְוָואנְצִיג יָאהְר צוּ פֶרְלֶענְגֶערִין, אָבֶּער נוּר אויף דֶען בֶּעדִינְג דַאס עֶר זֵיין הַאלְבֶּם פֶרְמֶעגִין פֶרְטֵיילֶען מוּס אַן אָרִימֶע, אַזוֹ וִוירְד עֶר יָא גֶעוִויס מִיט גְרָאס שִׂמְחָה זָאלְכֶעס טוּהְן, דַאמִיט עֶר דַאדוּרְךְ גֶעוִוינֶן זָאל, זֵיין לֶעבִּין צוּ פֶרְלֶענְגֶערִין דַאס עֶר נָאךְ זָאל קֶענִין זִיךְ בֶּרֵייכֶערִין מִיט תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת דֶען וֶוער מֶעכְטֶע נִיכְט אֵיין זָאלְכֶעס גְשֶׁעפְט טוּהְן דַא דֶער וֶועהְרְט פוּן דִיא תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אַזוֹ גְרָאס אוּנ טְהֵייעֶר אִיזְט דַאס דֶער פָּסוּק זָאגְט יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים וְכָל חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ בָהּ דַאס דֶער וֶוערְט פוּן תּוֹרָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיזְט טֵייעֶרֶר אַלְס אַלֶע שֶׁעטְצֶע פוּן דֶער וֶועלְט, אוּנ וֶוען אֵיין מֶענְשׁ צוּ דֶען זוֹכֶה אִיזְט, אַזוֹ אִיזְט עֶס זֵיין אֵייגֶענְטְהוּם אויף אִימֶער אוּנ עֶוִויג, אָבֶּער דֶער וֶועהְרְט פוּן גֶעלְד אִיזְט נוּר אִין אֵיין זֶעהְר נִידְרִיגֶען שְׁטַאנְד, דֶען אִין וֶועלכִין גְרַאד שְׁטֶעהְט דֶען גַאנְץ עוֹלָם הַזֶה, אוּנ עֶר קַאן עֶס נוּר בֶּענִיצֶן אֵיינֶע קוּרְצֶע צֵייט) דַארוּם אִיזְט דִיא פְרָאג וָוארוּם זִינְד פוּן פִילֶע קְצִינִים אִידְרֶע אוֹיגֶין פֶרְבְּלֶענְד דַאס זִיא זָאלְכֶעס נִיכְט טוּהְן

ווילען

ווילען ווען זיא נאך אין געזונדען שטאנד אונ איהרע מיטלע יאהר זינד, דאס דיא אהבה צו דיא תורה אונ השי״ת ביא איהנן אין גראסין ווערט שטעהן זאל דאס זיא וועגין זאלכעס זיך איינגען צו מאכין קיין געלד שאהנען זאלין, ווען עס נאך אזו פיל איזט, געהמליך דאס זיא זאלין זיך בשטרעבען איהרע קינדער נור צו ערציהן ביא זאלכע מלמדים וואס גראס תורה אונ יראת שמים בעזיצן, אונ איהר הויז זאל זיין אימער אהנגעברייט תלמידי חכמים דארט צוזאמין צו קאמין, אונ זאלין איהרע טעכטיר געבין צו תלמידי חכמים לנשים, אונ זאלין זייא אונטערשטיצונג געבין דאס זיא דורך איהרע קאסט פיל יראת שמים אונ תורה זיך איינגען מאכין קאנען זאלין (אבער ניכט וויא מאנכע דיא באלד נאך דיא חתונה איהרע איידעמר דאצו בווענין איהר תורה לערנין צו פרהינדערין אונ נור מיט דען האנדעל זיך צו בשעפטיגן אזו דאס זיא דאס וועניגע תורה וואס זיא האבין געקאנט אויך פרגעסין מיסען) אונ זאלין ניכט קארג אונ מיסגינסטיג זיין זאלכעס צו טוהן וויא אין מדרש שטעהט דאס ר׳ יוחנן איזט געגאנגן מיט זיין תלמיד צווישין פעלדר אונ וויינגערטין, אזו האט ער געזאגט צו זיין תלמיד דיזעס פעלד אונ דיזער וויינגארטין האט מיין געהערט, נור דאמיט איך זאל קענין רוהיג אונ אונבעזארגט תורה לערנין, האבע איך זיא פערקויפט, אזו האט דער תלמיד געווייגט מיט דען ווארט, רבי. וואס האסט דוא דיר געלאסט דאס דוא אין דיינע אלטערס צייט אויך צו לעבין האבין וויירסט, אזו האט ער איהם תשובה געגבין העטע איך דען זאלכעס ניכט טוהן זאלין — דא דאס פעלד אונ וויינגארטין נור איין קליינער טייל פון דיא וועלט איזט, אונ דיא גאנצע וועלט איזט נור ערשאפין וואורדין אונ זעקס טאג אונ איך האבע מיר דאפיר איינגעקויפט דיא הייליגע תורה וואס איהר ווערט אזו גראס איז דאס זיא השי״ת אין פירציג טאג געגעבין האט, דאריבער זאל איין מענש שכל האבין דאס ער זיך איבער לעגין זאל אונ גיט פערשטיין וועלכעס איינגענטוהם באמת זיין איזט,

אונ

און וועלכס איינגענטוהם וואס ער נור באמת איינע קורצע צייט דאריבר איין פרוואלטער איזט.

# כלל ג

## אמונה ובטחון ובו ז' שו"ת.

**שאלה יג** וויא וייט געהט דער ווערט פון מצות שבת ווען מאן זיא געניא און טרייא האלטן טוהט:

**תשובה** דא דיא מצוה פון שבת געהעריג האלטין, איז חשוב און טייער איז דאס אהנע דעז דאס זיא האט דען ווערט און דאס געוויכט געגין דיא גאנצע תורה, האט זיא נאך דען פארצוג דאס דער יעניגער וואס זיא געהעריג האלטין טוהט, האט זיא דען כח איהם צו העלפין (דאס ווען ער אויך האט עובר געוועזין זאלכע עבירות וואס אליין תשובה ניכט דען כח האט דען פגם פון דיא נשמה גאנץ אב צו ווישען און אב צו מעקין ביז אויף איהם קאמין ביטערע יסורים איינע צייט לאנג דאס ער דאדורך גאנץ גערייניגט ווירד דאס תשובה אליין אויף זאלכע עבירות אהנע אוים נאהמע ווירקען קאן דען חוטא גאנץ צו רייניגען אהנע דיא גרינגסטע יסורים צו ליידן, נון דא איין יעדער ווען ער מיט זיך אמתדיג און געניי רעכינען וויל, ווירד ער פינדען דאס זיין נשמה בפלעקט איזט, אויך מיט זאלכע עבירות וואס נור דורך יסורים גאנץ גערייניגט ווערדין קאן, און אין דען ווארט יסורים איזט פיהל פרשטאנין, אין גראס עניות צו לעבין, פון שונאים פרפאלגט צו זיין, אויף דען קראנקן בעט צו ליגן, פון פרשידענע ביטערע יסורים גפייניגט צו זיין, דאס איהם זיינע קינדער וועק גריסן ווערדין חלילה און דער גלייכין, נון איין מענש וואס איהם זיין געוויסען דריקט וויל ער אין דיא יונגע יאהרין זעהר פיהל שלעכטעס מיט גמאכט האט און מעכטע גערין אללעס מעגליכע טוהן זיך צו רייניגען און פאר השי"ת זיך רעכט צו פערטיגן, וויא נידריג און געביינגט איז זיין

גמידהט

נְמִיהְט, וְוִיא צֶעבְּרָאכִין אִיז זֵיין הֶערְץ, וַוייל עֶר זִיךְ שְׁפִּירְט נִיכְט נוּר זֶעהְר עֶרְוֵוייטֶערְט צוּ זֵיין זִיךְ גַאנְץ רֵיינִיגֶען צוּ קָאנִין, זָאנְדֶערִין גַאנְץ הָאפֶּענוּנְגס לָאז אִיז, ווייל יְסוּרִים סוֹבֵל צוּ זֵיין פִינְדֶעט עֶר זִיךְ צוּ שְׁוַואךְ, דַא עֶר אָבֶּער הֶערְט דַאס אֵיין וֶועג פֶרְהַאנְדִין אִיזְט דַאס דוּרְךְ תְּשׁוּבָה אַלֵיין עֶר אַלֶע זֵיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים אוֹיס בֶּעסְרִין קָאן, גֶעמְלִיךְ וֶוען עֶר אוֹיף זִיךְ נֶעמִין טוּהְט דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת צוּ הִיטֶען זֶעהְר שְׁטְרֶענְג אוּנ גֶענוֹי צוּ פָאלְגִין, וִויא גְרוֹיס אִיז בֵּייא אִיהְם דִיא פְרֵייד, וִויא גְלֵיקְלִיךְ שֶׁעצְט עֶר זִיךְ מִיט דֶען, וִויא פִיהְל דַאנְק פִינְדֶעט עֶר זִיךְ שׁוּלְדִיג צוּ גֶעבִּין הַשִּׁי"ת פִּיר דֶען דַאס עֶר דִיא זְכִיָה הָאבִּין קָאן פוּן זַיין גֶעזוּנְד אוּנ זֵיין פַּרְנָסָה, אוּנ פוּן זֵיינֶע קִינְדֶער אִין גְרֶעסְטֶע צוּ פְרִידֶענְהֵייט צוּ זֵיין, אוּנ דָאךְ זִיךְ רֵיין וַואשִׁין צוּ קָאנִין פוּן דִיא גְרָאסֶע פֶעלֶער דִיא עֶר זֵיין נְשָׁמָה פֶראוּנְרֵיינִי ט הָאט, נוּן דַא זֶעלְטִין אֵיין מֶענְשׁ אִיז דֶער זִיךְ נִיכְט פַארִירְט, פִיהְל מֶעהְר אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְרִין, וִויא גֶעבִּיהְרט זִיךְ דַאס מַאן אוֹיף שְׁמִירוֹת שַׁבָּת אַכְט גֶעבִּין זָאל אוֹיף אַלֶען מֶעגְלִיכֶן זִיא אִים שְׁטְרֶענְגסְטִין גֶענוֹיא צוּ בֶּעפָאלְגִין:

נוּן קָאנְסְט דוּ דִיר אִיבֶּערְלֶעגִין דִיא קְלוּגְהֵייט פוּן דֶען יצה"ר, דַא זֵיין גַאנְצֶעס בֶּעשְׁטְרֶעבִּין אִיזְט נוּר דֶען מֶענְשִׁין צוּ פֶערְפִיהְרֶען אוּנ דַאדוּרְךְ אִיהְם אִין טִיפֶן גֵיהִנָם שְׁטִירְצֶן צוּ קֶענִין, אוּנ וַוייל אִיהְם וָואהְל בֶּקַאנְט אִיזְט דִיא וִוירְכְטִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת גֶהֶערִיג הַאלְטִין, וִויא פִיהְל זִיא דֶען מֶענְשִׁין וָואס תְּשׁוּבָה טוּהְן וִויל נִיצֶן אוּנ בֵּייטְרָאגִין קָאן, דַארִיבֶּר פֶערְבְּלֶענְד עֶר דִיא אוֹיגְן פוּן פִילֶע מֶענְשִׁין דַאס זִיא זִיךְ אוֹיף דִיא הֶתֵּירִים פוּן בֶּעטְרוּג פֶערְלָאסִין זָאלִין, אַן שַׁבָּת אִיהְר גִישֶׁעפְט צוּ בֶּעטְרֵייבִּין אַלְס וִויא אִין דִיא וָואכֶענְטֶעג, דַאמִיט זִיא דֶען שׁוּטְץ פוּן שַׁבָּת פֶערלִירֶען זָאלִין אוּנ דַאדוּרְךְ וֶוען דֶער צָאהְלְטָאג פוּן אִיהְרֶע יוּגֶענְד פֶעהְלֶער קָאמִין ווִירְד, דִיא אַלֶע עוֹנְשִׁים אוֹיף דִיא עֲבֵירוֹת וָואס זִיא גֶעטוּהְן הָאבִּין וֶוערְדִין זִיךְ אוֹיף אִיהְנֶען בֶּעשְׁטֶעטִיגֶן אוּנ אֵיינְטְרֶעפִין דַאס אִיהְנֶען פִילֶערְלֵייא אוּנגְלִיקְסְפֶעלֶע טְרֶעפִין ווִירְד, דַארוּם אִיזְט מֵיין עֵצָה טוֹבָה דַאס

איהר

איהר שבת געהעריג האלטין זאלט, ווירד איהר זוכה זיין לנפשינו פדיון משאת ואנחה, דאס זיא אייך איין אויסלעהזונג ווירד זיין דאס נימאהלס אין אייער הויז קיין צרה, אונ וועהע, אונ אך, אונ זייפצן געהערט ווערדין ווירד.

**שאלה יד** אב שלאפען אונ שפאצירן געהן אונ כלל פון מצות עונג שבת איזט אדער ניכט.

**תשובה** וועיל דער תכלית פון איין יעדין מענשין וועגין וואס דאס ער אויף דיזע וועלט איז געקאמין, איזט דאס ער אמתדיגע יראת שמים האבין זאל, אונ זאל דיא געבאטענע מצות געהעריג וויא זיך געבירט מקיים זיין, ווען מאן אבער פרעמד אונ ערוויייטערט פון תורה לערנין איזט, אזו. איזט יא ניכט מעגליך איין מצוה וויא זיך געביהרט מקיים צו זיין, וויא דיא משנה זאגט אם אין תורה אין יראה וויא קיין תורה איז דארט קאן קיין רעכטע יראת שמים זיין, וועיל זיא ניכט וויסען דיא דינים וויא אזו מאן דיא מצוה טוהן זאל דארום שטעהט אין מדרש השי"ת האט גזאגט צו משה רבינו מאכע דיר יעדין שבת גראסע פרזאמלונגן אונ דוא זאלסט זייא פאר טראגין דיא דינים וואס מאן בענעהטיגט צו וויסען, אונ וויא אויך איהנן פאר צו טראגין זאלכע אויף קלערונגן וואס איהר הערץ אויף פייערין אונ אויף פלאמין זאל צו דיא אהבה צו השי"ת אונ צו זיין הייליגע תורה, דאמיט דיא קינפטיגע דורות זאלין זיך פון דיר אב לערנין דאס זיא יעדין שבת פרזאמלונגן מאכען זאלין, אונ זאלין אונטערריכטן אונ אונטערווייזען יידישע קינדער וויא אזו זיא זיך פיהרן זאלי ווען זיא ווילן ערליכע יודען זיין, אונ ווען זיא ווערדין אזו טוהן, טוהט השי"ת איהנן צו שרייבין אזו פיהל שכר אלס זיא העטין איהם גקרעהנט אויף דיזע וועלט:

נון גענוג ביטער איזט דאס מיר אין דען פינסטערין גלות זינד (אונ ניכט אונזערע אייגענע גיטער האבין וואס מיר דאדורך אימער וועהרענד השי"ת דיהנען קענין) דאס מיר מיסן זיך בשטרעבין דיא

דיא גאנצע וואכין טעגע אונזער גאנצע צייט צו פערשווענדין וועגין פרנסה צו זוכן, דאריבער איזט יא איינע זעהר גראסע שולדיגקייט דאס ווען דער היילינגר שבת טאג קאמט, ווייל מיר דאמאהל ניכט וועגין פרנסה צו זוכן בעשעפטיגט זינד, דאס מיר אויף איהם זעהר קארג זיין זאלין איהם נור צו בעניצן אונ בעדיהגן צו תורה אונ יראת שמים אויף אלען מעגליכן, ניכט דיא גרינגסטע צייט צו פערשווענדין מיט שינה (שלאף), טיול (שפאצירן געהן) דברים בטלים (אוננוצליכע רייד) צו רעדין, פיהלמעהר ניכט דיא צייט צו פערלירן אין דיא ווייגשענק צו פערוויילען דאמיט מיר דאדורך ווענינגסטענס עטוואס ערזאץ האבין זאלין אויף דיא עבודת פון דיא וואכין טעגע, וייל זיא דאמאלס זעהר קליין אונ געמיין איזט:

# שאלה טו

אב מיר האבין איינע מצוה וואס איהר סגולה איזט צו געבין אונזרע קינדר אריכות ימים ושנים:

**תשובה** דיא אויסגעצייכנטע מצוה וואס אזו וויכטיג אונ טייער איזט דאס זיא האט דאס געוויכט געגין דיא גאנצע יידישקייט דאס איזט דיא מצוה פון געגוי שבת האלטין, זיא האט אויך דיא סגולה איינגעשאפט דאס זיא דיא יעניגע (וואס זיא טרייא אונ געגוי נאך פאהרשריפט פון דיא היילינגע תורה בעאבאכטן טוהן) בעהיטעט אונ בעשיצט דאס איהרע קינדר ניכט פון דיא קראנקהייט וואס עס ווירד אהגגערופן (אסכרה ר״ל) הינגעריסען ווערדן, נון דא אויף דיזע וועלט פערשידענע אהבות זינד וואס זיך מענשין טוהן בעשטרעבין זאלכע צו ערלאנגען, אהבת שררה, אהבת הכבוד, אהבת התענוגים, אהבת ממון, אונ דיא גרעסטע אהבה פון אלען איזט אהבת אבות דיא ליב פון עלטערין אויף איהרע קינדר, דאריבער איז צו שרייען וועהע אונ אך אויף זאלכע מענשין וואס איהר אמונה זעהר שוואך איזט אונ דער געלד רייץ איהנן דאצו ברינגט שבת ניכט געהעריג צו האלטין, מאנכע בייא דען שענק, מאנכע בייא

דען

דען פעלד בזיא, מאנכע ביי דיא מאשינען, גראלני, מאנכע זינד נאך מעהר פרדומט דאס אין איהר הויז פיהל חילול שבת געשהט מיט שבת קעמין, זאנגען שירים, פאראסאל עפענין, וויא אויך גראז שניידין לאסין פיר דיא בהמות, דאס זיא, פיר ניכטס, פיר אייגע זאלכע קליינע הנאה איהר נשמה פערזינדען, וויא קורץ איזט איהר פרשטאנד, וויא בלינד זינד איהרע אויגען, דאס זיא דורך איהרען געלד געווין פעראורזאכען נפשות צו פערלירען, דאס איהרע קינדער וועק געריסען ווערדין ר"ל, וייל זיא דען זכות פון שבת דער זיא בעשיצען זאל ניכט מעהר האבין.

דאריבער זאלכע יודען וואס זיך מייחס זיין דאס זיא דיא קינדער פון אברהם אבינו זינד, געבירט זיך דאס זיא איינע פעסטע אמונה האבין זאלין אלס איהר פאטער אברהם אויף דען דיא תורה שרייבט אונ ריהמט ומצאת את לבבו נאמן לפניך דאס זיין הערץ צו השי"ת אונ זיין תורה גאנץ טרייא וואהר, וירד זאלכעס ביי איהנען וויערקן דאס זיא דיא שמירות שבת טרייא האלטין ווערדין, אונ דאדורך זוכה זיין איהרע קינדער מיט נחת צו ערציהען, וויא אויך צו שפע אונ הצלחה.

## שאלה טו

אב שבת איין ווירקליכער רוהע טאג איזט, דאס מאן דאמאלס דאס גרינגסטע ניכט פערדינען קאן אדר ניכט.

**תשובה** וועון אויך פרמעהג אונזערע אויגען וואס נור אויגען אויס פלייש אונ נור קורץ זיכטיג זינד, קאמט אונז פאר דאס נור דיא זעקס וואכענטעגע פערדיהנען גערופען צו ווערדין ימי המעשה וייל מאן קאן דאמאהל אלערליא געשעפטין אונטערנעהמין אונ דאדורך זיך געלד ערווערבין, אבער דער שבת טאג וייל דאמאהלס אלעס געשפערט אונ פעלשלאסין זיין מוס, זא איזט דער טאג נור צו בעטראכטען אלס איין אונגיצליכער טאג, וייל מאן דיא גאנצע פיר אונ צוואנציג שעה וואס מאן שבת האלטין מוז, דאס

מינדעסטע

מינדעסטע ניכט פערדיהנן אונ געווינן קאן, אונ זעלבסט דיא
לעבנסמיטל וואס מאן דאמאהלס בנעהטיגט מוז מאן זיא אויך
פארזעהן דאס מאן עס פון דיא וואכענטעגע פאר בערייטעט. ווען
מאן אבער דיזן געגנשטאנד מיט דיא עיני השכל בטראכטעט, זא
איזט מאן איבר צייגט דאס עס פערקעהרט איזט דאס נור דער שבת
טאג וויל ער איין יום הקדוש (הייליגר טאג) איזט יער דיא קוועלע
אונ דיא ווארצל פון אלע זעקס וואכענטעגע איזט) דארום האט ער
דען קראפט דאס דיא שפע אונ ברכה אונ הצלחה פון דיא זעקס
וואכענטעגע נור ווענן זיינר גבענשט אונ גזעגענט ווערדין, דאריבר
אויף וועלכע ארט דאס ער זיך בעפלייסט דען שבת טאג צו הייליגן
מיט תורה אונ עבודה אונ זיך צוריק צו האלטן פון אלערלייא
מלאכות, זעהר פיהל, אדר מיטל, אדר נאר וועניג, פארמעג דען
איזט ער איהם גורם שפע אויף דיא גאנצע וואך.

נון וויא צו בדויערן זינד מאנכע מענשין וואס איהר הערץ
איזט פרשטאקט אונ איהר אמונה אן השי"ת איזט קליין (דאס ער
נור אליין ארים אונ רייך מאכט) דאס איהר גראסער געלד רייץ
ברינגט זיא דאצו אן שבת טאג אויך גשעפטין צו מאכין, אונ זיא
אליין מיט דען וואס זיא זיך בשטרעבין איהר פרמעגין צו
פרגרעסערין אונ זיך מעהר צו בערייכערין, זיך גורם זינד איהר
פרמעגין צו פרקלענערין, אונ שפעטר היען גאנץ צו פראָרמין, וויל
באמת ווען זיא שבת געהעריג האלטין, אזו האט דער זכות פון שבת
דען כח איהרע גשעפטין פון דיא גאנצע וואכע צו בעגליקן, ווען
אבר זיא איהם מחלל זינד, זא איז זאלכעס איהנן גורם לקללה ולא
לברכה לרזון ולא לשובע (דיא זאלסט אבר ניכט פרעגין, דער, אונ
יענר, איזט מחלל שבת אונ איהר גליק איז איהנן גינסטיג, זאלסט דו
וויסן עס איזט ניכט אלעס גאלד וואס עס גלאנצט, עס איזט מאנכעס
רייכטום דען איינגענטימער שפעטר היען זיין שטורץ) דאריבר
זאלכע יידישע קינדר וואס איין פעסטע אמונה האבין זאלין אויף
דיא

די שמירה פון שבת גענויא אכט געבין און אין דען זכות ווערדין זיא מצליח זיין די גאנצע וואכענטאגע וויא די גמרא זאגט די עשירים אין חוצה לארץ זיינד זוכה רייך צו זיין ווייל זיא ערליך שבת היטן.

## שאלה יז

ווייל פרנסה צו זוכען זעהר שווער איזט, אב איהם דעסטוועגין ערלויבט איזט מיט דברים איסורים צו האנדלען, גלייך (חזירים פעגל און פיש וואס טמא זיינד אדר ניכט.

**תשובה** איך ווארנע דיך דאס דיר קיינמאל אין זין קאמין זאל זאלכעס צו טוהן ווייל עס די היילינע תורה פרבאטין האט, ווייל אבער די גלובסט דאס אן זאלכעס מעהר צו פרדיהנן שטעהט, אונ דאדורך דיין פרנסה אויף איינע גרינגערע ארט זוכען קענין ווירסט.

דאריבר פינדע איך מיך שולדיג דיך איין ווייניג אויף צו קלערין דאס דיך דיינע מיינונג זעהר נארין טוהט, ווען אויך דאס איין יעדר מענש איין גישעפט אונטרנעהמן מוז דאס די ברכה זאל האבין אויף וואס חל צו זיין. אבר באמת איזט ניכט פרהאנדין קיין שום גשעפט וואס מאן זאגען קענין זאל דורך דען קאמט דאס גליק בעסר אונ געשווינדר (ווייל דער מענש מיט זיין בעשטרעבין אונ גראסין פלייס פיהלע גשעפטין צו בעטרייבן איזט באמת נור צו פרגלייכן וויא די האק וואס אין די האנד פון דען מענשין איזט, אונ ער מיט זיין כח דורך איהר דאס האלץ צערשנייד אזוי ווירד יא קיינר אזו דום זיין, ווען אויך דאס ער פאר אויגן זעהט דאס די האק מאכט די ווירקונג דאס דורך איהר דאס האלץ צערשניטן ווירד, דאס ער זאגין זאל דאס נור די האק צערשנייד דאס האלץ, ווייל זיא נור איינע טויטע זאכע איזט וואס קיין לעבענסגייסט בעזיצט, נור דער מענש דער זיא בעוועגט, איהם קאן מאן דאס צערשניידן צו שרייבן) ווייל נור איין בורא ברוך הוא

הוא עֶקְזֶעקְסְטִירְט דֶער אויסְזֶעצְין טוּהְט פִיר אֵיין יֶעדִין מֶענְשִׁין וִויא זֵיין פַּרְנָסָה אוים זֶעהְן זָאל רֵייכְלִיךְ, אָדֶר גִיְעֶנְגְט, לֵייכְט צוּ פֶּרדִיהֶגְעֶן אוֹדֶר מִיט שְׁוֶועהְרֶער מִיהֶע, און אויף דִיא גְזֵירָה פון הַשֵּׁי״ת וָואס עֶר בֶּשְׁטִימְט און פֶּעסְטְגֶעזֶעצְט הָאט, קָאן קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ פַּרמֶעהְרִן אָדֶער פַּרוֶוענִיגֶערִין, דֶער יֶענִיגֶר אָבֶּר וָואס אַן דִיא אויף קְלֶערוּנְג נִיכְט גְלוֹיבְּט זָאנְדֶערִין עֶר אִיזְט אִין זֵיינֶע אֵיינְבִּילְדוּנְג דַאס אֵיין יֶעדֶר מֶענְשׁ פַּרמֶעהְג זֵיינֶע פְּלָאנְ און בֶּעשְׁטֶרֶעבְּן און פְּלֵיים, און גֶעשִׁיקְטְלִיכְקֵייטֶן, קָאן עֶר זִיךְ מֶעהְר עֶרְוֶוערְבְּן, דֶער אִיז אֵיין כּוֹפֵר בְּעִיקָר *) נון וֶוענִין וָואס זָאל אֵיין מֶענְשׁ אוּמְזָאנְסְט זֵיין נְשָׁמָה פֶּרְזִינְדֶן, און וֶועלְכֶר אוּנְגְלִיצְלִיכֶר גֶעלְד רֵייץ זָאל אִיהְם דַאצוּ פַּרפִיהֶרֶן דַאס עֶר מִיט זָאלְכֶע זַאכֶן גְשֶׁעפְטִין מַאכֶן זָאל, וָואס אִיהְם דִיא תּוֹרָה פֶּרבִּיטֶן טוּהְט.

# שאלה יח

וֵוייל דֶער פָּסוּק זָאגְט שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שׁוֹמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ דֶער וָואס זִיךְ פון צָרוֹת בֶּעהִיטֶן וִויל זָאל זִיךְ אַכְט גֶעבְּין מִיט זֵיין מוֹיל און צִינְג נִיכְט צוּ זִינְדִיגֶן, ווינְטשֶׁע אִיךְ אויף דֶען אֵיינֶע אויף קְלֶעהְרוּנְג.

**תשובה** דִיא זָאלְסְט וִויסֶן דִיא וִויכְטִיגְקֵייט וָואס דִיא צוּנְג ווירְקֶן קָאן, גֶעהְט זֶעהְר וֵוייט, דַאס דֶער פָּסוּק זָאגְט יֵשׁ בּוֹטֶה כְּמַדְקְרוֹת חֶרֶב מַאנְכֶם וָוארְט אִיזְט אַזוֹ שֶׁעדְלִיךְ און

גפעהרליך

---

*) פִיעֶל מֶעהְר דַא דִיא אֱמוּנָה פון צַדִּיקִים זֶעלְבְּסְט אִין אוּנְזֶער הֵייטִיגֶן דוֹר בַּייא פִילֶע מֶענְשִׁין אִין גְרָאסֶן וֶועהְרט שְׁטֶעהְט, דַאס וֶועגֶן אֵיינֶע בְּרָכָה מְקַבֵּל צוּ זֵיין פון אֵיין צַדִּיק בֶּעמִיהֶען זִיא זִיךְ אֵיין וֵוייטֶען וֶועג פון פִילֶע מֵיילֶען צוּ מַאכֶען וֶוען אויף דַאס אוּנְזֶערֶע הֵייטִיגֶע חֲכָמִים און צַדִּיקִים זֶעהְר עֶרְוֵוייטֶערְט זִינְד אִין דִיא מַדְרֵיגָה פון דִיא דוֹרוֹת הָרִאשׁוֹנִים, וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט וֶוען דִיא עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת זִינְד אַלְס מַלְאָכִים זִינְד מִיר נוּר אַלְס מֶענְשִׁין צוּ בֶּעטְרַאכְטִין.

נון זֶעהֶע נור דֵיין דוּמֶען פֶּערְשְׁטַאנְד און דֵיין

פערשטאקטעס

גֶעפֶעהְרלִיךְ אַלֶם אֵיין שְׁטָאךְ פוּן אֵיין שְׁפִּיס, מָוֶת וְחַיִּים בְּיַד הַלָּשׁוֹן דַאס מִיט דֶעם וָוארְט קָאן מַאן זִיךְ מַאנְכֶעס מָאהְל דֶען טוֹיט אָדֶער דַאס לֶעבֶּן פֶערְדִינְט מַאכֶן.

אָבֶּר בַּייא דֶען יֶענִיגֶן וָואס זָאלְכֶס טוּהְט זִינְד אוֹיךְ נָאךְ צְווֵייא וֶועגֶן פֶערְהַאנְדֶען וִויא אַיינֶר שְׁלֶעכְטֶר אַלֶם דֶער אַנְדֶערֶר אִיזְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיזְט אוֹיף זַיין חַבֵר מַלְשִׁין צוּ זַיין אוּנ זָאגְט אוֹיף אִיהְם מַסִירוֹת אוּנ אִיזְט אִיהְם גוֹרֵם דַאדוּרְךְ זֶעהְר גְרָאסֶן גֶעלְד שָׁאדֶן, אָבֶּר דִיא אוּהְרְזַאךְ דַאפוּן אִיזְט נוּר, זַיינֶע אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶסֶע, וַוייל זַיין אֱמוּנָה בַּיי אִיהְם זֶעהְר שְׁוַואךְ אִיזְט אוּנ פֶּרְמֶעג זַיינֶער אוּנוִויסֶענְהֵייט אוּנ גֶעמֵיינֶן פֶערְשְׁטַאנְד אִיזְט עֶר אִין דִיא מֵיינוּנְג דַאס דֶער מֶענְשׁ אַלֵיין מִיט גְרָאסֶן פְלֵייס אוּנ אוּנאוֹיפְהֶערְלִיכֶם בֶּשְׁטְרֶעבֶּן מִיט פִילֶע גֶשֶׁעפְטֶן צוּ אוּנְטֶערְנֶעהְמֶן דַאס נוּר דַאדוּרְךְ קָאן מַאן זִיךְ רֵייכְטוּהְם אוּנ גְלִיק פֶערְשַׁאפֶן, דַארִיבֶּר וַוייל עֶר זֶעהְט דַאס זַיין חַבֵר פִילֶע גֶשֶׁעפְטֶן מִיט דִיא הֶערְשַׁאפְט מַאכְט, גִיטֶער, וֶועלְדֶר, רֶעגַאלְן אִין עֶרֶענְדֶע פוּן אִיהְם נִימְט אוּנ זַיין פַּרְנָסָה זֶעהְר בְּרֵייט אוּנ בְּשֶׁפַע אִיזְט, אִיזְט עֶר אִיהְם מְקַנֵא בְּנֵיידֶען זֶעהְט עֶר אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע צוּ טוּהְן אִיהְם בַּייא דִיא הֶערְשַׁאפְט דוּרְךְ פֶערְשִׁידֶענֶע לָשׁוֹן הָרָע אוּנ בִּלְבּוּלִים צוּ פֶערְפֵיינְדֶען, דַאמִיט עֶר אוֹיף זַיינֶע שְׁטֶעלֶע קָאמֶן קֶענֶען זָאל, אוּנ וֶוען עֶר אוֹיךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה נִיכְט אִין גַאנְצֶען אוֹיס פִיהְרֶען קָאן, אִיהְם זַיינֶע גֶשֶׁעפְטֶן אוֹיס דִיא הַאנְד

צוּ

פֶערְשְׁטָאקְטֶעס הֶערְץ׳ וֶועגֶן אֵיינֶע בְּרָכָה פוּן אֵיין צַדִיק פוּן דֶען הֵייטִיגֶען דוֹר׳ אִיזְט דִיר אַזוֹ טֵייעֶר אוּנ גִישֶׁעצְט דַאס דוּא וֶועגִין דֶען דִיךְ פְּלָאגְסט אוּנ פִיל שְׁפֶּעזִין מַאכְסט אוּם זִיא צוּ עֶרְלַאנְגֶען׳ אוּנ דִיא קְלָלָה פוּן דִיא צַדִיקִים אוּן חַכְמֵי הש״ס אִיזְט בַּייא דִיר גְלֵייכְגִילְטִיג אוּנ גְרִינְג גֶעשֶׁעצְט׳ דַא אָהֶנֶע דִיא עֲבֵירָה דַאס עֶס אָסוּר אִיזְט מִן הַתּוֹרָה מִיט חֲזֵרִים צוּ הַאנְדְלֶען׳ אִיזְט נָאךְ עֶקְסְטְרֶע דַארוֹף אֵיינֶע פִירְכְטֶערְלִיכֶע קְלָלָה פוּן אָרוּר׳ פֶערְפְלִיכְט זָאל דֶער זַיין וָואס מִיט חֲזִירִים גְשֶׁעפְטִין פִיהְרְט׳ אוּנ זִיךְ דֶער גֶעלְד רַייךְ אוּנ דִיא שְׁוַואכֶע אֱמוּנָה וָואס דוּא בֶּעזִיצְט דַאצוּ בְּרִינְגְט דִיזֶעס אַלֶעס בַּייא צוּ זַייטִיגֶען.

# כלל ג שאלה יח

צו געהמין האט ער וועניגסטענס געווירקט דאס ער דורך זיינע מסירה דאס דאפעלטע שבירות צאהלן מוס, נון דער חטא פון לשון הרע אויף דיזע ארט איזט זעהר גראס, ווייל דער יעניגער וואס עס גזלת דיא פרנסה פון זיין חבר ווירד בעטראכט אלס ער איהם מיט זיינע הויז לייטע דאס לעבן גענאמען העטע, אונ דיא עבירה איזט נאך פערגרעסרט ווייל ער האט גורם געוועזן יידיש געלד אין גויים הענד צו ברענגען, אבער דאס וויכטיגסטע דאביי איזט דאס ער איין כופר פון איינס פון דיא ווארצלין פון אונזער אמונה איזט, ווייל דער אמת איזט נור, דאס הש"ית אליין ער מאכט ארים ער מאכט רייך, אונ זיין גזירה קאן קיינר אומענדרין דען, דען יעניגן וואס פון השי"ת איזט איהם אויס געזעצט רייכטוהם צו האבן, זא ווירד עס זיך געוויך בעשטעטיגן ווען ער אויך זיין חבר ניכט מסיג גבול איזט אונ דען יעניגן וואס פון השי"ת ארמוטה אויס גיזעצט איזט קענין איהם ניכט ניצען אלערלייא גשעפטן, אונ מסירות, השגות גבול דאס ער רייך זיין זאל – נון דיא עבירה פון לשון הרע אויף דיזע ארט, איזט געוויס פון דיא גראסע וויכטיגקייט, אבער דענאך האט ער איין וועניג כף זכות, ווא מאן איהם עטוואס פערטיידיגן קאן ווייל ער זעהר נמיין אונ ארים איזט, אונ דיא בשטעכונג פון דיא געלד אינטערעסע פערבלענט דען מענשן זיינע אויגן דאס ער ניכט דען אמת פון דיא אביגע רייד איינזעהט, דארום האט איהם זיין אייגען נימץ דאצו בוואגען זאלכס צו טוהן.

עס גיבט אבער נאך איין צווייטער וועג פון לשון הרע דער ווייט פיל ערגר איזט, ווייל ער זיין חבר איין שונא איזט, אונ וויל זיך אן איהם נוקם זיין (ווען אויך דאס ער פעסט איבערצייגט איז דאס איהם דיא גיטער, אונ רעגאלן, ניכט אין זיין האנד קאמן ווערדן, ווייל זיין חבר איז געצוואנגן זאלכס ווייטער אין ארנדע צו האבן ווען עס נאך אזו טייער זיין ווירד, ווען אויך דאס קיין מעגליכקייט איזט דאס מאן זאל קענין דאפון עטוואס מרויח זיין, ווייל ער שאהן

לאנגע

לאנגע יאהרין אין דען געשעפט פראווירט איזט, אונ דאדורך זיין גאנצעס פערמעגין צערשטרייט איזט צווישען דיא בויערן, שולדן דיא ער איהנען גבארגט האט, שולדען דיא ער איהנען געליהען האט אויף משכנות פון הייזר אונ פעלדר, אונ דאדורך דאס ער ווייטער דער ארנדאר זיין ווירד, זא קאן מאן זאלכעס נאך אונ נאך איינקאסירן, ווען אבער איין אנדערער עס איבער נימט, אזו איזט דיזעס אלעס פערלארן), דארום איזט ער מלשין אויף זיין חבר אום איהם זיין ארענדע צו העכערן אהנע איינגע אינטרעסע, אונ דער יעניגער איזט איין רשע געגען דיא תורה אונ געגען דיא מענשהייט, צו זינדיגן אהנע איינען נוטץ, אונ נאך מעהר דיא עבירה פון חילול השם וואס ער דאדורך טוהט דאס דיא אומות העולם זאגן ווען איין יוד דען אנדערן, דא זיא איין תורה האלטן, איין בורא דינען, אונ ברידר זינד, דאך זאלכעס טוהן קאן, וואס זאל ערסט איין אנדערער טוהן, אונ דיא עבירה פון חילול ד' איזט אזוי גראס דאס זיא פערשטויסט היגדערט פרנסות, נון דא דורך דיא צינג זאלכעס אלס זיך ערייגנען קאן, וויא איזט שולדיג איין מענש אויף זיך אכט צו געבן נאך צו פאלגן דען פסוק מי האיש החפץ חיים נצור לשונך מרע דער מענש וואס זיין לעבן ליב האט זא זאל ער יין צינג היטין פון שלעכטע רייד.

## שאלה יט

ערקלערע מיר וויא טייער אונ וויא חשוב דיא מדה פון שלום אונ אחדות איזט.

**תשובה** אזו גראס איזט דיא מדה פון שלום דאס ווען חס ושלום דאס דור אזו שלעכט איזט דאס צווישען איהנען זינד מענשען וואס עבודה זרה דינען. נור זיא האבין איינער מיט דען אנדערין אחדות איינינקייט. איזט דער זכות פון שלום גורם דאס השי"ת איהגן ניכט באלד בשטראפן טוהט. זאנדרין ער טוהט איהנען געדולדען נאך איינע צייט לאנג לאנגמיטהיג צו זיין, נון קאנסט דו שליסען ווען

שלום

# כלל ג שאלה יט

שלום זאלכם דען כח האט צו ווירקן ביא עובדי עבודה זרה, ווען יידען זיך פיהרן אין דען וועג פון דיא תורה, אונ דיא מדה פון שלום איזט אויך ביא איהנען, וויפיל טובות אונ ישועות אונ נחמות דאס זיא מכח דען פון השי"ת צו ערווארטען האבן – אונ וויא אויך דיא תפילות פון יידען וואס היינטע צוטאג: דער ערזאטץ פון דיא קרבנות איזט, דיא ווירד נור ביא השי"ת גיהערט אונ אנגענאמן ווען צווישן יידען אחדות איינינגקייט איזט, (דאריבער זאגן דיא ספרי מוסר דאס מאן מוס איין יעדן טאג פאר דיא תפלה אויף זיך נעהמין דיא מצוה פון ואהבת לרעך כמוך דאס ביא אונז יידען קיינע שפאלטונגן אונ גיטיילטע הערצער זיין זאלן) — אונ דאס מאן זוכה זאל זיין איינע גראסע השגה אין דיא תורה צו האבן, דאס ווענדעט זיך אויך נור פערמענג וויא דער שלום אונ אחדות ביא יידען אויס זעהט.

אונ דיא גאולה וואס מיר צו ערווארטין האבין במהרה בימינו איזט אויך נור בזכות השלום ואחדות, פילמעהר דא דער ווארצעל אונ דער שטאף דאס זיך אפט עראייגענט צוויסטיגקייטן אונ גטיילטע הערצער, איזט נור דיא אורזאך. קנאה, אונ שנאה, וועגן פרנסה כבוד ממשלה, דער אבער וואס עהרנסטע אמונה האט אונ דאדורך גלויבט אונ פעסט איבערצייגט איזט דאס נור השי"ת אליין ערהעבט, אונ מאכט נידעריג אונ ארים אונ רייך מאכן קאן, אונ דאס איזט אונענדערליך, דאריבער קאן איין מענש ניכט איהם ניצען אונ ניכט שעדיגן (דען ווען איהם השי"ת וויל בערייכערן האט ער יא דאצו כח גענוג זאלכם צו טוהן ווען אויך דאס ער שאהן זיין חבר איין גראסעם רייכטהום געבן האט.)

נון וייל מיר יידען מיט דען נאמען מאמינים בני מאמינים אויס געצייכענט זינד מער אלס אלע פעלקער דאס אונזער גלויבן צו השי"ת דאס ער נור אליין דער כל יכול איזט אמתדיג אונ טרייא איזט, וועהם פאסט, אונ וועהם צימט דיא מדה פון שלום איינען צו האבן, זאלכן שלום וואס דער אמתדיגער שלום איזט (אייסערליך אונ אינגערליך) אלס אונז יידען.

כלל ה

# כלל ד

## להצילך מאשה זרה ובו ד' שו"ת.

## שאלה כ

**איך ווינטשע דייטליך צו זעהן וואו דיא תורה פערבאטען טוהט מיט פרעמדע קענטניסע זיך צו בעשעפטיגען.**

**תשובה** פינדעט מאן דען אין דיא גאנצע תורה דייטליך דען פערבאט דאס מאן ניכט געניסען דארף דען גיפט וואס עס ווערט אן גירופין ארסעניקא, נון ווירד דען וועגן דען איינער אזו פערשטאנד לאז זיין (בעסר אוים געדריקט משוגע, וואהנזיניג זיין) דאס ווען איינער מוטהוויליגער ווייזע געניעסט ארסעניקא אונ שטירבט, דאס ער ניכט מיט דען נאמען רוצח גערופן ווירד, איזט דען גאר איין צווייפעל דאס ער ווירד מיסען וועגן דעם ביים יום הדין רעכנשאפט אבגעבן ווייל ער זיך אליין האט פון דיא וועלט פארט געריסין, ווירד דען ניצען דאמאהלס זיין פערטיידיגונג ווייל עס ניכט אין דיא תורה שטעהט דאס עס פערבאטען איזט, וועגין דען האבע איך מיר עס ערלויבט צו יגענסען, ווייל באמת איזט זאלכס אוננעהטיג דאס עס דיא תורה שרייבען זאל דא דיא תורה האט שאהן גבאטען ושמרתם את נפשותיכם דאס איין יעדר אויף זיין לעבען אכט געבען זאל אונ אכט געבען מוס, "אך את דמכם לנפשותיכם אדרוש" דוא זאלסט ניכט טוהן איינע זאלכע זאכע וואס עס קאן פעראורזאכען דיין לעבען צו פערשניידען, אדר צו פערקירצין, נון ווייל דיא איבערצייגונג אונ פראקצע האט אונז גלערנט דאס ווען איינער "ארסעניקא" געניסט דאס ניכט מעגליך איזט דאס ער מעהר לעבען קאן, זא איזט שאהן דער פערבאט פון "ארסעניקא" דייטליך אין דיא תורה געשריבען אין דעם פסוק ושמרתם את נפשותיכם.

נון

נון דאַ דיא תּוֹרה זאָגט דאַס דער גאַנצער צוועק פון דען מענשינס לעבען אויף דיזע וועלט איזט נור אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם דאַס איין מענש זיינע גאַנצע לעבענסצייט מיט זאָלכע גוטע מַעֲשִׂים זיך בּשעפטיגען, זאָל וואָ ער דאַדורך איין עוויגעס לעבען אונ איין גראָסען שָׂכָר אויף דיא קינפטיגע וועלט ערהייכען קאָן, אונ זאָלכעס צו ערלאַנגען איזט קיין אַנדערער וועג דאַצו, נור ווען מאַן זיך בַּשטרעבט אֶמתדיגע יִרְאַת שָׁמַיִם זיך איינען צו מאַכען אונ דאַדורך דיא תרי"ג מִצְוֹת גענוי אונ טרייא נאָך פאָלגען צו קאָנין (דאַריבער ווען דיא תּוֹרה העטע ניכט געשריבען לָלֶכֶת בָּהֶם, וויא דאָרט זינד מיר גבאָטען ווענן אַנדרע קענטניס ניכט דיא גרינגסטע צייט צו פַרשוועגדען, אונ ווען ניכט דער (זוהר) העטע גזאָגט דיא אויף קלערונג פון דען פָּסוּק וְשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ, איז, דאַס מאַן ניכט עוסק זיין זאָל אין חָכְמוֹת זָרוֹת אין פרעמדע קענטניסע – אונ ווען ניכט יוֹשֻׁעַ געשריבען העטע וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה דאַס דיינע בּשעפטיגונג אונאויפהערליך מוס נור אימער זיין אין דיא היילינע תּוֹרה, – אונ ווען יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא העטע ניכט גזאָגט „וּבְיַלְדֵי נָכְרִים יַשְׂפִּיקוּ" דאַס דיא אורזאַך וואַס עס האָט זיא גפירט צו אַזעלן שלעכטען דאַס דאַדורך יְרוּשָׁלַיִם איז חָרוּב וואָרדען, וואָר נור וייל זיא האָבּן עוסק געוועזן אין חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת – אונ ווען ניכט דיא גְמָרָא אונז ערצעלט דאַס דיא אורזאַך דאַס דוֹאֵג וַאֲחִיתוֹפֶל וואָהרן אַפִּיקוֹרְסִים ווייל זיא זיך מיט סִפְרֵי מִינִים בּשעפטיגט האָבּן, אונ איהר פילעס תּוֹרה לערנען האָט זיא ניכט קאָנען בשיצען, דאַס אירע יאָהר אין דיא העלפטע לעבּענסצייט פַרשניטען וואָרדען זינד – אונ ווען ניכט דער סמ"ג צעלט דיא עֲבֵירָה פון שִׁינּוּי לָשׁוֹן דאַס מאַן דיא יידישע שפּראַך ניכט פַרענדערן זאָל, אין דען פַרבּאָט פון בְּחֻקֹּתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ – אונ ווען ניכט דיא אַלע (צַדִּיקִים גְאוֹנֵי אֶרֶץ) העטען גזאָגט אויף דען כּוֹפֵר מיט זיינע איבּערזעצונג חוֹטֵא וּמַחֲטִיא רַבִּים איז – אונ ווען ניכט זאָלכעס פַרבּאָטען העטע איי

אונזער

אונזער דור דער רבי פון כל ישראל (בעל התניא זללה"ה) צון ווייל איין יעדר וואס דען אמת וויל ניכט אב שטרייטן מוס מודה זיין אונ קענע עס ניכט לייקענען דאס דיא אלע וואס זיך מיט זאלכע קענטיניסע באשעפטיגן איז ניכט מעגליך דאס זיא איהר אמונה (גלויבן) טרייא בלייבן, ענטוועדר דאס זיא גאנצע כופרים אן דיא ווארצלען פון אונזערין גלויבן זינד, אדר האלבעטע געמליך דאס זיא צווייפל אן דיא וואהרהייט.

נון איז שאהן איין זאלכע פראג דאס מאן ווייזען זאל וויא דיא תורה זאלכעם פארביטען טוהט, פיר איין שנעון צו בטראכטען דא דיא תורה האט דייטליך ניעדר געשריבן אשר יעשה אותם האדם וחי בהם דאס דער ציעל פון דען מענשענס לעבן איז נור דאס ער זיך דיא תרי"ג מצות אונ פייערינגע ברענענדע יראת שמים איינען מאכן זאל — אונ דאס דיזע ביידע אין איינעם יידישעס הערץ פראייניגט זיין זאלען ניכט מעגליך איז, בעווייזט, עס דיא אלטעגליכע איבערצייגונג עיין (עת לעשות חלק א' דף ל"ב ע"ב, פ"ח ע"ב, צ' ע"ב בהג"ה):

# שאלה כא

דא דען יצר הרע זיין געשעפט איזט נור דען מענשין פון דען לעבענס וועג צו פערפיהרן, גיב מיר איינע אויף קלעהרונג ווארום ער זיך מעהר בעשטרעבט אונ בעמיהט יידישע קינדער צו איבר רעדין תורה לעהרנין צו פערלאסן אונ זיך מיט פרעמדע קענטעניסע צו בעשעפטיגן, ער האט יא איינן פרייען וועג דען מענשין צו פרפיהרן אלע עבירות צו טוהן ווען אויך דאס ער נור תורה אליין לעהריגט.

**תשובה** ער איז איין גראסר חכם להרע צום שלעכטן, עפנע דיינע אויגן עיני השכל, ווירסט דו פרשטעהן דאס ניכט נור דאס ווען דיין פרפירן אויף דיזר ארט איזט, דאס ער וייט פיל מעהר געווינט אונ מיט וועניגער טרחות אונ שפעזען דען מענשן אין באר שחת ברינגן קאן, זאנדרן ער האט נאך דאדורך איינע גראסע

הָאפְּענוּנְג אוֹיף גְרֶאסֶערְן אוּנ בֶּעסֶרְן, אוּנ זִיכֶערְן פַּרְדִינְסְט, דַאס נִימָאלְס אֵיינֶע צַייט קָאמֶן קָאן וָואו עֶר זַיין גֶעוִוין פַּרְלִירְן קָאן, וֶוענְן דְרֵייא טַעֲמִים, עֶרשְׁטֶענְס, דֶען וֶוען עֶר פוּן בִּילְדוּנְג עֶרְוֶוייטֶערְט אִיזְט, וַוייל דַאס בִּירוּשָׁה אִיזְט דַאס בֵּייא אֵיין יֶעדֶעס יִידִישׁ הֶערְץ דִיא וָוארְצְלֶן פוּן דֶען גְלוֹיבֶּן אוּנ דִיא לֵיעבּ צוּ דִיא תּוֹרָה אֵיין גֶפְּרֶעגְט זִינְד (גֶעמְלִיךְ דַאס דִיא אוֹיף זִיכְט פוּן הַשי״ת אוֹיף אֵיין יֶעדֶן מֶענְשֶׁנְס שְׁרִיט אִיזְט, אוּנ דַאס אִיבֶּר אִיהְם אִיזְט אֵיין אוֹהר וָואס אַלֶס הֶערְט, אוּנ דַאס זֵיינֶע אַלֶע פִירוּנְג אִין בּוּךְ נִידֶר גֶישְׁרִיבֶּן וֶוערְדֶן, אוּנ דַאס הַשי״ נוּר לַאנְג מִיטְהִיג אִיזְט, אָבֶּר עֶס קָאמְט דִיא צַייט וָואו אֵיין יֶעדֶר מֶענְשׁ רֶעכְנְשַׁאפְט גֶעבֶּן מוּס, אוּנ אוֹיף זֵיינֶע גוּטֶע פִירוּנְג אֵיין גְרָאסְן שְׂכַר צוּ עֶרְוַוארְטֶן הָאט, אוּנ אוֹיף זֵיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אֵיין שְׁרֶעקְלִיכֶן פוּרְכְטבַּארְן עוֹנֶשׁ צוּ לֵיידֶן הָאט אוּנ דַאס דִיא גַאנְצֶע פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה (כְּתַב וְעַל פֶּה) דִיא מִיר נָאךְ פָאלְגֶן מִיסֶן פוּן הַשי״ גֶעגֶעבֶּן אִיזְט) דַארִיבֶּר וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר אִיהְם מַאנְכֶעס מָאהְל דִיא דַרְכֵי עֲבֵירָה זִיס אוּנ שֶׁעהְן מַאכְט דַאס אִיהְם דַאס פַייֶער פוּן דִיא לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן זֵיינֶע אוֹיגֶן פַארְבְּלֶענְד אוּנ רֵייצְט אִיהְם פַרְשִׁידֶענֶע עֲבֵירוֹת עוֹבֵר צוּ זַיין, אוּנ הָאט אִיהְם שָׁאהְן פִילֶע מָאהְל מְנַצֵחַ גֶעוֶועזְן, וַוייל אָבֶּר דִיא וָוארְצְלֶן פוּן דִיא אֱמוּנָה נָאךְ אִין זֵיינֶעם הֶערְצְן זִינְד, אוּנ דַאדוּרְךְ זִיךְ פִיעל מָאהְל עֶרְאִינֶערְט פוּן דֶען פִינְסְטֶערְן צָאהְל טָאג פוּן דֶען יוֹם הַדִין וָואו דָארְט פָאר אִיהְם אָנְגֶעבְּרֵייט אִיזְט אוּנגֶהֵייעֶרֶע בִּיטֶערֶע יְעמֶערְלִיכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עוֹנְשִׁים אוּנ יִסוּרִים, דַאס זָאלְכֶעס בֵּייא אִיהְם וִוירְקְט דַאס עֶר דַאדוּרְךְ מִתְחַרֵט אִיז, אוּנ צוּרִיק שְׁרֶעקְט פוּן דִיא שְׁלֶעכְטֶע וֶועג דִיא עֶר שָׁאהְן אֵיינִיגֶע מָאהְל גֶטוֹהְן הָאט, אִיבֶּר דֶעם בְּרָאךְ דֶער יצה״ר פִילֶע מִיהֶע אוּנ פְּלָאג בֵּייא אֵיינֶע יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס עֶר אִיהְם פַּרְפִירֶן וִויל דַאס עֶר אִיהְם מְנַצֵחַ גֶעוִוינֶן זָאלל.

צְוֵוייטֶענְס וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר דֶען יצה״ר נָאךְ פָאלְגֶן טוּהְט בְּרִינְגְט אִיהְם דִיא אֱמוּנָה וֶועגִינְסְטֶנְס דַאצוּ דַאס וֶועהֶרְנְד עֶר דִיא

עבירה

עבירה טוהט דאס ער זיא ניכט מן המובחר מקיים איז, אויף דיא פיינסטע ארט מיט שמחה אונ זיין גאנצעס הערץ איז ניכט דאביי.

דריטענס ווייל דער יצר הרע זיך פירכטעט דאס זיינע גאנצע מיהע אונ שפעזן דיא ער שאהן איינע צייט לאנג גמאכט האט ביז עס איהם גילינגן איזט דאס ער אוים איהם איין ארדענטליכן מענש גימאכט האט אומזאנסט זיין ווירד - דאס עס איינע צייט קאמן קאן וויא אויף איהם אונ אויף זיינע הויז לייטע קראנקהייטן ויסורים קאמן ווערדן אדר דאס ער זיין גאנץ פרמעגן פרלירען ווירד, אונ דרגלייכן שלעכטע צופעלע אדר ווען דיא אלטערס צייט קאמן ווירד דאס ער דאמאלס זעלבסט איינזעהן ווירד דאס ער פון אלע תאוות עולם הזה דיא ער פילע יאהרן מיט גמאכט האט, גאר ניכט דאפון האט, אונ אלעס נור הבל הבלים איזט, אונ דאמאלס זיין הערץ איהם בעווילגן ווירד ווען הילף צו (צדיקי הדור) צו געהן, אונ זיא איהם זאגן ווערדן דיא אורזאך פון דיא עונשים עיין (עת לעשות חלק א' דף ע"ג), אדר דאס ער זעלבסט ספרי מוסר זעהן ווירד, אונ דאדורך ווירד ער פרשטעהן דאס זיינע שלעכטע פיהרונג דאס ער פון דיא תורה איהר פאהרשריפט אוים גטרעטן איזט, האבן איהם דיזע עונשים צו געצאגן אונ דאדורך באמת מתחרט זיין ווירד, אונ וויינען צו השי"ת דאס ער עהרינסטע תשובה טוהן ויל, אונ זיך איין פעסטעס פארנעהמן צו מאכן פון נון אן זיינע גאנצע לעבענסצייט אם שטרענגסטן אין דען וועג פון דיא תורה צו געהן (אונ ווייל קיינע עבירה ווען זיא נאך אזו גראס איזט, פרהאנדין איזט, דיא מאן ניכט מיט תשובה אוים בעסערין קאן, אונ ווען אויך זיין נשמה נאך אזו פיעל בשמוצט אונד פראונרייניגט איזט, דאך מעגליך איזט דורך תשובה זיא ריינוואשן צו קענן) איבר דען זעהט דער יצה"ר אלס מעגליכע צו טוהן איהם צו איבר רעדן דאס ער תורה לערנן פערלאסן זאל אונ זיך צו בשעפטיגן מיט נוישע ביכר ווייל זיא פראורזאכען ביא אלע איהרע

## כלל ד שאלה כא

לעזר דיא ווארצלן פון דען גלויבן גאנץ כופר צו זיין, אונ פון איהרן הערץ אוים צו רייסין אדר ווענינגסטענס דאס זיא אין ספק זיין זאל צו צווייפלן אב זיא אמת זינד, דאדורך וועןער איהם שאהן מיט דען מנצח גוועזן האט, זא האט ער שאהן איין דרייא פאכן געווין.

ערשטענס ער בראך מעהר קיינע מיהע אונ טרחות אויף איין יעדע עבירה איהם מסית צו זיין. דען וייל ער שאהן איין דאקטער דער וויסענשאפט - דער רעכטען - דער מעדעציין - אדער שפראכקינדיגער איזט. אדער נור איין געבילדעטר ארדענטליכער מענש איזט. זא שרייעט ער שאהן לויט לית דין ולית דיין (אונ ווען ער עס אויך מאנכעס מאהל וועגן געוויסע אורזאכן ניכט עפענטליך שרייעט אבר זיינע גידאנקן זינד אזו) עס איזט קיינע אויפזיכט עס איזט קיינע תורה, עס איזט קיין שכר אונ עונש (זאוויים געהט דאס פייער אש זרה פון דען סטרא אחרא איהם זא וייט צו בגייסטערן דאז ער זיינע געבן מענשן דיא נאך אמתדיגע עהרליכע יידען זינד, בעדויערן טוהט אונ מיטליידונג האט איבר איהנן, וייל זיא נאך אזוי פרדומט זינד אונ דיא מצות התורה זיך בשטרעבן נאך צו פאלגן.

צווייטענס וייל שאהן אין זיין הערץ גאנץ פערלאשן איזט דיא עקרי אמונה דאס ביא איהם קיין פינק מעהר פון דיא אמונה גלימען טוהט, זא בלייבט מעהר ביא איהם ניכט צוריס דיא גרינגסטע הינדערונג דאס ער זיינע שלעכטע וועגן ניכט מיט שמחה אונ מיט דען גאנצן הערצן טוהן זאל:

דריטענס וייל שאהן ביא איהם דיא ספרי מינים גווירקט האבן צו לייקענן אן דיא השגחות ה׳ אונ אן זיין תורה, ווען איבר איהם נאך זא פיל צרות קאמן, האבן זיא ניכט דען קראפט ביא איהם ווירקן צו קענן דאס ער תשובה טוהן זאל, וייל ביא זאלכע געבילדעטע מענשען (בעסר אונ שעהנר גזאגט כופרים

משומדים

משומדים) אלעס וואס זיך אויף דיזע וועלט ערייגענט נור נאטירליך און צופעליגע ווייזע איזט.*)

נון מיינע ליבע לעזער נימט אייך מיינע רייד און אויפקלערונג גוט אין הערצין און בטראכט אייך די געבילדעטע מענשן איהרע פיהרונג, איהר פערשפאטן די תורה, איהר לייקענען און די ווארצלן פון די אמונה, אזו ווירד איהר זעלבסט איינזעהן דאס דיזעס אלעס אין די ווירקליכקייט אזוי איזט, דאריבער ערווייטערט אייך און אייערע קינדר פון בשעפטיגונג מיט נזישע ביכר, דאמיט איהר און אייערע קינדר לעבן און שטערבן אלס ערליכע יודן זאלן, און ניכט אלס כופרים און אפיקורסים.

# שאלה כב

ערקלערע מיר אויף וועלכע ארט דער יצר הרע עהרליכע יידען פערפיהרן קאן.

**תשובה** דוא זאלסט וויסען עס גיבט צווייערליי נאטונג עוברי עבירה, מאנכער, ווען אויך דאס ער גוט וויים דאס די

תורה

*) וייל עס זינד פילע מענשין וואס רשעים זינד און אין אנדרע זאכין פערשטאנד און קלוגהייט בעזיצען און זיך ראך ערלובען פון די תורה אוס צו טרעטן, און קיין איבערלעגונג האבן דאס זיא פיר איהר נשמה זארגן זאלין זיא מציל צו זיין פון צרות און יסורים, וויא זיא פארזיכטיג זינד פון איהרן גוף, איזט די אורזאך דאפאן, דען אזו וויא די תורה שרייבט והתקדשתם והייתם קדושים ווען איין מענש איזט זיך מקדש ומטהר וועניג איזט מאן איהם מקדש ומטהר פיל, איזט זיך איין מענש מקדש ומטהר מלמטה איזט מען איהם מקדש ומטהר מלמעלה, און מיט איין יעדע מצוה די איין מענש מקיים איזט ווירד זיין גוף געהייליגט, גרייניגט, טעסטעליערט און די אהבה צו די תורה און צו השי"ת ווירד אין זיין הערצין דאדורך צו יעדר צייט פייעריגר ביז ער אויף די מדריגה קומט עזה כמות אהבה, און די ליב צו אלע ליידענשאפטין פון עולם הזה ווירד ביי איהם אימער מעהר שוואכער און אב געקיהלט, אזו איזט עס ליידער אין דען וועג פון די טומאה, דער וואס זיין נשמה מיט

עבירות

# כלל ד שאלה כב

תורה אויף דען געווארענט האט דאס מאן זיך פון דען צוריק האלטין זאל עס ניכט צו טוהן, ווייל אבער דיא תאוה ליידענשאפט דאצו אין זיין הערץ זעהר ברענענד איזט, אונ ווינשט זאלכעס צו טוהן, אזו שטערקט ער זיך ניכט דען יצה״ר צו אונטערדריקן, זאנדערין ער גיבט איהם זיין וואונש נאך דיא עבירה צו טוהן, דער עבריין (איבער טרעטער פון דיזע גאטונג) ווען אויך דאס ער איין רשע איזט, דא ער זיך אונטערשטעהט אזו קעק אונ עז פנים צו זיין זיך צו ערלויבן זאלכעס צו טוהן וואס דיא תורה פערבאטין האט, ווייל באמת דיא בחירה פרייא איזט אונ ווען איין מענש וויל קאן ער גענוג שטארקן אין שטרייטין צו קענין געגין זיינע ליידענשאפטין דענאך פערדיהנט ער ניכט דאס מאן איהם רופן זאל מיט דען נאהמין מורד ובן מרי איין ווידער שפענסטיגר, ווייל באמת דיא אורזאך פון זיין רשעות וואר נור דיא גראסע לוסט צו דיא עבירה דיא איהם דאצו בעוואגן האט, אונ דאריבער ווען אויף איהם קאמין ווערדין זאלכע צייטין ווא

ער

---

עבירות פעראונרייניגט, זא ווירד זיין גוף נתגשם אונ פערגראבט דאס ער נור צו תאות בהמיות נייגונג האט, אונ דיא אהבה צו דיא תורה אונ מעשים טובים ווירד בייא איהם אימער מעהר ווייניגער ביז זיא גאנץ פערלאשען ווירד, אונ זיין הערץ ווירד איין לב ערל איין פערשטאקטעס הערץ, אונ זיינע עיני השכל פערבלענדעט ווערדין, זא ווייט דאס ער קיין רייגעס געפיהל אונ איבערלעגונג האט זאלכעס צו פערשטעהן, וויא דער נביא אויף זאלכע קלאס מענשין מקונן איזט בעדויערט, הוי חכמים בעיניהם שמים לחשך אור׳ וחשך לאור שמים, וועהע אויף זאלכע מענשין וואס זיך פיר קלוג האלטין אונ זאגין אויף פינסטער ליכט אונ אויף ליכט פינסטער, דאריבער לעבין זיא רוהיג אונ זינד צו פרידן מיט איהרע וועג ווען אויך דאס זיא אלע געגן דיא תורה איהר פאהרשריפט זינד, אונ איהר געוויסן קוועלט זיא נימאלס דאס זיא פורכט אונ אנגסט האבן זאלן דאס איינע צייט קאמן ווירד דאס מאן ווירד פון איהנן רעכענשאפט אויף איהרע פיהרונג פאדערן.

דען ווען ניכט דיזער גרונד דאס מאן זיא מיט דען איין וועניג פערשיידיגן קאן, זינד זיא יא מיט איהרע שלעכטע וועג דאס זיא אויף זיך

און

ער מיט פרשידענע צרות און יסורים ווירד דערהיים געזוכט ווערדין, אדר דאס ער אין דיא הויכע אלטערס צייט קאמין ווירד, וויא דאמאהל איין מענש פלעגט מיט זיך צו ברעכינין אויף וועלכע ארט זיינע לעבענצייט ביא איהם פרפלאסין איזט אין היענזיכט יידישקייט נאך צו פאלגין איזט יא קיין צוויפעל דאס ער דאמאלס מיט גראס חרטה און וויינן זיינע שלעכטע מעשים אויס בעסערין ווירד – וויא אויך אויף זאלכע עבירות וואס דען מענשינס הערץ קיין רייץ און לוסט דאצו האט, ווירד איהם געוויס נימאהלס איינפאלין זאלכעס צו טוהן, וויל ער באמת פורכט פאר השי"ת און זיין תורה האט:

עס גיבט אבער איינע צווייטע גאטונג וואס איהנען דער יצה"ר אויף איין אנדערין וועג פרפיהרט, געהמליך דאס זיא זיך מתחכם געגין דיא תורה זינד, און מיט פאלשע געדאנקען זיך אירגען, געהמליך דאס יענע עבירה ווען דער יעניגער וואס זיא טוהט איזט זיין

גדאנקין

---

און אויף איהרע קינדר אליין מוטהוויליגע רוצחים זינד, אלס משוגעים צו בעטראכטין, דען ווען אויך זיא קיין פעסטעס גלובן האבן דאס איינע אויף זיכט און איין ביטערער יום הדין עקסעסטירט אבער דאס מיסן זיא יא אויך מודה זיין דאס עס קאן זיין – (דען ווען זיא דאס אויך לייקענין און זאגין דאס זיא וויסן גאנץ געוויס דאס דיזעס אלעס שקר איזט, דאמאלס זינד זיא ניכט ווערט דאס מאן זיא צווישן מענשין בעלי שכל רעכענן זאל, און פערדינן ניכט דאס מאן מיט איהנן רעדין זאל, דען האט זיך דען צו איהנן איין מלאך אדער אליהו הנביא ענטדעקט דער איהנן זאלכעס גזאגט האט).

נון וויל עס אוך נאך איהרע איינזיכט קאן זיין, פרעגע איך זיא וויא איזט איהר פערשטאנד, וויא איזט איהר פערנונפט, וויא קאנט איהר אויף אייך זעלבסט אכזרים זיין, ביא וועלכע מענשין ווירד איהר לעבין וואס נור איין חיי שעה איזט אזו גלייכגילטיג און גרינג גשעצט זיין דאס זיא זיך אונטער שטעהן ווערדין אזו הויז צו בעוואהנן וואס בויפעליג איזט, אדר איבר איינע בריקע צו געהן וואס צום איינשטירצען שטעהט, אויף דיא שטיצע דאס זיא ניכט גלויבן דאס עס צו זאמן פאלן ווירד, פיהל מעהר ווען דיא רעדע איזט

פון

# כלל ד שאלה כב

גְדַאנְקִין אוּנ אָבְּזִיכְט וֶוענִין דֶען - אָדֶער וֶוענִין יֶענִיס - נִיכְט נוּר דַאס עֶס נִיכְט אִיזְט גֶעגִין דֶען וִוילֶען פוּן הַשִׁי״ת זָאנְדֶערִין עֶס אִיזְט נָאךְ אֵיינֶע מִצְוָה - דִיזֶער וֶועג אִיזְט וַוייט עֶרגֶר אוּנ שְׁלֶעכְטֶר אַלְס דֶער עֶרשְׁטֶר וֶוענִין צְוֵויא טַעֲמִים׳ עֶרשְׁטֶענְס׳ וֵוייל בֵּייא זָאלְכֶע דֶער וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה אוֹיף אֵימֶר פֶערשְׁלָאסִין אִיזְט׳ וֵוייל פֶרמֶעהְג זֵיין גְרוּנְדֶזַאטְץ הָאט עֶר גָאר נִיכְט גֶעזִינְדִיגט - נוּן וֶועלְכֶע יְסוּרִים אָדֶער צָרוֹת קָאנִין בֵּייא אִיהְם וִוירְקֶן דַאס עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְן זָאל. צְוֵוייטֶענְס׳ דַא עֶר אֵיין עֲבֵירָה טוּהְט אָהְנֶע לֵיידֶענְשַׁאפְט דִיא אִיהְם דַאצוּ רֵייצְט׳ אוּנ שְׁטִיצְט זִיךְ אוֹיף זֵיין שֵׂכֶל דַאס זָאלְכֶעס אוֹיף אַזוֹי אַרְט קֵיין עֲבֵירָה אִיזְט - אַזוֹ קָאן אִיהְם יָא דֶער יֵצֶר הָרָע אוֹיף

דען

---

פוּן אֵיין זָאלְכֶען גְעפַאהְר וָוא זִיךְ דַאדוּרְךְ אִיהְר עוֹוִיגֶעס לֶעבִּין פֶערלִירֶן קֶענִין וִויא קָאן אֵייךְ אֵייעֶר הַארְץ אַזוֹ וַוייט פֶערפִיהֶרֶן דַאס אִיהְר אֵייעֶרֶע צֵייט פֶערלֶעבְּן זָאלְט מִיט זָאלְכֶע וֶועג אוּנ שְׁרִיט דִיא דִיא תּוֹרָה פֶערבִּיטֶן טוּט׳ וָואס וִוירְד אִיהְר טוּן בֵּייא אֵייעֶר שְׁטֶערבּ טָאג וֶוען אִיהְר זֶעהְן וִוירְד דַאס דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס מִיר פוּן אוּנזֶערֶע עֶלְטֶערִין אוּנ פָאהְר עֶלְטֶערִין מְקוּבָּל הָאבִּין אֱמֶת אִיזְט׳ אוּנ דַאס מַאן אֵייךְ דַאמָאלְס שְׁטְרֶענְג אוֹיף פָארְדֶערְן וִוירְד אוֹיף אֵייעֶרֶע פִיהרוּנג וֶועהרֶענְד אִיהְרֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענסצַייט רֶעכֶענְשַׁאפְט צוּ גֶעבִּין אָבּ אִיהְר אֵייךְ נוּר גֶפִיהְרְט הָאט נָאךְ דִיא תּוֹרָה אִיהְר פָאהְרְשְׁרִיפְט׳ דַא אֵייךְ דַאמָאלְס קֵיינֶע פְרֵיינְד׳ קֵיין רֵייכְטוּהם׳ קֵיינֶע אֵייגֶענֶע גִיטֶער׳ קֵיין רִיטְעֶר שְׁטֶעל׳ קֵיינֶע מֶערַאלִיעֶן׳ הֶעלְפִין קָאנִין וִוירְד פוּן דִיא בִּיטֶערֶע פִינְסְטֶערֶע עוֹנָשִׁים.(עיין עת לעשׂות ח״א דף ל״ט ע״ב. מ״ט ע״ב׳ ק״ב ע״א).

אָבֶּער אָרִים אוּנ גְעמֵיין׳ אוּנ זֶעהְר גֶעמֵיין׳ אוּנ עֶלֶענְד, אוּנ בִּיטֶער אִיזְט׳ אֵיינֶע זָאלְכֶע עֶקסקוּזֶע אוּנ פֶערטֵיידִיגוּנג. דַא דֶער מֶענְשׁ פוּן אַלֶע בְּרוּאִים אוֹס גֶעצֵייכֶענט אִיזְט דַאס אִיהְם הַשִׁי״ת שֵׂכֶל אִיבֶּערלֶעגוּנג׳ אוּנ פֶערשְׁטַאנְד צוּ גֶטֵיילְט הָאט׳ דַאמִיט עֶר דַאדוּרְךְ אַרְבֵּייטִין זָאל אוֹיף אַזוֹ מַדְרֵיגָה צוּ קוּמֶען וָואס עֶר אָהְנֶע דֶען פֶערשְׁטַאנְד נִיכְט דַאהִין הֶעטֶע גֶעלַאנְגֶען קָאנִין (בֶּעמִלִיךְ מִיט תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת זִיךְ צוּ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶן אוּנ זֵיין נְשָׁמָה צוּ שְׁמִיקֶען) אוּנ דֶער מֶענְשׁ אִיזְט אַזוֹ דוּם דַאס עֶר זֵיין שֵׂכֶל זִיךְ נוּר בֶּעדִיעֶנְט אוֹיף זָאלְכֶע זַאפִין צוּ עֶרלַאנְגֶן תַּאֲוַת עוֹלָם הַזֶה וָואס דִיא בְּהֵמָה אוּנ אַנְדֶערֶע בְּרוּאִים זָאלְכֶעס עֶרלַאנְגֶען קֶענִי׳ וֶוען אוֹיךְ דַאס אִיהְנֶן הַשִׁי״ת קֵיין שֵׂכֶל צוּ גֶטֵיילְט הָאט׳

דֶעַן וֶועג פַּרפִיהְרֶן פַּרשִׁידֶענֶע גְרָאסֶע עֲבֵירוֹת צוּ טוּהְן וֶוען זִיא נָאךְ אַזוֹ גְרָאס זִינְד.

וֶועגִין דֶעַן אִיזְט צוּ וֵויינִין אוּנ צוּ קְלָאגִין אוֹיף אוּנְזֶער הֵייטִיגֶען דוֹר דַא זִיךְ פִּילֶע פוּן דִיא מַנְהִיגִים (וֶוען אוֹךְ דַאס זִיא יִרְאַת שָׁמַיִם הָאבִּין אָדֶער וֶועניגסְטֶענְס אוֹיף דֶעַן יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועג גֶעהְן אוּנ פִיהְרֶן ווִילֶען) אִין מַאנְכֶע גֶעגֶענְדֶן זִיךְ עֶרלוֹבֶּן צוּ פֶּרֶענְדֶערִין דִיא יִידִישֶׁע שְׁפְּרָאךְ, אוּנ אִיהְר דְרָשָׁה זָאגִין בְּלָשׁוֹן לְאוּמִים אוֹיף גוֹיִישֶׁע שְׁפְּרָאךְ עיין (עת לעשית חלק א׳ דף פ״ח ע״ב.) וֶוען אוֹיךְ דַאס זָאלְכֶעס אֵיין אוּר אַלְטֶע תְּקָנָה אִיזְט וָואס אוּנזֶערֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין אוֹיף זִיךְ גְנָאמִין ווִיא זִיא נָאךְ אִין מִצְרַיִם וָוארִין אוּנ הָאבִּין אוֹיף דֶעַן כּוֹרֵת בְּרִית גְוֶועזִין אֵיין בּוּנְד גְשְׁלָאסִין דַאס מַאן זָאל נִיכְט אִין לָשׁוֹן לְאוּמִים רֶעדִין, אוּנ דִיזֶע עֲבֵירָה צֶעהלְט דֶער סמ״ג צְווִישֶׁן דֶעַן פֶערבָּאט בְּחוּקוֹתֵיהֶם לא תֵלֵכוּ, הָאבְּן זִיא דָאךְ דִיא פְרֶעכְהֵייט אוּנ דָאס עַזוּת זִיךְ מִתְחַכֵּם צוּ זֵיין דַאס צוּ אִיבֶּר טְרֶעטִין וֵוייל זִיא זָאגִין דַאס אִיהְר כַּוָּונָה אִיזְט לְשֵׁם שָׁמַיִם ־ דַאס מַאן דוּרְךְ דֶעַן אִיהְר תּוֹכָחָה עֶנְדֶער צוּ הֶערִין ווִירְד, עיין (עת לעשות חלק א׳ דף צ׳ ע״ב בהג״ה) (דִיא רֵיינֶע וָוארְהֵייט אִיזְט אָבֶּער אֵיין מֶענְשׁ דֶער וָואס אֱמֶתְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם בֶּעזִיצְט וֶוערְדִין זֵיינֶע רֵייד צוּ גְהֶערְט אוּנ הָאבִּין כֹּח פְּרִיכְטֶען צוּ טְרָאגִין, אָבֶּער אֵיינֶער דֶער זִיךְ פוּן דִיא וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה פֶּרְאָרִימְט דַאס עֶר זִיא גִיכְט גֶענְזִי נָאךְ פָאלְגִין טוּהְט, זֵיינֶע תּוֹכָחָה רֵייד הָאבִּין קֵיין כֹּחַ דַאס זִיא ווִירְקוּנְג בֵּייא דִיא צוּ הֶערֶער מַאכִין זָאלִין דַאס אִיהְר יִרְאַת שָׁמַיִם דוּרְךְ דֶעַן פֶּרגְרֶעסֶערְט ווִירְד) אוּנ אֵיין עֲבֵירָה צִיגְט דִיא אַנְדֶערֶע דַאס זִיא זִיךְ עֶרלוֹבֶּן מִיט סְפָרִים הַחִיצוֹנִים בִּיכֶער לֶעזִין צוּ בַּשֶׁעפְטִיגֶן אוּם דַאדוּרְךְ דִיא רֵיינֶע דֵייטְשֶׁע שְׁפְּרָאךְ זִיךְ בֶּעסִיר אֵייגֶן צוּ מַאכִין, וֵוייל וֶוען מַאן וֶוערֶענְד דֶעַן פְּרֶעדִיג אֵיין שְׁפְּרַאךְ פֶעהְלֶר מַאכְט ־ אוּנ זָאלְכֶע קֶענְטְנִיסֶע צוּ פַּרבִּינְדֶן מִיט תּוֹרָה לֶערְנִין, אוּנ בֵּייא דֶעַן אַלֶען פֶּרפִיהְרְט אִיהְנֶן דֶער יֵצֶר הָרָע אוּנ פַּרבְּלֶענְט אִיהְרֶע אוֹיגֶן דַאס אַלֶעס לְשֵׁם שָׁמַיִם

צו טוהן – ווייל דאדורך ווירד די פרזאמלונג ביי דען פרעדיג אונגעהייער פרגרעסערט דאס זעלבסט שטודענטין, סוביעקטין בוכהאלטר, אונ דרגלייכען דאצו קאמין, אונ דאדורך ווירד די תורה אונ יראת שמים פרהערליכט אונ פרגרעסערט – ווען מאן העטע אבער איינע ריינע יידישע דרשה גזאגט זא העטין זאלכע ניט דאצו גקאמין, דער יעניגע אבער וואס זאלכעס ניט פרשטעהט וויס דאס זאלכע פרמענגטעלטע, פרקליידעטע, ווייט גפערליכר זינד פיר די אמונה אונ דת אלס די פרייע אפיקורסים אונ כופרים.

נון איזט צו שרייען וועהע אונ אך אויף די פילע בזיונות אונ חירופים וואס די ארטאדאקסע פארטייא האט סובל גוועזין פון די פארטשריטס פרטייא ביים (קאנגרעס בשנת תרכ"ט), אונ וויפיל הייסע טרערין זינד אוף דען פרנאסין ווארדין פון די יראי השם וואס זאלכעס בייגעוואהנט האבין, ביז איהנן השי"ת האט גיהאלפין דאס זיא פיר זיך אליין אבגעטיילט ווארדין זינד, נון ווען אבער דאך צווישן איהנען נאך זיך זאלכע מנהיגים גפינען, איזט יא איהר גאנצע מיהע אונ פלאג אונ מסירות הנפש וואס זאלכע טיילונג געקאסט האט אללעס אומזונסט, ווייל דער שלעכטר וועג וואס זאלכע זיך ערלויבען לשם שמים פון די תורה איהר וועג אויס צו טרעטין, פראורזאכט אהנע צווייפעל דאס די הייטיגע געמעסיגטע – שפעטר היען פארטשריטס זיין ווערדין.

אונ עס איזט קיין שום אונטר שיעד צווישן די תלמידים פון דען סעמינאר אונ צווישן די תלמידים פון זאלכע רבנים דאס די אלע צווייא גפערליך (פיר דען דת אונ די אמונה) אונ קרובים למיתה נצחיית זינד, נור איין אונטערשיד איזט צווישן איהנן, די פון סעמינאר זינד ערקראנקט פון איין גפערליכם גערפן פיבר וואס אין איין קורצע צייט איהר לעבין פרלארן אונ איהר נאמין פרמעקט זיין ווירד, אבער די תלמידים פון זאלכע רבנים – זינד ערקראנקט פון די אויסצעהרונג, שווינדזוכט וואס

יָא קְרַאנְקְהֵייט דוּיֶערְט אֵייבִּיגֶע הוּנְדֶערְט טֶעג וָואס זִיא נַאךְ אוּנ נַאךְ אִיהֲרֶע זֶעפְּטִין פֶּרלִירֶען, אִיהֲרֶע קְרֶעפְטִין גִשְׁוַואכְט, אִיהְר פְלֵייש פַרשְׁווִינְדֶעט, בִּיז זִיא אִיהֲרֶע צוּזַאמִין זֶעצוּנְג גַאנְץ אוֹיף גְלֶעהְזְט ווִירְד.

מִיט אֵיין זַאךְ אִיזְט נָאךְ פָאר צוּ צֵיגֶען דִיא תַּלְמִידִים פוּן דֶעם סֶעמִינַאר אַלְס פוּן דִיא רַבָּנִים מוּרְכָּבִים - דֶען וֶוען אוֹיךְ הֵייטִיגֶע צֵייט וָואס עִקְבוֹת מְשִׁיחָא אִיזְט, דִיא דוֹרוֹת אָב גֶעהֶמֶען, דֶענְנָאךְ ווִירְד זִיךְ דֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל נִיכְט אוּפלֶעזְן, אוּנ דֶער הַמּוֹן עַם ווִירְד מְרַייא בְּלֵייבֶּן הַשֵּׁי"ת אוּנ זַיין תּוֹרָה, דֶען וֶוען זִיא זֶעהְן דַאס דִיא רָאשִׁים פוּן דֶען סֶעמִינַאר דַאס זִיא עֶפֶענְטְלִיכֶע כּוֹפְרִים אוּנ אַפִּיקוֹרְסִים זִינְד, אַזוֹ וֶועלְדִין זִיא גוֹיִים פוּן זִיךְ אַלֵיין פוּן אִיהְנֶען פּוֹרֵשׁ זַיין, אוּנ זִיא ווערְדִין אִיהֲנֶען אוּנ אִיהֲרֶע תַּלְמִידִים בֶּטְרַאכְטִין אַלְס דִיא קְרָאִים דִיא פוּן יִידֶען אוּם גְשְׁלָאסִין זִינְד (אָהְנֶע דֶען אִיסוּר אוּנ גְרָאסֶען חֵרֶם וָואס גִימַאכְט אִיזְט וָוארְדִין פוּן אַלֶע גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל דַאס זִיא פָּסוּל זִינְד צוּ אַיינֶע יֶעדֶע הוֹרָאָה) זָא ווִירְד יָא גוֹיִים קֵיינֶם אֵיינְפַאלִין פוּן זָאלְכֶע אֵיין רַב צוּ נֶעמִין, אָבֶּער פוּן דִיא מוּרְכָּבִים מִיט אִיהֲרֶע תַּלְמִידִים, דַא אֵיין יֶעדֶער פוּן דֶען הַמּוֹן עַם נִיכְט דֶען בֶּעגְרִיף הָאט דַאס דִיזֶער וֶועג (וֶוען מַאן תּוֹרָה לֶערְנִין מִיט בִּיכֶר לֶעזִין צוּ זַאמִין נֶעהְמִין ווַיל) אוֹיךְ צוּ אַפִּיקוֹרְסֶת אוּנ כְּפִירָה פִיהְרט, אִיזְט וֵוייט עֶרְגֶער.

דַאס דוּא בֶּעסֶר פֶּרְשְׁטֶעהְן זָאלְסְט דַאס דִיא פִיהרוּנְג פוּן דִיא גֶעמֶעהְסִינְגְטֶע, דֶער אֵיינְגַאנְג פוּן דִיא פָארְטְשְׁרִיט אִיזְט עַיין (עת לעשות חלק א' דף צ"ט שאלה י"ג) בֶּעטְרַאכְטֶע דִיר דִיא הֵייטִיגֶע פָארְטְשְׁרִיט ווִיא זִיא אִין דִיא פְרֶיעֶרִיגֶע צֵייטִין פָאר צְוָואנְצִיג יָאר אוּיס גְזֶעהְן הָאבִּין, אוּנ ווִיא אַזוֹ זִיא דַאס גְלִיק הָאבִּין גְהַאט דַאס זִיא פָארטְשְׁרִיט גְוָוארְדִין זִינְד, ווִירְסְט דוּא זֶעלְבְּסְט אֵיינְזֶעהְן דִיא אֱמֶתְדִיגֶע רֵייד פוּן דִיא חכמז"ל, אִיהְר עֶרְשְׁטֶער שְׁרִיט וָואהר דַאס זִיא הָאבִּין זִיךְ מְקָרֵב גְוֶועזִין גֶעגֶעהְרט צוּ דִיא אוּמוֹת

העולם

הָעוֹלָם אײנשפּראך צו רעדין, דאריבער האבין זיא זיך גיוועהלט אַזוי רב און מַנְהִיג וואס ער זאל זיין דְרָשָׁה בלע"ז זאגין, נון דא דער רַב זיין דְרָשָׁה אויף דייטש זאגט אזוי איזט יא איין שולדיגקייט אויף איין יעדין פאטער דאס זיין קינד זאל דיא תּוֹרָה מיט איבערזעצונג פון דייטשע שפּראך לערנין דאמיט ער גיט פערשטעהן קאנען זאל דען פּארטראג פון זיין ראבי, דאן געהט דער יֵצֶר הָרָע מיט זיין פרפיהרען ווייטר, נעהמליך ווען דיא קינדר דיזעס פון איין מְלַמֵּד וואס נאך איין ווענִיג יִרְאַת שָׁמַיִם האט לערנין ווערדין, זא ווערדין זיא ניכט צו איהרען צוועק קאמין דען עס איזט פיל בעסיר ווען זיא זאלכעס פון איין לעהרער לערנין דא ער זיינע גאנצע לעבענסצייט האט זיך נור אימר מיט ביכער לעזין בשעפטיגט דאס דאדורך זעלבסט זיין שִׂיחוֹת חוּלִין אהנע שפּראך פעהלער גרעדעט ווירד, אבער דיא אנדרע מְלַמְּדִים ווען אויך דאס ער מיט איהנן דיא תּוֹרָה לערינט מיט דיא פּאר גשריבענע איבר זעצנוג, ער שעדיגט אבער ווידר דאס קינד מיט זיינע אלגעמיינע שפּראך וייל עס נור גראב יידיש איזט (עס איזט אבער בֶּאֱמֶת איין אנדערר גרונד ווארום דער יֵצֶר הָרָע ווינשט נור לערערס וייל דורך דיא יוגענד אונטרריכט וואס דאס קינד ביא זאלכע לעהרינט אנשטאט וואס זיא זאלין אין זיין הערץ איינפּרעגין יִרְאַת שָׁמַיִם און דיא אויפקלערונג פון דיא ווארצלין פון דיא אֱמוּנָה, דאס איין וועלט בשעפר עקסעסטירט, און דאס אונזר הייליגע תּוֹרָה פון איהם געגעבין איזט ווארדין, און דאס ער האט אויף זיכט אויף איין יעדין מענשין זיינע פיהרונג און שׂריט, און ער בעלאהנט און בשטראפט, און זאל זיך בשטרעבין איהם איינגן צו מאכין דיא מִדָּה פון בּוּשָׁה און צְנִיעוּת און אנדרע מִדּוֹת טוֹבוֹת, פרעגט ער איהם איין קַלּוּת לייכטזון, און כְּפִירָה צו לייקענין אן אלע ווארצלין פון דיא אֱמוּנָה, און עַזּוּת דאס שפּעטערהין אהנע צווייפעל. דער אונטרריכט ביא איהם פראורזאכן ווירד, דאס ער דאס גאנצע יאך פון דיא תּוֹרָה

אונ מצות פון זיך ווערפין ווירד) אונ דער אונטעררירכט פון זאלכע איזט נור דאס דיא קינדער זיך געוועהנן זאלין איהרן גוף צו ציערן אין אלע הינזיכטן אונ דיא פאות אב צו שניידן, אדער דאס מאן זיא ריכטען זאל אונטער דיא אהרן צו זיין וויא דיא גוישע קינדער אונ דאס זיא איהרען יידישען נאמין פרענדרין זאלין, וויא אויך דאס זיא זיך בשטרעבין זאלין מיט ביכער לעזין, נון ווען דאס קינד וועררענד זיינע גאנצע קינדער יאהרין מיט זאלכע אונטערוייז ערצאגיי וואָרדין איזט, ווען דיא שפעטערע יאהרין קאמין ווערדין, ווירד יא געוויס זיין דאס ער שטודירען געהן ווירד נאך (פעסט, וויען, פראג, לעמבערג, בערלין פאדאווע) אונ ווען ער אויך זאלכעס ניכט טוהן ווירד ווענין געוויסע צוריק האלט, ווירד ער ווענינגסטענס זיך בשטרעבין מיט זאלכע ספרי מינים זיך צו בשעפטיגן אין זיין פאטרס הויז (ווייל נור דער גאנצר ציעל פון דען יצר הרע איזט דאס ער דאדורך איין כופר הכל ווערדין זאל, נון ווען ער קאן זאלכעס ערייכען פון דען פריוואט אונטעררירכט וועגין וואס זאל ער אונגיצליכע הוצאות מאכין נאך דיא גראסע שטעט צו געהן.

אונ אויף דיזע ארט, איזט אויך דער אונטערוויס אונ דער אונטעררירכט פון דיא טעכטער אין איהרע קינדער יאהרן, אונ דא זיא נור זיך בשעפטיגין מיט ביכער לעזין וואס זאלכע ערוייטערין פון דען מענשין בושה אונ צניעות אונ ערוועקין זייגע ליידענשאפטען אונ רייצען איהם צו עזות, אין טעאטער צו געהן, אונ זאלכע לידער צו זינגען ווא חוצפא אונ ניבול פה דער אינהאלט דאפון איזט.

ווייל דער רב איין מוסטר פון דיא שטאט איזט, דאס איין יעדער זיך פון זייגע פיהרונג אונ שריט אב לערנין זאל, אזו ווירקט זייגע דייטשע פרעדיג דאס אין איינע קורצע צייט דאס זעלטין מעהר איין הויז צו פינדען איזט וויא דיא יידישע שפראך גערעדעט, ווירד אונ מיט יידישע נעהמן גערופן ווירד, אזו ווייט קאמט עס דאס

## כלל ד שאלה כב

בַּייא פִיהלֶע שָׁאן אֵיינֶע חֶרְפָּה אוּנ שַׁאנְד אִיזְט וֶוען זִיא הֶערֶען דַאס מַאן זִיא מִיט דֶען יִידִישֶׁען נָאהְמֶען רוּפְט.

נוּן דַא מַאן שָׁאן אַזוֹ וֵוייט פָארֶוועֶרץ גִיקָאמִין אִיזְט, אַזוֹ אִיזְט יָא אֵיינֶע גְרָאסֶע שׁוּלְדִינְקֵייט דַאס מַאן זֶעלְבְּסט אִין שׁוּהְל דִיא אַלְטֶע יִידִישֶׁע מִנְהָגִים אוּמֶענְדֶערִין זָאל, דַאס מַאן נוּר צוּם סֵפֶר תּוֹרָה אוֹיף רוּפֶען זָאל (לֵוִי, שְׁלִישִׁי), נִיכְט מִיט דִיא נָעהמִין, (דֶען מַאן אִיזְט יָא גֶעצְוָואוּנְגֶען זָאלְכֶעס צוּ טוּהְן, וֵוייל קֵיין אַנְדֶערֶר אוֹיסְוֶועג אִיזְט, דֶען וֶוען זֵיין נָאהמִין אִיזְט דָוִד בֶּן חַיִּים מַאן זָאל אִיהְם אוֹיף רוּפֶען וִויא פְרִיהֶער מִיט דֶען יִידִישֶׁען נָאהמִין, דַאס קָאן יָא נִיכְט זֵיין דַא עֶר דַאנְקְט אוּנ לוֹיבְּט דַאס דִיא צֵייט שֶׁאן גְקָאמִין אִיזְט דַאס דִיא וֶועלט אִיהֶרע אוֹיגֶן שָׁאן גִיעֶפֶנְט הָאבִּין, אוּנ דִיא אוֹיפְקְלֶערוּנְג אַזוֹ וֵוייט גְקָאמִין אִיזְט דַאס עֶר דִיא גַאנְצֶע וָואכֶענְטֶעגֶן נוּר מִיט דֶען גוֹיִישֶׁען נָאהמִין גֶערוּפֶען ווִירְד, אוּנ דֶער בַּשְׁמוּצְטֶער, בַּפְלֶעקְטֶער, יִידִישֶׁער נָאהְמִין נִימָאהְלס מֶעהְר גֶעדֶענְקְט ווִירְד, זָאל מַאן אִיהְם שַׁבָּת אַן זֵיין אוּנְגְלִיק עֶרְאִינֶערִין דַאס עֶר נָאךְ אֵיין יוּד אִיזְט — מַאן מֶעכְט יָא אִיהְם שְׁטֶערִין זֵיין עוֹנֶג שַׁבָּת דַאמִיט - מַאן זָאל אָבֶער אִיהְם אוֹיף רוּפֶען עֶדוּאַרְד בֶּן קַארְל דָאס קָאן מַאן נִיכְט טוּהְן וֵוייל זֵיין פָאטֶער נָאךְ פוּן דִיא אַלְטֶען, פוּן דִיא דוּמֶע וָואהְר - זָא פַּאסְט אִיהְם נוּר דֶער בַּשְׁמוּצְטֶער יִידִישֶׁער נָאהמִין חַיִּים - מַאן זָאל אִיהְם אוֹיף רוּפֶען עֶדוּאַרְד בֶּן חַיִּים, דַאס קָאן אוֹיךְ נִיכְט זֵיין, עֶרשְׁטֶענְס עֶס צִימְט נִיכְט צוּזַאמִין גוֹיִישׁ מִיט יִידִישׁ, צְוֵוייטֶענְס, דַא עֶר שָׁאן עֶדוּאַרְד, הֵייסְט, אַזוֹ אִיזְט יָא אִיהְם אֵיינֶע שַׁאנְד אֵיין זָאלְכֶען פָאטֶער צוּ הָאבִּין וָואס נָאךְ זֵיין נָאהמִין חַיִּים אִיזְט.)

וֵוייל דֶער גַאנְצֶער אָבְּזִיכְט אִיזְט דִיא יִידִישְׁקֵייט צוּ שְׁוַואכֶען אוּנ זִיךְ מֶעהְר אוּנ מֶעהְר צוּ פַרְגְלֵייכֶען צוּ דִיא אוּמוֹת הָעוֹלָם אַזוֹ גֶעהְט מַאן דַאן וֵוייטֶער צוּ מַאכִין טָעוֶולִיךְ מְבַטֵּל צוּ זֵיין דֶען מִנְהָג יִשְׂרָאֵל מִצְוֹת אוֹיס צוּ רוּפֶען (אָבֶּר חָלִילָה דַאס דִיר זָאלְכֶעס

איינפאלען

אֵיינְפַּאלְן זָאל דַאס אִיהְר כַּוָונָה אִיזְט לְשֵׁם שָׁמַיִם וֶועגִין חֲשַׁשׁ מֶקַח וּמִמְכָּר) וֵוייל דַאס מַאן אוים רוּפֶען זָאל הוּנְדֶערְט, צְוֵוייא הוּנֶדערְט אום מִצְוֹת, אִיזְט נָאךְ צוּ פִיהְל יִידִישׁ, – אוּנ נָאךְ צוּ פִיהְל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם פַּרבִּינְדֶן – דֶען אִין דִיא צַייטִין פוּן עִקְבוֹת מְשִׁיחָא מוּז מַאן זִיךְ זֶעהְן צוּ בַּשְׁטְרֶעבִּן מִיט אַלֶען מֶעגְלִיכֶן דֶען אֱמֶת צוּ פַרקְלֶעְנֶערִין אוּנ דִיא יִרְאַת שָׁמַיִם צוּ עֶרנִידְרִיגֶן – וִויא אוֹיךְ מְבַטֵּל צוּ זֵיין דַאס שִׁיהְל קְלַאפִּין, וֶוען אוֹיךְ דַאס זִיא פוּן דֶען קֵיין גֶענוּס אוּנ אִינְטֶערֶעסֶע הָאבִּין, נוּר אוים דִיזֶען גְרוּנְד דִיא יִידִישְׁקֵייט צוּ פַרקְלֶעְנֶערִין, וֵוייל נִיכְט גֶענוּג דַאס מַאן נָאךְ אִין דִיא הֵייטִיגֶע צַייט – פְּרִיה אוּנ אָבֶענְד אִין שִׁיהְל גֶעהְט אוּנ קַדִישׁ וּבָרְכוּ זָאגְט (וָואס בֶּאֱמֶת אֵיין יֶעדֶר אַפִּיקוֹרְס אִין פַרבָּארְגֶענֶען זִיךְ דַארִיבֶּר מְצַעֵר אִיזְט, נוּר עֶר קָאן עֶס נִיכְט אַנְדֶערְסט מַאכִין) זָאל נָאךְ דִיא יִרְאַת שָׁמַיִם אִין אַזוּ רַאנְג שְׁטֶעהְן דַאס מַאן פְּרֵייא אוּנ עֶפֶענְטלִיךְ אוֹיף אֵיינֶע יֶעדֶע הוֹיז טִיהְר קְלַאפִּין זָאל – וֶוער קָאן דֶען זָאלְכֶע שְׁקַאנְדַאל, אוּנ בְּשְׁמוּצְטֶע, בֶּעזִידֶעלְטֶע, אַלְטֶע יִידִישֶׁע אֵיינְרִיכְטוּנג, נָאךְ הֵייטֶע דוּלְדֶן נָאךְ דֶען גֶעהְט מַאן וֵוייטֶער, אַלֶע זִיטְצֶע אִין שִׁיהְל גֶעגֶען מִזְרָח צוּ רִיכְטֶען, וִויא אוֹיךְ צוּ מַאכִין אוֹיף דִיא שִׁיהְל אֵיין טָארְם דַאס אוּנְזֶער בֶּעטְהוֹיז אַזוֹי אוים זֶעהְן זָאל אַלְם דַאס בֶּעטְהוֹיז פוּן דִיא אוּמוֹת הָעוֹלָם, דַאן גֶעהְט מַאן וֵוייטֶער, דִיא לוּחוֹת אֵיין צוּ זֶעצִין אִין דִיא אֵייסֶערֶע מוֹיֶער פוּן דִיא שִׁיהְל (עֶס אִיזְט אֵיין יוֹשֶׁר אִין אֵיין יֶעדִין אָרְט וִויא זִיךְ נָאךְ יִרְאֵי שָׁמַיִם פִינְדֶן דַאס מַאן דֶען מִנְהָג רָע אוים וָוארְצְלִין זָאל דֶען עֶס אִיזְט פַּרבִּינְדֶן דַאבֵּייא כְּפִירָה וְאַפִּיקוֹרְסֶת דַאס מִיר חָלִילָה מֶעהְר קֵיין אַנְדֶערֶע תּוֹרָה בֶּעזִיצֶן נוּר עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת) דַאן גְעהְן זִיא וֵוייטֶער אֵיין זָאלְכֶען שְׁלִיחַ צִיבּוּר צוּ וֶועהְלִין דַאס עֶר גוּט בֶּקַאנְט זֵיין זָאל מִיט דִיא אַלֶע נִיגוּנִים וָואס מַאן זִינְגְט פָאר דִיא עֲבוֹדָה זָרָה, אוּנ וֶוען זִיא הָאבִּין נִיכְט אִין אִיהְר כֹּחַ דַאס עֶר גַאנְץ גֶעקְלֵיידֶעט גֶעהְן זָאל אַלְם דֶער קָאהְר חַזָן, וֵוייל צְווִישֶׁען

דיא

## כלל ד שאלה כב

דיא מַנְהִיגֵי קָהָל אויך מאַנְכֶע יְרֵאִים זִינְד, אָבֶּער צוּ דֶעם זִינְד דִיא דָארְטִיגֶע יְרֵאִים אויך אֵיינְשְׁטִימִיג דַאס דֶער חַזָן דַאס שֶׁתִי וָעֶרֶב קַאפֶּעל הָאבִּין זָאל - שְׁפֶּעטֶר הִיעֶן אויך דִיא חוּפָּה אֵין שִׁיהְל צוּ מַאכִין, אוּנ דִיא מְחִיצָה צְוִוישֶׁן דִיא מֶענֶר אוּנ וַוייבֶּר שִׁיהְל צוּ עֶרְנִידְרִיגֶען, שְׁפֶּעטֶר הִיעֶן פִּירְטֶעל, דְרִיטֶעל, הַאלְבּ קָאהְר אֵיין צוּ רִיכְטֶען בִּיז זִיא דַאס גְלִיק הָאבִּין אֵיין גַאנְצֶעס קָאהְר צוּ עֶרְרֵייכֶן.

אוּנ אויף דִיזֶע אַרְט הָאט דָאס שִׁינוּי הַשֵׁם אוּנ לָשׁוֹן בֵּייא דִיא נָשִׁים גֶעוִוירְקט נָאךְ אוּנ נָאךְ בִּיז עֶס בֵּייא אִיהְנֶען צוּלֶעצְט אַזוֹ וַוייט גֶעקָאמִין אִיזְט דַאס זִיא גְרִינְג שֶׁעצִין דַת מֹשֶׁה וְדַת יַאהֲדוּת אַלֶע דִינִים פוּן נִדָה, אוּנ טְבִילָה, אוּנ צְנִיעוּת - אוּנ שְׁפֶּעטֶר הִיעֶן אַזוֹ וַוייט גֶעקָאמִין אִיזְט דַאס תוֹרָה לֶערְנִין אוּנ יִידִישְׁקֵייט נָאךְ צוּ פָאלְגִין אִיז בֵּייא אִיהְנֶען זֶעהְר פֶּרַאכְט דַאס זִיא זִיךְ דַאדוּרְךְ גַאנְץ עֶרְוֵויטֶערִין פוּן דִיא צַדִיקֵי אֱמֶת, אוּנ קוּרְץ גֶעזָאגְט גַאנְץ דֶעם יִידִישֶׁן דַת פֶערְלָאסֶן, אוּנ זִיךְ דֶעם נָאהְמִין גֶעבִּין פָארְטשְׁרִיטְס פַּארְטֵייא.

נוּן דַא דִיא פָארְטְשְׁרִיטְס פַּארְטֵייא נוּר צוּ דֶעם גֶקָאמִין זִינְד וַוייל זִיא הָאבִּין פוּרְץ גֶדֶר גֶעוֶועזִין צוּ עֶנְדֶערִין דִיא יִידִישֶׁע שְׁפְּרָאךְ - דַארִיבֶּער אִיזְט גְרָאס מִיטְלֵייד צוּ הָאבִּין אויף פַרְשִׁידֶענֶע מְקוֹמוֹת וָוא דִיא גֶעמֶעסִינְטֶע מִיט דִיא פָארְטְשְׁרִיט דוּרְךְ פִיהְלֶע מַחֲלוֹקוֹת אַזוֹ וַוייט גֶעקָאמִין אִיזְט דַאס זִיא זִיךְ גַאנְץ גֶעטֵיילְט הָאבִּין, אוּנ דֶענְנָאךְ זִינְד זִיא מְשַׁנֶה שֵׁם אוּנ לָשׁוֹן דַאס אִיהְר רַב אויף דֵייטְשׁ פְּרֶעדִיגְט, וִויא אִיזְט אִיהְר פֶרְשְׁטַאנְד - קָאן מַאן דֶען, דֶעם אֱמֶת וָואס אַזוֹ רֵיין אִיזְט אַלְס דִיא זוּן אָבּשְׁטְרֵייטֶען, דַאס דוּרְךְ דֶעם דַאס זִיא דִיא יִידִישֶׁע שְׁפְּרָאךְ פֶרֶענְדֶערִין, וִוירְד שְׁפֶּעטֶר הִיעֶן בֵּייא אִיהְנֶען פֶרְאוּרְזַאכֶן דַאס זִיא אויךְ פוּן דִיא פָארְטְשְׁרִיט זֵיין וֶוערְדִין - נוּן צוּ וָואס גֶעהֶער דֶעם דֶער אוּמְזָאנְסְטִיגֶר אוּנ אוּנְנִיצְלִיכֶר שְׁטְרֵייט.

## שאלה כג

עֶרְקְלֶעהְרֶע מִיר אוּס וֶועלְכֶע אוּרְזַאךְ אוּנ אוּס וֶועלְכֶן גְרוּנְד פְּרֶעמְדֶע קֶענְטְנִיסֶע לֶעהְרְנֶן פוּן זֵייטֶע דִיא תוֹרָה אַזוֹ שְׁטְרֶענְג פֶערְבָּאטֶן אִיזְט.

תשובה

**תשובה** ווייל פִיהלֶע מֶענְשְׁן .פְרֶעמְד אונוויסֶענְד פון דִיא תּוֹרָה זִינְד, אונ דַארִיבֶּר נִיכְט קוּנְדִינג זִינְד אונ נִיכְט פַרְשְׁטֶעהְן וֶועלְכֶע מִצְוָה, אָדֶר פַרְבָּאט, דִיא וָוארְצֶעל פון דֶען בּוים אִיזְט (ווייל דִיא תּוֹרָה אָנְגֶערוּפֶן וִוירְד עֵץ חַיִּים) אונ וֶועלְכֶע דֶער שְׁטַאם, אונ וֶועלְכֶע דִיא צְוַוייגִין, אונ צְווישִׁין צְוַוייגִין אונ צְוַוייגֶען גִיבְּט עֶס אויךְ פֶערשִׁידֶענֶע, דִיקֶע אונ שְׁטַארְקֶע, אונ דִינֶע אונ שְׁוַואכֶע, אונ גַאנְץ שְׁוַואכֶע, אונ וֶועלְכֶע נוּר דֶער גֶדֶר דֶער צוים דֶען בּוים צוּ בֶּעהִיטֶן אִיזְט:

דַארִיבֶּר פִינְדֶע אִיךְ מִיךְ שׁוּלְדִיג אַיין וֶועניג אויף צוּ קְלֶעהרֶן אונ זָאלְכֶעס דִיא טְרֵייֶע יִידִישֶׁע קִינְדֶער בֶּעקַאנְט צוּ מַאכֶן דַאס אַיין יֶעדֶר דַאפוּן דֶען בֶּעגְרִיף הָאבֶּן זָאל וֶועלְכֶס דִיא עִיקְרֵי אֱמוּנָה דִיא וָוארְצְלִין פון אוּנְזֶער דַת זִינְד, אונ וֶועלְכֶע דֶער שְׁטַאם, אונ וֶועלְכֶע דִיא צְוַוייגִין, אונ וֶועלְכֶע נוּר דֶער גֶדֶר צוים אִיזְט - ווייל זָאלְכֶעס זֶעהְר נָאטְהְוֶוענְדִיג צוּ וִויסֶן אִיזְט, אונ זִיא פון זֶעהְר גְרָאסֶר וִויכְטִיגְקֵייט זִינְד, דֶען ווען אויךְ דַאס אַלֶע תרי״ג מִצְוֹת מִיט דִיא מִצְוֹת אונ לֹא תַעֲשֶׂה פון דְרַבָּנָן גֶעבָּאטֶע פון השי״ת זִינְד, זִינְד זִיא דָאךְ פֶערשִׁידֶן אונ נִיכְט אַלֶע גְלַייךְ, זָאנְדֶערְן גַאנְץ קְלֵיינֶע, קְלֵיינֶע, עֶטְוַואס גְרֶעסֶערֶע, גַאנְץ גְרָאסֶע, שְׁרֶעקְלִיךְ גְרָאס, אונ דֶער שְׁטַאם זֶעלְבְּסְט, אונ דַאס לֶעצְטֶע אִיזְט, אַלֶעס גֶעהְמְלִיךְ דִיא וָוארְצֶעל.

גֶעהְמְלִיךְ תַּקָּנוֹת וְסְיָיגֵי חכמז״ל ווען אויךְ דַאס זִיא מִן הַתּוֹרָה זִינְד ווייל דִיא תּוֹרָה הָאט גֶעזָאגְט וּשְׁמַרְתֶּם אֶת מִשְׁמַרְתִּי לֹא תָסוּר, זִיא זִינְד אָבֶּר דָאךְ נוּר גֶעמַאכְט וָוארְדֶען צוּ שִׁיצֶן דַאס דִיא שְׁמִירוֹת הַתּוֹרָה נִיכְט בֶּערִירְט וֶוערְדֶען זָאל, דַאס זִינְד דִיא גַאנְץ קְלֵיינֶע, ווייל זִיא נוּר אַיין גֶדֶר אונ צוים צוּ דִיא תּוֹרָה זִינְד.

עֶס גִיבְּט אויךְ מַאנְכֶע אִיסוּרִים דִיא נוּר דֶער אִיבֶּערְטְרֶעטֶער אויף אַיינֶע מִצְוֹת עֲשֵׂה עוֹבֵר אִיזְט קֵיין לָאו, דִיא זִינְד דִיא קְלֵיינֶע, ווייל זִיא פון דִיא תּוֹרָה אוֹיס אַלְס אַיין אִיסוּר פִיר זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען זִינְד. ·

## כלל ד שאלה כב

דִיא לֹא תַעֲשֶׂה פֶּרְבָּאט פוּן דִיא תּוֹרָה וִויא נוּר מַלְקוּת אַלֵיין קָאמְט, דַאס זִינְד שָׁאן דִיא צְוַויינֶען פוּן דֶעם בּוֹים, אָבֶּר נוּר דִינֶע צְוַויינֶען, דַאס זִינְד דִיא עֶטְוַואס גְרֶעסֶערֶע.

זָאלְכֶע לֹא תַעֲשֶׂה פֶּרְבָּאט אָבֶּער וָואס אִיהְר עוֹנֶשׁ אִיזְט דַארוּף כָּרֵת אָדֶר מִיתָה בִּידֵי שָׁמַיִם, דַאס זִינְד אוֹיךְ נוּר צְוַויגֶען, אָבֶּר וֵוייט דִיקֶר אוּנ שְׁטֶערְקֶער.

אָבֶּר זָאלְכֶע פֶּרְבָּאט וָואס אִיהְר עוֹנֶשׁ אִיזְט כָּרֵת אוּנ דִיא קְדוּשָּׁה פוּן יִשְׂרָאֵל דַאס זִיא עַם קָדוֹשׁ גֶערוּפֶן וֶוערְדֶען, אִיזְט פוּן אִיהְר אָבְּהֶענְגִיג, אוּנ קָאן בֶּייאַטְרַאגֶען דַאס הַשְׁרָאוֹת הַשְּׁכִינָה בֵּייא יִשְׂרָאֵל זֵיין זָאל דִיזֶע זִינְד וֵוייט גְרֶעסֶר אוּנ דִיקֶער, אוּנ וִויכְטִיגֶערֶע צְוַויינֶען.

עֶס גִיבְּט אָבֶּר אֵיין מִצְוָה וֶוען אוֹיךְ דַאס זִיא נִיכְט צְווִישֶׁן דִיא וָוארְצְלֶען פוּן דִיא אֱמוּנָה גֶערֶעכֶענְט אִיזְט דֶענָאךְ הָאט זִיא דַאס גֶעוִויכְט גֶעגֶן דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה, גְעהְמְלִיךְ דִיא מִצְוָה פוּן שְׁמִירוֹת שַׁבָּת, דִיזֶע אִיזְט צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען אַלְעֶם דֶער שְׁטַאם.

אוּנ דַאס לֶעצְטֶע הָאט קֵיין אַנְדֶערְן אוֹיסְדְרוּק, זָאנְדֶערְן מִיט דֶען וָוארְט אַלֶעס וֵוייל עֶס קֵיין צְוֵיים, קְלֵיינֶע, גְרָאסֶע, דִיקֶע צְוַויינג, אָדֶר שְׁטַאם אִיזְט, זָאנְדֶערְן דִיא וָוארְצֶעל זֶעלְבְּסְט, דַאס אִיזְט, דַאס אֵיין יֶעדֶר יוּד אֵיינֶע פֶעסְטֶע אוּנְגֶעטֵיילְטֶע אֱמוּנָה הָאבֶּן זָאל אוּנ מוּס, אוֹיף דִיא עִיקָּרֵי וְשׁוֹרְשֵׁי הַדָּת אוֹיף דִיא וָוארְצְלֶן וָואס אוּנְזֶערֶע גַאנְצֶע אֱמוּנָה אוֹיף זִיא גֶעגְרִינְדֶעט אִיזְט אוּנ נוּר דוּרְךְ אִיהְנֶן פֶּעסְט שְׁטֶעהְט, דֶען וֶוען דֶער צְוֵיים צֶערְבְּרָאכֶן אִיז, אִיזְט אֵיין גֶעפַאהְר פִיר דֶען בּוֹים אוּנ דִיא פֵּירוֹת, וֵוייל עֶס קָאן זִיךְ אֵיין שָׁאדֶן עֶרְאֵייגֶענֶן, אָבֶּר דֶער שָׁאדֶן אִיז נָאךְ נִיכְט גֶשֶׁעהֶן, דַארִיבֶּר מוּס אֵיין יֶעדֶר אַכְט גֶעבֶּן דֶען צְוֵיים נִיכְט צוּ בֶּערִירֶן דַאס נִיכְט דוּרְךְ זֵיינֶער, דֶער בּוֹים אִין גְפַאר קָאמֶן זָאל, וֶוען עֶר אָבֶּר דָאךְ לְזָאכֶם פֶּרְנַאכְלֶעסִיגְט הָאט, אוּנ דֶער צְוֵים דוּרְךְ זֵיינֶר אֵיינְגֶעבְּרָאכֶן

ווארדין

וָוארְדֶן אִיזְט, וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר שְׁטְרָאף ווִירְדִיג אִיזְט, אָבֶּר נוּר אֵיינֶע קְלֵיינֶע שְׁטְרָאף, וֵוייל דֶער בּוֹים זֶעלְבְּסט נָאךְ נִיכְט בֶּערִירְט אִיזְט, אָבֶּר וֶוען עֶר פּוֹשֵׁעַ גֶעוועזֶן הָאט זָא וויִיט דַאס עֶר אֵיינֶע צְווַייג אָבּ גֶבְּרָאכֶן הָאט, אַזוֹי אִיז שָׁאהְן זַיין עוֹנֶשׁ וַוייט גְרֶעסֶר, דַא עֶר שָׁאהְן דֶען בּוֹים זֶעלְבְּסט בֶּעשֶׁעדִיגט הָאט, אוּנד וֶוען עֶר פוּן דִיא דִיקֶערֶע צְווַייגֶן בֶּשֶׁעדִיגְט, אִיז דֶער עוֹנֶשׁ נָאךְ גְרֶעסֶר, אוּנ וֶוען עֶר דֶען גַאנְצֶן שְׁטַאם בֶּשֶׁעדִיגְט, אִיזְט זַיין עוֹנֶשׁ אוּנְגֶעהֵייעֶר גְרָאס, וֶוען עֶר אָבֶּר זִיךְ נָאר פֶּרְגְרַייפְט דִיא וָוארְצְלֵין אוֹיס צוּ רֵייסֶן, אָדֶר שְׁלַאף צוּ מַאכֶן, וֵוייל דַאדוּרְךְ דֶער גַאנְצֶער בּוֹים אוֹיף אֵימֶר פֶּרְלָארִין אִיזְט, אַזוֹי אִיזְט זַיין עוֹנֶשׁ אוּנְבֶּשְׁרַייבְּלִיךְ - (נֶעמְלִיךְ זָא לַאנְג דַאס בַּייא אֵיינֶן מֶענְשֶׁן אִין זַיין הֶערְץ דִיא אַלֶע יְסוֹדוֹת פוּן דִיא אֱמוּנָה גְרוּנְדְשְׁטֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערִין גְלוֹיבֶּן, אֵיינְגֶעפְּרֶעגְט זִינְד (וָואס עֶס וֶוערְדִין גֶערוּפֶן דִיא וָוארְצְלֶען פוּן דֶעם בּוֹים) אוּנ עֶר צוּ אִיהְנֶן מִיט אֵיין אוּנְגֶעטֵיילְטֶעם הֶערְץ אֵיין עֶהְרִינְגְסְטֶעס אֱמֶתְדִיגֶעס, פֶּעסְטֶעס, גְלוֹבֶּן הָאט אַזוֹי אִיז, עֶר שָׁאהְן וֶועגֶן דֶען צוּ רֶעכִינֶן צְווִישֶׁען דִיא אוּמָה יִשְׂרָאֵלִית דַאס עֶר אֵיין יוּד אִיז, אוּנ אִיז שָׁאהְן אֵיין מִצְוָה דַאס מַאן מִיט אִיהְם פֶּערְבְּרִידֶערְט זַיין זָאל אוּנ זִיךְ מִיט אִיהְם פִיהְרֶן זָאל מִיט אַלֶען וָואס השי״ת אִין דִיא תּוֹרָה בֶּעפָאלִין הָאט פוּן אַהֲבָה אוּנ אַחֲוָה פְרֵיינְרְשַׁאפְט אוּנ אֵיינִיגְקֵייט, וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר זֶעהְר פִילֶע עֲבֵירוֹת עוֹבֵר אִיז, וֶועגֶן זַיינֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן, אָדֶר זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר, וֵוייל עֶר נוּר וֶועגֶן דִיזֶע עֲבֵירוֹת פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל גֶערוּפֶן ווִירְד (אָבֶּר זַיין נָאמֶן יִשְׂרָאֵל דַאדוּרְךְ נִיכְט פַּרְלִירְט) אָבֶּר דֶעסְטְוֶועגִין וֶוען עֶר זַיין עוֹנֶשׁ ווִירְד הָאבֶּן סוֹבֵל גֶעוֶועזְן וֶועגֶן זַיינֶע חֲטָאִים הָאט עֶר דָאךְ חֵלֶק לעוה״ב, וֶוען אָבֶּר אֵיין מֶענְשׁ דִיזֶע אַלֶע יְסוֹדוֹת פוּן דִיא אֱמוּנָה אָדֶער נוּר, אֵיינֶע דַאפוּן נִיכְט גְלוֹיבְּט, אָדֶר אִין צְווַייפֶעל אִיז, אַזוֹ אִיז עֶר שָׁאהְן וֶועגִין דֶען, פוּן דֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל גַאנְץ אוֹיס גֶשְׁלָאסִין, אוּנ ווִירְד גֶערוּפֶן מִין וַאֲפִּיקוֹרֶס, אוּנ אִיז אֵיינֶע מִצְוָה אִיהְם פֵיינְד צוּ הָאבֶּן, אוּנ עֶר אִיז גַאנְץ פַּרְשְׁנִיטֶן פוּן חֵלֶק

לעולם

לעולם הבא, איג זיין עונש אין גיהנם איז אונאופהערליך) דאריבער איז איינע גראסע נאטהוועגדינקייט צו וויסן דאס דיא װארצלן פון אונזער אמונה זינד פאלגענדע דרייצען.

דאס ערשטע, דאס איין יעדר יוד איין אמתדיג ערנסטעס גלויבען האבן זאל, דאס עס עקסעסטירט איינער דער וואס אלע געלטין מיט אלען וואס זיך אין זיא בפינדעט, בעשאפין האט, אונ נור ער אליין האט דיזעס אלעס גמאכט, אונ מאכט זיא נאך געגענווערטיג (נעמליך דאס ער איהנן יעדן אויגענבליק כח אונ חיות גיבט דאס זיא עקסעסטירין קאנין) וויא אויך אין דיא צוקונפט זיא מאכן ווירד.

דאס צווייטע, דאס איין יעדר איין פעסטעס גלויבען האבן זאל דאס דער בורא בשעפער געלויבט איז זיין נאמן, נור איין איינציגער איז, אונ דאס איין· איינציגעס וועזען זיינס גלייכין גימעהר עקסעסטירט, (ווייל אלעס וואס ערשאפן װארדן איז, זינד צוזאמין געזעצט עטוועדר פון פיער יסודות ("א"ר"מ"ע), פייער, וואסר, לופט, ערד, אדער פון צווייא יסודות אש, רוח, פייער לופט), דאריבער ווירד ער אנגערופין אחד, נעמליך איין אחד אמיתי, איין אמתדיגר אחד, וואס ניכט צוזאמין גזעצט, אונ ניכט צרטיילט ווערדין קאן, אונ נור ער אליין איז אונזר גאט.

דאס דריטע, דאס דער בורא יתברך שמו, געלויבט איז זיין נאמן אינו גוף דאס מאן זיך פון איהם איין בעגריף אדער פארשטעלונג מאכן זאל אלס וועריז ער עטוואס קערפערליכעס, זאנדערין נור איין גייסטיגעס וועזען, אונ דאס מאן איהם אויף דעו גרינצנסטען אונ אויף דעו מינדעסטין צו איין גוף ניכט פרגלייכין קאן, נעמליך דאס מאן אויף איהם זאגין זאל קאנין ער ארבייטעט, ער רוהט, ער זיצט, ער שטעהט, ער געהט, אונ דער גלייכען בוועהגונגען, אלס וויא מאן אויף איין גוף זאגין קאן.

דאס פירטע, דאס דער בורא יתברך שמו, נור ער אליין

דער

דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּנ דֶער לֶעצְטֶער אִיזְט, וֵוייל עֶר. (הָיָה), עֶר וָואהְר אִימֶער (הֹוֶה) עֶר אִיז גֶעגֶנוֶוערְטִיג, (וְיִהְיֶה) אוּנ וִוירְד אוֹיךְ אִין דִיא צוּקוּנפְט אוֹיף אִימֶער זֵיין, אוּנ דַאס אַלֶעס אָהְנֶע אוֹיסנַאמֶע וֶוען עֶס נָאךְ אַזוֹי אוּר אַלְט אִיזְט גֶעגֶן אִיהְם קֵיין קַדְמוֹן אִיזְט.

דָאס פִינפְטֶע, דַאס נוּר צוּ דֶען בּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ אַלֵיין גֶעבִּיהְרט זִיךְ מִתְפַּלֵל צוּ זֵיין, אוּנ נִיכְט צוּ אֵיין אַנְדֶערֶעס וֶועזִין, וֵוייל דִיא אַנְדֶערֶע אַלֶע (נֶעמְלִיךְ מַלְאָכִים, שְׁטֶערִין, מַזָלוֹת), נִיכְט זֶעלְבְּסט שְׁטֶענְדִיג זִינְד, אוּנ זִינְד נוּר גֶעצְוָואנְגֶן זֵיין וִוילֶן אוֹיס צוּ פִיהְרֶן, וִויא אוֹיךְ זָאל מַאן צוּ אִיהְנֶן נִיכְט מִתְפַּלֵל זֵיין דַאס זִיא זָאלֶן פִיר זִיא בֵּייא הַשי"ת אֵיין פַּרְמִיטְלֶער זֵיין.

דָאס זֶעקְסְטֶע, דַאס מַאן שוּלְדִיג אִיזְט מִיט אֵיין אֶמֶתְדִיגֶעס הֶערְץ צוּ גְלוֹיבִּין דַאס דִיא אַלֶע רֵייד פוּן אוּנזֶערֶע נְבִיאִים אֱמֶת זִינְד.

דָאס זִיבֶּטֶע, דַאס דִיא נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה אִיז אֱמֶת, אוּנ דָאס זֵיין נְבוּאָה אֵיינֶע זֶעהְר וֵוייטֶע הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה וָואהְר (דָאס זֵיין נְבוּאָה מִיט פִיר זַאכֶען אוֹיס גֶעצֵייכֶענְט וָואהְר גֶעגִין אַנְדֶערֶע נְבוּאוֹת) אַלְס דִיא נְבוּאָה פוּן אַלֶע נְבִיאִים וָואס וָואהְרִין פָאר אִיהְם אוּנ נָאךְ אִיהְם.

דָאס אַכְטֶע, דַאס דִיא תּוֹרָה כְּתַב אוּנ עַל פֶּה וָואס מִיר הָאבֶּן, דַאס דִיזֶע פוּן הַשי"ת אַלֵיין אַן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אִיבֶּר גֶעבֶּן וָוארְדִן אִיז, אוּנ דַאס עֶר קֵיין וָוארְט אוּנ קֵיין בּוּכְשְׁטַאבּ פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסט גֶעשְׁרִיבֶּן הָאט, דַארוּם אִיזְט קֵיין אוּנטֶערְשִׁיד אִין הִינְזִיכְט קְדוּשׁוֹת הַתּוֹרָה הֵיילִיגְקֵייט צְווִישֶׁן דִיא פַּרְשָׁה פוּן עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת אוּנ דִיא פַּרְשָׁה פוּן דִיא אַלוּפִים פוּן עֵשָׂו, דַא אִינֶערְלִיךְ אִין אֵיין יֶעדִין אוֹת בּוּכְשְׁטַאבּ פוּן דִיא תּוֹרָה, חָכְמוֹת, אוּנְד פְּלָאִים, אוּנ סוֹדוֹת פֶּרְבָּארְגֶען זִינְד.

דָאס נֵיינְטֶע, דַאס דִיא תּוֹרָה פוּן כְּתַב וְעַל פֶּה נִימָאלְס אֵיינֶע פַּרוֶועכְסְלוּנְג אָדֶער אֵיינֶע פֶערְעֶנְדֶערוּנְג הָאבֶּען וִוירְד.

דָאס צֶעהְנְטֶע, דַאס דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ אוֹיף זִיכְט אוֹיף דֶען מֶענְשֶׁנְס אַלֶע זֵיינֶע פִירוּנְג הָאט, נִיכְט! נוּר אוֹיף זֵיינֶע מַעֲשִׂים

## כלל ד שאלה כג

דִיא עֶר טוּהְט זָאנְדֶערִין אוֹיךְ אוֹיף זַיינֶע גְדַאנְקֶען פוּן הֶערְצֶען.

דָאס עֶלְפְטֶע, דַאס דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ טוּהְט בֶּעלָאנִין אַיין זֶעהְר גְרָאסֶען שְׂכַר בְּעוֹלָם הַבָּא דִיא יֶענִיגֶע וָואס זַיינֶע מִצְוֹת גֶענוֹי נָאךְ פָאלְגִין וִויא אוֹיךְ עֶר וִוירְד בֶּעשְׁטְרָאפִין מִיט אַיין פִירְכְטֶערְלִיכֶען שְׁרֶעקְלִיכֶען עוֹנֶש דִיא יֶענִיגֶע וואס דֶען וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה אִיבֶּער טְרֶעטִין טוּהְן.

דָאס צְוֶועלְפְטֶע, דַאס עֶר טְרַייא גְלוֹיבֶּען מוּס דַאס אַיינֶע צַייט זַיין וֶוירְד וִויא דֶער יִידִישֶׁער מָשִׁיחַ קָאמֶען וִוירְד אוּנאוֹיסבְּלַייבְּלִיךְ, אוּנ דַאס זַיין רַאנְג אוּנ כָּבוֹד אוּנ גְדוּלָה וִוירְד גְרֶעסֶער זַיין וִויא אַלֶע מְלָכִים וָואס נָאךְ אוֹיף דִיא וֶועלְט עֶקְסֶעסְטִירְט הָאבִּין, אוּנ דֶער נוּר זַיין וִוירְד פוּן דִיא מִשְׁפָּחָה פוּן דָוִד אוּנ שְׁלֹמֹה.

דַאס דְרַייצֶענְטֶע, דַאס אַיינֶע צַייט קָאמֶען וִוירְד, וִויא אַלֶע מֵתִים וַוייא אוֹיף לֶעבֶּען וֶוערְדִין.

(דִיזָעס אִיזְט דַאס לָשׁוֹן פוּן דֶען (רמב"ם) אָהְנֶע מִינְדֶעסְטֶע עֶנְדֶערוּנְג)

נוּן טְרַייעֶ יִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס אִיהְר נוּר דֶען אֱמֶת וִוינְשְׁט יֶעצְט וֶוערְדִין אַייעֶרֶע אוֹיגֶען גֶעעֶפִינְט וֶוערְדֶען אוּנ אִיהְר וִוירְד בֶּעסֶער פַרְשְׁטֶעהֶן דִיא רֵייד פוּן דֶעם (זוֹהַר) דַאס דֶער פָּסוּק וְשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ טוּהְט מַזְהִיר זַיין דַאס מַאן זִיךְ גִיכְט בַּשֶׁעפְטִיגֶען זָאל מִיט חָכְמוֹת זָרוֹת אוּנ עֶר פַרְגְלַייכְט בִּיכֶער לֶעזִין צוּ עֲבוֹדָה זָרָה, דַאס דִיזֶער פַרְגְלַייךְ שָׁאהְן יֶעצְט נִיכְט מֶעהְר בַּייא אַייךְ אַזוֹי אוֹיף פַאלֶענְד אוּנ פְרֶעמְד זַיין וִוירְד, אוּנ וָוארוּם דִיא אֱמֶתְדִיגֶע צַדִּיקִים אִין אַיין יֶעדִין דוֹר הָאבֶּען מִיט אִיהְר תּוֹכָחָה מַרְעִישׁ עוֹלָמוֹת גְוֶועזִין דַאס מַאן זִיךְ עֶרְוַוייטֶערִין זָאל פוּן לִימוּד סְפָרִים הַחִיצוֹנִים, וַוייל דַאס אָפֶּענְבַּאר פִיר אַיין יֶעדִין אִיז (דֶער נִיכְט דֶען אֱמֶת אָבְּשְׁטְרַייטֶען וִויל) דַאס דִיע אַלֶע וָואס זִיךְ מִיט זָאלְכֶע בַּשֶׁעפְטִיגֶען טוּהְן, דַאס זִיא דַאדוּרְךְ כּוֹפְרִים אוֹיף דִיא אַלֶע עִיקְרֵי אֱמוּנָה וֶוערְדִין, אָדֶער וֶוענִיגְסְטֶענְס פְרֶאוּרזַאכֶען זִיא בַּייא אִיהְנֶען דַאס זִיא דַארוֹיף אִין צְוַוייפֶעל זַיין זָאלֶען, (אוּנ לַיידֶער לַיידֶער עֶס אִיז צוּ שְׁרַייעֶן וֶועהֶע

אוּנ

אונ אָךְ אויף פִילֶע מֶענְשֶׁן וָואס זִיךְ מִיט פְֿרֶעמְדֶע קֶענְטְנִיסֶע בַּשֶׁעפְטִיגֶן, דַא מַאנְכֶע פון אִיהְנֶן נָאךְ אֵיין יִידִישׁ הֶערְץ הָאבֶּן, אונ לִיעבּ אונ גֶעפִיעל צוּ דִיא יִידִישְׁקֵייט בֶּזִיצֶן, דַאס זִיא אַן פִילֶע מִצְוֹת פון דִיא תּוֹרָה זִיךְ פֶעסְט הַאלְטֶן, שַׁבָּת צוּ הִיטֶן, צְדָקָה, תְּפִילִין, קְרִיאַת שְׁמַע אונ דֶער גְלֵייכֶן, אָם צְדָקָתְךָ מַה תִּתֵּן לוֹ – וָואס נִיצְט אִיהְנֶן אִיהְרֶע פְרֶעמִינְקֵייט דַא אִיהְנֶען דִיא גוֹיִישֶׁע בִּיכֶר דַאצוּ גֶבְּרֶענְגְט הַאבֶּן דַאס זִיא אֵיין גֶטֵיילְטֶעס הֶערְץ הָאבֶּן אַן דֶען גְלויבֶּן פון דִיא עִקְרֵי הַדָּת)׳

נון דַא בִּיכֶר לֶעזִין דֶען מֶענְשִׁין אַזוי וֵייט גְפֶערְלִיךְ אונ שֶׁעדְלִיךְ זֵיין קָאנֶן (וֵוייט מֶעהְר אַלְס דִיא גְרֶעסְטֶע עֲבֵירוֹת, חִילוּל שַׁבָּת, רְצִיחָה, זְנוּת) דַאס זִיא זֵיין נְשָׁמָה פֶרְזִינְדִיגֶן אונ פֶרְאוּנְרֵיינִיגֶן דַאס עֶר דַאדוּרְךָ אַזוי וֵוייט קָאמֶן קָאן׳ דַאס עֶר דוּרְךְ אִיהְנֶן פון דֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוֹיס גִישְׁלָאסְן ווירד, דַאס הֵייסְט גֶעשְׁמַד – נון וֶוען מַאן נָאךְ אַזוי פִּיעל, אונ נָאךְ אַזוי שַׁארְף אויף דֶען עִנְיָן, מוֹכִיחַ אִיז׳ אִיז יָא נָאךְ אַלֶעס צוּ וֶועניג.

# כלל ה

## חזק ואמץ ובו ח׳ שו״ת.

## שאלה כד

דִיא טֶעיֶרֶע יִידִישֶׁע קִינְדֶר צוּ אוֹהְר אֱמוּנָה אונ דַת, אויף וֶועלְכֶע אַרְט קֶענִין זִיא זִיךְ מוּטָה אַיינְפְלֶעסִין אִין דִיא הֵייטִיגֶע עֶלֶענְדֶע צֵייט זִיךְ אִיהְר הֶערְץ צוּ שְׁטֶערְקִין.

**תשובה** דַאס נִיכְט אוּנְזֶר הַאגַ״ד שְׁלַאף וֶוערְדֶן זָאל דַא מִיר זֶעהְן וִויא וֵוייט דַאס עֶס אִין דֶען לַאנְגֶן פִינְסְטֶערְן גָלוּת גְקָאמֶן אִיזְט וִויא וֵויט זִיךְ דֶער (יֵצֶר הָרָע סִטְרָא אַחְרָא) בַּשְׁטְרֶעבְּט דֶען שֶׁקֶר אונ אַפִּיקוֹרְסֶת צוּ עֶרְהֶעבֶּן אונ צוּ פַרְבְּרֵייטֶן אונ דֶען אֱמֶת צוּ עֶרְנִידְרִיגֶן אונ תּוֹרָה לֶערְנֶן צוּ פַרְוֶועְנִיגֶרן אִין אֵיין יֶעדֶע מְדִינָה אויף אֵיין אַנְדֶרֶע אַרְט, אונ וִויא קֵיין תּוֹרָה אִיזְט, וִויא גְמֵיין אִיזְט

דארט דיא יראת שמים, דען זאלכע יראה וואס ניכט איהר ווארצעל אונ גרונדשטיין איזט פון דיא פייער פלאמענדע קוילען פון תורה לשמה לערנן, אונ וועלכען גראד שטעהט זיא אונ וויא ווייט געהט איהר כח אונ גבורה פעסט צו שטעהן אונ צו שטרייטען געגן דיא מהרסים אונ מחדשים, וויא אויך וויא ווייט געהט פון זאלכע יראי שמים איהר חשיבות אונ איהר ווערט דאס מאן זאל למעלה דען דור זיין (ווען זיא אין איין עת צרה זינד) דאפיר נושא פנים זיין, עטוואס בריקזיכטיגען, זא ווייט זינד מיר געקאמן דאס אונזער שטאנד דלים וריקים איזט.

אויך דען אלען זאל אונזער הערץ ניכט פערצאגן, זאנדערן פעסט שטעהן אין ד א אמונה, אונ דיא יידישקייט אם גרינגסטען ניכט צו פערענדרן, וייל דער אב זקן אלטער הימלישער פאטער וואס אינז בייא שטעהט ככוחו אז כוחו עתה דיא מאכט אונ קראפט פון פריהער, האט ער נאך הייטע, וייל ער אימער אונ עוויג איזט, אונ בייא איהם קיינע פערענדערונג עקסעסטירט, דאס מיט דיא אלע פאליטיק וואס דער יצר הרע מיט זיינע שלוחים, כופרים, ואפיקורסים, חנפים, ומורכבים, זיך בשטרעבן דיא תורה אונ יראת שמים צו פערשוואכען אונ צו פערוועניגערן, ווירד פון השי"ת פעראורזאכט ווערדען בזור כרה ויחפרהו דאס ער מיט זיינע שלוחים אנגענטן אין דיא גריב דיא ער פיר איין אנדערן גמאכט האט, בגראבען ווערדען ווירד.

געהמע דיר נור איין בעווייז פון יענע צייטען וואס נמרוד הרשע האט וואלען טוהן, דע דר (זוהר) זאגט דאס זיין גאנצר ציעל פון דיא מלחמה דיא ער מיט סדום אונ עמורה אונטערנאמען האט, אום לוט גפאנגען צו נעהמען, וואר נור דיא גאנצע אבזיכט דאס אברהם זיך אריין מישען זאל אונ דאדורך אין זיין האנד פאלין ווירד, דען דורך דעם דאס אברהם האט זיך בשטרעבט דיא וועלט צו ערוועקין אונ זיא אויף צו קלערן דאס עס עקסעסטירט איין בורא עולם איין וועלט ערשאפער דער אויפזיכט אויף איין יעדן מענשן זיינע פיהרונג האט,

אונ

אינ בֶּעלָאהָנט אונ בֶּשטְרָאפְט, אונ דֶען אֶמֶת צו עֶרהֶעבּן, דַארִיבֶּר הָאט דֶער כּוֹפֵר נִמְרוֹד זָאלְכֶס נִיכְט צו זֶעהֶן קֶענְן אונ הָאט זִיךְ בֶּשְׁטְרֶעבְּט אִיהְם פוּן דִיא וֶועלְט אוֹיס צוּ רַייסֶן, וָואס הָאט אָבֶּר הַשי״ת גְטוּהְן, דַאס פוּן דִיא עֲצָה הָרָעָה פוּן נִמְרוֹד זִיךְ עֶנְטְוויקֶעלְט הָאט דַאס אַבְרָהָם פִּיל טוֹיזֶנְד מָאל מֶעהְר דֶען כֹּחַ הָאט גְהַאט דִיא וֶועלְט צוּא אוּנְטֶערִיכְטֶען אונ דֶען אֶמֶת אוֹיס צוּ שְׁרַייעֶן אונ צוּ פַּרֶעפֶּנְטְלִיכֶען אַלְס פְרִיהֶער, דֶען דַאמָאל וִויא אַבְרָהָם הָאט דִיא מִלְחָמָה גְוָואנֶען אוֹיף אֵיין אִיבֶּר נַאטִירְלִיכֶן וֶועג וִויא אַלֶע פֶעלְקֶר אֵיינְגְזֶעהֶן הָאבֶּן דַאס עֶס עֶקְסֶעסְטִירְט אֵיין בּוֹרֵא אֱמֶת צוּ דֶען וָואס אַבְרָהָם דִיהְנְט, זָא הָאבֶּן אִיהְם גִימַאכְט אַלֶע זִיבְּצִיג פֶעלְקֶר פוּן דֶער וֶועלְט אֵיינְשְׁטִימִיג אִיבֶּר אִיהְנֶן אֵיין פִירְשְׁט צוּ זַיין, נוּן פַרְשְׁטֶעהְט זִיךְ יָא פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט וִויא וַויט אַבְרָהָם דַאמָאלְס כֹּחַ גְהַאט הָאט דִיא אֱמוּנַת הָאֱמֶת צוּא פַרְבְּרַייטֶען אונ דֶען כָּבוֹד שָׁמַיִם צוּ עֶרְהֶעבְּן, אונ צוּ דֶען אַלֶען הָאט נִמְרוֹד הָרָשָׁע גֶעפִיהְרְט.

דַארִיבֶּר וֶוען אוֹיךְ דַאס מַאן זֶעהְט דַאס דִיא אַפִּיקוֹרְסִים זִיךְ בֶּעשְׁטְרֶעבֶּן יִרְאַת שָׁמַיִם אונ תּוֹרָה לֶערְנְן צוּ פַּרְקְלֶענֶערְן, זָאל מַאן דָאךְ נִיכְט פַּרְצְוֶוייפְלֶן דַאס מִיר הָאפֶּענוּנְגס לָאז זַיין זָאלִין, דֶען הַהוּא אָמַר וְלֹא יַעֲשֶׂה וֶוירְד דֶען הַשי״ת זַיינֶע צוּ זִיכֶערוּנְג נִיכְט אִין עֶרפִילוּנְג בְּרִינְגֶען אונ בַּשְׁטֶעטִיגֶען, אונ דַא עֶר פֶּערזִיכֶערְט הָאט בְּאַחֲרִית הַיָּמִים וּמָל ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וכו׳ אִין שְׁפֶּעטֶערֶע צַייטֶען וֶוירְד הַשי״ת פַּראוּרְזַאכֶען דַאס דָאס הֶערְץ פוּן יִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוירְד אוֹיף פְלַאמֶען צוּ דִיא לִיבּ פוּן הַשי״ת אונ זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז יָא קֵיין צְווייפֶעל דַאס מִיט דִיא אַלֶע זַאכֶען וָואס יֶענֶע זִיךְ בֶּשְׁטְרֶעבֶּן צוּ שְׁוַואכֶען דִיא תּוֹרָה אונ דִיא יִידִישְׁקַייט צוּ פַּרְקְלֶענֶרִין, וֶוירְד פוּן הַשי״ת גְפִיהְרְט וֶוערְדְן דַאס דַאדוּרְךְ דֶער קֶרֶן הַתּוֹרָה אונ אֱמֶת וֶוירְד בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ עֶרהָאבֶּן וֶוערְדֶען וִיבוּעַר הַטּוּמְאָה מִן הָאָרֶץ.

# שאלה כה

**דוּרְךְ וָואס אֵיין מֶענְשׁ זִיךְ קִנְאָה אֵייפֶער אונ זְרִיזוּת טֶעטִיגְקַייט פערשאפין**

## בלל ה שאלה כו

פֶּערְשַׁאפֶן קָאן דִיא יִידִישְׁקֵייט דַאדוּרְךְ בֶּעסֶר צוּ בֶּעפָלֶגֶן.

**תשובה** דַאמִיט דַאס דֶער מֶענְשׁ אוֹיף אֵיין זָאלְכֶן שְׁטַאנְד קָאמֶן קֶענִין זָאל אִין הִינְזִיכְט יִידִישְׁקֵייט גִימָאלְס טְרֶעהְג אוּנ פוֹיל צוּ זֵיין זָאנְדֶרִין טֶעהְטִיג אוּנ פְרִישׁ, גִיבְּט דִיא הֵיילִיגֶע גְמָרָא אֵיין עֵצָה דַאס אֵיין מֶענְשׁ זָאל זִיךְ אִימֶער פָאר אוֹיגֶן נֶעהְמֶן דַאס פוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט דִיא הֶעלְפְטֶע מֶענְשִׁין חַיָּיב זִינְד שִׁילְדִיג, וֵייל זִיא נִיכְט גֶהֶערִיג דֶען וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה נָאךְ כָאלְגֶן, אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט אִיזְט זַכָּאִי אוּנשׁוּלְדִיג אוּנ פְרוֹם, אוּנ מִיט דֶען וָואס עֶר זִיךְ בַּשְׁטְרֶעבְּט אֵיין מִצְוָה מֶער מְקַיֵּים צוּ זֵיין אִיזְט עֶר גּוֹרֵם צוּ בַּוִוירְקֶען דָאס אִיבֶּער גֶוִויכְט צוּ יֶענֶע הֶעלְפְטֶע וָואס זַכָּאִי אִיזְט, אוּנ דַאדוּרְךְ דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ הֶעלְפֶן דַאס זִיא נִיכְט פוּן פַרְשִׁידֶענֶע שְׁלֶעכְטֶע צוּפֶעלֶע אוּנ צָרוֹת דֶער הֵיים גֶזוּכְט וֶוערְדֶען זָאלֶן, נוּן וֶועלְכֶע זַאכֶע קָאן אִיהְם צוּרִיק הַאלְטֶן דַאס עֶר נִיכְט אֵיילֶענְד אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע טוּהְט אֵיינֶע מִצְוָה מְקַיֵּים צוּ זֵיין דַאמִיט עֶר דִיא זְכִיָּה הָאבֶּן זָאל דַאס דוּרְךְ זֵיינֶע גִיטֶע פִיהרוּנְג דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט גֶרֶעטֶעט וֶוערְדֶען זָאל, אוּנ אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיהְם דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל פַּרְפִיהְרֶען אֵיין עֲבֵירָה צוּ טוּהְן, זָאל עֶר זָאלְכֶס זִיךְ אִיבֶּער לֶעגֶן אוּנ גִיט בֶּטְרַאכְטֶען דַאס עֶר מִיט דִיא עֲבֵירָה קָאן גּוֹרֵם זֵיין דַאס דִיא הֶעלְפְטֶע וֶועלְט וָואס חַיָּיב אִיזְט, דוּרְךְ זֵיינֶער דַאס אִיבֶּער גֶוִויכְט הָאבֶּן וֶוירְד, אוּנ דַאדוּרְךְ עֶר גּוֹרֵם זֵיין קָאן דַאס דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ זֵיינֶער בַּשְׁטְרָאפְט אוּנ פַרְאוּנגְלִיקְט וֶוערְדִין וִוירְד, נוּן וֶוען דִיא עֲבֵירָה נָאךְ אַזוֹי שֶׁעהְן, אוּנ נָאךְ אַזוֹ פֵיין, אוּנ אַזוֹי זִיס אִיזְט, הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע דָאךְ קֵיין מַאכְט אִיהְם אִיבֶּער רֶעדְן צוּ קֶענֶן דַאס עֶר דִיא עֲבֵירָה טוּהְן זָאל, נוּן דַא דֶער זִין פוּן דִיא גְמָרָא בֶּאֱמֶת אִיזְט נוּר דַאס וֶוען עֶר אוֹיךְ וֵייס דַאס דִיא וֶועלְט נִיכְט אַזוֹ גֶעמֵיין אוּנ אָרִים אִיזְט אִין הִינְזִיכְט פְרֶעמִינְקֵייט, אִיזְט דִיא עֵצָה דָאךְ דַאס עֶר זִיךְ זָאלְכֶס פַאר אוֹיגֶען גֶעהְמִין זָאל דַאס דֶער שְׁטַאנְד פוּן דִיא וֶועלְט

שלעכט

שְׁלֶעכְט אִיזְט, אוּם דַאמִיט עֶר דַאדוּרְךְ גֶוִוינֶען זָאל דַאס עֶר אוֹיף זִיךְ בֶּעסֶר אַכְט גֶעבֶּין וִוירְד. דַאס זַיינֶע גַאנְצֶע פִיהרוּנְג זָאל נוּר אִימֶער זַיין גֶענוֹי נָאךְ צוּא פָאלְגֶן דִיא תּוֹרָה אִיהְר פָארְשְׁרִיפְט, זִיךְ צוּ עֶרְוֵויטֶערְן פוּן יֶעדֶע עֲבֵירָה אוּנ צוּ גֶעהְרֶן צוּ מַעֲשִׂים טוֹבִים.

פוּן דֶען אִיזְט אֵיין גְרָאס מוּסָר צוּ גֶעהמֶן וֶוען לֵיידֶר אַזוֹי עֶלֶענדֶע פִינְסטֶערֶע צֵייט גְקָאמֶן אִיזְט, דַאס דֶער אֱמֶת זֶעהְר פַרְוֶועְנִיגֶערְט אִיזְט, אוּנ דֶער שֶׁקֶר פַרְמֶעהְרְט אוּנ דִיא אֱמֶתְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע יִידֶען זַיינְד פֶּרַאכְט, אוּנ תּוֹרָה לֶערְנֶן הָאט זֶעהְר אָבְּגֶענָאמֶן, דַאס צוּ פִירְכְטֶען אִיזְט דַאס בֶּאֱמֶת דִיא וֶועלְט אִין דִיא וִוירְקְלִיכְקֵייט הַאלְבּ זַכָּאִי אוּנ הַאלְבּ חַיָּיב אִיזְט, אוּנ וֶועהֶע דִיא אוֹיגֶן וָואס זָאלְכֶן זֶעהְן - וִויפִיל זַיינְד שׁוּלְדִיג דַאמָאלְס דִיא יֶענִיגֶע וָואס נָאךְ אֱמֶתְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם בֶּזִיצֶן דַאס זִיא זִיךְ מִיט אַלֶע אִיהְרֶע קְרֶעפְטֶן בַּשְׁטְרֶעבֶּן זָאלְן תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת נָאךְ צוּ גֶעהְן, וִויא אוֹיךְ זִיא זָאלְן פַרְאוּרְזַאכְן תּוֹרָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים בֵּייא דֶען הַמוֹן עַם צוּ פַרְמֶעהְרֶן דַאס זִיא דִיא זְכִייה הָאבֶּן זָאלֶן צוּ בְּרִינְגֶן דַאצוּ דַאס דָאס אִיבֶּר גֶעוִויכְט צוּ דֶעם כַּף זְכוּת זַיין זָאל, זִיא זָאלְן אָבֶּר נִיכְט טְרֶעהְג זַיין אוֹיף צוּ שִׁיבֶּן זָאלְכֶס, מָארְגֶן אָדֶר שְׁפֶּעטֶר הִין צוּ טוּהְן, דֶען וֶוען אִין דִיא וֶוענִיגֶע יָאהְר אִיזְט דִיא יִידִישְׁקֵייט אוּנ תּוֹרָה אַזוֹי פִיעֶל גְפַאלִין אוּנ גֶזוּנְקֶן, וֶוער וֵייס וָואס שְׁפֶּעטֶר הִין זִיךְ נָאךְ עֶרְאֵייגֶענֶן קָאן, אָבּ דַאמָאלְס זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים מֶעהְר נִיצֶן וֶוערְדֶן אֵיין אִיבֶּרְגֶעוִויכְט צוּ פַרְאוּרְזַאכֶן.

## שאלה כז

אָב אֵיין מִיטֶעל פֶערְהַאנְדֶן אִיזְט דַאס אֵיין מֶענְשׁ דַאדוּרְךְ גֶעזִיכֶערְט זַיין קָאן דַאס עֶר זַיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט נוּר אִין דֶעם וֶועג פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גֶעהְן וִוירְד אוּנ בִּימָאלְט זִיא אוּס צוּ טְרֶעטִין.

**תשובה** עֶס אִיזְט פֶרְהַאנְדֶן אֵיין פַרְזִיכֶערוּנְגס אַנְשְׁטַאלְט וִויא אֵיין יֶעדֶר מֶענְשׁ זִיךְ אַסֶעקוּרִירֶן קָאן וֶוען עֶר נוּר טֶעגְלִיךְ

אֵיינֶע

## כלל ה שאלה כו

איינע געוויסע טאקסע איינצאהלט דאס ער זיינע גאנצע לעבענסצייט די פארשריפט פון די הייליגע תורה טרייא בלייבן ווירד.

דען ווען מיר איינע בעטראכטונג אונ איין איבערבליק ריכטען אויף פילע מענשין וויא אונ אויף וועלכע ארט זיא איהרע גאנצע לעבענסצייט דורך פיהרן אין היגזיכט יראת שמים פורכט פאר השי"ת אונ דיא באבאכטונג פון דיא הייליגע מצות זיא גענוי אונ פינקטליך מקיים צו זיין, אונ זיך צוריק צו האלטן, אונ צו ערווייטרין פון דיא עבירות אויף די מיר איין רזיפטראג פון השי"ת האבן זיא ניכט צו טוהן זא ווערדין מיר פיגדין פילערלייא מדריגות קלאסן ווא ביא איהנן דיא יראת שמים אונ דיא אהבה צו דיא שמירות התורה איין גרענץ האט, אונ פון דארט אונ ווייטר דיא תורה גאר ניכט נאך צו פאלגן, אדר וועניגסטענס עטוואס, אדר מאנכס אב צו קורצן (וויא אויך איין מענש דער זיך אין מאנכע צייטן פרענדרט אונ איין הפכפך איזט, צור מאנכע צייטן פייעריגע יראה בעזיצט, אונ מאנכע ווענינ. אונ מאנכע גאנץ קאלט איזט).

נעהמליך מאנכר איזט איין ערליכר יוד דיא פארשריפט פון דיא הייליגע תורה אם שטרענגסטן נאך צו פאלגן, אבר נור ביז עס קאמט צו איינע זאלכע מצוה אדר פון איין עבירה זיך צו ערווייטרן וואס געלד בעריהרט, דא האט ער קיין כח אונ מאכט איינע זאלכע מצוה נאך צו פאלגן, אדר פון איין זאלכע עבירה דיא איהם געלד איינברענגן קאן, איזט ער קראפטלאז זיך פון איהר צוריק צו האלטן, וויל דיא אהבת ממון געלד רייץ איבער איהם הערשט, אונ ער איזט צו דיא ליידענשאפט געלד צו געווינן וויא איין פרקזיפטער שקלאף דער ניכט איינגענמעכטיג איזט, אונ נור טוהן קאן וואס איהם זיין הער בפעלט, אונ דאדורך פראורזאכט זאלכעס דאס ער פילע מצות גאנץ פרהינדערט זיא צוא טוהן, אדר וועניגסטענס זיא ניכט געהריג מקיים איזט, נעהמליך צדקה, גמילות חסדים, צוא אונטרשטיצן לומדי תורה, ולהדר במצות דיא מצות אויף דיא

שענסטע

שֶׁענְסטֶע אוּנ פַיינְסטֶע אַרְט מְקַיֵּים צוּ זַיין, וִויא אוֹיךְ פִּיל עֲבֵירוֹת דִיא עֶר וֶועגְן דֶעם מִיטְווילִיג אִיבֶּר טְרֶעטֶט, נֶעמְלִיךְ דַאס זַיין הַאנְדֶל נִיכְט בֶּאֱמוּנָה אִיזְט, וִויא דִיא תּוֹרָה ווינְשְׁט, זִיךְ צוּ עֶרְוֵוייטֶעְרִין פוּן אוֹנָאָה, בֶּעטְרוּג, וְגָזֵל, וּלְשַׁקֵּר בְּמִשְׁקוֹלוֹת צוּ פֶעלְשֶׁען דִיא גֶעוִויכְטֶער, וּמֵהַסָּגַּת גְּבוּל דָאס גִישֶׁעפְט פוּן זַיין חַבֵר וֶועק צוּ גֶעהְמָן, נִיכְט שַׁבָּת צוּ הִיטֶען וִויא זִיךְ גֶעבִּיהְרט מִיט חֲזֵירִים צוּ הַאנְדְלֶען אוּנ דִרגְלַייכֶן.

אוּנ מַאנְכֶער אִיזְט אֵיין עֶרְלִיכֶר יוּד אוּנ אִיזְט נִזְהָר גֶענוּי דִיא מִצְוֹת הַתּוֹרָה נָאךְ צוּ פָאלְגֶן, זֶעלְבְּסְט אוֹיךְ זָאלְכֶע מִצְוֹת וָואס זַיין פַּרְמֶעגֶן בְּרִירְט, אָבֶּר נוּר בִּיז עֶס בְּרִירְט זַיין גַּאֲוָה אוּנ כָּבוֹד אוּנ מֶמְשָׁלָה, אוּנ דֶרגְלַייכֶן תַּאֲוֹת לַיידֶענְשַׁאפְטֶן, וֵוייל דִיא תַּאֲוֹת אִיבֶּר אִיהְם מוֹשֵׁל זִינְד, דַארִיבֶּר אִיזְט אִיהְם גְרִינְג אוּנ גְלַייכְגִילְטִיג פִיעלֶע מִצְוֹת וֶוען זִיא נָאךְ אַזוֹי גְרָאס אוּנ ווִיכְטִיג זִינְד, זִיא נִיכְט מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּנ אוֹיף פִּיל עֲבֵירוֹת עוֹבֵר צוּ זַיין (נֶעמְלִיךְ נְקִימָה, נְטִירָה, שִׂנְאָה, מַחֲלוֹקֶת, לָשׁוֹן הָרָע, מְסִירוֹת) אוּם דַאס דַאדוּרְךְ זַיין כָּבוֹד וּמֶמְשָׁלָה פַרגְרֶעסֶערְט אָדֶר נִיכְט פַרקִירְצְט זַיין זָאל (אֵיין מֶענְשׁ דֶער פוּן זַיינֶע תַּאֲוֹת אוּנ לַיידֶענשַׁאפְטֶן בַּהֶערְשְׁט ווִירְד, אוּנ דִיא בַּשְׁטֶעכוּנְג זַיינֶע לַיידֶנשַׁאפְטֶן נָאךְ צוּ גֶעהְן פַרבְּלֶענְדֶן אִיהְם זַיינֶע אוֹיגֶן וִויא וֵוייט עֶר דַאדוּרְךְ פוּן דֶעם וֶועג דֶער הַיילִיגֶע תּוֹרָה עֶרְוֵוייטֶערְט וִוירְד אִיזְט אוּנְצֶעלִיג אוֹיף דֶעם שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גִיזָאגְט וְחוֹטֵא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה דוּרְךְ אֵיין תַּאֲוָה לַיידֶענשַׁאפְט וֶוען אֵיין מֶענְשׁ זִיא בַּאזִיצְט אוּנגֶעצֶעהְמְט, קָאן עֶר דוּרְךְ אִיהְר פַרלִירֶן פִילֶע טוֹבוֹת.

אוּנ מַאנְכֶר אִיזְט אֵיין עֶרלִיכֶר יוּד זֶעלְבְּסְט מִצְוֹת דִיא זַיין פַּרְמֶעגְן אוּנְד לַיידֶענשַׁאפְטֶן בֶּערִירֶן אָבֶּר נוּר בִּיז עֶס זַיין גוּף זֶעלְבְּסְט בַּרִירְט, וֵוייל דִיא אַהֲבָה דִיא עֶר זִיךְ לִיבּ, אִיזְט זֶעהְר גְרָאס אַזוֹי דַאס זִיא אוּנְבֶּעשֶׁרֶענְקְט אוּנ אוּנבַּגְרֶענְצְט פוּן דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה אִיזְט, אוּנ דַאס אִיזְט אִיהְם גוֹרֵם דַאס עֶר פִילֶע מִצְוֹת גַאנְץ פֶּרְנַאכְלֶעסִיגְט אוּנ פִילֶע מִצְוֹת נִיכְט נֶהֶערִיג מְקַיֵּים אִיזְט, נֶעהְמְלִיךְ

פריה

## כלל ה שאלה כז

פריה און אבענד ניכט אין שוהל צו געהן ווען קעלט און רעגין איזט, און זיין גוף ניכט צו פייניגן זיך צו פלאגן און צו בעמיהן וועגן תורה לערנין, געמליך דאס ער זיין שלאף צערברעכט און צוויא שעה פאר טאג אזיף שטעהן זאל מנורת המאור צו ליינן, תהלים צו זאגן, און דערגלייכן פילע מצות דיא מאן ניכט לייכט און גרינג מקיים זיין קאן דיא ער פערנאכלעסיגט, (און דיא תורה האט מזהיר געוועזין לא תמצא בארץ החיים זאלכע מענשן דיא וואס זיך בשטרעבן איהרן גוף צו בלעבן און אלע ליידענשאפטן דיא ער וינשט צו ערפילן, דארט פינדעט מאן ניכט דען קיום התורה וויא זיך געבוהרט וייל דער כלל איזט עליות הגוף היא הכנעת הנפש וויא מעהר דאס מאן דען גוף ערהעבן וויל מיט איבערפליסיגע אכילה, שתיה, שינה, תענוגים ערנידריגט מאן דאדורך דיא נשמה).

און מאנכער איזט איין ערליכר יוד מיט דען אלען אבינן, אבער נור אזוי לאנג ער אין מיטלן שטאנד איזט, ווען ער אבר איין גראסעם רייכטוהם בזיצט, אדר אין גראסן ארמוטה און עלענד פון פרשידענע יסורים פרזעצט וויד, אזוי פראורזאכט זאלכע ביא איהם דיא הייליגע פארשריפט פון דיא תורה ניכט באמת און טריא נאך פאלגען, צוא קענין.

דאריבער ווען איינר איין אמתדיגר ערליכר יוד זיין וויל און לוסט האט דיא הייליגע תורה פון א׳ ביז ת׳ געהעריג און גענוי נאך צו פאלגן ווערענד זיינע גאנצע לעבענסצייט, איזט איין עצה טובה (דאס ער דיא זכייה האבן זאל זאלכעס צו ערלאנגן), דאס ער דיא מצוה פון קריאת שמע פריה און אבענד גענוי און מיט כוונה ערינסט מקיים זיין זאל זא וירד איהם זאלכעס ניצן און בייהילפיג זיין דאס ער אללע תרי״ג מצות אהנע אויסנאהמע צו יעדר צייט גענוי און פינקטליך היטען וירד געהמליך דאס דאמאלס ווען ער זאגט ואהבת בכל לבבך, נפשך, מאודך, דאס ער האט ליב השי״ת, און מאכט אונטרטעניג צו דען יאך פון מלכות שמים זיין לעבן

און

אוּנ פַרמֶעגְן אוּנ הֶערְץ, זָאל דַאס מזיל מִיט דֶען הֶערְץ אֵיינשְׁטִימִיג זַיין, אוּנ נִיכְט נוּר זָאלְכֶעס זָאגְן מִיט דֶען מזיל אַלֵיין (דֶען וִויא קָאן עֶר פָאר דֶען בּוֹחֵן לְבּוֹת דֶער דִיא הֶערְצֶר פְּרִיפְט אֵיין לִיגְנֶער זַיין אוּנ זָאגְן בְּכָל מְאֹדֶךָ וּבְכָל לְבָבְךָ אִיךְ בִּין מְקַבֵּל אוֹיף מִיר דַאס יָאךְ דִיא גַאנְצֶע יִידִישְׁקֵייט טְרֵייא נָאךְ צוּ פָאלְגֶען מִיט מֵיין גַאנְצְן פַּרְמֶעגִין, אוּנ מִיט אַלֶע תַּאֲוֹת לֵיידֶנְשַׁאפְטֶן דִיא אִין מֵיינֶען הֶערְצֶן זִינְד, וֶוען עֶר שְׁפֶּעטֶר הִין בַּייא זַיין גְשֶׁעפְט וֶועגְן אֵיין גֶעלְד גֶעוִוין פִילֶעס פוּן דִיא תּוֹרָה נִיכְט נָאךְ פָאלְגְט, אוּנ פִילֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן אֲכִילָה, שְׁתִיָה, טִיוּלִים, אִיהְם פַרְאוּרזַאכֶן פִילֶע מִצְוֹת פוּן דִיא תּוֹרָה צוּ פֶערְהִינְדֶערִין) זָאנְדֶערִין דַאס עֶר זָאלְכֶס בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה מֵעוּמְקֵי לְבָבוֹ פוּן טִיעפוּנְג זַיין הֶערְצֶן אוֹיף זִיךְ אֶמֶתְדִיג מְקַבֵּל אִיזְט, דַאדוּרְךְ וֶוען בֵּיים גְשֶׁעפְט זִיךְ אִיהְם עֶרְאֵייגֶענְן וִוירְד אֵיין גְרָאסֶר גֶעלְד גֶעוִוין, אָבֶר עֶר מוּס דַאבֵּייא עֶטְוַואס פוּן דִיא פָארשְׁרִיפְט דִיא תּוֹרָה אוּיס טְרֶעטֶן, וֶוען אוֹיךְ דַאס דִיא אַהֲבַת מָמוֹן אֵיינֶע גְרָאסֶע אוֹיפְרֶעגוּנְג אִין זַיין הֶערְצֶן מַאכְן וִוירְד זָאלְכֶס צוּ טוּהְן, עֶר וִוירְד אַבֶּר דָאךְ, נָאךְ אֵיינֶע קְלֵיינֶע אִיבֶּרְלֶעגוּנְג, דַאס פֵייֶער פוּן דִיא לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן אוּנטֶערְדְרִיקְן אוּנ גַאנְץ פַרְלֶעשֶׁן, וֶוען עֶר זִיךְ עֶרְאִינֶערְן וִוירְד דַאס עֶר פָאר הַשי"ת זַיין פֶערְמֶעגְן אוּנ לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן פִיר דִיא יִידִישְׁקֵייט טְרֵייא נָאךְ צוּ פָאלְגֶן הִינְגֶעגֶבְּן הָאט) אוּנ וֶוען עֶר אֵיין גְרָאסֶר גְבִיר אוּנ נִכְבָּד אִיזְט, אוּנ אֵיינֶער אִיהְם בְּלֵיידִיגְט הָאט אוּנ עֶר וֶועגֶן זַיין רֵייכְטוּהם גֶענוּג מַאכְט אוּנ כֹּחַ הָאט זִיךְ נוֹקֵם צוּ זַיין וֶוען עֶר אָבֶּר זִיךְ עֶרְאִינֶערְט דַאס עֶר זֵיינֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן תַּאֲוַת צוּ דִיא תּוֹרָה אוּנְטֶערְטֶעהְנִיג גְמַאכְט הָאט אוּנ זִיא אִיהְם וָוארֶענְט לֹא תִקּוֹם, וְלֹא תִטּוֹר, אַזוֹ מוּס עֶר יָא זַיין פֵייֶער זָאלְכֶס צוּ טוּהְן אוּנְטֶערְדְרִיקְן).

עֶס גִיבְּט פִיהְלֶע מֶענְשְׁן דִיא (בֶּאֱמֶת יִרְאֵי הַשֵּׁם זִינְד), וֶוען אוֹיךְ דַאס זִיא גְרָאס רֵייכְטוּהם בֶּעזִיצֶן, אָבֶּר זִיא וִוילֶן קֵיין הִתְמַנּוּת בֵּייא קָהָל אַנְנֶעהְמֶן, אוּנ וֶוען זִיא עֶס אַנְנֶעהְמֶן, זִינְד זִיא מִתְעַצֵּל טְרֶעהְג

אונ

אונ ניכט באמונה איהר אמט פיהרן, ווייל זיא וועגין פורכט פון געלד שאדין אין היגזיכט גשעפטן, אדער וועגן פורכט פון בליידיגונג ניכט שטרעבנ זיין ווילעז אויפרעכט צו האלטן דען קרן התורה והיראה אונ צו שטרייטן אונ צו קעמפפען גענן דיא מהרסים המחדשים הרשעים - ווען יענע אבער זיך ערינערין דאס זיא צוויא מאהל אין טאג איהר פרמעגן אונ כבוד אויף אפפערין וועגן דיא תורה אונ יראת שמים אזוי ווירד זיא זאלכעס היגלענגליך געניג מוטה אונ גייסט איינפלעסין דאס זיא גבורי חיל צו שטרייטן מלחמות ד׳ זיין זאלן *)

# שאלה כז

דא דיא מדה פון גאוה ביא השי״ת פערהאסט איזט, אב קיין וועג פערהאנדן איזט וואו מאן זיא זיך צו יראת שמים בעדינגען קאן.

**תשובה** ווייל דען יצה״ר זיינע גאנצע אבזיכט איזט דען מענשין צוא פרפיהרען אונ איהם פון דען וועג דער תורה צוא ערוויטערין

---

*) עס גיבט אבער מאנכע מענשין וואס דיא אבען בעמעלדעטע מצות קריאת שמע געהעריג אוי וויא זיך געבירט מקיים זינד, זיא זינד אבער דאך צו בעשולדיגן ווייל זיא דיא טייערע מצוה פון קריאת שמע ניכט געהעריג אין דיא בעשטימטע צייט מקיים זינד, זאנדערן זיא זינד עובר רען זמן פון קריאת שמע, נעמליך ווייל אין דיא יונגע יאהרן ביא דען מענשין דיא ליידענשאפטין פון זיין הערץ פייעריג אונ ברענענד זינד, דיא שעהנע זיסע וועלט אונגעצעהמט אונ אונבעשרענקט געניסן צו קענין, דאריבער בעשטרעבן זיא זיך ניכט דאמאלס איהרע ליידענשאפטן צו אונטרדריקן אונ דאדורך ווירד איהר נשמה בעשמוצט אונ פעראונרייניגט פון פילע אונצעליגע פערשידענע עבירות וואס דאמאהלס פאר קומן אונ ווען מאן זיא אויף איהרע פיהרונג מוכיח איזט צו רעדע שטעלט איזט איהר תשובה אימער אין אונזערע שפעטערע יאהרן ווערדן מיר דיא פארשריפט פון דיא הייליגע תורה טרייא נאך פאלגן.

וויא פרנארט, וויא פערדומט, זינד זאלכע, אוב וועהע איהגען ווען איהר צאהל טאג קומן ווירד, וועגין דרייא טעמים, ערשטענס קאן דען

ערווייטערין אונ דאדורך איהם זיין עולם הבא פרליערן מאכן צו קענן אדער צו פרווענינגערן, אונ זיין בשטרעבן זאלכעס ווירקען צו קענן איזט פרשידען, דען ביא זאלכע מענשין וואו איהר יראת שמים ניכט פעסט אונ שטארק גענוג איזט, זעהט ער אלעס מעגליכע צו טוהן זיא צו איבר רעדן דורך געוויסע ליידענשאפטן דיא ער אין איהר הערץ צינדעט וויא אויך ברענענד אונ פלאמענד מאכט דאס זיא וועגן דען פון דיא תורה איהר פארשריפט גאנץ אויס טרעטן, ביי זאלכע אבר וואו ער איינזעהט אונ פרשטעהט וייל דאס איהר אהבה צו דיא תורה אונ מצות זעהר שטארק איז, דארום דאס עס איהם געלינגן זאל זיא דאצו צו ברינגען פון דיא תורה אויס צו טרעטן, גאנץ אונמעגליך איזט, דאריבר זעהט ער וועניגסטענס צו ווירקען עטוואס ביי איהנען צו געווינען, געהמליך איהנען דאצו צו ברינגען דאס איהר עבודה צו השי"ת נור אויף איינע געמיינע ארט זיין זאל, קאלט, טרויריג, אונמוטהיג, אונ מאנכעס מאהל גאר גאנץ צו לאסט זיין זאל, וייל ער זיך אלס צדיק אונ ירא שמים פערקליידעט דאס ער איהנען ביא זיך זעלבסט זעהר פרקלייגערט אונ ערנידריגט, מיט דען ווארט דאס זיא

איין מענש וויסן וויא לאנג זיין לעבענסדויער איזט, צווייטענס וען אויך דאס ער דיא שפעטערע יאהרען ערהייכן ווירד אונ ווירד דאמאלס דיא מצות פון דיא תורה נאך פאלגן, וייל אבער שאן דאמאלס דאס פייער פון דיא ליידענשאפטן פיל פערלאשען אונ געשוואכט איזט, דאריבר איזט זיין יידישקייט האלטין פון דיא דאמאהליגע צייט אין איין קליינען ווערט. דריטענס דא דיא תורה איהר פאהרשריפט איזט, דאס איין יעדער מענש פון דאמאלס אן דאס ער דרייצען יאהר אלט ווירד איזט ער שולדיג דיא גאנצע פאהרשריפט פון דיא תורה טריי נאך צו פאלגן, אינ וען ער דאס גרינגסטע איבערטרעט, אזו ווירד ער ביים יום הדין דארוף פירכטערליך בעשטראפט.

נון וויא קאן מאן אזו לייכטזיניג זיין דאס וועגין זיינע ליידענשאפטען נאך צו געהן וואס נור דאס פערגניגן פון איין זעהר קורצען דויער איזט, זאל ביא איהם גלייכגילטיג זיין זיך צו צו ציגען זאלכע עונשים וואס עס זינד פירכטערליך אונ פון איין עוויגען דויער.

# כלל ה שאלה כז

זִיא קיין אֱמֶתְדִיגע עֶרְנְסְטֶע עֶרְלִיכֶע יוּדֶן וְויא זִיךְ גֶעבִּיהְרְט זִינְד, אוּנ דַאדוּרְךְ אִיהְר יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים נִיכְט נוּר בֵּייא השי״ת נִיכְט אִין טֵייעֶרְן וֶוערְט שְׁטֶעהְן, זָאנְדֶערְן גָאר פֶּרַאכְט זִינְד.

דַארִיבֶּר אוּם זָאלְכֶעס צוּ פֶּרְהִיטֶן אִיזְט אֵיין גְרָאסֶע שׁוּלְדִיגְקֵייט אוּנ זֶעהְר נָאטְהֶוֶוענְדִיג דַאס אֵיין יֶעדֶער אִין דִיזֶע הִינְזִיכְט אֵיין וֶוענִיג גַאֲוָה אוּנ שְׁטָאלְץ הָאבֶּן זָאל, דַאס עֶר דִיא זְכִיָה הָאט אֵיין עֶבֶד צוּ השי״ת צוּ זֵיין, אוּנ צוּ דִיהְנֶען צוּ אֵיין זָאלְכֶן מֶלֶךְ וָואס זֵיינֶעס גְלֵייכֶן נִיכְט מֶעהְר עֶקְסִיסְטִירְט (גֶעהְמְלִיךְ וֶוען עֶר בֵּייא זִיךְ וֵויים בֶּאֱמֶת דַאס זֵיין גַאנְצֶער וָואוּנְטְשׁ אוּנ לוּסְט פוּן זֵיין הֶערְץ אִיזְט נוּר זֵיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה טְרֵייא נָאךְ פָאלְגֶן צוּ קֶענֶן, אוּנ יֶעדֶע מִצְוָה דִיא עֶר מְקַיֵים אִיזְט, אִיזְט נוּר זֵיין גַאנְצֶע מַחֲשָׁבָה דֶען וִוילֶען פוּן השי״ת צוּ טוּהְן, אוּנ קֵיין אַנְדֶערֶע אִינְטֶערֶעסֶע דַאבֵּייא פַּרְמִישְׁט אִיזְט, אוּנ אוּנְצֶעהְלִיגֶע מָאהְל בֶּעט עֶר צוּ השי״ת אִין פַּרְבָּארְגֶענֶען וֵויינֶענְד דַאס עֶר אִיהְם הִילְף גֶעבְּן זָאל דַאס אִיהְם קֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אַלְס גַאֲוָה, תִּפְאֶרֶת, כָּבוֹד, מָמוֹן, זֵיין עֲבוֹדָה פַּרְדֶערְבֶּן זָאל) וִויא דִיא מִשְׁנֶה זָאגְן טוּהְט חַיָב אָדָם לוֹמַר בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם, דַאס אֵיין מֶענְשׁ וֶוען עֶר אֵיין אֱמֶתְדִיגֶער עֶרְלִיכֶר יוּד אִיזְט, אִיזְט עֶר אַזוֹ טֵייעֶר אוּנ חָשׁוּב בֵּייא השי״ת דַאס וֶועגֶען זֵיינֶער אַלֵיין הֶעטֶע עֶר אוֹיךְ דִיא וֶועלְט עֶרְשַׁאפֶן, נוּן וֵוייל עֶר זִיךְ הַאלְט אִין אַזוֹי גְרָאסְן שְׁטַאנְד וִוירְקְט דַאס בֵּייא אִיהְם דַאס וֶוען עֶר אֵיינֶע מִצְוָה טוּהְט דַאס עֶר צוּ אֵיינֶע זָאלְכֶע גְרָאסֶע שִׂמְחָה אוּנ בֶּעגֵייסְטֶערוּנְג קָאמְט דַאס עֶר דַאדוּרְךְ דִיא מִצְוָה זֶעהְר פֵייֶערִיג אוּנ בְּרֶענֶענְד מְקַיֵים אִיזְט - אוּנ וֶוען אוֹיךְ פִיהְלֶע מָאהְל אִיהְם זִיךְ עֶראֵייגֶענֶען עֶרְנִידְרוּנְגֶן אִין זֵיין תּוֹרָה אוּנ תְּפִלָה, גֶעהְמְלִיךְ דַאס עֶר זִיךְ בַּשְׁטֶערֶעבְּט אֵיינֶע מִצְוָה צוּ טוּהְן אוּנ וֶועגֶען פִיהְלֶע צוּרִיק הַאלְט נִיכְט זוֹכֶה אִיזְט זָאלְכֶעס אוֹיס צוּ פִיהְרֶן, אָדֶער דַאס עֶר נִיכְט דִיא מַאכְט הָאט זִיא גֶעהֶערִיג מְקַיֵים צוּ זֵיין, דֶעסְטְוֶועגְן אִיזְט עֶר דָאךְ נִיכְט דַארִיבֶּר גַאנְץ צוּרִיק גֶעשְׁרֶעקְט דַאס עֶר טְרוֹיְרִיג אוּנ

אונמישהיג

אונמיטהיג זיין זאל, דאס ער דענקן זאל ווייל ער בייא השי"ת פערארכט און פרהאסט איזט, דארום האט ער ניכט דיא זכייה דיא מצוה מקיים צו זיין, ווייל ער בייא זיך זעלבסט ווייס דאס דער יעניגע וואס צופה נסתרות איז, איז איבערצייגט דאס זיין גאנצער הערצענס וואונטש איזט נור השי"ת אמתדיג דיהנען צו קענין.

און דיזעס ווירד איהם בייא טראגען דאס זיין עבודה אימער מיט שמחה זיין ווירד, און איינע זאלכע עבודה וואס מאן טוהט צוא השי"ת מיט ליעב און גראסע לוסט און פרייד, וויא ווייט איהר מדריגה גרעסר איזט פון זאלכע עבודה וואס מאן נור טוהט קאלט און אונמוטהיג, איזט אונבעשרייבליך.

# שאלה כח

וויא איזט מעגליך ווען איין מענש פון אונגליקע פערפאלגט ווירד און אויף דען קראנקענבעט פון גראסע יסורים געפייניגט איזט, דאס ער זיך דאך שטערקן קענן זאל און השי"ת אויף דען אלען צו דאנקן.

**תשובה** עיין (עת לעשות חלק א' דף י"ד ט"ו ט"ז י"ח), דער מענש דער וואס פון יסורים דערהיים געזוכט ווירד, ניכט נור דאס ער ניכט מתרעם מיסלוינג זיין זאל (דען ווער זאלכעס טוהט איזט פיר איין שוטה צו בעטראכטן וועגן צווייא טעמים, ערשטענס ווירד דען דאדורך זיין ליידן פרוועניגערט ווערדין אדער גאנץ אויפהערין, צווייטענס מיט זיינער אונצופרידענהייט איזט אזוי פיהל אלס ער מעכט זאגין דאס בייא דען אברלאנדעסגריכט איין אונרעכט געשעהט און דער שופט פון דיא גאנצע וועלט מאכט קיין רעכט און ערליך משפט) זאנדערין ער זאל זיא אננעהמין מיט שמחה, נעהמליך ער זאל זיך געוויסע צייטן בשטימן וויא ער נור אליין זיין זאל, און דאמאהלס זיין קאפף פרייא מאכן פון מחשבות עולם הזה און זאל נור זיינע גדאנקין צוזאמן נעמן זיך צו פערעכענין אויף זיינע פרפלאסענע לעבנס יאהר וויא זיינע פיהרונג וואהר אין היענזיכט

יידישקייט

יִידִישְׁקֵייט, אוּנ וִויא אִיזְט דֶער מֶענְשׁ וָואס נִיכְט פִינְדֶען טוּהְט וֶוען עֶר אֵיינֶע גֶענוֹיע אוּנְטֶערְזוּכוּנְג מַאכְט, אוּנ זָאל בַּאלְד אוֹיף דֶען צוּ הַשי"ת, וֵויינֶענְד בֶּעטִין עֶר זָאל אִיהְם פַרְהֶעלְפִין דַאס עֶר דֶען כֹּחַ הָאבִּן זָאל זֵיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוֹים צוּ בֶּעסֶרִין, אוּנ דַאס עֶר, אֶמֶתְדִיגֶע תְּשׁוּבָה טוּהְן קֶענְן זָאל, וִויא אוֹיךְ דַאס עֶר אִיהְם אֵיין רֵיינֶעם הֶערְץ גֶעבִּן זָאל אִין דִיא צוּקוּנְפְט נִיכְט מֶעהְר צוּ זִינְדִיגֶן אוּנ דִיא יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט סוֹבֵל גְוֶועזִין זָאלִין וִוירְקֶן דַאס זֵיין נְשָׁמָה דוּרְךְ אִיהְנֶן גַאנְץ אוּנְבֶּעפְלֶעקְט זֵיין זָאל, דַאמִיט דַאס עֶר הָאפִין קֶענֶע וֶוען זֵיין שְׁטֶערְבּ טָאג קָאמְן וִוירְד שֶׁיִהְיֶה שָׁלוֹם בִּמְנוּחָתוֹ, דַאס עֶר אֵיינֶע אוּנְגֶעשְׁטֶערְטֶע רוּהֶע הָאבְּן זָאל אוּנ דַאס עֶר אוֹיךְ זִיךְ צוּ שְׁרֵייבֶּען קֶענְן זָאל דַאס פוּן דֶען אוּנֶענְדלִיכֶען שְׂכַר (פוּן דִיא קִינְפְטִיגֶע וֶועלְט אוֹיף דֶען דִיא מִשְׁנָה זָאגְט אֵיין שָׁעָה צוּ גֶענִיסֶן פַרְגֶענִיגֶן בְּעוֹלָם הַבָּא אִיזְט מֶעהְר אַלְס אַלֶע אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְגֶן אוּנ פַרְגֶענִיגוּנְגֶן וָואס אֵיין מֶענְשׁ עֶרְרֵייכֶען קָאן וֶועהְרֶענְד זֵיין גַאנְצֶעם לֶעבֶּן אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט) עֶר אוֹיךְ טְהֵייל גֶעהְמֶן וִוירְד, אוּנ וֵוייל אֵיינֶע זָאלְכֶע תְּפִלָּה וָואס מִיט אֵיין עֶרִינְסְטֶענְם צֶערְבְּרָאכֶענֶעם הֶערְץ גֶעבֶּעטֶעט וִוירְד, בֵּייא הַשי"ת זֶעהְר טֵייֶער אוּנ גְשֶׁעצְט אִיזְט דַאס דַאדוּרְךְ אַלֶע זֵיינֶע פֶרלַאנְגוּנְגֶען אִיהְם בֶּעווִילִינְט וִוירְד.

נוּן וֶוען אֵיין מֶענְשׁ זִיךְ זָאלְכֶס אִיבֶּרְלֶעגְט דַאס דִיזֶעס אַלֶעס צוּ עֶרְרֵייכֶען, הָאבֶּן אִיהְם גֶעווִירְקְט אִינ בֵּייא גֶעטְרָאגֶען דִיא יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט לֵיידֶען מוּסֶן, דַאמָאהְל זָאגְט עֶר מִיט שִׂמְחָה אוֹדְךָ ד' כִּי אָנַפְתָּ בִּי, אִיךְ דַאנְק דִיר הַשי"ת דַאס דוּ הָאסְט אִיבֶּער מִיר גְצֶערִינְט וֵוייל יָשׁוּב אַפְּךָ וּתְנַחֲמֵנִי דֵיין אָבְּזִיכְט וָואהְר דַאס אִיךְ דַאדוּרְךְ גֶעטְרֶעהְסְט וֶוערְדֶע זֵיין.

# שאלה כט

דַא דִיא בְּחִירָה פְרֵייא אִיזְט דַאס אֵיין יֶעדֶר זִיךְ וֶועהְלֶן קָאן דֶען גוּטֶען וֶועג, אָדֶער דֶען שְׁלֶעכְטֶען, נוּן וִויא קָאן דִיא תּוֹרָה פֶערזִיכֶערִין לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ דַאס דִיא יִידִישְׁקֵייט נִימָאלְס אוֹיף הֶערִין וִוירְד.

תשובה

**תשובה** ווייל דיא ליעב פון השי"ת אויף יידישע קינדער זעהר גראס איזט אונ ווינשט דאס איהרע לעבענס יאהר אויף דיזע וועלט אויף איין זאלכע ארט פראיבערגעהן זאלן זיך אימער צו בעשעפטיגן דיא פארשריפט פון דיא תורה געגויא גאך צו פאלגן, דאמיט זיא זיך דאדורך דאס חיי נצחיי פון עולם הבא דאס עוויגע לעבן פרדיהנט מאכן זאלן, דאריבער דאט ער אויף איהנן איינע געגויע אויפזיכט דאס וועגן אויך דאס זיא מאנכעס מאהל פון דיא וועג פון דיא תורה אויסטרעטן (אונ דאדורך בייא איהם פרהאסט זינד) איהנן דאך אפט צו ערמאנערין אונ צו ערוועקין דורך פיהלערלייא פרשידענע יסורים" דרוק, ארמוטה, פערפאלגונג, קראנקהייטען אונ דער גלייכן דאמיט זיא דאדורך איהרע שלעכטע פיהרונג אויס בעסערין זאלין, דער ווייל זיא זעהן זיך אין איינן עלענדין שטאנד דעהמיטיגען זיא זיך צו השי"ת אונ נעהמן אויף זיך צו דען וועג פון דיא תורה צוריק צו קערין (דארום וויא יושיע האט איינגענאמן ארץ ישראל וועו אויך דאס זייגע אלע מלחמות דיא ער גימאכט האט, וואהר דער נצחון געווין, זיעג, איבערנטירליך, זא העטע יא השי"ת מאכין געקאנט דאס ער דיא אלע פרעמדע פעלקר העטע געגצליך פרטרייבן אונ אויס ראטין קענן, וואהר נור דיא אורזאך דאס איין יעדעס שבט שטאם אין זיין נחלה האט קיין כח גהאט זיא אין גאנצן צו פרטרייבן, דאמיט דאס ווען זיא אויס דיא תורה אויסטרעטן, ווערדן יענע פעלקר איהנן זיין פיר איין צאכט רוהט איהגען צו דריקען, איהגען צו פעראראמן) אונ דיזעס וואהר דיא צו זיכערונג פון השי"ת דאס ער דאפיר אימער בעזארגט זיין ווירד דאס דיא תורה אונ יראת שמים בייא יידישע קינדער ניכט גאנץ אין פרגעסענהייט קאמן ווירד.

מאן זאל אבער ניכט זאגן הייטע איזט שאן דיא צייט פרענדערט אונ דער חאס פון דיא אומות העולם צו יידין איזט שאן ניכט מעהר אלס פריהער – דען זאלכעס זאגין נור כופרים וואס עס לייקענין אן

דיא

דִיא אוֹיפְזִיכְט פוּן הַשֵׁי"ת, אָבֶּער דֶער וָואס עֶהְרְנְסְטֶע אֱמוּנָה בֶּעזִיצְט אוּנ אִין דֶען אִיזְט פַרְשְׁטַאנֶען דַאס אַלֶע עֶראַיינְגְנִיסֶע פוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אָהְנֶע אוֹיסְנַאהְמֶע נוּר פוּן הַשֵׁי"ת אַלֵיין קָאמְט אוּנ פוּן אִיהְם בַּשְׁטִימְט אִיזְט, זָא אִיזְט דִיא הֵייטִיגֶע צֵייט אַלְס דִיא פְּרִירִיגֶע, אוּנ דִיא פְּרִירִיגֶע דִיא הֵייטִיגֶע, וֵוייל בֶּאֱמֶת דִיא אַלֶע שׂוֹנְאִים אוּנ רוֹדְפִים צוּ יֶעדֶע צֵייט אִימֶער דִיא שְׁלוּחִים פוּן הַשֵׁי"ת זִינְד, דַארִיבֶּער מַאכֶע אִיךְ אֵייךְ צוּ ווִיסֶען דַאס אִין אֵיין יֶעדִין דוֹר צֵייטאַלְטֶער, אִין אֵיין יֶעדִין וֶועלְטְטֵייל, אִין אֵיין יֶעדִין לַאנְד, אִין אֵיין יֶעדִין קְרֵייז, אִין אֵיין יֶעדֶע שְׁטָאט, אִין אֵיין יֶעדִין דָארְף, זִינְד זָאלְכֶע שְׁלוּחִים אָהְנֶעגֶבְּרֵייט אוֹים צוּ פִיהְרֶין דִיא גְזֵירָה פוּן הַשֵׁי"ת, וֶוען זִיא עֶס פֶּרְדִינֶען וֶועגֶען אִיהְרֶע שְׁלֶעכְטֶע פִיהְרוּנְג אִין הִיעֶנְזִיכְט יִידִישְׁקֵייט, עֶס זֵייא אוֹיף אֵיין כְּלַל אָדֶר אוֹיף אֵיינְצֶעלְנֶע מֶענְשִׁין, ווִיא דִיא מִשְׁנָה שְׁרֵייבְּט הַנְּבִאִים מַחֲזִירִין תָּדִיר, דִיא אֵייגֶענְעהמֶער גֶעהֶן אִימֶער אֵיין קָאסִירִין, אָפְּטְמָאהְל נוּר אֵיין גֶעלְד פַרְלוּסְט דָאס זִיא, זִיא פְלִינְדֶערִין, אִיהְרֶע הֵייזֶער פַרְבְּרֶענֶען, נִידֶר רֵייסֶען, אָפְּטְמָאהְל אוֹיךְ לֵייבְּשְׁטְרָאף דַאס זִיא, זִיא שְׁלָאגֶען מַכּוֹת אַכְזָרִיּוֹת, אָפְּטְמָאהְל דַאס זִיא, זִיא אִין גַאנְצִין ווֶעקְטְרֵייבֶּען דַאס זִיא מִיסֶען אִיהְר גַאנְצֶעס פַרְמֶעגִין צוּרִיק לָאסִין אוּנ אָרִים אוּנ נַאקֶעט אוֹיסוַואנְדֶערִין מִיסֶען פְּרֶעגֶע נוּר נָאךְ פוּן דִיא פְרִירִיגֶע צֵייטֶען וָואס זִיךְ שָׁאן אַלֶעס עֶראַייגֶענְט הָאט.

דַארִיבֶּער וֶוען דוּ זֶעהְסְט אַזוֹי דוֹר וָואס דֶער וֶועג פוּן דִיא רְשָׁעִים בֶּעגְלִיקְט אוּנ זִיא אִיהְר וֶועלְט מִיט נַחַת אוּנ שַׁלְוָה פַרְלֶעבְּן, אוּנ דֶער כָּבוֹד פוּן דִיא תּוֹרָה אוּנ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ אֱמֶתְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע יִידִין זֶעהְר נִידְרִיג אִיזְט, אוּנ זֶעהְר צוּרִיק גֶעזֶעצְט, זָאלְסְט דוּ נִיכְט דֶענְקֶען דַאס דִיא צֵייט פַרֶענְדֶרְט אִיזְט אוּנ דַאס קֵיין אוֹיפְזִיכְט פוּן הַשֵׁי"ת מֶעהְר עֶקְזִיסְטִירְט, חָלִילָה וְחָלִילָה דַאס דִיר זָאלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקִין אֵיינְפַאלִין זָאל דֶען וֶוען אוֹיךְ דַאס הַשֵׁי"ת לַאנְגְמִיטְהִיג אִיז, אָבֶּר עֶס קָאמְט דָאךְ דֶער צָאהְלְטָאג אוּנ דִיא אֵיינְקַאסִירוּנְג פִיר אֵיין יֶעדִין פַארְמֶעהְג זֵיינֶע פִיהְרוּנְג.

דַארִיבֶּר דִיא אַלֶע וָואס זִיךְ אַן דִיא תּוֹרָה פֶּערגְרֵייפֶן אִיהְר פָארְשְׁרִיפְט נִיכְט גֶעהֶערִיג נָאךְ צוּ פָאלְגֶן, קָאמֶע אִיךְ אֵייךְ צוּ וָואהְרֶנֶן דַאס אִיהר אֵייךְ אָהנְזָבְּרֵייטֶן זָאלְט אוֹיף דֶעם טָאג וִויא דִיא תּוֹרָה זָאגְט לִי נָקָם וְשִׁלֵּם אִיךְ וֶועלְדֶע מִיר רַאכֶע פֶּערשַׁאפֶן אוּנ בַּשְׁטְרָאפֶן, וְאוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת, וֶועהע אוּנ אָךְ זָאלְכֶע מֶענְשִׁין וֶוען דִיא צֵייט קָאמֶן וִוירְד וָוא הַשֵּׁי"ת אֵיינְפָארֶדֶערִין וִוירְד דִיא עֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה פוּן דִיא יֶענִיגֶע דִיא, דִיא תּוֹרָה פֶּרַאכְט הָאבֶּן, אוּנ וֶוען אִיהְר נִיכְט פוּן נוּצֶען וִוילִין דִיא יִידִישְׁקֵייט מְרֵייא צוּ זֵיין וִוינְשְׁט, זָא וִוירְד אִיהְר זִיא מִיסֶן מְרֵייא נָאךְ פָאלְגֶן וֶוען דִיא גְרָאסֶע צָרוֹת אוּנ אַנְגְסְט אוּנ גָאטֶה קָאמֶן וֶוערְדֶן, דַארִיבֶּר אִיזְט מֵיין עֵצָה, עֲשׂוּ אַחֲרוֹנָה רִאשׁוֹנָה טוּהְט אִיהְר לִיבֶּער פְּרִיהֶער וָואס אִיהְר אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע צֵייטֶען טוּהְן מִיסִין וִוירְד, עַיין (עת לעשות חלק א׳ דף ק״נ ע״א ע״ב).

# שאלה ל

וֶועלְכֶע קִיּוּם הַמִּצְוָה אוּנ דִינְסְט צוּ הַשֵּׁי"ת אִיזְט בֵּייא אִיהְם טֵייֶער אוּנ אַנְגֶענֶעהם מֶעהְר אַלְס דִיא אַנְדֶערֶע.

**תשובה** אֱמֶת הַדָּבָר דַאס דָאס טֵייעֶרֶע דִיעֶנְסְט צוּ הַשֵּׁי"ת זֵיינֶע מִצְוֹת מְקַיֵּים צוּ זֵיין, אִיז נוּר וֶוען דִיא כַּוָּונָה פוּן דֶעם יֶענִיגֶן דֶער זִיא מְקַיֵּים אִיזְט, אִיז נוּר לַעֲשׂוֹת רְצוֹן יוֹצְרוֹ דַאס עֶר נוּר דַאמִיט דֶעם ווִילִין פוּן זֵיין בַּשֶׁעפֶּר טוּהְן וִויל, אָהנֶע דַאס דַאבֵּייא דָאס גְרִינְגְסְטֶע פוּן אֵיין אַנְדֶרֶע אִינְטֶערֶעסֶע פַּרְמִישְׁט זֵיין זָאל (אוּנ דִיא פְּרִיעב דַארוֹיף דַאס זִיךְ דֶער מֶענְשׁ אַלֵיין אִיבֶּערְצֵייגֶן קָאי אָבּ זֵיין כַּוָּונָה וֶוערֶענְד עֶר מְקַיֵּים דִיא מִצְוָה אִיז, עֶס זֵייא תּוֹרָה לֶערְנֶן, אָדֶר תְּפִילָּה, אָדֶר צְדָקָה, גַאנְץ נוּר וֶועגִין הַשֵּׁי"ת אִיזְט, אָדֶער נִיכְט, אִיזְט, דַאס עֶר זָאל זִיךְ בַּדֶענְקִין וֶוען עֶר זָאלְכֶע מִצְוֹת מְקַיֵּים גִיוֶועזִין הָאט וֶוען עֶר נוּר אַלֵיין וָואהְר דַאס קֵיינֶער דַאפוּן גֶעוִויסְט הָאט אוּנ נִימַאנְד אִיהְם גִזֶעהְן הָאט, אָבּ זֵיין דִיעְנְסְט דַאמָאלְס מִיט נְרָאס שִׂמְחָה אוּנ מִיט פֵּייעֶרִיגֶע אַהֲבַת הַשֵּׁם וָואהְר אוֹיף אֵיין זָאלְכֶע אַרְט

וויא

וויא ער דיא מצות מקיים גוועזין האט ווען ער צווישן זעהר פיעלע מענשין וואהר, אזוי זאל ער בטוח זיין דאס זיין הערץ ניכט גטיילט פון השי"ת איזט, אונ דיא פרעמדע גדאנקין וואס ער אין זיין הערצין האט וועגין רוהם אונ כבוד דיא זינד נור פון דעם יצה"ר, וייל ער וויל זיינע מעשים טובים בפלעקין אונ בשעדיגן, ווען ער אבער זעהט דאס דאמאלס וויא ער זאלכע מצות גטוהן האט ווען ער נור אליין וואהר וואהר זיין דיענסט ניכט נור גיט פייעריג, זאנדרין קאלט, אונ ווען ער זיין עבודה צווישן מענשן מקיים איזט, אזוי גיבט ער זעהר אכט דאס ער זיא גענוי אונ פייעריג מקיים זיין זאל, דאן איזט ער שולדיג אויף זיין גמיינע מדריגה צו וויינן ביטר אונ יעמערליך וויא וייט דאס ער שאן גפאלן איזט אין דיא נעץ פון דעם יצה"ר, דאס זיין קליינע אמונה אונ בטחון צו השי"ת האט איהם דאצו גברענגט דאס דיא מורא פון איין בשר ודם ביא איהם גרעסר איז אלס דיא מורא שמים, דען וועגין פון דיא מענשין צו ערלאנגן כבוד, גדולה, אונ דער גלייכין הנאות, איז זיין עבודה שענר אונ בעסר אלס דיא עבודה ווען ער פאר השם יתברך אליין איזט) וייל אבער מעשים בכל יום אלטעגליך איזט, דאס ביא איינע זאלכע מצוה וויא דאביא פרבינדן איז כבוד ותפארת, איזט מען זיא ענדר מקיים אונ זאלכע מצוה וואס נור פרבארגין גיטוהן ווירד, איזט מאן זיא זעלטינר אונ וועניגר מקיים דען ווען ראובן איזט פרארימט אונ עס קאמט איין צייט דאס ער זיינע טאכטר חתונה מאכין זאל, אזו ערזוכט ער זיין גוטן פריינד שמעון דאס ער פון איהם אן נעמן זאל דיא מצוה פון שושבינות אונטרפיהרן, ווען אויך דאס זאלכע מצוה פיעל געלד קאסט, דענאך האט ער זיין פרלאנגין באלד, איינגעווילגט אונ האט דיא מצוה מקיים גוועזן אויף דיא שענסטע ארט, ווען אבר צו איהם איינער קאמט אין השתדלנות דאס ער איין ערליכן יידן דער זיך ניכט פאר בושה ענטדעקין וויל אונטרשטיצן זאל. זא קאן ער נור נאך פילע בקשות איינע קליינע

נדבה

נְדָבָה פוּן אִיהם בַּקאמְין. וֶוען אוֹיךְ פַּרְמֶעג אוּנְזֶר שֵׂכֶל אֵיינֶע זָאלְכֶע עֲבוֹדָה זֶעהְר נִידְרִיג אוּנ גֶעמֵיין צוּ בֶּעטְרַאכְטֶן אִיז. אוּנ פִילֵייכְט נִימָאהְל פַּרְדִינְט מִיט דֶען נָאמֶן עוֹבֵד ה' גֶרוּפֶן צוּ וֶוערְדִין דַאס עֶר הַשי"ת דִיעֶנְט. נוּר עוֹבֵד אֶת עַצְמוֹ עֶר דִינְט זִיךְ אַלֵיין (וֶועגִין כָּבוֹד אוּנ גְרָאסֶן רוּף צוּ עֶרְלַנְגֶן,) דֶען וֶוען עֶר הַשי"ת זֵיין מִצְוָה אוּנ תּוֹרָה אַכְט, וַוארוּם הָאט עֶר נִיכְט דֶעם פַּרְדֶעקְטֶן אָרִימֶען גִיהֶערִיג אוּנְטֶערְשְׁטִיצְט.

אֲבָל לֹא מַחְשְׁבוֹתַי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם, דִיא גַדַאנְקֶן פוּן הַשי"ת זִינְד נִיכְט אַלְס דִיא גְדַאנְקֶן פוּן דֶען מֶענְשֶׁן, דֶען דִיא תּוֹרָה שְׁרֵייבְּט אֵיין מֶענְשׁ זָאל זִיךְ בַּשְׁטֶעפְּטִיגֶן מִצְוֹת מְקַיֵּים צוּ זֵיין וֶוען אוֹיךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ וֶועגִין זֵיינֶר אֵייגִינֶע אִינְטֶערֶעסֶע, וַוייל דֶער מֶענְשׁ נוּר אֵיין קָרוּץ מְחוֹמֶר אִיז, אוּיס לֵיים גִיפָארְמְט, אַזוֹי אִיז עֶר נִיכְט צוּ בֶּעשׁוּלְדִיגֶן וֶוען עֶר אִין זֵיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרִין אָבּ עֶר נָאךְ זֵיין גוּף טֶעסְטֶעלִירְט אוּנ גְרֵיינִינְגְט הָאט, זֵיין כַּוָּונָה הָאט לְהַנָאַת עַצְמוֹ וֶועגֶן אֵייגֶענֶר אִינְטֶערֶעסֶע (שְׁמִתּוֹךְ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בָּא לִשְׁמָהּ) דֶען וֶוען עֶר זִיךְ פִילֶע מָאל גְוֶועהְנְן וִוירְד דַאס עוֹל תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת נָאךְ צוּ פָאלְגֶן אַזוֹי וִוירְד עֶר קָאמִין שְׁפֶּעטֶר הֵיעֶן אוֹיף דִיא מַדְרֵיגָה דַאס עֶר נוּר הַשי"ת אַלֵיין דִינֶן וִוירְד.

# שאלה לא

אִין דֶען הַיְיטִיגֶן דוֹר וִויא לֵיידֶר דִיא נְבוּאָה אוּנ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן יִשְׂרָאֵל אוֹיף גֶהֶערְט הָאט, אִיזְט בָּאךְ עֶטְוַואס פֶּרְהַאנְדֶן דַאס דַאדוּרְךְ יִידִישֶׁע קִינְדֶר פוּן אַנְדֶרֶע פֶעלְקֶר אוֹס גֶעצֵייכֶענְט זִינְד, דַאס דִיא אַהֲבַת הַשֵּׁם אוֹיף אִיהְנֶן בָּאךְ פֶערְקְנִיפְט אִיזְט, אָדֶער נִיכְט.

**תשובה** וֶוען אוֹיךְ דַאס פִילֶע פְּסוּקִים אוּנ פִיהְלֶע שְׁטֶעלְן פוּן דִיא גְמָרָא אוּנְז פַּרְזִיכֶערִין אוּנ אֵיינְפְלֶעסֶן דַאס הַשי"ת מִיט יִידִישֶׁע קִינְדֶר תָּמִיד אִיז, (וְכָל מָקוֹם שֶׁגָלוּ שְׁכִינָה עִמָּהֶם) אִין אֵיין יֶעדִין לַאנְד וִויא זִיא פַּרְטְרִיבֶּן זִינְד, אִיזְט הַשי"ת מִיט אִיהְנֶן, (וְגָדוֹל הָרוֹעֶה הַשּׁוֹמְרָן) גְרָאס אִיזְט אִיהְר הִיטֶעד דֶער וָואס זִיא בֶּעשִׁיצְט,

ולא

ולא יישן שומר ישראל) דער היטער פון יודען טוהט ניכט שלימערין און שלאפן.

ווייל אבער איינע זאלכע זאך וואס מאן מיט זיינע אויגען אליין זעהט פראוהרזאכט ביי דען מענשין מעהר שמחה און בטחון, אלס זאלכעס וואס מאן ערצעהלן הערט, דאריבער וויל איך דיך אויך קלערין און בעווייזין, כי לא אלמן ישראל מאלקיו, דאס יידישע קינדער פון איהר בורא נאך אין דיא הייטיגע צייטען ניכט ערוויטערט זינד, זאנדערין דער יעניגער וואס זיינע אויגען ניכט געשוואכט זינד, זעהט עין בעין בבריאה ברורה, דאס השי"ת איז ביי יידישע קינדער אין איהרע בתי מדרשים וויא תורה לשמה געלערינט ווירד (דאס דער צוועק און ציעל פון דען תורה לערנין איז נור אום דאדורך איין ערליכער יוד זיין צו קאנן און יראת שמים צו ערלאנגן) דען ווען אויך דאס דער כתר תורה פיר איין יעדין פרייא שטעהט, דענאך זינד זיא ניכט גלייך אין איהר השגה דאס מאנכער איין שארפערס אונד וויטערס אויג האט אלס זיין חבר, און מאנכער ווען אויך דאס ער שארף זיניג איזט, אבער ער איזט דאך ניכט זוכה דאס זיין השגות התורה זאל זיין קרוב לדרך האמת אלס זיין חבר, דא דאס אפענבאר איזט פיר איין יעדין דאס דיא השגות התורה איזט נור פרמעג דיא אמתדיגע און פייערינגע יראת שמים וואס ער בעזיצט, דען פיהלע מאהל בעמיהט מאן זיך, און פלאגט זיך מיט פיעלס נאך דענקין אין היגזיכט תורה לערנן, און דאצו דאך קאמט ער ניכט ווייטער, ווייל דיא טיהר פון דיא חכמה פיר איהם פערשלאסין איזט, ווען ער זיך אבער צום הערצין נימט דאס דיא השגה פון דיא תורה נור אין דיא האנד פון השי"ת איזט, וויא דער פסוק זאגט כי ה' יתן חכמה נור השי"ת גיבט דען מענשין איין אפען הערץ דאס ער פערשטעהן זאל וואס תורה קענין לערנין איז, און ער נור זיא גיבט זאלכע וואס זיך אין דיא תורה איהר וועג געווי פירן וויא דער פסוק זאגט יצפון לישרים תושיה ער גיבט נור דיא וויסענשאפט

פון

פון דיא תּוֹרָה רֶעכְטשַׁאפִינֶע מֶענְשִׁין, גֶעמְלִיךְ זָאלְכֶע וָואס אֶמֶתְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם בֶּעזִיצֶן, אַזוי בַּרֶעכִינְט עֶר זִיךְ וִויא זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ מַעֲשִׂים אוּיס זֶעהֶן, אוּנ וִויא זַיינֶע מִדּוֹת זִינְד, אוּנ דַא עָר זִיךְ גֶעפִינְט שׁוּלְדִיג, נִימְט עֶר אוּיף זִיךְ וֶוייגֶענְד מִיט אֵיין צֶרבְּרָאכֶן הֶערְץ דָאס פוּן נוּן אַן וִויל עֶר גֶענוֹי אוּנ פִּינְקְטלִיךְ דִיא פָארשְׁרִיפְט פוּן דיא תּוֹרָה נָאךְ פָאלְגִין, אוּנ אִיז מִתְפַּלֵל צוּ השי״ת דַאס עֶר אִיהְם זַיין הֶערְץ עֶפֶענְן זָאל צוּ עֶרלַאנְגֶן אֵיין גְרָאסֶע הַשָּׂגָה אִין דִיא תּוֹרָה, אוּנ וֶוען עֶר דַאן זִיךְ גֶעמְט צוּ תּוֹרָה לֶערְנְן, זֶעהְט עֶר הַשָּׂגוֹת נִפְלָאוֹת וָואס עֶר פְרִיֶער נִיכְט דִיא זְכִיָה גֶהַאט הָאט צוּ זֶעהְן, אוּנ מַאנְכֶעס מָאהְל נָאךְ גְרָאס תְּשׁוּבָה קָאמְט אִיהְם זַיין הַשָּׂגָה אַזוי שְׁנֶעל אוּנ פִּיהְל אַלְס אֵיין גְרָאסֶע קְוַואל דַאס עֶס נִיכְט אִין זַיינֶע מַאכְט שְׁטֶעהְט דַאס עֶר זָאלְכֶם אוּיף שְׁרַייבֶּן קֶענֶע, ווייל עֶר וֶוערֶענְד דֶען שְׁרַייבֶּן זֶעהְט אוּיגִין שַׁיינְלִיךְ דַאס דִיא שֶׁפַע פוּן דִיא הַשָּׂגָה טוּהְט זִיךְ אִימֶר פַרְמֶערִין אוּנ פַרגְרֶעסֶערִין, אוּנ דוּרְךְ דֶען שְׁרַייבֶּן וִוירְד זִיא פַרוֶוענִיגֶערְט נוּן וִויא אִיזְט דַאמָאהְל דַאס הֶערְץ פוּן אִיהְם עֶרְקְוִויקְט אוּנְד עֶרפְרֵייט, וִויא גְלִיקְלִיךְ שֶׁעצְט עֶר זִיךְ דַאמָאהְל דַאס עֶר זָאלְכֶם דִיא זְכִיָה הָאט מִיט זַיינֶע אוּיגֶן צוּ זֶעהְן, אוּנ זָאלְכֶעס אִיז בָּחוּן וּבָרוּר.

נוּן בַּנֶעהְמִינְט מַאן נָאךְ אֵיין גְרֶעסֶערִין בֶּעוַוייז דַאס דִיא שֶׁפַע אֱלֹקִי אוּנ רוּחַ קָדְשׁוֹ רוּהְט אוּיף אֵיין יֶעדִין יוּדֶן פַּרמֶעג זַיינֶע מַעֲשִׂים אוּנ פִּירוּנְג, אוּנ, מִדּוֹת, אוּנ דַאדוּרְךְ הָאט דִיא אוּיס צַייכֶענוּנְג פוּן השי״ת אוּיף יִדִישֶׁע קִינְדֶער גֶעגְן אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער נָאךְ נִיכְט אוּיף גֶהֶערְט :

# כלל ו

## גן נעול ובו ח׳ שו״ת.

## שאלה לב

וויא זָאל דיא אויף זיכט פון מַנְהִיג בֵּייא אֵיינֶע חֲתוּנָה אויס זֶעהֶן דַאס יידישֶע קִינְדֶער נִיכְט אִיהְר טֵייעֶרִין בָּאמִין עֶם קָדוֹשׁ פֶּערְלִירְן.

**תשובה** עיין (עת לעשות חלק א׳ דף מ׳ ע״ב) אֱמֶת הַדָּבָר, דַאס דאס אין זָאלְכֶע מְדִינוֹת וויא דֶער שְׁלֶעכְטֶער בִּיטֶערֶער מִנְהָג אֵיינְגֶעפִיהְרט אִיזְט צוּ זַאמֶן, צוּ קָאמֶן אויף אֵיינֶע חֲתוּנָה בֵּייא דֶען טַאנְץ אַלֶערְלֵייא פֶּרמִישׁוּנְגֶען — וֶוער אִיזְט דֶער יֶענִיגֶער דֶער זִיךְ רִיהמֶען קָאן דַאס עֶר דֶען כֹּחַ הָאט זָאלְכֶעם צוּ שְׁטֶערִין אוּנ צוּ פֶערְהִינְדֶערִין, דֶענְנָאךְ גַאנְץ צוּ שְׁוַויינְן אוּנ זָאלְכֶם רוּהִיג אוּנ גְלֵייכְגִילְטִיג צוּ צוּ זֶעהֶן אִיזְט נִיכְט נוּר נִיכְט רַאהמַזַאם זָאנְדֶערְן אויךְ שֶׁעדְלִיךְ וויא אויךְ גֶפֶעהְרְלִיךְ, דֶען אִין שְׁפֶּעטֶערֶע צַייטֶן קָאן דַאס גֵייעֶ דוֹר זָאגֶן ווייל דיא דַאמָאלִיגֶע פִירֶער נִיכְט אויף דֶען דַאס גְרִינְגְסטֶע הָאבֶּען מוֹכִיחַ גֶוועזִין, מוּס יַא זַיין דַאס זָאלְכֶעם קֵיינֶע עֲבֵירָה אִיזְט, דַארִיבֶּער אִיזְט, אַיין שׁוּלְדִיגְקֵייט אויף אֵיין יֶעדִין תַּלְמִיד חָכָם פִיל מֶעהְר אויף דֶען מַנְהִיג אִין זַיין שְׁטָאט דַאס עֶר אויף דֶען מוֹכִיחַ זַיין זָאל, אוּנ זָאל כַּרֶעפֶּענְטְלִיכֶן וויא גְרָאס דיא עֲבֵירָה אִיזְט אוּנ וויא פִירְכְטֶערְלִיךְ דַארוֹיף שְׁפֶּעטֶערְהִין וֶוען דיא אֵייגְקַאסִירֶער קָאמֶן, דיא עוֹנְשִׁים זִינְד ווירְד וֶוענִיגְסטֶענְס זָאלְכֶם ווירְקֶן דַאס דיא צוּזַאמֶן קוּנְפְט זִיךְ נִיכְט פַרְגְרֶעסֶערִין ווירְד, וויא אויךְ בֵּייא מַאנְכֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים וָואס דיא תּוֹכָחָה פון אִיהְר מַנְהִיג בֵּייא אִיהֶנֶן זֶעהְר חָשׁוּב אוּנ גְשֶׁעצְט אִיזְט, ווירְד זָאלְכֶעם בֵּייא אִיהְנֶען נָאךְ מֶער ווירְקֶן, גֶעמְלִיךְ דַאס זיא בֵּייא דיא חֲתוּנוֹת פון אִיהְרֶע קִינְדֶער וֶועגִין דֶען, דיא גַאנְצֶע מוּזִיק בֵּייא זֵייטִיגֶן — אוּנ בֵּייא זֶעהְר פִילֶע וָואס שָׁאהֶן עֶלְטֶערֶע מֶענְשִׁין זִינְד ווירְד זָאלְכֶעם נִיצְלִיךְ זַיין דַאס זיא ווִיסֶן וֶוערְדֶן וָואס זיא זִיךְ אִין אִיהְר יוּגֶענְד פַרְזִינְדִיגְט אוּנ אֵיינְגֶעשִׁילְדִיגְט הָאבֶּן, אוּנ וויא גְרָאס דיא ווִיכְטִיגְקֵייט פון דיא

עבירה

עֲבֵירָה אִיז, דַאמִיט זִיא זָאלְן זָאלְכֶס מִיט אוּנצֶעהלִיגֶע טְרֶערִין אוּנ גְרוֹס צְדָקוֹת בַּייא השי״ת זִיךְ עֶנְטשׁוּלְדִיגְן אוּנ פְרַייא מַאכְֶן.

לֵיידֶר אָבֶּר מַאנְכֶע מַנְהִיגִים דָא אִיהְר יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ בִּטָחוֹן זֶעהְר קְלֵיין אוּנ נִידְרִיג אִיז אוּנ וֶוענְן אִיהְרֶע פַּרְנָסָה נִיכְט נוּר זִיךְ נִיכְט מִיט דִיא וֶועלְט פֶרְפֵייגְדֶן ווִילֶען, זָאנְדֶערְן אוֹיךְ קֵיינֶעם דִיא גְרִינְגְסטֶע הִינְדֶערְנִיס נִיכְט אִין וֶועג לֶעגְן דִיא עֶר גֶעהְן ווִיל, דַארוּם זִינְד זִיא אוֹיף זָאלְכֶס נִיכְט מוֹכִיחַ, וֶועהֶע אִיהְגֶען, וֶועהֶע אִיהְר נְשָׁמָה, דַאס זִיא וֶוענְן גֶעלְד יִידִישֶׁע נְפָשׁוֹת (וָואס זִיא הֶעטְען רֶעטֶן קֶענִין) פֶערְקוֹיפֶען.

ווִיא אוֹיךְ וֵויינְט מִיר מֵיין הֶערְץ אוֹיף דֶען שְׁטוּרְץ פוּן יִידִישֶׁע קִינְדֶר אִין מַאנְכֶע שְׁטֶעט, דַאס בַּייא אִידְגֶן דִיא מִדָה פוּן בּוּשָׁה אוּנ צְנִיעוּת זֶעהְר ווייט צוּרִיק גֶגַאנְגֶן אוּנ גֶזִינְקֶען אִיז, דֶען וֶוען אוֹיךְ דַאס זִיא מִיט אִיהְרֶן רַב זָאגְן דַאס זִיא נָאךְ פוּן דִיא אָרְטָאדָאקְסִישֶׁע פַּרְטֵייא זִינְד, דֶענָנאךְ זִינְד זִיא שָׁאהְן אֵייניגֶע שְׁטַאצְיָאנֶן אוֹיף דֶער שְׁנֶעלְצוּג פוּן דִיא אֶמְתְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע אָרְטָאדָאקְסְן עֶרְוֵייטֶערְט, אוּנ דֶען וֶועג וָואס צוּ דִיא פָּארְטשְׁרִיטס פַּארְטֵייא פִיהְרְט, זִיךְ גֶענֶעהְרְט, גֶעהְמְלִיךְ דַאס זִיא הָאבְּן פוּרְץ גָדֵר גְוֶועזִין זִיךְ צוּ פִיהְרֶן אַלְס ווִיא דִיא אוּמוֹת הָעוֹלָם, אֵיינֶע חוּפָּה אִין שׁוּהְל צוּ מַאכֶן, אוּנ צוּ אִיבֶּר טְרֶעטֶן מִיט עֲזוּת מֶצַח אוּנ פֶרֶעכְהֵייט דֶען פֶארְבָּאט פוּן דִיא תּוֹרָה וּבְחוּקוֹתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ, אוּנ אֵיין עֲבֵירָה צִיהְט דִיא אַנְדֶרֶע דַאס דָארְט צוּ זַאמֶן קָאמֶן אֲנָשִׁים וְנָשִׁים בְּחוּרִים בְּתוּלוֹת מִיט שְׂחוֹק וְקַלוּת רֹאשׁ, אִינ זִינְד מְבַטֵל דִיא מִצְוָה וָואס מִיר שִׁילְדִיג זִינְד מְקַדְשֵׁי תִּירָאוּ, דַאס מִיר שׁוּלְדִיג זִינְד פָאר דֶען אָרְט ווִיא דִיא שְׁכִינָה רוּהְט צוּרִיק צוּ שְׁרֶעקֶן אוּנ צוּ צִיטֶערִין אוּנ עֶהְרְפוּרְכְט צוּ הָאבְּן, אוּנ אַזוֹי ווייט זִינְד זִיא אוּנְפַרְשֶׁעמְט אוּנ פְרֶעךְ דַאס דַאמָאלְס נָשִׁים גֶעהְן צוּ דִיא מֶענְנֶער זִיא אוֹיף צוּ פָארְדֶערִין דַאס זִיא גֶעלְד גֶעבְּן זָאלְן דַאמִיט גְמִילוּת חֲסָדִים צוּ טוּהְן - וֶועהֶע אוּנ אָךְ אִיהְנֶן מִיט זָאלְכֶע מִצְוֹת, פִינְסטֶר אִיהְר נְשָׁמָה מִיט זָאלֶכֶע צְדָקוֹת וָואס זִיא דַאדוּרְךְ אִין טִיפֶן גהינם

גיהנם שטירצן דאס זיא פערווארזאכן מיט דען צו צינדן ביא דיא מענער פייער פון הרהורי עבירה.

און עס איזט צו שרייען מיט יאמער און קלאג, היממעל שטוינט, אויף דען זעהר טיפן פאל און גראסער ארמוטה אין היגזיכט בושה און צניעות אום וואס יידישע קינדער געקאמן זינד און פערלארען האבן, דען ווען מאן העטע זאלכעס חציפות און עזות, און פריצות, אין טעאטער געטון, העטע עס אויך געוועזין גענוג קרענקונג און הערץ רייסענד דאס מאן דיא קעקהייט האבן זאל פילע פסוקים פון דיא היילינע תורה צופראכטען און צו פערשפאטן, לא תתורו אחרי עיניכם ברית כרתי לעיני, ויד ליד לא ינקה רע, פילמער דיא קעקהייט צו האבן זיך ערלויבען זאלכעס צו טוהן אין דיא שוהל *) וויא מאן יהא שמיה רבה און קדושה זאגן טוהט ווא מאן שולדיג איזט השי״ת דארט צו היילגן און צו ווירדיגן און צו עהרין און דאס גרעסטע חילול ה׳ וואס דאביי איזט, דאס נאך דען אלען, ריהמן זיא זיך דאס זיא פון דיא ארטאדאקסן רעכטגלייביגע זינד.

דאריבער רופע איך אייך איהר ווענינ איינציגע אמתדיגע ערליכע יידען וואס איהר אייך געפינט אין זאלכע שטעט, וויא לאנג ווערדן נאך אייערע אויגן פערבלענט זיין, האט איהר קיין כח זאלכעס צו וועהרן, טרענט אייך און טוהט אייך אב זאנדרן פון איין זאלכע עדה וואס עדת חנף פערדינט גענענט צו ווערדן.

## שאלה לג

וועלכעס איזט דיא אסעקוראציאן וויא מאן דאדורך דיא דרייא טעגיגע חשך אונגעהינדערט דורך רייזען קאן.

**תשובה** ווארום זאל איין מענש ניכט עפענן זייגע אויגן דיא עיני השכל דאס ער פיר זיין נשמה און פיר דיא עוויגע וועלט

*) פערדינט דען ניכט איין זאלכע שוהל צו איין בית זונות פערוואנדלט צו ווערדן

וועלט זיך אזוי בעזארגן זאל אונ פארזיכטיג זיין, אזוי ווי ער זיך בזארגט אונ איזט פארזיכטיג פיר די פערגענגליכע וועלט, געמליך ווען איין מענש האט אין זיין פרמעגן הייזר, פעלדר, וויינגערטן, אדר בוועגליכעס פרמעגן, ווען אויך דאס ער זעהר קארג איזט, דענאך איזט ביי איהם לייכט אום זיא צו פרזיכערן פילע שפעזן צו מאכן, זיא צו אסעקורירען דאס זיא בעהיט זיין זאלן פון אלערליא שאדן (ווען אויך דאס ביי דען פרשטענדיגן מענשן וואס ביי איהם די אמונה פעסט איזט, דאס נור השי"ת אליין דיא מאכט האט רייכטוהם אדר ארמוטה צו פראורזאכן, נון וואס ניצט, אדר צו וואס זאל דיא אסעקוראציאן דענאך פינדעט זיך איין מענש שולדיג וועניגסטענס צו טוהן וואס אין זיין כח שטעהט) נון דא אויף איינן יעדן יידען דיא לאסט ליגט דאס ער ווערינד זיינע גאנצע לעבנסצייט צו השי"ת איין עבד נאמן זיין זאל געמליך דיא פארשריפט פון דיא הייליגע תורה גענוי נאך צו פאלגן, אונ אויף דען איזט ער מוכן ביי זיינער אברייזע פינקטליך רעכנשאפט צו געבן, נון וייל זעלטין איין מענש עקסעסטירט דער זיך ריהמען קאן דאס ער פעלער פרייא איזט, מאנכע מצות דיא ער גאר ניכט געטוהן האט, אדר ניכט געהעריג וויא זיך געבהרט, וויא אויך פילע עבירות דיא ער געטוהן האט ווייל איהם דיא ליידענשאפט דאצו פרפיהרט האט ווייל דיא יציאות נשמה איזט מאנכעס מאהל ביי דען מענשן זעהר ליידענד אונ מיט זעהר פירכטערליכע שרעקליכע ביטערע יסורים פרבינדן אזוי וויא וואל דיא צווישן דערנר פרווירט איזט דאס ווען מאן זיא ארויס נעמין וויל, ווירד זיא פרריסן, דאס זא גאר דוד המלך האט מתפלל גוועזן דארויף דאס ער פון דיא עלענדע יסורים גערעטעט זיין זאל, מיט דען ווארט הצילה מחרב נפשי אבר דיא שמירה פון יסוד (ווען מאן איינגעציימט פון זנות אונ אלערלייא פריצות איזט) קאן דען מענשין ביטראגן דאס זיין

יציאות נשמה אזוי לייכט אונ גרינג זיין זאל אלס וויא מאן איינע האר פון דיא מילך ארויס ציהט.

וויא אויך ווען זיין שטערב טאג קאמט דאס ער דיא דרייא טעגיגע רייזע פון פינסטערניס וואס איין יעדר מענש מוס דורך געהן וויא דארט דען מענשן אלרלייא רעות אונ צרות אונ גראסע יסורים אונ אימה אונ פחד פון פרשידענע משחיתים אונ מזיקים אונ מלאכי חבלה צו קאמן קאן, פון דען אלען איהם דיא מצוה פון שמירות היסוד בעהיטען אונ בשיצן קאן.

וויא אויך דאס דיא גאולה שלימה וואס מיר האפן באלד צוא ערלעבן אונ צו זעהן ירושלים ערבויעט, אונ דיא שמחה בייא צו וואהנן ווען אונזערע ברידר פון אלע פיער עקין דער וועלט צו זאמן קאמן ווערדן, אונ דאס דער קרן התורה אונ דיא אמתדיגע יראת שמים ערהאבן ווערדן זאל, קאן שמירות היסוד דאצו זעהר פיעל בייא טראגן.

נון דא דיא שמירה פון יסוד אזוי טייער אונ חשוב איזט וויפעל איזט איין מענש שולדיג דאס ער זיך בשטרעבן זאל אלעס מעגליכע צו טוהן דאס ער זיך איינן מאכן זאל דיא מדה פון יסוד, נעמליך דאס ער גענוי אכט געבן זאל דאס ער ניכט זינדיגען זאל מיט דעם ברית קודש (אונ פון וועלכע זאכן דאס ער זיך ערוויטערין מוס. עיין (עת לעשות חלק א׳ דף מ״ג ע״א שאלה ד׳) אונ ווען ער טעגליך זאגט צוויא מאהל ולא תתורו אחרי לבבכם ועיניכם זאל זיין מויל מיט דען הערין איינינג זיין מתפלל צו זיין צו השי״ת דאס ער איהם בייא הילפיג זיין זאל דאס ער זאל קענין זיך אימר שטערקין געגין דען יצר הרע דאס ער ניכט זיין הערין אונ זיינע אויגן מטמא זיין זאל מיט שלעכטע גידאנקען, אונ צו זעהן אויף נשים, וויא אויך דאס ער זיך ערוויטערין זאל פון גאוה (ווייל זאלכעס ברינגט צו זנות) וויא אויך דאס ער ניכט אומענדרין זאל זיין יידישע שפראך מכל שכן קיינע ספרים חיצונים ביכר לעזען, דען דאס אלעס איזט גורם מיט

דען

דען ברית קודש צו זינדיגן, אונ ווען אויך דאס ער שאהן מיט דיזען אלען גפעהלט, האט זאל ער ניכט פרצווייפלן אונ האפענונגס לאז זיין, זאנדערין ער זאל זיך בעמיהן אונ פלאגן מיט אלע זיינע קרעפטן זאלכעס אויס צו בעסערין, וייל די שערי תשובה ניכט נור פרייא אונ אפען זינד, זאנדארין השי"ת איזט נאך דען מענשן בייהילפיג דאס ער תשובה טוהן קענין זאל (די גרעסטע תשובה פון אלען איזט, דאס ער זיך פארגעהמן זאל צו בשטרעבן זיינע גאנצע לעבענסצייט מפרסם צו זיין צו פרעפענטליכן די וויכטיגקייט פון די עבירה, אונ ביי יעדע צו זאמענקונפט מיט זיינע פריינד אדער שכנים, אדר אנדערע גיטע בקאנטע ביי איינע חתונה זאל ער זעהן אלעס מעגליכע צו טוהן מיט חכמה איהנן צו בעוועגן דאס זיא איהם איינוויליגען זאלן דאס קיינע צו זאמענקונפט זיין זאל פון אנשים ונשים ביים טאנץ) דאס העטע גוועזן איינע שולדיגקייט זיך שמירות יסוד איינגען צו מאכן וועןאויך דאס עם פיר זיך אליין קיינע מצוה איזט נור אוים דיזען גרונד וייל ער דאדורך געשיצט ווערין קאן, פיעלמעהר דאס שמירות היסוד פיר זיך אליין איינע אוים גיצייכענטע גראסע טייערע מצוה איזט וואס דער שכר דרויף איזט אהנע שיעור, נון וואס זאל אלעס איין מענש אנווענדן דאס ער זוכה זאל זיין זאלכעס צו ערלאנגן, אונ ווען ער גפעהלט האט אלעס מעגליכע צו טוהן איילענד אונ אונגעזיימט זאלכעס אויס צו בעסערין:

## שאלה לד

דער יעניגע דער וואס פון דען נאמן עם קדוש (וואס מיר יודען דאמיט פון השי"ת געווירדיגט זינד) ניכט אוס גשלאסן זיין וויל וועלכע אוף זיכט ער אוף זיך האבין מוס.

**תשובה** וייל די עבירה פאן עזן זרע לבטלה אזו גראס איזט דאס זיא דען איבר טרעטר גרעכנט וויר אלס העטע ער איין רציחה גטוהן, מענשין בלוט פרגאסן, אלס העטע ער עבודה

זרה

זרה געדינט, אונ ער אויף די עבירה חייב מיתה איזט צו השי"ת אונ וועגין די עבירה איזט ער גורם דאס לעבין פון זיינע קינדער צו פרשניידן חס ושלום, דארום איזט אויף יעדין מענשין איינע גראסע שולדיגקייט אויף זיך זעהר אכט צו געבין פון זאלכע זאכען זיך צו ערווייטערן וואס איהם גורם קענין זיין זיך אליין די עבירה צו צו ציהען, אונ זיין נשמה דאמיט צו פרזינדען, געמליך דאס ער זיך נימאלס אין הערצין געמין דארף זאלכע שלעכטע גדאנקן וואס ער זיך דאדורך די ליידענשאפט פון זנות צינדעט אונ ברענגענד מאכט, וייל דאדורך זעהר לייכט איזט דאס ער זיך צו עזן זרע לבטלה ברינגן קאן, עיין (עת לעשות חלק א' דף מ') וויא אויך דאס ער זיך זיינע אויגן ניכט פראונריינגן זאל אויף נשים אונ בתולות צו זעהן פיעלמעהר דאס ער ניכט זעהן זאל אונ ניכט דארף ווען זיך בהמות אדר עופות צו זאמן פארן, וויא אויך מוס ער אויף זיך אכט געבן זיך צו געוועהנן דאס ער נימאלס ביים שלאף אויף דען ריקען ליגען זאל (וייל דאדורך ער ערהיצט אונ צו עזן זרע לבטלה קאמען קאן) זאנדערן נור אויף די זייטע - וויא אויך דאס ער זיך נימאלס מיט די האנד דען ברית קודש בערירן זאל וויא אויך דאס ער ניכט אויף איינע בהמה רייטען זאל אהנע זאטעל - וויא אויך איין זאלכעס עסין וואס ער זעהר ליב האט זאל ער עס ניכט איילענד, אלס איין בלענא געניסן, וייל עס זעהר לייכט איזט דאס ער וועגין זיינע גראסע תאוה זיך צו זיבה ברינגען קאן - וויא אויך דאס איהם ניכט זיין גראסער געלד רייץ אונ קליינע אמונה דאצו ברינגען זאל וועגין גשעפטן אונ האנדל איינע זעהר לאנגע צייט אין די פרעמד אונ פון זיינע פאמיליע ערווייטערט צו זיין *) דען איזט דען איין

מענש

*) וויא גראס זינד די רייד פון די הייליגע גמרא וואס דען מענשין וואהרינט מיט דען ווארט כל הפורש מן התורה כאלו פורש מן החיים, דער וואס זיך ערווייטערט פון דען וועג וואס די תורה פארשרייבט (אונ מאכט זיך איין בייען וועג נאך זיין דומען קורצען פערשטאנד) ערווייטערט זיך פון זיין לעבן,

דא

מענש ניכט נור, בליט אונ פלייש. דאריבער וואס קאן זיך אלעס ערייגענין אין זאלכע צייטען מיט וויסען, אונ אומגערן צו וויא פיעל פרשידענע עבירות קאן ער קאמען, דאס דער פערלוסט פאן דיזע אנגעהייער וייט מעהר אלס דער געווין איזט.

## פתיחה (פאררעדע) לשמירת דת משה ויאהדות.

איהר טרייע פראמע טעכטער פון שרה, רבקה, רחל לאה, הערט מיין פארטראג, גיבט גוט אכט אויף מיינע רייד דאס זיא ניכט ביא אייך גלייכגילטיג אונ גרינג גשעצט זיין זאלען, פרעגט אין אייער הערצין איין איינען זאלכען אונטעררריכט וואס אייך ווינשט צו בעלעהרען אייער אמתדיגער פריינד וואס יידישע קינדער ליבט אלס זיך זעלבסט.

איהר זאלט וויסען דאס אין אייער מאכט שטעהט אייערין מאן אונ אייערע קינדר צו פראורזאכען אונ צו צו ציהען פילע טובות אונ הצלחות אויף דיזע אונ אויף יענע וועלט (וויל דאס טרייע אונ ערליכע וייב איזט שולדיג זיך מיט אלען מעגליכען צו בשטרעבען איהרען מאן

גליק

---

דא מאנכע מענשין פרנארט זינר ווען זיא דאס אונגליק געטראפען האט דאס זיא איהר זיווג הראשון אשת נעורים פערלארן האבען וייל זיא מיט איהר זעהר צופרידען געלעבט האבען אונ דיא אהבה צווישען איהנען וואהר זעהר גראס, דאריבער מאכען זיא זיך איינע הסכמה פארגעהמן דאס זיא איהרע גאנצע לעבענסצייט ניכט מעהר איין אנדערע אשה געהמען ווילען, דאמיט אין איהר הערץ דיא אהבה פון דיא ערשטע פערקניפט זייא אונ נימאלס פערלאשען ווערדען זאל' ווען אויך דאס זיא נאך אין איהרע העלפטע לעבענסצייט זינדי' וועהע אונ אך איהר קורצען פערשטאנד.

דיך מיין ליבר לעזער איין! ווענייג אויף צו קלעהרן אונ פרשטעהן צו געבין וויא וייט זיא זיך אירען, געבע איך דיר איין בעוויז פון דיא מצוה כבד את אביך ואת אמך' דא דיא מצוה דאס דאס קינד עלטערן עהרן זאל' איז איינע זעהר גראסע אונ טייערע מצוה, זאווייט דאס זיא צווישען דיא עשרת הדברות גערעכנט איזט, דענאך ווען דער פאטער פערלאנגט פון דען

קינד

גליק אונ כבוד צו פערשאפען ווייל זיא איהם אזו ליבען זאל אונ מוס אלס וויא זיך אליין, ווייל זיא ביידע זינד אלס וויא איין גוף צו בטראכטען דא זיא פון השי"ת צוזאמען פערבינדען ווארדען זינד, פילמעהר זאלכעס גליק אונ כבוד פון דיא קינפטיגע וועלט וואס ניכט פערגענגליך איזט) — אונ דא דען מענשין ביא זיינעם אב לעבין ווען ער נאך אזו רייך איזט פון זיין גאנצעס פערמעגען ניכט מער איבריג בלייבט, נור ווען ער דיא זכיה האט ערליכע יידישע קינדער צוריק צו לאסען, נון וואס איזט איין מענש אללעם שולדיג צו טוהן דאס ער דיזעס ערלאנגען זאל. ?

ווייל דיזעס אלעס איזט נור אבהענגיג ווען דיא אשה געהעריג נאך דיא תורה איהר פארשריפט דת משה ודת יאהדות, דיא דינים פון נדה, אונ צניעות, גענוי אונ פינקטליך נאך פאלגט, דאריבער פינדע איך מיך שולדיג צו פערעפענטליכען, דאס איין יעדער וויסען זאל, דיא גראסע וויכטיגקייט ") פון דיזע טייערע מצות (דאס זיא ניכט גלובען זאכען זאלכעס נור וויא איין מנהג צו בעטראכטען, אדער דאס עס נור איינע קליינע עבירה איזט) אונ דאס זאלכעס

איינע

---

קינד דאס מינדעסטע פון דיא פארשריפט פון דיא תורה צו איבערטרעטין, ניכט נור דאס ער ניכט שולדיג איזט זיין ווילען צו טוהן, זאנדערין ער ווירד נאך דארויף בעשטראפט ווען ער איהם נאך פאלגט. פיהל וועניגער דא דער מאן ניכט זא שטרענג געבאטין איזט אן זיין ווייב נוהג כבוד צו זיין' זעלבסט וועהרענד דיא צייט דאס זיא ביא איהם איזט. אלס וויא דאס קינד פון דיא תורה בעאופטראגט איזט זיינע עלטערן צו עהרן, זעהר פיל וועניגער נאך ווען זיא שאן ניכט מעהר ביא איהם איזט, דא שאן ניכט מעהר אויף איהם דיא גרינגסטע אונ מינדעסטע שולדיגקייט איזט פון זייטע דער תורה אן איהר נוהג כבוד צו זיין, נון וויא קאן ער זיך ערלובען איין זאלכען שריט צו געהן וואס ער דאדורך אונצעהליגע מאהל דיא פארשריפט פון דיא תורה איבערטרעטעט דא באמת איין יעדער מענש אהנע אויסנאהמע נור בלוט אונ פלייש איזט, אונ בענעהטיגט צו האבין איין עזר כנגדו זיך איינע אשה צו געהמין.

אונ מאנכע מאכי׳ דיזען שריט וועגען איין אנדערע אורזאך ווייל זיא

טרייא

אֵיינֶע יֶעדֶע אִשָׁה אִימֶער פָאר אוֹיגֶן הָאבֶּן זָאל, דֶען דִיזֶעס ווירְד אֵייךְ בֵּייא טְרָאגֶן דַאס אִיהְר גִימָאלְם אֵייךְ פוּן דִיא לֵיידֶענְשַׁאפְטֶען פַּרפִיהְרֶען לַאסֶען וְוִירְד זִיא מִיט דֶען גְרִינגְסְטֶען צוּ אִיבֶּר טְרֶעטִין, דֶער וֶוער וִוירְד דֶען אַזוֹ פַּרְדוּמְט אוּנ פַּרְנַארְט זַיין וֶועגִין אֵיינֶע קְלֵיינֶע הֲנָאָה פוּן אֵיינֶען קוּרְצֶען דוֹיעֶר אוּנ בַּאלְד פַּרְאִיבֶּר גֶעהְט, זַיין לֶעבִּין אוּנ זַיינֶע קִינְדֶערס לֶעבֶּן דַאדוּרְךְ צוּ פַּרְלִירֶן אוּנ אֵיין צוּ בִּיסֶען (וִויא דִיא מִשְׁנָה זָאגְט וֶוען נָשִׁים נִיכְט גִיהֶערִיג דִיא דִינִים פוּן נִדָּה הִיטֶן אוּנ אַכְט גֶעבֶּן וָוען זִיא צוּ קִינְד גֶעהְן זָאלֶן פַּרלִירֶען זִיא אִיהְר לֶעבֶּן) דֶען וֶוען זִיךְ אֵיין מֶענְשׁ אִיבֶּר לֶעגְט דַאס וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר נָאךְ אִין אֵיין אַזוֹ פַּרבָּארְגֶנְן אָרְט אִיזְט, אוּנ דִיא טְהִיר פוּן דֶען חֶדֶר גִיט פַּרשְׁלָאסֶען אִיזְט, אוּנ פֶּענְסטֶר פֶּרהָאנְגֶן, אוּנ דָאס לִיכְט פַּרלָאשֶׁען, אִיזְט דָאךְ אֵיין אוֹיג פַר הַאנְדֶן וָואס אַלֶעס זֶעהְט, אוּנ פָאר אִיהְם אַלֶעס אָפֶּענְבַּאר אִיזְט, אוּנ דֶער צוּ גֶעוִויסֶע צֵייט וֶוען דִיא אֵיינְקַאסִירוּנג קָאמְט אוֹיף אַלֶע עֶרְוֵוייטֶערוּנְגֶען פוּן נִדָּה דִיא נִיכְט גֶהֶערִיג נְהַאלְטֶען וָוארְדֶן זִינְד רֶעכֶענְשַׁאפְט פַּרְלַאנְגֶן וִוירְד.

וִויא אוֹיךְ דַא זִיא שָׁאהְן וִויסֶען וֶוערְדֶן דִיא גְרָאסֶע וִויכְטִיגְקֵייט

פון

טְרֵייא זִינְד צוּ אִיהְרֶע קִינְדֶר אוּם נִיכְט אִיהְרֶע יְרוּשָׁה צוּ פֶּערקְלֶענֶערִין, אוּנ זִיא טוּהְן אוּנרֶעכְט וֶועגִין צְוֵוייא טְעָמִים. עֶרשְׁטֶענְס דַאס דִיזֶע אַלֶעס אוּנִיצְלִיךְ אִיזְט, וִוייל נוּר השי״ת אַלֵיין מַאכְט אָרִים אוּנ רֵייךְ, דֶען פִילֶע מֶענְשִׁין וֶוען אוֹיךְ דַאס זִיא גָאר קֵיינֶע קִינְדֶר הָאבֶּן, לֶעבִּין זִיא דָאךְ אִין גְרָאס אַרְמוּט, אוּנ מַאנְכֶע דִיא פִיהְלֶע קִינְדֶר הָאבִּין אוּנ אִיהְר רֵייכְטוּהְם אִיזְט אוּנגֶעהֵייֶער גְרָאס, צְוֵוייטֶענְס וֶוען אוֹיךְ דַאס וֶועגֶען דֶען אִיהְרֶע קִינְדֶר קֶענֶען פֶּערקִירְצְט וֶוערְדֶן, וִויא קָאן אֵיין מֶענְשׁ וֶועגֶען זַיינֶע קִינְדֶער לִיעֶב צוּ הָאבִּין, זִיךְ זֶעלְבְּסְט אֵיין שׂוֹנֵא זַיין, דַא דֶער מֶענְשׁ נוּר בְּלוּט אוּנ פְלֵייש אִיזְט וֶוען עֶר נָאךְ אַזוֹ אֵיינְגֶעצָאגֶען לֶעבִּן וִויל, צוּ וִויא פִיהְל עֲבֵירוֹת פוּן עָוֹן זֶרַע לְבַטָּלָה קָאמְט עֶר, וָואס דַארוֹיף דֶער עוֹנֶשׁ אוּנגֶעהֵייֶער גְרָאס אִיזְט.

״) אֵיין גֶענוֹיעֶן בֶּעגְרִיף פוּן דֶען צוּ עֶרְלַאנְגֶען, זֶעהֶע דִיא אוֹיפְקְלֶערוּנְג אִין (מנוֹרת המאור נר ג׳ כלל ו׳ סימן ק״פ.

דאריבער

## כלל ו שאלה לד

פון דיא עבירה ווירד זאלכם ביא איהנן פראורזאכן, דאס זיא זיך בשטרעבן ווערדן. דאס זיא ניכט פון דיא פארשריפט פון דיא דינים פרעמד אונ אונוויסענד זיין זאלין, זאנדערין זעהר אפט מיט זאלכע ספרים זיך צו בשעפטיגן, נעמליך אין דען ספר (שמחת הנפש, מעין טהור, הליכות עולם, זעהר אפט צו ליינען ״״) דאמיט זיא אין דיא דינים וואס זיא בענעהטיגן גיט באקאנט זיין זאלין.

# שאלה לה

וואס אלעס אין דען ווארט צניעות אונ בושה פרשטאנן איזט.

**תשובה** אין דיא מדה פון צניעות אינ בושה איז פרשטאנן דאס זיך איינע יעדע אשה כשירה אכט געבין מוס דאס ניכט
דורך

״״) דאריבער רופע איך אייך איהר נשים צדקניות אין איינע יעדע שטאט וואס עס זינד מלומדת, דאס זיא גוט ליינען קענען דיא יידישע ספרים אונ פרשטעהן דען איןהאלט דאפון, דאס אויף אייך איינע גראסע שולדיגקייט איזט דאס איהר זאלט אייך מיהע געבין אונ זיך בעשטימען געוויסע צייטן וואו איהר אונטערריכט געבן זאלט אייערע שוועסטערן דיא ניכט בעוואוסט אונ גוט בעקאנט זינד זאלכע ספרים צו ליינען אונ זיא גוט צו פרשטעהן דאס איהר איהנען דיא גאנץ נעהטיגע דינים וואס זעהר אפט פארקאמין גוט בעלעהרן זאלט.

פיהלמעהר דאס איהר איהנען אויף דען הערצען לעגען זאלט דאס ווען דיא בדיקות הפסק טהרה ניכט געהעריג איזט (נעמליך דאס דען טאג וואס זיא זיך ווייס אהנציגט אונ אבענד פאר נאכט זיך בודק איזט, דאס ער ניכט גצעהלט ווירד צו דיא זיבן ריינע טעג, זאנדערין דיא צעהלונג פון דיא זיבען ריינע טעג פאנגען זיך ערשט אן פון דען קינפטיגען מארגן, וויא אויך דאס זיא זיך דאמאהל מיט איין ריינעס ווייסעס שטיק אפ געניצטע ליינוואנד וויא ווייט נור איהר פינגער אויף דען געוויסען פלאטץ גערייכן קאן, בודק זיין זאל) זא זינד איהרע זיבן ריינע טעג צעהלין אונ טבילה אונגילטיג, אזו דאס איהר נאהמן נדה נאך ווייטער איזט.

וויא אויך. דאס זיא, זיא וויסען מאכן זאלין דאס דיא אשה דען נאהמין

דוּרְךְ דִיא קוּרְצֶע קְלֵיידוּנג דַאס מִינדֶעסְטֶע פוּן אִיהְרֶן לֵייבּ גְזֶעהְן וֶוערְדֶן זָאל, וִויא אוֹיךְ דַאס אוֹיף אִיהְר דִיא שׁוּלדִיגְקֵייט אִיז נִיכְט נוּר דַאס זִיא זִיךְ זֶעהְר אַכְט גֶעבִּין מוּס מִיט אִיהְרֶע הָאר בִּצְנִיעוּת צוּ פִיהְרֶען, זָאנְדֶערְין אוֹיךְ דַאס זִיא זִיךְ זֶעהְר עֶרְווֵייטֶערִין זָאלִין, אוּנ קֵיין חַבְרוּתָה מַאכִין מִיט זָאלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע נָשִׁים וָואס דַאס מִינְדֶעסְטֶע פוּן אִירֶע הָאר גְזֶעהְן וִוירְד, וִויא אוֹיךְ דַאס זִיא קֵיין פֵּאָה נָכְרִיּוֹת שֵׁייטֶעל טְרָאגֶן זָאל ״) וִויא אוֹיךְ אִיזְט אֵיין שׁוּלְדִיגְקֵייט אוֹיף אֵיין יֶעדֶע אִשָּׁה כְּשֵׁירָה דַאס זִיא מִיט אַלֶען מֶעגְלִיכֶן זֶעהְן זָאל צוּ פַּרבָּארגֶן דִיא צֵייט וֶוען זִיא צוּ טְבִילָה גֶעהְט (אוּנ אוֹיף דִיא יֶענִיגֶע וָואס פְּרֵייא אוּנ פְּרֶעךְ מִיט דֶען זִינְד, אִיזְט גְזָאגְט וָוארְדֶן דִיא קְלָלָה, אָרוּר שׁוֹכֵב עִם בְּהֵמָה) וִויא אוֹיךְ זָאלִין נָשִׁים אַכְט גֶעבִּין אוּנ פארזיכטיג

---

נִדָּה אוּמְרֵיין הָאט פוּן דַמָאהְל אָן דַאס דֶער בְּלוּט פְּלוּס קָאמְט, בִּיז זִיא דִיא זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג צֶעהְלט וֶוען עֶס נָאךְ אַזוֹ לַאנְג דוֹעֶרְט אוּנ אִין אֵיינֶע כְּשֵׁרִי מִקְוֶה זִיךְ הָאט טוֹבֵל גְוֶועזִין, אוּנ דַאס נִיכְט מִיט דֶען מִינְדֶעסְטִין זִינְד דִיא רֵיינֶע טֶעג גְרִינְגֶער (זִיךְ עֶטְוַואס פוּן דִיא עֶרְוֵייטֶערוּנְגֶען פוּן אִיהְרֶן מַאן זִיךְ צוּ עֶרְלוֹיבֶּען) אַלְס דִיא טֶעג פוּן דֶען בְּלוּט פְּלוּס.

וִויא אוֹיךְ דַאס זִיא דִיא נָשִׁים וָואס אִין דֶערְפֶער וָואהְנֶען וָואהְרֶנְן זָאלִין דַאס זִיא זִיךְ חָלִילָה וְחָלִילָה נִיכְט אַלֵיין עֶרְלוֹבֶּען זָאלִין אִין אֵיין יֶעדֶע גְרִיבּ, אָדֶער פָּאטִיק זִיךְ טוֹבֵל צוּ זַיין, בִּיז עֶר נִיכְט פוּן אֵיין מוֹרֶה הוֹרָאָה בֶּעזִיכְטִיגְט וָוארְדֶן אִיזְט, וֵוייל עֶס זִינְד פִּיהְלֶע זַאכִין וָואס עֶס קֶענִין גוֹרֵם זַיין דַאס דִיא טְבִילָה דַאדוּרְךְ אוּנגִילְטִיג אִיזְט, אוּנ דַאן אִיהְרֶע קִינְדֶער חָלִילָה בְּנֵי הַנִּדָּה זַיין וֶוערְדֶן.

אוּנ דִיזֶעס וָואהְר דֶער גְרָאסֶר זְכוּת פוּן דִיא (צַדֶּקֶת מִרְיָם) דִיא שְׁוֶועסְטֶער פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דַאס זִיא הָאט דִיא נָשִׁים פוּן אִיהְר גַאנְצֶעס דוֹר אוּנטֶערְרִיכְטֶעט וִויא זִיא זִיךְ פִּיהְרֶן זָאלִין אִין הִיעַנְיָנִים נִדָּה, טְבִילָה, צְנִיעוּת, אוּנ הָאט דַאדוּרְךְ אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט זוֹכֶה גְוֶועזִין וִויא אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין זִינְד אוֹס מִצְרַיִם עֶרְלֶעזְט וָוארְדֶען דַאס זִיא פִיר אַלֶע נָשִׁים דִיא פָארְזֶענְגֶערִין וָואהְר צוּ הַשִּׁי״ת דִיא שִׁירָה צוּ זָאגֶען.

״) וִויא פִיל שְׁלֶעכְטֶעס פֶערְאוּרְזַאכְט וֶוען דִיא אִשָּׁה נוּר פְרֵייא טְרָאגְט איהרע

## כלל ו שאלה לה לו

פארזיכטיג זיין ווען זיא פון דיא טבילה קאמין דאס זיא צו ערשט בגעגינען זאל איהר חברתה ") אונ ניכט בגעגינען זאל איין זאך וואס טמא איזט, אדער איין רשע, וויא אויך דאס אין דען חדר וויא דער מאן אונ ווייב וואהנט זאל קיינער אין קוואטיער זיין, פיעלמעהר דאס קיינע צווייא זוגות אין איין חדר וואהנין זאלין:

## שאלה לו

וויא דען מענשענס פיהרונג זיין זאל אום דאדורך איינגעצייםט פון עריות זיין צו קענין.

**תשובה** אין דען ווארט גדורים מעריות, דאס זיא פון עריות איינגעציימט זיין זאלין, איזט פרשטאנין, דאס ער זיך ערוויטערין זאל פון פיהל ויין טרינקען, פיהל מעהר פון שיכורת, וויא אויך דאס ער ניכט אויף נשים זעהן זאל, דען דאדורך קאמט ער צו שלעכטע גדאנקן, אונ צו לעצט צו מז"ל, ענטוועדער באלד אדער דאס מאן איהם ביא דיא נאכט ווערענד דען שלאף מטמא איזט, פראונרייניגט מיט (קרי ר"ל,) וויא אויך זאל ער ניכט בטראכטען דיא קליידונג פון איינע אשה וויא אויך זאל איין יעדער מאן

איהרע האר אין דען הויז, פיהל מעהר אין דיא גאסן, דאס זיא איז גורם איהרן מאן דאס ער פערשאלטן ווירד, זיא איזט גורם איהרע קינדער דאס זיא אין יעדע היגזיכט נידריג אונ פעראכט זיין ווערדען, אונ פילע מאל איזט זיא איהנען גורם מיתה, זיא איזט גורם דאס דער (סטרא אחרא) אין איהר הויז רוהען זאל, זיא איזט גורם ארמוטה (זוהר).

") עס ווירד גבערענגט איין מדרש, אלישע כהן הגדול האט קיינע קינדער קענין ערציהען, אזו האט ער אוף דען צו השי"ת מתפלל גוועזין, זא האט מאן איהם געענפרט דאס זיא זאלין זיך פיהרן בקדושה ובטהרה, אזו האט ער זאלכעס ערצעהלט זיין ווייב, זא האבין זיא ביידע אוף זיך גנומן מיט אלען מעגליכן זיך אזו צו פיהרן, האט זיך איינמאל ערייגענט ווען זיא גקומן איזט פון דיא טבילה האט זיא בגעגינט איין מצורע, אזו איזט זיא וועגין דען צוריק גגאנגן נאך איינמאל זיך טובל צו זיין, זא האט זיא ווידער בגעגינט איין חזיר

מַאן פָּארְזִיכְטִיג זַיין אוּנ גוּט אַכְט גֶעבִּין אִין זַיין הוֹיז וִויא עֶר וָואהְנְט קַיין אַפֶּטְרוֹפֶּס צוּ זֶעצִין, עֶס זַייא אֵיין גְשֶׁעפְטְס פִירֶער בּוּכְהַאלְטֶער, סוּבְּיֶעקְט, לֶעהְרֶר, מְלַמֵד, דִיא אִין זַיין הוֹיז זֶעהְר אָפְּט אֵיין פְרֵייעֶן אֵיינְטְרִיט הָאבִּין זָאלִין (וִויא אוֹיךְ זַיינֶע שְׁכֵנִים אוּנ גוּטֶע בֶּקַאנְטֶע זָאל עֶר נִיכְט דַארוֹיף גֶעוֶועהְנֶען זַיין הוֹיז אָפְּט צוּא בֶּעזוּכֶען) וִויא אוֹיךְ זִיךְ צוּ עֶרוֵוייטֶערִין מִיט נָשִׁים נִיכְט פִיהְל צוּ רֶעדִין, דֶען פוּן פִיהְלֶעס רֶעדִין קָאמְט שְׂחוֹק לַאכֶן, פוּן לַאכֶן קָאמְט קַלוּת רֹאשׁ לֵייכְטְזִין, אוּנ פוּן לֵייכְטְזִין קָאמְט אַלֶעס שְׁלֶעכְטֶעס.

# שאלה לז

דוּרְךְ וָואס עֶלְטֶערִין אִיהְרֶע קִינְדֶר אֵיין גֶעזוּנְדֶעס לַאנְגֶעס לֶעבֶּן גֶעבִּין קֶענִין.

**תשובה** דַא דִיא תּוֹרָה גְבָּאטִין הָאט וֶוען אֵיינֶר פוּן זַיין חַבֵר זַיין אֲבֵידָה גֶעפִינְט אָדֶער אֵיין אַנְדֶערִין גֶעלְד שָׁאדֶן זֶעהְט, אִיז אוֹיךְ אִיהְם דִיא שוּלְדִיגְקֵייט אִיהְם דַאס פַּרְלָארֶענֶע פַּרְמֶעגִין אֵיין צוּ הֶענְדִיגֶן, וִויא אוֹיךְ דַאס עֶר זִיךְ בַּשְׁטְרֶעבֶּן מוּס אִיהְם זַיין שָׁאדֶען צוּ פֶּרְהִיטֶן פִיעלְמֶעהר וֶוען אִין זַיינֶע מַאכְט שְׁטֶעהְט דַאס לֶעבֶּן פוּן דִי

---

חֲזִיר, אַזוֹ אִיזְט זִיא נָאךְ אֵיינְמָאל צוּרִיק גְגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל צוּ זַיין, זָא הָאט זִיא וִוידֶר בַּגֶעגֶענְט אֵיין קַאמֶעל, אַזוֹ הָאט זִיא גֶטוּהְן בִּיז צֶעהְן מָאל, דַאן הָאט זִיךְ הַשי״ת אִיבֶּר אִיהְר עֶרבַּארֶעמְט אוּנ הָאט גֶזָאגְט צוּ דֶען (מַלְאָךְ שַׂר הַפָּנִים) וִויא לַאנְג נָאךְ וִוירְד זִיךְ דִיא צַדִיקְת מְצַער זַיין, גֶעהֶע אוּנ שְׁטֶעל דִיךְ פִיר דִיא צַדֶיקְת בֵּייא דִיא טִיהר פוּן דִיא מִקְוָה דַאמִיט זִיא דִיזֶע נַאכְט מְעוּבֶּרֶת וֶוערְדֶן זָאל מִיט אֵיין קִינְד וָואס עֶס וִוירְד זַיין אֵיין צַדִיק קָדוֹשׁ וְטָהוֹר, זָא הָאט עֶר זִיךְ גֶזֶעצְט גֶעבֶּן דִיא טִיר פוּן דִיא מִקְוָה, וִויא זִיא אִיהְם גְזֶעהְן הָאט, הָאט זִיא זִיךְ וִוידֶר נָאךְ אֵיינְמָאהְל טוֹבֵל גֶוָואלְט זַיין, זָא הָאט אִיהְר דֶער מַלְאָךְ גֶזָאגְט דִיא זָאלְסְט וִויסֶן דַאס מִיךְ הַשי״ת צוּ דִיר גֶשִׁיקְט הָאט אוּם דִיר צוּ זָאגִין דַאס דַיין צַעַר פָאר הַשי״ת גֶקוּמֶן אִיזְט, דַאס עֶר דִיר הֶעלְפֶן וִוירְד, זָא אִיזְט זִיא מְעוּבֶּרֶת וָוארְדֶן מִיט דֶען צַדִיק רֶבִּי יִשְׁמָעֵאל כֹּהֵן הַגָדוֹל.

## כלל ו שאלה לז

די קינדער פון זיין חבר צו רעטן, דאס ער זאלכס אהנע די מינדעסטע צוריק האלט טוהן זאל אונ מוס.

דאריבער פינדע איך מיך שולדיג (דא ליידער וועגן די טרדות פרנסה אונ עול הגלות איין יעדר מענש ניכט פון די יושבי בית המדרש זיין קאן, דאס ער זאלכס פון די גמרא אונ שולחן ערוך וויסען זאל) יידישע קינדער בקאנט צו מאכן איינינע דינים ווייל די אונוויסנהייט פון דען גורם זינד דאס פילע עלטערין אויף אירע קינדער אליין ווירקליכע רוצחים זינד אונ אונבארמהערציג.

געמליך דאס אין איין חדר וויא דער מאן אונ וייב וואהנט יעדע נאכט אלעם היילינע געמליך חומש, סדור, תפילין, מזוזה, אונ דער גלייכן, מיט צוויא טיכער בדעקט זיין מוס, אבער פיר איין (ספר תורה) ניצט זאלכעס ניכט ביז מאן מאכט פאר ביא איין מחיצה וואס הויך צעהן טפחים איזט, דאס דיזעס די קינדער קיין סכנה צו ציהען זאל.

וויא אויך דאס די קדושה אונ דאס גראס צניעות (נאך פארשריפט פון (ש"ע או"ח סימן ר"מ) ווערענד דען זיווג קאן ביא טראגען צו בעשיצן די קינדער דאס זיא ניכט פון (סט"א) וועג געריסען ווערדן ח"ו;

וויא אויך דאס זיא זיך ביידע פאר דען זיווג אונ דער נאך שולדיג זינד די הענדע צו וואשין, דען ווען ניכט, ווירד ח"ו אויס רחיצה, רציחה.

וויא אויך ווען ער פון שלאף ערוואכט אונ דורך שלעכטע מחשבות די איהם ווערענד דען שלאף פארגעקאמן זינד, איזט איהם דאס אבר פון ברית קודש הארט ווארדן, זא דארף ער ניכט דאמאלס זיך צו זיין וייב מזווג זיין ווייל זאלכעס גפערליך פיר זיינע קינדער איזט.

וויא אויך דאס ער ניכט זיינע קינדער צו ציהען זאל די שלעכטע הינפאלענדע קראנקהייט ח"ו, מוס ער גענוי נזהר זיין דאס ער זיך

נימאלס

גימאלם צו זיין ווייב מזווג זיין זאל ווען אין דעם חדר איין לעכט ברענט, אדער ווען דאס לעכט פון דיא לבנה אויף זיא שיינט.

וויא אויך דאס דיא אשה זאל געווארנט זיין, איהר קינד ניכט צו זייגען ביז עס פאראיבער געהט איינע גראסע האלבע שטונד נאך דעם זיווג,

וויא אויך דאס מען זיך ניכט מזווג זיין זאל מיט זיין ווייב, ווען אין דעם בעט איין קינד שלאפט וואס נאך קיין יאהר אלט איז,

וויא אויך ווען ער פון דיא בית הכסא קאמט מוס ער געדולדען צוועלף מינוטין ביז ער זיך דארף מזווג זיין,

דאס עלטערין זאלען ניכט גורם זיין דאס איהרע קינדער בלינד אדער שטום, טויב זיין זאלין, זעהע אין (מנורת המאו ) דעם זעכסטען כלל סימן קע״ט.

וויא אויך זאל דיא אשה זעהר געווארנט זיין דאס זיא ניכט וועגין פערדרוס איהרען מאן צו קרענקין דיא צייט פון איהר טבילה פרשפעטיגט אונ פרלענגערט, ווייל זאלכעס איינע זעהר גראסע עבירה איזט, אונ פראוהרזאכט פיהלע צרות אין איהר הויז צו ציהען ח״ו ״) :

שאלה

״) ווען אויך דאס דיא גמרא זאגט (אין מיתה בלא חטא ואין יסורים בלא עון) עס ערייגענט זיך קיין שטערב פאל ווען עס ניכט דיא חטאים האבין גורם געוועזין אונ דאריבער איזט נור דיא וואהרע אמתדיגע סגולה דאס עלטערן זאלין נחת האבין פון דיא ערציהונג איהרע קינדר, דאס זיא געענוי בעפאלגין דיא פארשריפט פון (עת לעשות ח״א דף ל״ח ל״ט מ׳) פינדע איך מיך דאך שולדיג איינגע סגולות בקאנט צו מאכן וואס השי״ת האט איהנן כח גגעבין דאס זיא געאייגענט זיין זאלין קינדער צו בעהיטען פון עין הרע אונ אנדרע שלעכטע צו פעלע.

א) צו פערהיטען עין הרע אונ אנדרע אונרייניגע זאכען, זאל ער נעמען אין דיא אפאטעק איין קרייטר וואס עס ווירד אן גרופען (אזוב קרויט) אונ עס איינבינדען אין איין שטיקעל לייבוואנד אונ דיזעס דעם קינד אויף דעם האלז אנהענגען. אדער ער זאל נעמין אין דיא (אפאטעק) איין קרייטער וואס

עס

# שאלה לח

דוּרְךְ וָואס אֵיין מֶענְש זוֹכֶה קָאן זַיין עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער צוּ הָאבִּין.

**תשובה** דַא דֶער צְוֶועק פוּן דֶען מֶענְשִׁינְס לֶעבִּין אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט אִיז נוּר זִיךְ צוּ בַּשְׁטְרֶעבִּן פִיהְל תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת זִיךְ אֵיינֶן צוּ מַאכֶען, אוּם דַאדוּרְךְ זִיךְ דֶען גְרָאסֶען שְׂכַר פוּן עוֹלָם הַבָּא פַרשַׁאפֶן צוּ קֶענִין, אוּנ וֶועגֶן דֶען אִיזְט אֵיינֶע גְרָאסֶע שׁוּלְדִיגְקֵייט דַאס אֵיין מֶענְשׁ דַאפִיר זָארְגִין זָאל דַאס וֶוען זַיין אָבְשִׁידְס צֵייט פוּן דִיזֶע וֶועלְט קָאמֶען ווִירְד, דַאס אוֹיךְ דַאמָאלְס נָאךְ וֵייטֶער אִין זַיינֶע מַאכְט שְׁטֶעהְן זָאל הַשִּׁי"ת דִינֶען צוּ קָאנִין, גֶעמֶלִיךְ וֶוען עֶר זוֹכֶה אִיזְט עֶרלִיכֶע יִדִישֶׁע קִינְדֶער צוּרִיק צוּ לָאסִין, עיין (עת לעשות חלק א׳ דף ל"ח ל"ט), דַארוּם וֶוען אֵיין מֶענְשׁ זָאלְכֶעס עֶרלַאנְגֶן ווִיל זָאל עֶר זֶעהְן דַאצוּ צוּ טוּהְן, גֶעמְלִיךְ דַאס עֶר נָאךְ פָאלְגֶען זָאל דִיא פָארשְׁרִיפְט פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶוען דֶער זְמַן חִיתּוּן פוּן זִיךְ אָדֶער זַיינֶע קִינְדֶער קָאמְט, דַאס עֶר נִיכְט פָארצִיהֶען זָאל שֶׁאהְנְהֵייט, רֵייכְטוּהם, אוּנ דֶער גְלֵייכֶען, וֶוען אוֹיךְ דַאס זִיא קֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם

בעזיצט

---

עֶס ווִירְד אָן גֶערוּפֶן (רָאהְטִי) אוּנ זָאל אַזוֹ טוּהְן ווִיא מִיט דֶען עֶרְסְטֶען.

ב) דַאס עֶלְטֶערִין קֵיין (צַעַר) פוּן אִיהְרֶע קִינְדֶר הָאבִּין זָאלִין זָא זָאל מֶען אַלֶע קְלֵיידוּנְג פוּן דֶען קִינְד אָהְנֶע אוֹיסנַאהְמֶע אַלֶעס נוּר מַאכֶן פוּן רֵיינֶע צְווִירֶן, דַאס הֵייסְט פִּשְׁתָּן ווֵייס גַארִין, דַאס נִיכְט דַאס מִינְדֶעסְטֶע פוּן בּוֹימוָואלל, אָדֶער וָאלל, אָדֶער הַאנְף, דַארִינֶן פַרמִישְׁט זַיין זָאל.

ווִיא אוֹיךְ דַאס דֶער פָאטֶער דֶען גֶעבוּרְטס טָאג פוּן דֶען קִינְד זִיךְ אוֹיף מֶערְקִין זָאל, ווִיא פִיעֶל טָאג אִין חוֹדֶשׁ דַאס עֶס אִיז גֶעבָארִין וָוארְדִין אִיזְט, אוּנ זָאל אוֹיף זִיךְ נֶעמִין מִיט אֵיין נֶדֶר דַאס עֶר בִּיז צוּ זַיינֶע בַּר מִצְוָה (אֵיין יִינְגֶעל בִּיז דְרֵייצֶעהְן יָאהְר, אִין אֵיין מֵיידֶעל בִּיז צְוֶועלְף יָאהְר) אַלֶע יָאר דֶען גֶעבוּרְטס טָאג פַאסְטֶען ווִיל, אָדֶר זַיין עֶסִין אוֹס לֶעזִין אוּנ אַן אַרְמֶען פֶערְטֵיילֶן.

ווִיא אוֹיךְ דַאס עֶר דַאס בֵּייא גֶעבָארֶענֶע קִינְד צְווִיא נֶעמִין גֶעבִין זָאל, דֶער עֶרשְׁטֶער נָאמִין זָאל זַיין נָאךְ זַיינֶע עֶלְטֶערִין אָדֶער אַנְדֶערֶע פְרֵיינְד, דֶער צְוֵייטֶער נָאמִין אָבֶער זָאל זַיין, ווִיא דַאס קִינְד אִיזְט גֶערוּפֶן וָוארְדִ"ן וָואס גֶשְׁטָארְבִין אִיזְט

פיר

בעזיצט, זאנדערן ער זאל זיך זוכען איין זאלכע אשה וואס פון ערליכע יידישע עלטערין אהער קאמט, אונ דיא אויך נור וואס יראת שמים אונ מדות טובות בעזיצט, איבערהויפט גראס צניעות אונ בושה, דען איין זאלכעס יחוס פון זיך זעלבסט, דאס איזט דער גרעסטער אונ דער פארציגליכסטער יחוס דען פון איינע זיסע ווארצעל קאמט זעלטין איינע ביטערע פירי (פרוכט), אונ דאס צדקות אונ צניעות פון דיא ערליכע מוטר קאן פיעל בייא טראגען דאס איהרע קינדער יראי שמים זיין זאלין, פיהלמעהר וועןן זיא זאלכע ברידער האט וואס ערליכע יודען זינד.

וויא אויך דאס ער זיך אכט געבין זאל צו האלטען דיא מצוה פון פרישה סמוך לווסתה דאס ער זיך פין זיין ווייב ערוויטערין זאל איין טאג פריער ווען איהר צייט פלעגט צו קאמין דאס איז נדה אומריין ווערדין זאל, דאס דער שכר אויף דען איזט, דאס מאן זוכה איזט, זאלכע קינדער צו האבין וואס תורה אונ יראת שמים בעזיצן *)

שאלה

ג) פיר דיא (חולי נכפה ר"ל) זאל מאן געמין איין ביין פון איין מענשן אונ זאל עס אין איין אייזערנע פאנע אויף פייער עטוואס פערברענין לאסין, אבער ניכט גאנץ, נאר אזוי פיל דאס מאן איהם מיט איין מרזער אונ שטייסל גוט בערשטוסן קענין זאל, אונ דער נאך אויף איינע זיפע עס פעהגן, זיפען, אונ פון דען שטוב זאל מען יעדין טאג איין גראסין מענשין אין איין עסלעפיל מיט וואסער אדער מילך איין פילוועיר איין געבין, אונ איין קינד איין קאפע לעפיל

(דיזע סגולה שרייבט דער רמב"ם דאס אין זיינע צייטן האט איין גראסער דאקטאר פילע מענשין געהיילט מיט דען פון דיא שלעכטע קראנקהייט).

*) ווען אויך דאס מאנכע ניכט זוכה זיין פון השי"ת דאס זיא צו זאמן קינדער האבן זאלין, זאלין זיא דעסטוועגין דאך ניכט פערצאגט זיין, פיעל מעהר דאס זיך ווערגין דען צווישן איהנן קיינע געטיילטע הערצר אונ מחלוקות ערייגנן זאל, דען עס שטעהט אין הייליגן (זוהר), איין מענש איזט שולדיג מיט זיין ווייב צו וואנען לשם שמים ווען זיא אויך איין עקרה אונפרוכטבאר איזט,

אונ

# שאלה לט

וִויא דִיא פִּיהרוּנְג אִין הִינְזִיכְט אֵיינִיגְקֵייט אוּנ שָׁלוֹם צְוִוישֶׁען דֶען מַאן אוּנ ווייב אוֹיס זֶעהְן זָאל.

**תשובה** ווייל דִיא גְמָרָא זָאגְט דַאס וֶוען זִיךְ דֶער מַאן אוּנ ווייב פִּירְט נָאךְ פָּארשְׁרִיפְט פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין הִינְזִיכְט צְנִיעוּת אוּנ דִיא עֶרְוַוייטֶערוּנְג פוּן נִדָּה אִיז רוּהְט דִיא שְׁכִינָה צְווִישֶׁן אִיהְנֶן, אוּנ ווייל דֶער נָמִין פוּן הַשֵּׁי"ת וִוירְד גֶערוּפֶן שָׁלוֹם אַזוֹ אִיזְט אַיינֶע גְרָאסֶע שׁוּלְדִיגְקֵייט דַאס צְווִישֶׁען מַאן אִין ווייב אִימֶער גְרָאס שָׁלוֹם אַיינִיגְקֵייט הֶערְשִׁין זָאל, וִויא אוֹיךְ אוּנְז דִיא גְמָרָא בַּלֶערִינְט ר׳ חֲנִינָא זָאגְט אַיין מֶענְשׁ זָאל זֶעהְר גִיוָורִינְט זַיין אַן דֶעם כָּבוֹד פוּן זַיין ווייב, ווייל דִיא בְּרָכָה אוּנ שֶׁפַע אִין הוֹיז קָאמְט נוּר אִין דֶעם זְכוּת פוּן אַיינֶע אִשָּׁה כְּשֵׁירָה- ר׳ אַסִי זָאגְט אַיין מֶענְשׁ זָאל אַיינְרִיכְטֶן זַיינֶע אוֹיסגַאבֶּן אִין הִינְזִיכְט אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה דַאס עֶס זָאל זַיין ווייניגֶער אַלְס זַיין פַּרְמֶעגִין הִינְרֵייכְט, אוּנ דִיא קְלֵיידוּנג זָאל זַיין וִויא ווייט זַיין פַּרְמֶעגִין גֶערֵייכְט, אָבֶּער מְכַבֵּד צוּ זַיין זַיין ווייב זָאל זַיין מֶעהְר וִויא זַיין פַּרְמֶעגִין גֶערֵייכְט, פִילְמֶעהְר דַאס עֶר זִיךְ אַכְט גֶעבִּין מוּס דַאס עֶר זִיא גִימָאהלְס מִיט קְרֶענְקֶענְדֶע רֶעד מְצַעֵר זַיין זָאל, וִויא אוֹיךְ אוֹיף אִיהְר אִיזְט אַיינֶע גְרָאסֶע שׁוּלְדִיגְקֵייט דַאס זִיא זִיךְ בַּשְׁטְרֶעבִּין זָאל אִימֶער נוּר דֶען ווִילֶן פוּן אִירֶן מַאן צוּ טוּהְן, דֶען נוּר אַיין זָאלְכֶע אִשָּׁה פַרְדִינְט דֶען נָאמִין אִשָּׁה כְּשֵׁירָה.

עֶס שְׁטֶעהְט אִין מֶדְרָשׁ דַאס אַיינֶע קְלוּגֶע אִשָּׁה וִויא זִיא הָאט אִיהְר טָאכְטֶער אִין דֶען הוֹיז פוּן אִיהְרֶען מַאן גְרִפִירְט, אַזוֹ הָאט זִיא

איהר

---

אוּנ הַשֵּׁי"ת הֵייסְט אוּנ בֶּעפֶעהְלְט אַיין מַלְאָךְ דַאס עֶר אוֹיף דִיא אַלֶע (טִפּוֹת זֶרַע) אַכְט גֶעבִּין זָאל, אוּנ לֶעָתִיד וִוירְד פִיר אַיין יֶעדֶע טִפָּה אַיין גוּף עֶרְשַׁאפֶן וֶוערְדֶן, אַזוֹ דַאס עֶר הָאבִּין וִוירְד זֶעהְר פִילֶע קִינְדֶר, אוּנ זִיא וֶוערְדִין זִיךְ עֶרְקֶענִין דַאס זִיא אִיהְרֶע עֶלְטֶערִין זִינְד, דַאן וֶוערְדִין זִיא זָאגִין מִיט גְרָאס שִׂמְחָה מִי יָלַד לִי אֶת אֵלֶה, וִויא הַאבֶּע אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען דִיא קִינְדֶער צוּ גֶעוִוינֶען אוּנ צוּ עֶרְצִיהֶען.

אִיהְר דַאמָלְס אוּנְטֶערְרִיכְט גְגֶעבִּין וִויא זִיא זִיךְ צוּ פִירֶען הָאט, מִיט דֶען וָוארְט, מַיינֶע טָאכְטֶער, דִיא זָאלְסְט פַאר דַיין מַאן שְׁטֶעהְן אִיהְם צוּ בַּדִינֶען מִיט עהרפוּרְכְט אַלְס וִויא פַאר אַיין קֶענִיג אוּנ וֶוען דוּא וִוירְסְט דִיךְ פַאר אִיהְם נִידְרִיג הַאלְטִין אַלְס וִויא אַיין דִינֶנְסְט, דַאן וִוירְד עֶר זַיין צוּ דִיר אַלְס וִיא אַיין קְנֶעכְט, אוּנ וִוירְד דִיךְ מְכַבֵּד זַיין וִויא אַיין גְבִיר קֶענִיגֶע, וֶוען דִיא אָבֶּער וִוירְסְט זִיךְ גֶעגִין אִיהְם גְרָאס הַאלְטִין, אַזוֹי וִוירְד עֶר גֶעגִין דִיר זַיין וִויא אַיין הֶער, אוּנ דִיא וִוירְסְט בַּייא אִיהְם זַיין פֶּראַכְט אַלְס וִויא אַיינֶע פוּן דִיא שְׁפָחוֹת.

אוּנ דִיא זָאלְסְט דִיךְ בַּשְׁטְרֶעבֶּן אִיהְם צוּ צִיהֶרֶן אוּנ צוּ פֶרְשֶׁענֶערִין צְוִוישְׁן זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּנ וֶוען צוּ אִיהְם וֶוערְדִין קָאמִין אוֹרְחִים גֶעסְטֶע פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אָדֶער גוּטֶע פְרֵיינְד, זָאלְסְט דוּא זִיא זֶעהְר פְרֵיינְדְלִיךְ אוֹיף נֶעמִין אוּנ זָאלְסְט פִיר זִיא פִיהלֶע הוֹצָאוֹת מַאכִין, דַאמִיט דַיין מַאן אִין אִיהְרֶע אוֹיגֶן דַאדוּרְךְ כָּבוֹד הָאבִּין וִוירְד אוּנ דוּ זָאלְסְט דִיךְ בֶּשְׁטְרֶעבִּין אוֹיף זַיין הוֹיז אוּנ גַאנְצֶעס פַרמֶעגִין גוּט אַכְט צוּ גֶעבִּין אוּנ דַאדוּרְךְ וִוירְסְט דוּ הָאבִּין חֵן אִין זַיינֶע אוֹיגֶן, אוּנ וִוירְסְט זַיין פִיר דֶען מַאן אַיין קְרָאהְן אוּנ פְּרַאכְט.

# כלל ז

## שלום רב לאוהבי תורתך וכו ז׳ שו״ת.

## שאלה מ

זָאג מִיר וִויא וַוייט גֶעהְט דֶער וֶוערְט אוּנ דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דִיא מִצְוָה אַן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זִיךְ צוּ בַּהֶעפְטִין אוּנ זִיא צוּ אוּנטֶרְשְׁטִיצֶן, וִויא אוֹיךְ דֶען טַעַם דַאפוּן.

**תשובה** דִיא גְמָרָא זָאגְט וֶוען אַיינֶער בְּרִינְגְט אַיין דוֹרוֹן גֶעשֶׁענְק צוּ אַיין תַּלְמִיד חָכָם, אִיזְט זָאלְכֶעס אַזוֹי טַייֶער אוּנ גֶעאַכְט בַּייא הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אַלְס הֶעטֶע עֶר בִּיכּוּרִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

גברענגט

גבריענגט, אונ ווען איינער אין זיין הויז דען תלמיד חכם אין קוואטיער גימט, איז זיין שכר אלס העטע ער דאס קרבן פון תמיד מקריב גוועזין *) אונ ווען איינער אונטערשטיצט דען תלמיד חכם דאס ער דאדורך מיט וועניגער מיהע זיין הויז מפרנס זיין קאן אונ זיין געשעפט בעסער בטרייבן קאן (אונ דאדורך מעהר צייט געווינט תורה צו לערנין) איז ער זוכה דאס ער איינסט אין דיא ישיבה של מעלה זיצען וויררד. דאס מאן איהם דארט וויררד בשענקען איינע השגה אין דיא תורה צו האבין, ווען אויך דאס אויף דיזער וועלט וואהר ער פרעמד אונ ערוויטערט פון דער וויסענשאפט דער תורה *) אונ דאס איינענע

*) אין דיא צייטן וואס יידישע קינדר האבין דיא זכייה געהאט דאס זיא גזעהן האבין דאס בית המקדש ערבויעט אונ דאס מאן טעגליך דארט קרבנות מקריב איזט וואס דאדורך דיא שטאט ירושלים אנגערופען ווארדען איזט משוש כל הארץ דיא פרייד פון דיא גאנצע וועלט (ווייל דאס גרעסטע רייכטהום אונ שמחה פון דען ערליכען מענשין איזט ווען ער איין געוויסענס רוהע האט געהמליך ווען ער זיך בערעכענט זעהט ער דאס ער פעהלער פרייא איזט) ווייל דאס קרבן תמיד פון צו פריא האט מכפר גוועזין אויף דיא עבירות פון בייא נאכט, אונ דאס קרבן וואס מאן אבענד האט מקריב גוועזין האט מכפר גוועזין אויף דיא עבירות פון בייא טאג. אונ דאבייא זינד בעטייליגט גוועזין כל ישראל ווייל זיא שקלים דאצו געגעבין האבין. הייטע אבער ליידער דאס מיר זאלכעס פרלארין האבין, איזט דער ערזאץ דאפון דיא תלמידי חכמים אין איין יעדע שטאט וואס זיך בעמיהען אונ פלאגען נור תורה לשמה צו לערנין וועגין יראת שמים צו ערבייכען, איזט זאלכעס בייא השי״ת אזו חשוב אונ אזו טייער אלס העטין זיא קרבנות אונ קטורת מקריב גוועזין נון ברינגט יא דער רייגער פערשטאנד מיט דאס זאלכע קצינים וואס זאלכע אונטערשטיצונג געבין דאס זיא דורך איהנען תורה לערנין קענין זאלין. דאס זאלכעס פיר איהנען איין כפרה איזט אלס דיא שקלים אין בית המקדש צייטין, דארום זאלין זיא זעהן אלעס מעגליכע צו טוהן ארמע תלמידי חכמים צו אונטערשטיצען דאס זיא דורך איהרע אונטערשטיצונג זעהר וייט אין דיא השגות התורה קאמין קענין זאלין. וואז בעולם הבא חלק כחלק יאכלו.

*) דיא גמרא זאגט אזו גוט וויא איינע מצוה איזט תוכחה צו זאגען ווען

איינענע תבלין וואס דער תלמיד חכם איז זוכה דאס ער דורך תורה לערנין דען קראפט האט דען יצר הרע אונ דיא ליידענשאפטען צו אונטערדריקען איזט דאצו אויך זוכה דער יעניגער וואס תלמידי חכמים אונטערשטיצט נון דא דיא אוים געצייכענטע שאלה וואס השם יתברך פון יודען פרלאנגט איזט כי אם ליראה, אונ דאס מאן צו דען זאל זוכה זיין מוס מאן אימער וועהרענד אויף דען קריגספוס שטעהן צו שטרייטען מיט דעם יצר הרע, אונ דאס מאן דען זיעג דאפון טראגין זאל איזט זעהר שווער, נור ווען מאן זיך אן תורה לערנין בהעפט, דאס אבער קאן יא ליידער ניכט איין יעדער טוהן, דארום

וויא

---

ער פרשטעהט דאס זיינע רייד ווערדען בייא דיא צוהערער איינע ווירקונג מאכען. אזו איזט איינע מצוה דאס ער שווייגען זאל אונ ניכט מוכיח זיין ווען ער מוטהמאסונג האט דאס זיינע רייד בייא איהנען ניכט טייער זינד אונ (דאס מאן איהם ניכט נאך פאלגען ווירד, אונ וויל דער פסוק זאגט חכמת המסכן בזויה דיא חכמה פון דען ארמען איזט פעראכט, ודבריו איגן נשמעים, אונ זיינע תוכחה רייד ווערדען ניכט געהערט, דאריבער איזט איינע בעזאנדערע שולדיגקייט אויף דיא קצינים וואס יראת שמים בעזיצען, דאס זיא איהרע תלמידי חכמים פיהל מעהר דען רב ומנהיג פון איהרען ארט רייכליך פרפפלעגען זאלען דאס ער זיין הויז בכבוד פיהרען קענין זאל, דען ווען ניכט זא ווערדען ביים יום הדין דיא אלע הריסות התורה דיא פארשריפט דער תורה פערקירצט אונ ניכט נאך געפאלגט ווירד, וואס אין דען דור געשעהן, ווירד השי״ת איהנען דארויף אויף פאדערין, ניכט דיא תלמידי חכמים, ניכט דיא עוברי עבירה, וויל השי״ת זאגען ווירד ווען זיא העטען דען גלאנץ פון דיא תורה ערהובען דורך איהרע ברייטע אונטערשטיצונג, אזו העטע דער תלמיד חכם מעהר מאכט אונ כח געהאט דיא וועלט צו אונטערווייזען אונ מוכיח צו זיין, וויל דמאהל העטין זיינע תוכחה רייד בייא דיא צוהערער אין איינען טייערין ווערט געוועזין.

נון זאלכע קצינים אונ אזו שטאט וואס דיזעס געהעריג נאך פאלגט, איזט זכות רבים תלוי בהם, דיא אלע גוטע מעשים וואס דער תלמיד חכם דאדורך מעהר טוהן קאן ווירד איהנען צו געשריבען, וויא אויך דאדורך דאס דער המון עם זעהט דאס תורה לערנין טייער אונ געשעצט איזט בעשטרעבין זיך פיהלע עלטערין איהרע קינדער נור צו תורה לערנין צו ערציהען,

וויא

## כלל ז שאלה מ

וַויא גֶעבִּירְט זִיךְ דַאס מַאן מִיט שִׂמְחָה תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנְטֶערשְׁטִיצֶען זָאל דַאס עֶר דַאזוּרְךְ גֶעוִינֶען זָאל דַאס תַּבְלִין פוּן דֶער תּוֹרָה צוּ עֶרְרֵייכֶען אוּנ צוּ זֵיין אֵיין גִּבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ אוּנ דִיא אַלֶע נֶחָמוֹת אוּנ שַׁלְוֹת וָואס אוּנְזֶערֶע נְבִיאִים הָאבִּין אוּנְז פַרְזִיכֶערְט וָואס יִידֶען וֶוערְדִין זוֹכֶה זֵיין אִין דִיא צֵייטֶען פוּן מָשִׁיחַ אִיזְט גְרֶעסְטִין טֵייל נוּר פִיר דִיא יֶענִיגֶע וָואס תּוֹרָה לֶערְנִין אַכְטֶען אוּנ שֶׁעצִין אוּנ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנטֶערשְׁטִיצוּנג גֶעבִּין *)

אוּנ דֶער טַעַם פוּן דִיזֶע מִצְוָה, זֶעהֶע גֶענוֹי נָאךְ אִין (עת לעשות חלק א׳ דף ע״ט פ׳ פ״א) אוּנ לֶעזֶע זָאלְכֶעס אֵיינִיגֶע מָאל דַאמִיט דִיזֶע אוֹיף קְלֶערוּנג אִין דֵיין הֶערְץ אֵיינְגֶעפְּרֶעגְט בְּלֵייבֶּן זָאל דַאס דוּא זִיא וֶוערֶענְד דֵיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּנְסצֵייט נִיכְט פַרְגֶעסִין זָאלְסְט, אָבֶּער נִיכְט וִויא מַאנְכֶע אִין דֶען הֵייטִיגֶען דוֹר דִיא אֵיין פַרְשְׁטָאקְטֶעס הֶערְץ הָאבִּין וָואס אִירֶע גַאנְצֶע אָבְּזִיכְט נוּר אִיזְט צוּ אֵיין צַדִּיק צוּ גֶעהְן דאס

---

וַויא אוֹיךְ אִיהְרֶע טֶעכְטֶער צוּ גֶעבִּין צוּ לוֹמְדֵי תּוֹרָה אוּנ זִיא צוּ אוּנְטֶערשְׁטִיצֶען מִיט אַלֶען מֶעגְלִיכֶן אוּנ דַאדוּרְךְ דֶער קֶרֶן פוּן דִיא תּוֹרָה פֶערְהֶערְלִיכְט אוּנ פֶערְגְרֶעסֶערְט וֶוירְד.

*) וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר אוּנְטֶערשְׁטִיצְט זֵיין אֵיידֶעם אָדֶער אַנְדֶערֶע פְרֵיינְד אוּנ גִיבְּט אִיהְנֶען אִיהְר גַאנְצֶען הוֹיז בְּרוֹיךְ דַאס זִיא זָאלִין קֶענִין תּוֹרָה לֶערְנִין, וֶוענְדֶעט זִיךְ אָבֶּער דָאךְ זֶעהְר פִיהל דַארַאן אָבּ עֶר עֶס מִיט אֵיין גוּטֶעס אוֹיג, מִיט אֵיין פְרֵייא גֶעבִּיגֶעס הֶערְץ זָאלְכֶעס גִיבְּט, אָדֶער נִיכְט — דֶען וֶוען דֶער תַּלְמִיד חָכָם זֶעהְט דַאס מַאן זָאלְכֶעס טוּהְט מִיט אֵיין מִיסְגִינְסְטִיגֶעס אוֹיג דַאס מַאן תָּמִיד בֶּרֶעכֶענְט וִויא פִיהְל הוֹצָאוֹת דַאס עֶר וֶועגִין אִיהְם מַאכְן מוּזְן אוּנ זָאגַאר צֶעהְלְט זֵיינֶע קִינְדֶער, אוּנ זָאגְט אוֹיךְ פִיהְל מָאהְל אוֹיף מִיר לִיגְט דֶער גַאנְצֶער לַאסְט — וִויא לַאנְג נָאךְ — אוּנ עֶר זָאלְכֶעס הֶערִין מוּס, וִויא טְרוֹרִיג אִיזְט זֵיין הֶערְץ דַאס הַשֵּׁי״ת אוֹיף אִיהְם זָאלְכֶעס גוֹזֵר הָאט גֶעוֶועזִין, דַאס עֶר גֶענִיסֶען מוּז לֶחֶם רַע עַיִן זָאלְכֶע מִיסְגִינְסְטִיגֶע קָאסְט, אוּנ דַאדוּרְךְ וֵוייל עֶר זֶעהְר אוּנמוּטְהִיג אִיזְט, וִוירְד פֶערְאוּרזַאכְט דַאס זֵיין דִיעֶנְסְט צוּ הַשֵּׁי״ת אוּנ תּוֹרָה לֶערְנִין אִין אֵיינֶע זֶעהְר קְלֵיינֶע מַדְרֵיגָה אִיזְט, נִיכְט נוּר נִיכְט פֵייֶערִיג אוּנ מִיט שִׂמְחָה, זָאנְדֶערִין זֶעהְר קָאלְט אוּנ פֶערְשְׁלָאפְן.

אבער

דַאס זִיא אִיהְנֶען מִיט אִיהְר תְּפִילָה מִשְׁתַּדֵל זַיין זָאלִין בֵּייא הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ פַּרְנָסָה, אוּנ כָּבוֹד, אוּנ דֶער גְלֵייכֶן פוּן עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶה צוּ עֶרְלַאנְגֶען אוּנ וֵוייל דֶער כָּבוֹד הַתּוֹרָה אוּנ דִיא אֶמֶתְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם זֶעהְר גֶזִינְקֶן אִיז, אִיז בֵּייא אִיהְנֶן אִין קְלֵיינֶען וֶוערְט שְׁטֶעהְט אַזוֹ בֶּעלָאהְנט עֶס יַא נִיכְט בֵּייא אִיהְנֶן דִיא מִיהֶע דַאס זִיא וֶועגִין הַשָׂגוֹת הַתּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם צוּ עֶרְלַאנְגֶען צוּ אֵיין צַדִיק גֶעהְן זָלִין, וִויא נַארְען זִינְד זָאלְכֶע, וִויא אִיהְרֶן זִיא זִיךְ, דֶען נוּר צוּ עֶרְלַאנְגֶען תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם וֵוייל זָאלְכֶעס פוּן הַשֵׁי״ת נִיכְט נִגְזָר בֶּעשְׁטִימְט אוּנ אוֹיס גֶזֶעצְט אוֹיף מֶענְשִׁין אִיז אוּנ נוּר אָבְּהֶענְגִיג אִיזְט אַן דֶען מֶענְשֶׁענְס פְלֵייס אוּנ בֶּשְׁטְרֶעבִּין, וֵוייל אֵיין יֶעדֶר הָאט דִיא בְּחִירָה דֶען פְרֵייעֶן וֶועג וֶועלְכִין עֶר זִיךְ וֶועהְלִין זָאל, דַארִיבֶּער אִיזְט זֶעהְר נָאטהְוֶוענְדִיג דַאס עֶר זִיךְ פִיהְלְמָאהְל צוּ צַדִיקִים בְּהֶעפְטִין זָאל וֶועגִין דְרֵייא טְעָמִים, עֶרְשְׁטֶענְס דַאס זִיךְ אִיהְרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אֵייגֶען מאכען

אָבֶער מֶעכְט עֶר שֵׂכֶל הָאבִּין אוּנ הֶערְנָאִין זַיין הוֹיז זַיין, אוּנ אִיבֶּער זַיין רֵייכְטוּם זֶעלְבְּסְט צוּ שַׁאפֶען הָאבִּין, אַזוֹי מֶעכְטֶע עֶר זִיךְ אַנְדֶערְסְט פִיהְרֶען׳ וֵוייל דֶער חוֹבַת הלבבוֹת זָאגְט, עֶס גֶעבִּירְט זִיךְ דַאס דֶער אֶמֶתְדִיגֶער עֶרְלִיכֶר יוּד דֶער וָואס עֶר ווִינְשְׁט דֶען ווִילֶען פוּן הַשֵׁי״ת גַאנְץ פֶעהְלֶער פְרֵייא צוּ טוּהְן דַאס עֶר זִיךְ זָאל נֶעמִין אֵיין רְאָיָה אוּנ מוּסָר פוּן דֶען רָשָׁע (ווִיא עֶר זִיךְ פִירְט וֶוען עֶר אֵיינֶע עֲבֵירָה ווִיל טוּהְן וָואס עֶר צוּ אִיהְר גְרָאס לוּסְט הָאט, דַאס עֶר זִיךְ בַּשְׁטְרֶעבְּט זָאלְכֶעס צוּ טוּהְן גַאנְץ פֵייעֶרִיג נִיכְט פֶערְשְׁלָאפִין, גַאנְץ פְרִישׁ אֵיילֶענְד נִיכְט טְרֶעג אוּנ פוֹיל, ווִיא אוֹיךְ אִיזְט בֵּייא אִיהְם קֵיין צוּרִיק הַאלְט וֶוען עֶס נָאךְ אַזוֹ פִיל גֶעלְד קָאסְט, דַאמִיט עֶר זָאל זִיא נוּר טוּהְן קֶענִין אוֹיף דִיא פֵיינְסְטֶע בֶּעסְטֶע אַרְט) דַאס עֶר זִיךְ אַזוֹ פִיהְרֶען זָאל וֶוען עֶר דִיא מִצְוֹת פוּן הַשֵׁי״ת ווִיל מְקַיֵים זַיין.

נוּן עֶפֶּנֶע דֵיינֶע אוֹיגֶן אוּנ בְּטְרַאכְט דִיר פִילֶע עֲשִׁירִים דִיא דִיא קִינְדֶער פוּן אִיהְרֶע פְרֵיינְד אוּנְטֶערְשְׁטִיצֶן דַאס זִיא פְרֶעמְדֶע קֶענְטְנִיסֶע לֶערְנִין זָאלִין, רְפוּאָה אַרְצְנֵייא, תְּכוּנָה אַסְטְרָאנָאמִיֶע, שְׁטֶערִין קוּנְסְט, לְשׁוֹנוֹת הָעַמִים, דַאס זִיא אִין פִילֶע שְׁפְּרַאכֶן קִינְדִיג זַיין זָאלִין אוּנ דֶער גְלֵייכֶן, אוּנ שִׁיקֶען זִיא וֶועגִין דֶען אִין זָאלְכֶע שְׁטֶעט אָין זֶעהְר ווֵייטֶע לֶענְדֶער וֶוען אוֹיךְ דאס

מאכין זאל, צו ווייטענס, דאס זיא איהנען מיט איהרע אויפקלערונג איינע טובה טוהן קאנין דאס דאדורך איהרע אהבה אונ יראת שמים צו השי"ת פערגרעסערט ווערין זאל, דריטענס דאס זיא איהנן דורך איהרע תפילות בייא הילפיג זיין זלין צו ווירקן בייא השי"ת דאס זיא אין היגזיכט תורה אין יראה צו איין העכערע מדריגה אונ השגה גדולה קאמין זאלין, אבער זלכע זאכין וואס עולם הזה בעריהרט, גליק רייכטוהם, געזונד, כבוד, גדולה אונ דער גלייכען דא דיזעס אלעס באלד בייא דען מענשענס ערשאפונג נגזר בשטימט ווירד פון השי"ת אויף וועלכע ארט ער זיינע זיבציג יאר פערלעבן מוס נון וואס ניצט איהם זיינע רייזע צו צדיקים, דען איז אויף איהם בשטימט דאס ער איין עושר זיין זאל, זא ווירד יא געוויס השי"ת זיין ווארט איינטרעפין אונ זיך בשטעטיגן, ווען ער אויך ניכט

דיא שפעזין פון קאסט, אונ קליידונג, קוואטיר, פון פילע יאהרין אונגעהייער גראס זינד, דעננאך ווערדין זיא ניכט מיד, אונ דאן ווען דיא צייט קאמט דאס זיא (רעגראזאם) מאכין זאלין, אונ זיא דעם דיפלאם ערלאנגען, אונטערשטיצן זיא זיא נאך ווייטער מיט פילע קאסטין, ווייל זיא מיינען אונ גלובן דאס וועד זאלכע קענטניסע ערלאנגט איזט ער שאן געזיכערט זיינע גאנצע לעבענסצייט גליקליך צו זיין, ווען אויך דאס זיא גוט ווייסען אונ מיט איהרע אוגן זעהן דאס זיא אוף דיא אלע גראסע שפעזין קיין שכר בעולם הבא צו ערווארטין האבין, ווייל דיא אלע יעניגע וואס זאלכע קענטניסע לערנין זינד כופרים, אונ זיין פון זיך פורק דיא גאנצע יידישקייט.

נון וואס איזט ערסט שולדיג צו טוהן דער ערליכער יוד, וויא פיל אונ וויא ווייט זאל איהם זיין הערץ בווילינען נאך אזו פיל הוצאות צו מאכין זיינע ארמע פריינד צו אונטערשטיצן דאס זיא תלמידי חכמים צדיקים זיין זאלין, וואס ער דורך דען צו ערווארטען האט דען גראסן אונענדליכן שכר בעולם הבא, פיל מעהר דא דאס קינד האט דען כח זיין פאטער מזכה צו זיין, אונ דער תלמיד זיין רבי, אונ דער יתום זיין ערציגספאטר, דאס ער דאדורך האפען קאן דאס ער וועגין איהר תורה אונ מעשים טובים וואס זיא איהר גאנצעס לעבענסצייט זיך בשעפטיגן, ער דורך איהנען זעהר ווייט אונ זעהר גראס ערהאבן אונ געווירדיגט ווערדין ווירד בעולם הבא, ווייל נור ער דאס

איהנען

ניכט צו דען צדיק געהט *) איז אבער איהם בעשטימט ארמוטה, וואס ווירד איהם דער צדיק העלפין קאנין (ווען אויך דאס מיר געפינען דאס דער צדיק בייא השי"ת אין גראסען ווערט שטעהט דאס ער כח האט זיין גזירה מבטל צו זיין, דאס איזט נור איין זעלטענהייט, אבער ניכט אלטעגליך אונ אויך נור ווען דער צדיק איינזעהט דען חומר הנושא (דיא וויכטיגקייט פון דען געגנשטאנד דאס דיא זאך פרדינט אונ בנעטיגט דאס מאן זאל וועגין איהר זיך מתאמץ בתפילה זיין, אדר דיא צייט ערפארדערט עס דאס מאן דיא גזירה זאל זעהן מבטל צוא זיין).

# שאלה מא

זאג מיר איין אויף קלעהרונג אויף דען דין (יו"ד סימן רמ"ו סעיף ז׳) דאס דער עושר קאן זיך נור דורך זיין געלד שאפען דען זכות פון תורה לערנין ווען ער דאמיט תלמידי חכמים אונטערשטיצט ווען ער דען נאמען שותף האט, אבער ניכט מיט דען נאמין קונה.

**תשובה** אום דיר זאלכעס פרשטעהן צו געבין דאס דוא עס דייטליך בגרייפין זאלסט, פינדע איך מיך בענעהטיגט דיר פריהער איין משל בייאשפיל צו זאגין, עס טרעפט זיך זעהר אפט בייא פילע מענשין דאס זיא גראס רייכטוהם האבין, אבער זיא זינד

ניכט

---

איהגן פראורזאכט האט, וויא אויך מיט גראס שמחה וחדוה אונ מיט איין עין טובה זאלכעס צו טוהן.

*) עס קאן אויך אבער דער פאל זיין דאס אויף איהם איזט נגזר ווארדן רייך צו זיין נור ווייל ער אין שלעכטין וועג געהט (רועה זונות, מחלל שבת, גזל גוי, וישראל, אונ דער גלייכן) דאדורך האט ער זיך אליין פראורזאכט דאס ער אין ארמוטה לעבין מוס דארום ווען דער צדיק איהם אויף זאלכעס עראינערט אונ ערוועקט דאס ער זיינע פיהרונג אויס בעסערין זאל, אונ נור פינקטליך פון נון אן דען וועג דיא פארשריפט פון דיא תורה נאך צו פאלגין, דאס איזט זעהר לייכט דאס ער דורך דיא נסיעה גהאלפין זיין ווירד, זאלכע רייד זיין אבער אוסער דיא מאדע.

# כלל ז שאלה מא

נִיכְט קִינְדִיג אוּנ גֶעאִיבְּט גְשֶׁעפְטִין צוּ מַאכֶען, זִיא פַּרְשְׁטֶעהְן קֵיינֶע סְחוֹרוֹת פְּרָאדוּקְטֶען, וִויא אזיךְ אִיהְר גוּף אִיזְט נִיכְט גֶעאֵייגֶענְט דַאצוּ דַאס זִיא זָאלִין זִיךְ פְּלָאגֶן דִיא וֶועלְט צוּ בֶּערֵייזֶן וֶועגִין הַאנְדֶעל, עֶס זִינְד אָבֶּער אזיךְ פִילֶע מֶענְשִׁין דִיא גְרָאסֶע סוֹחֲרִים זִינְד, טֶעהְטִיג אוּנ פְלֵייסִיג אוּנ פַּרְשְׁטֶעהן אַלֶרְלֵייא גַאטוּנגֶען סְחוֹרָה, נוּר דַאס גֶעלְד פֶּעהלְט אִיהְנֶן דַאס זִיא גֶעמֵיין אוּנ אָרִים זִינְד, דַאס זָאלְכֶע צְוֵויא זִיךְ אֵיינֶער דֶען אַנְדֶערִין דִיא הַאנְד גֶעבִּין צוּזַאמִין גְשֶׁעפְטֶן צוּ פִירְן, אוּנ דֶער גֶעווִין וָואס זִיךְ עֶראֵיינֶענִין וֶוירְד, גְלֵייךְ צוּ טֵייל ן, נוּר אֵיין תְּנַאי בֶּדִינְגוּנג נִימְט זִיךְ דֶער סוֹחֵר מִיט דֶען עוֹשֶׁר אוּיס, דַאס עֶר אוּיף זִיךְ נֶעמִין זָאל אִיהְם אִימֶער אַזוֹי פִיל גֶעלְד אַהֶער שְׁטְרֶעקִין צוּ קֶענִין וִויפִיל נוּר זֵיין גְשֶׁעפְט עֶרְפָארְדֶרֶן וִוירְד וֶוערֶענְד דִיא גַאנְצֶע צֵייט פוּן דֶען שׁוּתְּפוּת וָואס זִיא זִיךְ צוּזַאמֶן אֵיין גְשֶׁעפְט פַּרְבִּינְדֶן, וֵוייל עֶר זָאגְט דַא אִיךְ דוּרְךְ מֵיין פְלֵייס אוּנ וִויסֶענְשַׁאפְט אִין אַלֶערְלֵייא סְחוֹרוֹת אַזוֹ גִיט אֵיין חַבֵר בִּין אַלְס דוּא דוּרְךְ דֵיין גֶעלְד, אוּנ פוּן מֵיינֶער זֵייט אִיזְט קֵיין צוּרִיק הַאלְט זֶעהְר פִילֶע גְשֶׁעפְטִין צוּ אוּנְטֶערְנֶעהמִין, אוּנ וִויא מֶעהְר דַאס מַאן הַאנְדֶעלְט יֶעמֶעהר דַאס דִיא בְּרָכָה אוּנ הַצְלָחָה דַאדוּרְךְ עֶנְטְשְׁטֶעהְן קֶענִין, אוּנ דֶער עוֹשֶׁר הָאט אוּיף זִיךְ זָאלְכֶעס מְקַבֵּל גֶעוֶעזִין.

וִויא אָבֶּער גֶקָאמִין אִיזְט סוֹף פוּן דֶען זָאמֶער וִויא עֶר הָאט פִּיעֶל גֶעלְד בֶּענֶעטִיגְט וֵוייל דַאמָאל דִיא צֵייט מֶעהְר גֶאֵייגֶענְט אִיזְט פִילֶערְלֵיי גְשֶׁעפְטֶן צוּ מַאכִין (לֶעמֶר וָואל, וַואקְס שִׁיעֶר, קוֹקוּרוּץ אוּנ דֶער גְלֵייכֶן,) אַזוֹ הָאט דֶער עוֹשֶׁר זֵיין וָוארְט אִיהְם נַאךְ וָואוּנְטְשׁ גֶעלְד צוּ גֶעבִּין, נִיכְט הַאלְטֶן קֶענִין, זָא הָאט דֶער סוֹחֵר וֵוינֶענְד גֶעשְׁרִיגֶן דַאס עֶר אִיהְם זֶעהְר פִיל שָׁאדֶען פַּרְאוּרְזַאכְט, וֵוייל עֶר זֶעהְט זִיךְ יֶעצְט זֶעהְר פִּיעֶל פַּרְדִינֶען צוּ קֶעיִין, אִינ וִויא עֶס אִיזְט גֶקָאמִין צוּ דִיא שְׁלוּם רֶעכְנוּנְג סוֹף יָאהְר, וָואר דֶער רֶווַח לְעֶרֶךְ מֵאָה אֶלֶף, זָא הָאט דֶער שׁוּתָּף דֶער עוֹשֶׁר לוֹיט פֶּרְטְרַאג דִיא הֶעלְפְטֶע נֶעמִין וָואלִין, אַזוֹ הָאט דֶער סוֹחֵר הֶעָנִי יֶעמֶערְלִיךְ גֶעשְׁרִיגֶען אוּנ גֶעוֵויינְט מִיט דֶען

ווארט

וָוארט וִויא קָאנְסט דוא איין זָאלְכֶעס פַאלְשֶׁעס גֶעוויסֶן הָאבִּין אֵיינֶע זָאלְכֶע נִידֶערְטְרֶעכְטִיקֵייט צוּ טוּהְן, דַא דוּא בֵּייא דִיר זֶעלְבְּסט וֵוייסְט וֶוען דִיא הֶעסְט דֵיינֶע פַּרְזִיכֶערוּנְג וִוירְקְלִיךְ גְהַאלְטִין מִיר גֶענוּג גֶעלְד אַהֶער שְׁטְרֶעקִין צוּ קֶענִין, הֶעטֶע דֶער רֵיוַח אוֹיף מֵיין טֵייל אַלֵיין זַיין קֶענִין לְעֶרֶךְ ק״ן אֶלֶף, אוּנ דַא דוּא נוּר אַלֵיין דִיא שׁוּלְד בִּיזְט מֵיינֶע גְשֶׁעפְטִין צוּ פַרְוֶועגִירִין, נִיכְט גֶענוּג דַאס דוּא הָאסְט מִיר מַפְסִיד גְוֶועזִין חֲמִשִּׁים אֶלֶף, וִוילְסְט דוּא נָאךְ מִיר מֶעהְר אוּנְרֶעכְט טוּהְן פוּן דֶען וֶועניגֶן רֵיוַח אוֹיף דִיא הֶעלְפְט וֶועג צוּנֶעמִין.

דַאס נִמְשָׁל אִ זְט, וֶוען דֶער עוֹשֶׁר וָואס דֶען תַּלְמִיד חָכָם אוּנְטֶערְשְׁטִיצְט גִיבְּט אִיהְם זָאלְכֶעס גְהֶערִיג אוּנ בְּרֵייט אוּנ מִיט אֵיין פְרֵיינְדלִיךְ פָּנִים, אוּנ זֶעהְט אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע צוּ טוּהְן אוּנ בַּשְׁטְרֶעבְּט זִיךְ אִיהְם צוּ פַרְזָארְגֶן אוֹיף אֵיין זָאלְכֶע אַרְט דַאדוּרְךְ דִיא גְרִינְגְסְטֶע הִינְדֶערוּנְג נִיכְט הָאבִּין זָאל וָואס וֶוענִין דֶען זַיין תּוֹרָה לֶערְנִין אוּנ עֲבוֹדָה פַּרְקִירְצט וֶוערְדֶן קָאן, אוּנ זָאלְכֶעס טוּהְט עֶר וֶוערֶענְד דִיא גַאנְצֶע צֵייט פוּן זַיין אוּנְטֶערְשְׁטִיצוּנְג אוּנ דַאדוּרְךְ זַיין תּוֹרָה לֶערְנִין אוּנ קִיוּם הַמִּצְוֹת וָואס מִיט אֵיין פְרֶעהְלִיךְ הֶערְץ אִיזְט, אִיזְט וֵוייט טֵייעֶרֶער אוּנ גְרֶעסֶער אַלְס זָאלְכֶע תּוֹרָה אוּנ זָאלְכֶע עֲבוֹדָה וָואס מִיט צַעַר אוּנ יָגוֹן וַאֲנָחָה גְלֶערִינְט וִוירְד.

נוּן וֶוען דֶער יוֹם הַגְּמוּל קָאמִין וִוירְד וָוא מַאן אֵיין יֶעדִין נָאךְ זַיין פַּרְדִינְסְט בֶּלָאהְנְט, זָא וִוירְד זִיךְ גֶעפִינֶן דַאס דֶער עוֹשֶׁר הָאט אַזוֹ זַיין תּוֹרָה אוּנ עֲבוֹדָה שׁוּתְּפוּת אוּנ ווִינְשְׁט פוּן זַיין שְׂכַר טֵייל צוּ נֶעהְמִין, וֵוייל אוֹיף זָאלְכֶע תּוֹרָה אוּנ עֲבוֹדָה דֶער שְׂכַר אוֹיסֶעראָרְדֶענְטְלִיךְ גְרָאס אִיזְט, אוּנ וֶוען שׁוֹבַע אִיזְט אֵין עַיִן בְּרִיָּה צָרָה בַּחֲבֶרְתָּהּ, וֶוען דִיא יָאהְרֶן גְבֶענְשְׁט אוּנ גְזֶעגֶענְט זִינְד אַזוֹ הָאט דֵיינֶער קֵיין שְׁלֶעכְטֶס, אוּנ זַיין חַבֵר צוּ בֵּנֵיידֶען, וֵוייל אֵיין יֶעדֶר הָאט הִינְלֶענְגְלִיךְ גֶענוּג אוּנ אִיבֶּערְפְלוּס, דַארוּם וֶוערְדִין זִיא זִיךְ בֵּיידֶע מְשַׂמֵּחַ זַיין וֶוען אוֹיךְ דַאס דֶער עוֹשֶׁר פוּן זַיין שְׂכַר טֵייל בִּימְט.

אָבֶער וֶוען דִיא אוּנְטֶערְשְׁטִיצוּנְג וָואר נוּר קַארְג אוּנ גֶענוּי, אוּנ

אַלֶעס נור אויף אײנֶע מִיסְגִינֶסטִיגֶע אַרט, דַאמָאלְס ווירְד דֶער תַּלְמִיד חָכָם פָאר דֶען יוֹצֵר כֹּל וויינֶענְד זָאגֶען דַאס אִיהְם דַאס גָר נִגְסֶטֶע נִיכְט גֶעבִּיהְרט, ווייל עֶר דוּרְךְ זֵיין קַמְצָנוּת הָאט אִיהְם גוֹרֵם גְוֶועזִין דַאס זֵיין תּוֹרָה אוּנ עֲבוֹדָה נוּר בִּבְחִינוֹת קְטַנוֹת אִיזְט אִין אֵיין קְלֵיינֶען ווערְט שְׁטֶעהְט, אוּנ דֶער וָואס שׁוֹפֵט כָּל הָאָרֶץ אִיזְט, ווירְד עֶר דֶען קֵיין רֶעכְט מִשְׁפָּט מַאכֶען, דַארוּם זָאגְט דֶער (רמ"א) דַאס נור דוּרְךְ שׁוּתְּפוּת קָאן עֶר זִיךְ קוֹפֶען תּוֹרָה, ווייל דַאמָאלְס הָאט דֶער תַּלְמִיד חָכָם דִיא פָרְהַאנְד.

# שאלה מב

ווען אֵיינֶער רֵייךְ אִיזְט, אָבּ אֵיין מִיטֶעל פֶערְהַאנֶדֶן אִיזְט וָוא עֶר זִיךְ פֶערְזִיכֶערִין אוּנ אַסֶעקוּרִירֶען קָאן דַאס עֶר זֵיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט דָאךְ אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד זֵיין זָאל.

**תשובה** פוּן דִיא אוֹפְקלֶערוּנג וָואס אִיךְ דִיר גֶעבִּין וֶוערְדֶע, פוּן דֶען ווירְסְט דוּא הָאבִּין אֵיינֶע תְּשׁוּבָה אויף דֵיינֶע שַׁאֲלָה.

ווִיפִיל זִינְד מִיר שׁוּלְדִיג הַשי"ת צוּ לוֹבֶּען אוּנ צוּ דַאנְקֶען, דֶען אוֹיסֶער דֶען דַאס עֶר אוּנז הָאט אוֹיס עֶרְוֶועהְלְט פוּן אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער אוּנ הָאט אוּנְז גֶגֶעבִּין דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דוּרְךְ אִיהְר קָאן זִיךְ אֵיין יֶעדֶער פַּרְדִינְט מַאכֶען אוּף דִיא קִינְפְטִיגֶע וֶועלְט אַזוֹ פַּרְגֶעבִּינְגֶען אוּנ נַחַת רוּחַ וָואס עֶווִיג דוֹיעֶרְט, הָאט עֶר אוּנְז גֶעווִייזֶען נָאךְ אֵיין אַנְדֶערֶע לִיבּ, דַאס עֶר פִיר אוּנְז זָארְגְט אוּנ ווִינְשְׁט אוּנְזֶער טוֹבָה דַאס מִיר זָאלִין וֶוערֶענְד אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט אֱמֶתְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע יִידֶען זֵיין, אוּנ פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה נִיכְט דַאס גְרִינְגְסְטֶע אוֹיס צוּ טְרֶעטִין בֶּעמְלִיךְ ווייל עֶר אוּנְז גֶגֶעבִּין הָאט אַזוֹ לַאנְד וָואס זֶעהְר גֶזֶעגֶנְט אוּנ גֶבֶּענְשְׁט אִיזְט אוּנ אִיהְרֶע אֵיינְווָאהְנֶער דַאדוּרְךְ אִין אַלֶע הִינְזִיכְטֶען זֶעהְר רֵייכְלִיךְ לֶעבִּין קֶענִין, אוּנ ווֶען בֵּייא אֵיין מֶענְשִׁין דַאס גְלִיק גְרָאס אִיזְט, קֶענִין אִיהְם דִיא וָואהְלְטֶעג דַאצוּ בְּרִינְגֶען דַאס עֶר אַן הַשי"ת זֵיין תּוֹרָה גַאנְץ פַּרְגֶעסְט אָדֶער וֶוענִיגְסְטֶענְס עֶטְוַואס פַּרְקִירְצְט,

נוּן וֶוען דַאס עוֹשֶׁר אוּנ הַצְלָחָה פוּן עוֹלָם הַזֶה ,וָואס נוּר אִיזְט אֵיין חַיֵי שָׁעָה אֵיינֶע גֶוויסֶע צֵייט לַאנְג טוּהְט אִיהְם פְּרָאוּרְזַאכֶן דַאס עֶר דַאדוּרְךְ אֵיין בִּיעסְט אוּנ פַרלִירְט זֵיין עוֹשֶׁר אוּנ הַצְלָחָה פוּן עוֹלָם הַבָּא וָואס ,עוִוג דוֹיעֶרְט, דַאמָאלְס נִיכְט נוּר דַאס אֵיין זָאלְכֶס ,עֲשִׁירוּת נִיכְט אִין דֶען וֶועהְרט שְׁטֶעהְט דַאס מַאן ,עס נִיכְט מְקַנֵא זֵיין זָאל, בֶּענֵיידֶן זָאנְדֶערִין ,עס פַרדִינְט נָאר דַאס מַאן ,עס בַּדוֹיעֶרִן זָאל, מִיט דִיא וָוארְטֶן וֶועהֶע אַזוֹ ,פֶרשְׁטַאנְד, אָךְ אַזוֹ פַרנוּנְפְט, וִויא ,קָאן מַאן אַזוֹ פַרנַארְט זֵיין וֶוענִין אֵיין פַרגֶענִיגֶן וָואס פַרגֶענְגְלִיךְ אִיזְט אוּנ דוֹיעֶרְט נוּר אֵיין קוּרצֶע צֵייט, זָאל מַאן פַרטוֹישֶׁן אֵיין נַחַת רוּחַ אוּנ פַרגֶענִיגֶן וָואס ,עוִויג דוֹיעֶרְט (וַוייל אֵיין מֶענְשׁ גֶענֵייגְט אִיזְט אוּנ זֵיין, נַאטוּר אִיזְט דַאצוּ גֶאֵייגֶענְט דַאס עֶר זִיךְ אַזוֹ פִיהְרט, אוּנ זָאלְכֶע וֶועג גֶעהְט, אוּנ זָאלְכֶע מַעֲשִׂים טוּהְט אַלְס דִיא פִיהרוּנְג, אוּנ דִיא וֶועג, אוּנ דִיא מַעֲשִׂים, פוּן דִיא מֶענְשִׁין מִיט דִיא ,עֶר אָפְט צוּזַאמֶענְקָאמְט אוּנ מִיט אִיהְנֶן אִין גִזֶעלְשַׁאפְט אוּנ אִין פַרבִּינְדוּנְג שְׁטֶעהְט, אוּנ וִויא מֶעהְר אוּנ וִויא לֶענְגֶר דַאס דִיא צוּזַאמֶענְקוּנְפְט דוֹיעֶרְט, דַאדוּרְךְ וִוירְד מֶעהְר אִין זֵיין הֶערְץ אֵיינְגֶעוָוארְצֶלְט אִיהְרֶע פִירוּנְג אוּנ מַעֲשִׂים) דַארִיבֶּר הָאט הַשי"ת אוּנְז גֶעבָּאטֶן דִיא מִצְוָה פוּן מַעֲשֵׂר שֵׁנִי דַאס אֵיין ,יֶעדֶר יוּד דֶער אֵיין גוּט בֶּזִיצֶער אִיזְט, מוּס דָאס צֶעהְנְט פוּן זֵיין גֶעוֶועקְס אָבּ שֵׁיידֶן, אוּנ מוּס ,עס פִירֶען אוֹיף ,ירוּשָׁלַיִם אוּנ דָארְט אַזוֹ לַאנְג פַרוֵוילִין בִּיז ,עֶר זָאלְכֶס פַרצֶעהְרט הָאבִּין וִוירְד, אִיזְט דֶער טַעַם פוּן דִיא מִצְוָה דַאס ,עֶר דַאדוּרְךְ דִיא אֶמֶתְדִיגֶע ,יִרְאַת שָׁמַיִם זִיךְ אֵיינֶן מַאכֶן זָאל, דֶען וַוייל ,עֶר וֶוערֶענְד אִין דִיא גַאנְצֶע צֵייט וָואס ,עֶר אִין ,ירוּשָׁלַיִם פַרוֵויילֶן מוּס נוּר פָאר זֵיינֶע אוֹיגֶן זֶעהְט גְרָאסֶע צַדִיקִים דִיא אִיהְרֶע גַאנְצֶע בַּשֶׁעפְטִיגוּנְג נוּר תּוֹרָה לֶערְנִין אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ טוּהְן אִיזְט, אוּנ זָאלְכֶס אוֹיף דִיא פֵיינֶע אַרְט, בְּרֶענֶענְד אוּנ פֵייעֶרִיג אוּנ מִיטנְגְרָאס שִׂמְחָה, דַאדוּרְךְ ,קָאמְט ,עֶר דַאצוּ דַאס ,עֶר אוֹיךְ אֵיין אֶמֶתְדִיגֶר ,עֶרְלִיכֶר יוּד זֵיין וִוירְד (ספרי) – וֵוייל גְרָאס רֵייכְטוּהם פִיר ,דֶען מֶענְשִׁין גִפֶערְלִיךְ אִיזְט דַאס ,עֶר נִיכְט דַאדוּרְךְ דִין

יידישקייט

## כלל ז שאלה מב

יִידִישְׁקֵייט אוֹיסְטֶרֶעטִין אָדֶער שְׁוואַכֶן זָאל, דַארוּם אִיזְט שׁוּלְדִיג דֶער עוֹשֶׁר דַאס עֶר אוֹיף זִיךְ גְרָאסֶע אוֹיפְזִיכְט הָאבִּין זָאל אוּנ זִיךְ אָפְּטְבַּרֶעכֶנֶען מוּס אָבּ זֵיין פִירוּנְג גֶענוֹי אוּנ פִּינְקְטְלִיךְ אִין דֶען וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה אִיזְט, וֵוייט מֶעהְר אַלְס אִין דִיא צֵייטֶען וָוא עֶר גְמֵיין אוּנ אָרִים וָואר, אוּנ צְווִישֶׁן רֵייכְטוּם אוּנ רֵייכְטוּהם אִיזְט יָא אוֹיךְ אֵיין אוּנטֶערְשִׁיד, דַארִיבֶּר יֶעמֶהר, יֶעגְרֶעסֶר, דַאס דָאס עֲשִׁירוּת אִיזְט אוּנ דַאדוּרְךְ עֶר מֶעהְר עַל־ל פֶּעהִיג אִיזְט צוּ פַרְגֶעסִין דִיא יִידִישְׁקֵייט, יֶעמֶעהר דַאס עֶר זִיךְ אוּנ זֵיינֶע הוֹיזְלֵייטֶע שְׁטֶערְקֶן מוּס מִיט תּוֹרָה לֶערְנִין אוּנ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם דַאס בֵּייא אִיהְנֶען דִיא יִידִישְׁקֵייט פֶעסְט בְּלֵייבֶּן זָאל.

דַא דִיא יִידִישְׁקֵייט אִיזְט בֵּייא אַלֶע יִידֶען צוּ גְלֵייךְ אַלֶע לֶעגִין תְּפִילִין, וָוא פוּן קֵיינֶעם זֵיינֶע תְּפִילִין פַרְעֶנְדֶערְט זִינְד אַלְס זֵיין חֲבֵרִים, אַלֶע אֵיין סוּכָּה, אֵיין אֶתְרוֹג אוּנ דֶערְגְלֵייכֶן, נוּן טוּט מַאן פַרְשְׁטֶעהְן דַא דֶער טַעַם פוּן מַעֲשֵׂר שֵׁנִי אִיזְט אִין יְרוּשָׁלַיִם צוּ פַרְוֵוילֶען אֵיינֶע צֵייט לַאנְג, וֶועגִין יִרְאַת שָׁמַיִם זִיךְ אֵיינֶען צוּ מַאכֶן, אוּנ דִיזֶעס אִיזְט דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט פוּן אֵיין יֶעדִין יִידֶען, וָוארוּם פַרְוֵוילְט נוּר דֶער מִיטֶעל מַאן, אֵיינֶען חוֹדֶשׁ, אוּנ דֶער רֵייכֶער מֶעהְרֶערֶע חֳדָשִׁים, אוּנ דֶער גַאנְץ רֵייכֶער דַאס גְרֶעסְטֶע טֵייל פוּן דֶעם יָאהְר, וָוארוּם אִיזְט דִיא מִצְוָה אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט גֶעגִין אַנְדֶערֶע מִצְוֹת דַאס זִיא נִיכְט אֵיין גֶעוִויסֶע אוֹיסְגֶזֶעצְטֶע צֵייט זֵיין זָאל בֵּייא אַלֶע יִידֶען צוּ גְלֵייךְ, וִויא לַאנְג דַאס מַאן דָארְט צוּ פַרְוֵוילֶען הָאט.

אָבֶּער וִויא זִיס אוּנ וִויא אַנְגֶענֶעהם אִיזְט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַא דֶער רֵיינֶער פַרְשְׁטַאנד מִיט בְּרִינְגְט דַאס דִיזֶע מִצְוָה פוּן מַעֲשֵׂר שֵׁנִי מוּס אֵיין אוֹיסְנַאהְמֶע זֵיין פוּן אַלֶע מִצְוֹת דַאס נִיכְט אַלֶע צוּגְלֵייךְ זֵיין זָאלִין, (אוּם דִיר זָאלְכֶעס גִיט פַרְשְׁטֶעהְן צוּ גֶעבִּין וִויל אִיךְ דִיר אֵיין מָשָׁל בֵּייאשְׁפִּיל בְּרֶענְגֶען) וֶוען אֵיינֶער זִיךְ זֵיין הוֹיז פוּן פֵייעֶר שָׁאדֶען שִׁיטְצֶען וִויל, אַזוֹ גֶעהְט עֶר צוּ דֶען אַגֶענְט פוּן דֶער פֵייעֶר אַסֶעקוּרַאצִיאָן אוּנ צָאהלְט אִיהְם דִיא גֶעוִויסֶע טַאקְסֶע וִויא עֶר בַּקָאמְט

פוּן

פון אִיהְם אֵיינֶע פָּאלִיצֶע, אַסֶעקוּרַאצִיאָנסשֵׁיין, אונ וֶוען זִיךְ עֶראֵייגֶענְט דַאס עֶס פַרבְּרֶענְט ווִירְד, ווִירְד אִיהְם דֶער גַאנְצֶער שָׁאדֶן עֶרזֶעצְט, אַבֶּער דִיא סוּמַא פוּן דִיא אֵיינְצַאהלוּנְגס טַאקְסֶע אִיזְט נִיכְט גְלֵייךְ, דֶען וֶוען דָאס הויז וָואס ער זִיךְ אַסֶעקוּרִירֶען ווִיל, אִיזְט פוּן שְׁטֵיינֶער גֶעבּוֹיט, אונ דֶער דַאךְ מִיט קִיפֶּר גֶדֶעקְט, ווייל דַאמָאלְס אֵיין זֶעהְר זֶעלְטֶענֶר פַאל אִיזְט פוּן פֵייעֶר בַּשֶׁעדִיגט צוּ וֶוערְדִין, דַארוּם אִיזְט דִיא אֵינצַאלוּנְגס טַאקְסֶע זֶעהר קְלֵיין אונ וֶועניג וֶוען אָבֶּער דֶער דַאךְ מִיט שִׁינְדֶלְן בַּדֶעקְט אִיזְט, ווייל עֶר מֶעהר עָלוּל אִיזְט פוּן פֵייעֶר בְּשֶׁעדִיגְט צוּ וֶוערְדִין, אַזוֹ פַרשְׁטֶעהְט פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט דַאס דִיא אֵיינצַאהלוּנְגס טַאקְסֶע גְרֶעסֶר אִיזְט, אונ וֶוען דֶער דַאךְ מִיט שְׁטְרָאה אָדֶער רָארֶען בַּדֶעקְט אִיזְט, נָאךְ גְרֶעסֶר, פִילמֶעהר וֶוען דַאס גַאנְצֶע הויז פוּן הָאלְץ גְבּוֹיעֶט אִיזְט.

דָאס נִמְשָׁל אִיזְט, ווייל דִיא מִצְוָה פוּן מַעֲשֵׂר שֵׁנִי אִיזְט אֵיינֶע שְׁמִירָה אֵיינֶע אַסֶעקוּרַאצִיאָן צוּ פַרזִיכֶרִין דִיא יִידִישֶׁע הֶערְצֶר דַאס זִיא וֶוערֶענְד אִיהְרֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסצֵייט דִיא לִיבּ צוּ הַשי"ת אונ צוּ זֵיין תּוֹרָה טְרֵייא אונ שְׁטַארְק זֵיין זָאל, דַארִיבֶּר אִיזְט דִיא מִצְוָה פוּן פַרְוֵויילען אִין יְרוּשָׁלַיִם נִיכְט גְלֵייךְ. דֶען וֶוען עֶר נִיכְט רֵייךְ אִין פַרמֶעגִין אִיזְט, זָאנְדֶערִין נוּר עֶטְוַואס פֶעלְדֶער אונ וֵויינְגֶערְטִין בֶּזִיצְט דַאס אִין אֵיין מִיטֶעל יָאהר דֶער גַאנְצֶער בַּטְרֶעף פוּן זֵיינֶע אֵיינְקוּנְפְטֶען נוּר טוֹזִינְד גוּלְדֶען אִיזְט. ווייל אֵיינֶע זָאלְכֶע קְלֵיינֶע סוּמַא הָאט נִיכְט דֶען כֹּחַ דַאס זִיא זָאל בֵּייא דֶען מֶענְשִׁין פַראוּרְזַאכֶן דַאס עֶר הוֹיכְמִיטְהִיג זֵיין זָאל אונ פוּן דִיא תּוֹרָה אוֹסצוּטְרֶעטִין, דֶענָאךְ ווייל זֵיין גֶעהְטִיגֶען הויז בְּרוֹיךְ הָאט עֶר אָהְנֶע מִיהֶע, אָהְנֶע זָארְג, אִיזְט דָאךְ מֶעגְלִיךְ דַאס עֶר עֶטְוַואס פַרגֶעסִין קָאן, דַארוּם הָאט דִיא תּוֹרָה אֵיינְגֶזֶעהֶן דַאס וֶוען עֶר מִיט זֵיינֶע הויזְלֵייטֶע אִין יְרוּשָׁלַיִם פַרְוֵוייל אֵיין חוֹדֶשׁ אִיזְט אוֹיךְ שָׁאהְן גֶענוּג הִינְרֵייכֶענְד אִיהְם צוּ שְׁטֶערְקֶן אִין הִינְזִיכְט יִידִישְׁקֵייט דַאס אִין זֵיין הֶערְץ אֵיינְגֶעפְּרֶעגְט בְּלֵייבֶּן ווִירְד אֵיין גַאנְצֶעס יָאהְר דִיא אֶמֶתְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס עֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם גְזֶען הָאט, אָבֶּער

ווער

וֶוער פִּיְעל פֶּעלְדֶר אוּנ וֵויינְגֶערְטִין בֶּזִיצְט. זָא דַאס זֵייטֶע אֵיינְקִינְפְּטֶען גְרֵייכֶען בִּיז צְוָואנְצִיג טוֹזֶענְד, אוּנ וֵויל אֵיין זָאלְכֶע סוֹמַא אִיזְט שָׁאהְן מֶעהְר גְפֶערְלִיךְ דַאס דֶער אֵייגֶענְטִימֶער שְׁטָאלְץ אוּנ הוֹכְמוּטְה הָאבִּין זָאל, אוּנ דַאדוּרְךְ דִיא פָּארשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה גְרִינְג צוּ שֶׁעצִין, דַארִיבֶּר הָאט דִיא תּוֹרָה גְבָּאטֶן דַאס עֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם פַּרוֵוילֶן מוּז בִּיז עָר פוּן זֵיין גְרָאסֶעס קַאפִּיטַאל דֶען צֶעהְנְט פַרְצֶערְט, דַארוּם מוּס עֶר שָׁאהְן פַרוֵוילְן פִילֶע חֳדָשִׁים דַאמִיט דִיא צוּזַאמֶנְקוּנְפְט מִיט דִיא צַדִיקִים אוּנ דַאס בֵּייוָואנֶן תּוֹרָה לִשְׁמָה לֶערְנִין אוּנ מִיט פֵּייֶערִיגֶע אֶמְתְדִיגֶע יִרְאָה אִיהְרֶע מִצְוֹת מְקַיֵים זֵיין, דִיא גַאנְצֶע לַאנְגֶע צֵייט בֵּייא אִיהְם וִוירְקֶען זָאל דַאס עֶס אִין זֵיין הֶערְץ אֵיינְגֶעפְּרֶעגְט זֵיין זָאל, אוּנ דֶער וָואס זֵיין רֵייכְטוּהְם נָאךְ גְרֶעסֶר אִיזְט, וָואס זֵיינֶע אֵיינְקִינְפְטֶן פוּן שְׁנִיט אוּנ וֵויין לֶעזְען גְרֵייכֶען בִּיז מֵאָה אֶלֶף אוּנ דַאדוּרְךְ מֶעהְר עָלוּל אִיזְט צוּ פַרְגֶעסִין אַן הַשֵׁי"ת אוּנ פוּן זֵיין תּוֹרָה אוֹיס צוּ טְרֶעטִין, דַארִיבֶּר הָאט דִיא תּוֹרָה גְבָּאטֶן דַאס עֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם פַרְצֶעהְרִין מוּס זֵיין צֶעהְנְט אוּנ דַאדוּרְךְ דַאס גְרֶעסְטֶע טְהֵייל פוּן יָאהר אִין יְרוּשָׁלַיִם פַרוֵוילֶן מוּס.

דֶער תַּכְלִית צְוֶועק פוּן דִיא אָבִּיגֶע רֵייד פִיר דִיא הֵייטִיגֶע צֵייט, דַא מִיר נָאךְ לֵיידֶער קֵיין מִקְדָשׁ אוּנ יְרוּשָׁלַיִם בְּבִנְיָנָהּ הָאבִּין, אִיזְט וֶוען הַשֵׁי"ת אֵיין מֶענְשִׁין מִיט רֵייכְטוּם בֶּעגְלִיקְט וָוא עֶר דַאדוּרְךְ פַרְגֶעסִן קָאן דִיא יִדִישְׁקֵייט גֶענוֹיא טְרֵייא צוּ בְּלֵייבֶּן, אִיזְט דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט דַאס עֶר זִיךְ זֶעהְר אָפְט בַּהֶעפְטִין זָאל צוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס אֶמֶתְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע יִידֶען זִינְד, אוּנ וִויא גְרֶעסֶר זֵיין עֲשִׁירוּת אִיז וִויא מֶעהְר אִיזְט עֶר שׁוּלְדִיג זָאלְכֶעס צוּ טוּהְן (אָבֶּער נִיכְט וִויא לֵיידֶר מַאנְכֶע עֲשִׁירִים פוּן דֶען הֵייטִיגֶן דוֹר וָואס אִיהְר פִיהרוּנְג אִיזְט דַאס זִיא אוֹיגֶן הָאבִּין אוּנ זֶעהְן נִיכְט, אִין אַנְפַאנְג פוּן אִיהְרֶע יְמֵי הַצְלָחָה וָואהְר אִיהְר הִתְנַהֲגוּת טֶעגְלִיךְ עֶטְוָואס צוּ לֶערְנִין אוּנ זִיךְ צוּ בַּהֶעפְטִין צוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ צַדִיקִים, אוּנ אִיהְר הוֹיז וָואהְר אָפֶען דַאס בֵּייא אִיהְנֶן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִין קְוַואטִיר זֵיין זָאלִין, פוּן

דיזע

דיזע צייט אבער דאס זיך איהר רייכטום זעהר פרגרעסרט אונ פרמעהרט האט, בעשטרעבן זיא זיך נור פיהלע גשעפטין צו אונטרנעהמין אונ האבין גאנץ אויף גהערט תורה צו לערנין, אונ שעהמין זיך שאן זיך צו בהעפטין אן תלמידי חכמים צדיקים, וועהע איהנן, וועהע איהרע נשמה, דא איהר הערץ פרשטאקט אונ פרשמירט איזט ניכט צו פרשטעהן דאס זאלכעס רייכטום דען איינגענטימר צו זיין אונגליק איזט) אונ דאן קאן ער פרזיכערט זיין ניכט נור דאס איהם זיין שלוה ווירד גורם זיין ניכט פון דיא תורה אוים צו טרעטין, זאנדערין ער ווירד זוכה זיין צו דען פסוק (ואתם הדבקים בד' אלקיכם חיים כולכם היום).

# שאלה מג

ווען יידישע קינדר, זיך פרגעסין האבין דען וועג פון דיא תורה גענוי צו בעפאלגין, וועגין דאס זיא זיך ערוועקין זאלין, אב קיין אנדערער וועג פרהאנדן איזט נור דורך יסורים אונ צרות אדער ניכט.

**תשובה** נור דאמאלס ווען זיא קיינע אמתדיגע פיהרער האבן, אדר זיא זינד פעראכט אין איהרע אויגן דאס דאדורך איהרע רייד פון תוכחה קיינעווירקונג מאכין קענין, מוז דיא ווירקונג פון תשובה דאמאלס דורך יסורים גשעהן, ווען אבר דאס דור אמתדיגע פיהרער האט, אונ זיא בייא איהנען גשעצט זינד, אונ איהרע תוכחה רייד בייא איהנען טייער זינד, אונ אין גראסן ווערט שטעהן דאמאלס איזט ניכט נאטהוועגדיג דאס יסורים קאמן, וייל ער איהנען זאלכע פארטרעגע אונ דברי תוכחה זאגט וואס עס זינד יוצאים מן הלב וואס קיין אנדרע אינטרעסע דאבייא פערמישט איזט, נור וועגין השי"ת אונ זיין תורה אליין, אונ דאדורך זיא דען קראפט האבן אין איהרע הערצר איינצודרינגן, אונ דאבייא ערזאינערטע ער אויך איהנן דאס ווען זיא איהרע פרשטאקטע הערצר אויף רייסן וערדן מיט תשובה אונ אלע איהרע שלעכטע פיהרונג אוים בעסרן,

דַאדוּרְךְ וֶוערְדֶן זִיא אִיהְרֶע קְלֵיידֶער נִיכְט רֵייסֶן מִיסֶן וֶועגֶן אִיהְרֶע קִינְדֶער דַאס זִיא שְׁטֶערְבֶּן אוּנ דֶער גְלֵייכֶן דִבְרֵי כִּבּוּשִׁים אֵיינְדְרִינְגֶענְדֶע רֵייד אַזוֹי אִיזְט יַא קֵיין צְוֵוייפֶל דַאס דִיא אַלֶע צוּהֶערֶער אֵיין צִיטֶערִין אוּנ אֵיין שְׁרֶעקִין עֶרְגְרֵייפְט אִין אַלֶע אִיהְרֶע גְלִידֶער אוּנ וֵויינֶען פָאר השי״ת אוּנ זִינְד מִתְחַרֵט אוֹיף אִיהְרֶע עֲבֵירוֹת אוּנ מַאכֶן זִיךְ אֵיין אֶמֶתְדִיגֶעס פָארְגֶעהְמֶן פוּן נוּן אַן מִיט אַלֶען מֶעגְלִיכְן דִיא הֵיילִיגֶע פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה נָאךְ צוּ פָאלְגְן.

וֵוייל דֶער עֶרְלִיכֶר מַנְהִיג קָאן פַּרְאוּרְזַאכֶן דַאס זַיין גַאנְצֶעס דוֹר נוּר אִין יִידִישֶׁן וֶועג גֶעהְן זָאל, דַארִיבֶּר בַּשְׁטְרֶעבֶּן זִיךְ דִיא כּוֹפְרִים אוּנ אַפִּיקוֹרְסִים (וָואס אִיהְר צִיעל אִיזְט דִיא תּוֹרָה אוּנ יִידִישֶׁע פִירוּנְג אוֹיס צוּ רֵייסֶן, דַא זִיא שְׁלוּחִים פוּן סִטְרָא אַחֲרָא זִינְד) אִין מַאנְכֶע עֶרְטֶער צוּ פֶּרְאַכְטְן זָאלְכֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס אֶמֶתְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע יִידֶן זִינְד, אוּנ דֶען אֶמֶת צוּ פַּרְקְלֶענֶרְן אוּנ צוּ עֶרְנִידֶרִיגֶן, אוּנ גֶעהְמֶן זִיךְ מִיט אָבְּזִיכְט נוּר אֵיין זָאלְכֶן פִירֶער *) דֶער קֵיין מַאכְט אִין תּוֹרָה אוּנ קֵיין רוּף אִין יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט, אוּם דַאדוּרְךְ צוּ בְּעוִוירְקֶן דַאס דִיא שְׁמִירוֹת הַתּוֹרָה נָאךְ אוּנ נָאךְ אוֹיפְהֶערִין זָאל, אוּנ דַאן אַלֶע פֶרְבָּאט פוּן דִיא תּוֹרָה טוּהְן צוּ קֶענִין נָאךְ אֵיינֶענְן וָואוּנְטְשׁ אָהְנֶע דִיא גְרִינְגְסְטֶע הִינְדֶערוּנְג, וֵוייל יֶעצְט מֶעהְר קֵיין תּוֹכָחוֹת אֶמֶת גִיהֶערְט וִוירְד.

דאריבער

---

*) גִידֶענְקֶע נוּר דִיא צֵייטֶן פוּן (יִרְמְיָה הַנָּבִיא) וָואס זִיךְ אֵייעֶרֶע פָאר עֶלְטֶערִין הָאבִּין זִיךְ גֶעגִין אִיהְם וִוידֶר זֶעצְט, אוּנ הָאבֶּן זַיין תּוֹכָחָה נִיכְט נָאךְ פָאלְגֶן וָואלִין, אוּנ הָאבִּין אוֹיף דֵךְ גְנָאמֶן נְבִיאֵי שָׁוְא שְׁלֶעכְטֶע מַנְהִיגִים פִיהְרֶער אוּנ הָאבִּין פֶּערַאכְט דִיא אֶמֶתְדִיגֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְוִיא פִיל צָרוֹת זִיא הָאבִּין דֶעסְטְוֶועגְן מִיסֶען לֵיידֶען, אוּד דִיא עֲבֵירָה הָאט אִיהְנֶן פֶּרְאוּרְזַאכְט דַאס זִיא פוּן אִיהְר לַאנְד פֶּערְטְרִיבֶּן זִינְד וָוארְדֶן, אוּנ זִינְד גְבְּלִיבֶּן בַּאקִיט אוּנ אָרִים, אוּנ אִיהְרֶע קִינְדֶער וְנָארְדֶן גְפַאנְגֶן, דַארִיבֶּר גֶעבִּירְט זִיךְ דַאס אִיהְר אֵייךְ אֵיין מוּסָר גֶעמִין אַלְט, אוּנ זָאלְט נִיכְט אוֹיף אֵייךְ אוּנ אוֹיף אֵייעֶרֶע קִינְדֶער פַּראוּרְזַאכֶן צָרוֹת צוּ לֵיידֶען, אוּנ דֶער וָואס זֶעצְט אֵיין מַנְהִיג וָואס נִיכְט רָאוּי אִיזְט, אִיזְט

אזוי

דאריבער קאמע איך אייך צו ווארהנען דאס איהר ניכט גלויבען זאלט דאס שאן דיא וועלט פרייא איזט פון דיא אויפזיכט פון השי״ת, דען באמת בייא השי״ת קאן נימאהל איין ענדערונג איינטרעטען, אונ צו יעדין צייטאלטער האט ער איין אפענעס אויג אויף איין יעדן מענשן איהם צו בעלאהנען אונ צו בשטראפן כרמעג זיינע פיהרונג, אונ פאר איהם איזט קיין ריקזיכט פערהאנדן פיר דען רייכען געגן דען ארמען.

אונ ווען אויך דאס איהר רייכטום נאך אזוי גראס איזט דענאך דערפין זיא זיך ניכט וועגן דען דאס גרינגסטע ערלויבען פון דיא תורה אויס צו טרעטען, זאנדערן זיא זינד געצוואונגען זיך צו אונטערוואכען צו אלע מצות דיא געבאהטע פון דיא הייליגע תורה, אונ זיא האבען קיין אנדרע צו פלוכט נור זיך. צו אונטערגעבען צו דיא פארשריפט פון דיא תורה איהרע פרבאטע געגזי נאך צו פאלגען.

אונ ווען עס איהנען נאך אזוי שוועהר איזט, מיסן דאך איהרע נשים אם שטרענגסטען דת משה בעאבאכטען דאס זיא גענויא היטען זאלן דיא מצות פון נדה אונ טבילה, ווייל דער עונש אויף דען פירכטערליך איזט, מיט דען ווארט (הכרת תכרת הנפש ההיא) דאס דיא נשמה פון דען איבערטרעטער פון דען עץ החיים פרשניטען ווירד, ערירים יהיו ערירים ימותו, אונ דאס זיא דאדורך קינדערלאז זיין ווערדען.

אונ ווען אויך דאס איהרע געשעפטען נאך אזוי גראס זינד ווייל איהר רייכטום אונגעהייער איזט דאס איהרער געלד רייץ איהנען פרבליינט דאס זיא בענעהטיגען דען שבת צו דיא וואכענטיגע צו הילף צו געהמין, מיסן זיא דאך זיך אונטערווערפען צו דיא פארשריפט פון דיא תורה דיא איהנען געביטען אונ בפעהלען טוהט איהרע אלע געשעפטען אם שבת צו שפערין אונ צו שליסין, מיט דיא התראה וואהרנונג דאס דער איבערטרעטער אהנע אויסנאהמע איינסט פון דען אברלאנדעס געריכט אויף יעדע צווייא בוכשטאבען דיא אין קאנטור,

שְׁרייבְּשְׁטוּבֶּן גְּשְׁרִיבֶּן וִוירְד מִיט אֵיין מִיתָה פוּן סְקִילָה ֶפרַאוּרְטֵיילְט אוּנ בַּשְׁטְרָאפְט צוּ וֶוערְדִין (וָוא דָארְט ַקיינֶע לָאזְקוֹיפוּנְג אוּנ ַקיין בַּשְׁטֶעכוּנְג אוּנ ַקיין ֶרעקוּרְז מַאכֶן פַּרהַאנְדֶן אִיזְט).

וִויא אוֹיךְ פוּן דֶען וָואס דִיא תּוֹרָה בֶּפָאהְלֶן הָאט דַאס מַאן זִיךְ נִיכְט ֶפרָאוּנרֵיינִיגֶען זָאל מִיט דִיא גֶעוִויסֶע פַּרְבָּאטֶענֶע שְׁפֵּייזֶען, אִיזְט קֵיינֶער אוֹיס גְשְׁלָאסֶן, וֶוען זִיא אוֹיךְ נָאךְ אַזוֹי ֵרייךְ זִינְד, אוּנ וֶוען זִיא אוֹיךְ בָּאךְ אַזוֹי גֶעוִוירְדִיגְט זִינְד פוּן פִיהְלֶע ֶקענִיגֶע דַאס זִיא פוּן אִיהְנֶן מִיט דִיא אוֹיסְגֶצֵייכֶענְטֶע מֶדַאלְיֶען בֶּעֶהרְט וָוארְדֶען דָס אַלֶעס אִיזְט אִיהְנֶן אוּנְנִיצְלִיךְ דַאס זִיא פְּרֵייא ֵזיין זָאלְן פוּן דִיא מִצְוֹת פוּן דִיא תּוֹרָה פוּן דִיא זִיא דֶען שְׁטְרֶענְגְסְטִין אוֹיפְטְרַאג הָאבֶּן דַאס זִיא מִיסֶן נוּר פְלֵייש קוֹיפֶן פוּן דִיא כָּשֵׁרִי בַּאנְק ״)

אוּנ וֶוען אוֹיךְ דָאס אִיהְר גְלִיק אַזוֹי גִינְסְטִיג אִיזְט דַאס זִיא בֵּייא דֶען ַקייזְער אִין אַזוֹי גְרָאסֶען וֶועדְרְט שְׁטֶעהְן דַאס זִיא פוּן אִיהְם גֶעוִוירְדִיגְט וָוארְדִין זִינְד מִיט דֶען נָאמֶען רִיטֶער, בַּארָאן, גְרַאף, דֶענָאךְ ֶקענֶן זִיא זִיךְ נִיכְט אוֹיף זָאלְכֶעס דַאס גְרִינְגְסְטֶע שְׁטִיצֶען זִיךְ צוּ ֶערְלוֹיבִּין ֶעטְוָואס פוּן דִיא תּוֹרָה אוֹיס צוּ טְרֶעטִין, דֶען צוּר צֵייט וֶוען אִיהְר שְׁטֶערְבּ טָאג ָקאמְט דַאס זִיא נוּר אִין דִיא גְרִיבּ גֶעוָוארְפֶען וֶוערְדִין אוּנ ֶערד אִיהְנֶן בַּדֶעקְט, אוּנ מִיסֶען ֶרעכֶענְשַׁאפְט אוֹיף אִיהְרֶע פִיהְרוּנג אִין הִיעֶנְזִיכְט יִדִישְׁקֵייט גֶעבֶּן אוּנ זִינְד אָהְנְגֶבְּרֵייט אוֹיף פִינְסְטֶערֶע

---

אַזוֹ אַלְס ֶער מֶעכְט פְּלַאנְצִין אֵיין אֲשֵׁירָה צוּ דִיא ֲעבוֹדָה זָרָה, אוּנ ֶעס וִוירְד שָׁאן ָקאמִין אֵיינֶע צֵייט וִויא השי״ת פִּירְכְטֶערְלִיךְ בֶּעשְׁטְרָאפֶן וִוירְד דִיא יֶענִיגֶע דִיא אִיהְם גֶזֶעצְט הָאבִּין.

״) וֶוען אוֹיךְ דַאס זָאלְכֶעס אֵיין גְרָאסֶע הֶערְץ ְקרֶענְקוּנג אִיזְט, וֵוייל מַאנְכֶע זֶעהְר ֵרייךְ זִינְד אוּנ פִילֶע זָאלְכֶע גִיטֶער בֶּעזִיצֶען וָוא דָארְט גְרָאסֶע וַואלְדוּנְגֶען זִינְד, אוּנ פִילֶע פְערשִׁידֶענֶע טְהִירֶע זִיךְ דָארְט אוֹף הַאלְטֶען, אוּנ אַין גֶעוִויסֶע צֵייטֶן אִין גֶזֶעלְשַׁאפְט פוּן גְרָאסֶע הֶערִין אֵיין אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְגְס ַיאגְד מַאכִין, דַאס וֶוען זִיא אוֹיךְ בֶּעגְלֵיקֶען אוּנ ֵאיין וִוילְדְפֶּרֶעט צוּ ֶערְפֶּעכְטֶען, זָאלִין זִיא זֶעלְבְּסְט נִיכְט גְענִיסֶן דַאפָאן ֶקענִין.

זיא

פינסטערע פירכטערליכע עונשים, וואס פיר איין געוויכט, וואס פיר איין ווערט האבין דארט זאלכע טיטלען זיא בשיצן צו קענין, אונ זעלבסט אויף דיזע וועלט ווען דיא צייט קאמין ווא דורך צוואנציג ערדבעבען, אונ פינפצעהן טעגע פון פינסטערניש, אונ פון פרפעסטעטע לופט, וויא אלע רשעים פון דיא ערד וועג גישאפט ווערדין, וועלכע הילף קענין זיא דאמאהל פון זאלכע טיטלין ערווארטין. ״)

# שאלה מד

זאג מיר וויא נאטהווענדיג אונ ניצליך פיר דען דור איזט דאס זיא אמתדיגע פיהרער האבין זאלין.

**תשובה** ווייל דער נחת רוח פון השי״ת איזט ווען זיינע קינדער דען וועג פון דיא תורה טרייא נאך פאלגין אונ זאלכעס בייא איהם טייערער איזט אלם העטין זיא מקריב געוועזין קרבנות, ווייל זיא דאדורך דען גראסין שכר פון עולם הבא זיך פרדינט מאכין אונ השי״ת ווייל ער איהר טרייער פאטער איזט, איזט זיך משמח דאס ער איהנין זאלכים געבין קענע, אונ נאך מעהר ווייל דורך דען ווען זיא דיא היילינע מצות געניי נאך פאלגין אונ גיבן זיך אם שטרענגסטן אכט צוריק צו האלטין פון דיא פרבאטענע ל״ת פראורזאכין זיא דאמיט איהרין גוף צו היילינין אונ צו רייניגין, אונ צו

״) זיא זאלין זיך אבער ניכט אירען ווייל זיא זעהן פאר אויגן אין פילע געגענדין וויא דיא יידישקייט גשוועכט ווירד אונ דיא צייט ריקט נעהער אונ נעהער דאס דיא רעליגיאנס פרייהייט בייא אלע לאנדטעגע גזעצליך ערקאנט ווירד ווא דאמאהלס דער קיום התורה אונ מצות זעהר גשוואכט זיין ווירד, אונ דאדורך ווירד איהנען אויף מיר איין וואונדער נעמין וויא קאן איך געגין איהנן אזו שטרענג אויף טרעטין מיט זאלכע פייער פלאמענדע תוכחה רייד - דאריבר מאכע איך איהנן צו וויסן דאס דיא אלע יעניגע דיא זאלכע מוטמאסונגן האבין, אונ דענקין, פיל מער גאר זאגין, דאס זיך דיא היילינע תורה אויף לעזין ווירד — דאס דיא יעניגע אלע שוטים אונ טפשים זינד, דען נור זאלכע

פארשריפט

צוּ טֶעסְטֶעלִירִין, אוּן אִיהְם אוֹיף אַזוֹי מַדְרֵיגָה צוּ בְּרִינְגֶן דַאס אֵיין יֶעדֶר יוּד פַּרְדִינְט גִירוּפִין צוּ וֶוערְדִין מְקַדֵשׁ ה׳, דַאס דִיא שְׁכִינָה אוֹיף אִיהְם רוּהֶען זָאל. נוּר וַוייל מִיר לֵיידֶר נִיכְט אִין אוּנְזֶערִין הֵיילִיגִין לַאנְד וָואהנִין, זִינְד מִיר זֶעהְר צוּרִיק גְגַאנְגֶן אוּן פִיל עֶרְנִידֶרִיגְט אוּן פֶּרְאָרִימְט אִין הִינְזִיכְט דִיא לִיעֶב צוּ הַשִׁי״ת אוּן צוּ זַיין תּוֹרָה, דַא מִיר זִינְד גְצְוָואוּנְגִין אוּנְזֶערֶע פַּרְנָסָה צוּ זוּכֶן מִיט מִיהֶע אוּן פַּרְשִׁידֶענֶע פְּלָאג, אוּן צְוִוישִׁין פַּרְשִׁידִינֶע מֶענְשִׁין פוּן אַלֶערְלֵייא קְלַאסִין וָואס דַאדוּרְךְ דִיא עֲבוֹדַת ד׳ אִין אֵיכוּת זֶעהְר פַּרְקְלֶענֶערְט אוּן פֶּרְוֶוענִיגֶערְט ווִירְד, וַוייל דוּרְךְ דִיא פִילֶע צְערְשְׁטְרֵייאוּנְגֶן ווִירְד דֶער שֵׂכֶל פַּרְמִישְׁט אוּן דִיא אַהֲבַת ה׳ גְשְׁוַואכְט אוּן דַאדוּרְךְ (שָׁמֵם בֵּית מִקְדָשֵׁינוּ) דַאס מִקְדָשׁ וָואס מִיר הֶעטִין אוֹיף רִיכְטֶען קָאנֶן דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶוען מִיר הֶעטִין דִיא זְכִיָה גְהַאט זִיא גְהֶערִיג אוּן וִויא זִיךְ גֶבִּיהְרְט מְקַיֵים צוּ זַיין, אִיזְט לֵיידֶער פַּרְוִויסְט, דֶען וָואס פִיר אֵיין פְּרַאכְט, וָואס פִיר אֵיין שָׁאנְהֵייט קָאן אֵיין זָאלְכִים שְׁלָאס אוּן פַּלַאסט הָאבֶּן וֶוען דִיא מַאטֶרִיאַלִין דַאפוּן זִינְד פוּן אֵיינֶן שְׁלֶעכְטֶן שְׁטָאף, וִויא אוֹיךְ גֶעמֵיין צוּ גֶערִיכְט אוּן אַהֶער גְשְׁטֶעלְט וָוארְדִין אַזוֹי דַאס אוּנְז זָאלְכֶעס צוּ פַרְצְוֵוייפֶל בְּרִינְגֶן קָאן. – אָבֶּר אֵיין הָאפֶענוּנְג אִיזְט נָאךְ, וָואס מִיר בֵּייא דֶען אַלֶען דְרוּק אוּן פְּלָאג דָאךְ זוֹכֶה זַיין קָאנֶן גָדוֹל יִהְיֶה כְּבוֹד הַבַּיִת הָאַחֲרוֹן, דַאס אוּנְזֶער מִקְדָשׁ הֶערְלִיךְ פַּרְצִיעֶרְט אוּן

אהער

---

פָארשְׁרִיפְט אוּן גְזֶעצֶע דִיא מֶענְשִׁין גֶעגְרִינְדֶעט הָאבִּין, וַוייל אִיהְרֶע גְרִינְדֶער פֶערְגֶענְגְלִיךְ וָואהְרִין אוּן פֶערגַאנְגִין זִינְד, וֶוערְדִין אִיהְרֶע גְזֶעצֶע אוֹיךְ פֶרְגֶעהְן, אָבֶּער אוּנְזֶרֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דִיא פוּן הַשִׁי״ת גְגֶעבִּין אִיזְט, אַזוֹ וִויא עֶר אִיזְט אֵימֶער אוּן עֶוִויג, אַזוֹ אִיזְט זַיין תּוֹרָה, וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט וּדְבַר אֱלֹקֵינוּ יָקוּם לְעוֹלָם, אוּן נִיכְט נוּר דַאס זִיא אֵימֶער בְּלֵייבֶּן ווִירְד, זָאנְדֶערִין דַאס דֶער קֶרֶן הַתּוֹרָה ווִירְד נָאךְ עֶרְהוֹיבֶּן וֶוערְדִין אַזוֹ ווִייט דַאס מִיר הָאפִין בַּאלְד דִיא צֵייט צוּ עֶרְלֶעבִּין וִויא אַלֶע פֶעלְקֶר אִין דִיא וֶועלְט אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דִיא דֶער וַואהְרֶער אֱמֶת אִיזְט עֶרְקֶענִין וֶוערְדִין׳ אוּן זִיךְ צוּ אִיהְר אוּנְטֶרְוֶוערְפֶן וִויא אוּנְזֶרֶע נְבִיאִים אוֹיף פִילֶע שְׁטֶעלִין אוּנְז פֶרזִיכֶערְט הָאבִּין.

אהער געריכט זיין ווירד, נעמליך ווען אונזער דור דאס גליק האט דאס זיא תלמידי חכמים צדיקי אמת פיר מנהיגים האבן ווערדין דאס פון זאלכע איהר נאנצר וואונטש אונ לוסט אונ בשטרעבן נור איז יידישע קינדר צו ערוועקין אונ צו ערוואכן פון איהרן שלאף דאס זיא גענזי אונ פינקטליך דיא פארשריפט פון דיא הייליגע תורה נאך פאלגן זאלן אונ טוהן זיא מיט אלען מעגליכין אונטרווייזען דען וועג וואס זיא געהן זאלן, אונ פון וועלכען זיא זיך צוריק האלטין מיסען, אונ זיא טוהן זיא אויך ווארנין דאס זיא ניכט טרעהג אונ פויל זיין זאלין אונ דיא מצוה וואס מאן קאן שאהן מקיים זיין ניכט צו פערשיבען אויף איין שפעטערע צייט, וויא אויך טוהן זיא זיא ערוועקן מיט פיינע זיסע אנגענעהמע תוכחה רעד דאס זיא אן איהרע פערפלאסענע יאהר וואס זיא מיט פיעל פעלער בעפלעקט האבן ניכט פערגעסן זאלן, זאנדערין זיא זאלן זיך בשטרעבן מיט איהרע אלע קרעפטן אוים צו בעסערין, מיט דעם ווארט, ווייל ווען מאן אין דען גוטען וועג געהט, טוהט מאן עס נור פיר זיך, אונ וייל אונזער לעבן אויף דיזע וועלט איז נור וויא איין שאטן דער באלד פערייבר געהט דאריבר קאן מאן ניכט זאגן איך וועדע זאלכעס אין איין אנדערע צייט טוהן.

נון דא מיר באמת אהער קאמן פון איין זאלכע ווארצעל אונ פון איין זאלכען גרונד וואס איין זרע קודש מצבתה גרופן ווירד, דאס מיר דיא קינדר פון אברהם זינד וואס ער גערימט איזט ומצאת את לבבו נאמן, דאס זיין הערץ טרייא צו השי״ת וואהר (אזו פאלט יא דער אפפעל ניכט וייט פון דעם בוים דאס נאך באמת אויך אין איהרין הערץ דיא אמונה איינגעווארצילט איזט) נור וועגין דיא פילע טרדות אונ צרות אונ דאגות, איזט דיא אהבת ה׳ פרלאשין אונ דיא אמונה גשוואכט אונ פרמישט, אבר ווען מאן הערט זאלכע אמתדיגע תוכחה רעד וואס אהער קאמן פון איין ריינעם כשר הערץ, האבן זיא דען כח דורך צו בוירען אינ פארט צו שניידען דאס פערשטאקטע

הערץ

הֶערְץ, דַאס זִיא זִינְד גוֹרֵם דַאס דָאס וֶועניגֶע פֵייֶער וָואס נָאךְ אִין אִיהָר הֶערְץ גְלִימְט צוּ אַהֲבַת ה׳ וִוירְד פַרגְרֶעסֶערְט אוּנ פַרְמֶערְט, בִּיז עֶס אִין פְלַאמֶען אִיבֶּער גֶעהְט, אַזוֹי וֵוייט דַאס זִיא אוֹיף אַזוֹי שְׁטַאנְד קָאמְן דַאס זִיא אַלֵיין פַרְשְׁטֶעהְן וָואס זִיא זִיךְ גֶעטוּהְן הָאבֶּן מִיט דֶען דַאס זִיא דִיא יִידִישְׁקֵייט פַרנַאכְלֶעסִיגְט הָאבֶּן, אוּנ גֶעמַן זִיךְ זָאלְכֶעס צוּם הֶערְצֶן בִּיז דַאס זִיא וֵויינֶענד מִתְחָרֵט זִינְד, אוּנ מַאכֶן זִיךְ אֵיין שְׁטַארְקֶעס פֶעסְטֶעס פָארְנֶעמֶן אִיהֶרֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּנְסְצֵייט גֶענוֹי אִין דֶען וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה צוּ גֶעהְן, אוּנ וֶוען אוֹיךְ דַאס זִיא גֶעמֵיין אוּנ אָרִים זִינְד אוּנ פִיהְלֶע זַאכֶן פוּן עֲנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶּה בֶּעגֶעטִינֶן, דֶענֶנָאךְ בְּרִינְגְט זִיא דַאס פֵייֶער פוּן דֶען אֱמֶת וָואס אִין אִיהְר הֶערְצֶן בְּרֶענְט, דַאצוּ (דַאס אִיהְר גְרֶעסְטֶע בַּקָּשָׁה צוּ הַשי״ת אִיז נוּר (דַאס זִיא וֵויינֶענְד מִתְפַּלֵּל זִינְד דַאס הַשי״ת אִיהְנֶן בֵּייא הִילְפִינ זֵיין זָאל דַאס זִיא פוּן נוּן אַן אֶמֶתְדִיג הַשי״ת דִינֶען קָאנֶן זָאלֶן, אוּנ זָאל זִיא פֶרְצֵייהֶען וָואס זִיא פֶרנַאכְלֶעסִינְט הָאבֶּן אִין דִיא יִידִישְׁקֵייט.

נוּן וֵוייל תְּשׁוּבָה בֵּייא הַשי״ת אִין אֵיינֶען זָאלְכֶען גְרָאסֶן טֵייֶערִן וֶוערְט שְׁטֶעהְט דַאס זִיא הָאט דֶען כֹּחַ צוּ פַרְקֶערִין אוּנ צוּ פֶרוַואנְדְלֶען דִיא פֶרפְלָאסֶענֶע עֲבֵירוֹת מִצְוֹת דַארוֹיס צוּ וֶוערְדִין, פַרְשְׁטֶעהְט זִיךְ שֶׁאהְן פוּן זֶעלְבְּסְט דַאס דִיא אַלֶע חֳרְבוֹת, אוּנ הַרִיסוֹת, אוּנ שְׁבָרִים אוּנ בְּקִיעִים, וָואס זִיךְ הָאט עֶראֵיינֶעט אִין אִיהְר מִקְדָּשׁ דַאס וֶועגֶן דֶען וָואהְר עֶס נִיכְט רָאוּי דַאס עֶס זָאל זֵיין אֵיין וָואהְנפְּלַאטְץ פִיר הַשי״ת, יֶעצְט אָבֶּר דַא זִיא זָאלְכֶעס מִיט הֵייסֶע טְרֶערִין אוֹיס גְבֶּעסֶערְט הָאבְּן, נִיכְט נוּר דַאס דִיא אַלֶע פֶעהְלֶער שֶׁאהְן אוֹיף גְהֶערְט הָאבֶּן, זָאנְדֶערִין דַאס שְׁלָאס אִיזְט אִין אֵיין זָאלְכֶע פְּרַאכְט אוּנ שָׁאנְהֵייט פִיעלְמֶער אַלְס עֶס וָואהְר פְרִיהֶער אָב עֶס אִיז חָרוּב וָוארְדֶען, נוּן וֶוער הָאט זָאלְכֶעס פְראוּהְרִיזַאכְט, נוּר דִיא מַנְהִיגֵי הָאֱמֶת, יֶעצְט קָאנְסְט דוּא פַרְשְׁטֶעהְן וַוארוּם אִיהְר וִוירְקְלִיכֶער אֶמֶתְדִיגֶר נָאמֶען אִיזְט (בָּנַיִךְ בּוֹנָיִךְ) זִיא זִינְד דֵיינֶע עֶרבּוֹיֶער דִיא דִיךְ אַהֶער גֶערִיכְט אוּנ אַהֶער גְשְׁטֶעלְט הָאבֶּן.

# שאלה מה

ווען אייער זיין אונ ריכטעט אויף דעם דור אין היינטיקט תורה לערנין אום וויא פיל עס איזט פרווענינגערט ווארדען, אין מאנכע מדינות זייט איינינגע יאהר, אונ דאס ווענינגע לערנין וואס נאך געבליבען איזט, איזט נור דיא אבזיכט צו ערלאנגען כבוד, גדולה, ועושר, אונ דער גלייכען, וואונדערט עס איהם וויא קאן מאן זיך אזו אויף איינמאל פרגעסין, דאריבער מעכטע איך גערין אויף דען איינע אויף קלערונג הערין.

**תשובה** וויל דער מנהיג איז דאס דור, וויל זיך אלעס ווענדעט אונ פירט נאך דיא פירונג פון דען מנהיג, אונ זייט דיא צייט גקאמען איזט וויא דער שקר האט זיך אין דיא וועלט פרמעהרט אונ עס זינד זאלכע פיהרער אונ וועג ווייזער ביי דעם המון עם אנגענאמען ווארדען, ווען אויך דאס זיא זעהר וייט פון וויסענשאפט פון תורה זינד, עס זייא אין נגלה אדר אין נסתר (אונ דאס פרשטעהט זיך פון זעלבסט, וויא קיין תורה איזט, דארט איזט קיין אמתדיגע יראה) אונד דער וואס זיא גענוי בטראכט אום זיא קענין צו לערנען, זינד זיא זעהר עהנליך צו דיא נביאי השקר אין חורבן בית המקדש צייטען, דאס דאס ווענינגע יראת שמים אונ מעשים טובים וואס מאן פין איהנען זעהט, איזט אויך נור פיר דען אויג אום דען המון עם צו פרפירען, דאס זיא צוא איהנען צו טרויען האבען זאלן אונ אן איהנען גלויבען זאלען – אונ וועגען איהר כבוד צו פרשטערקין אונ איהר ממשלה צו פרגרעסרין, טראכט מאן מיט אלען מעגליכען תלמידי חכמים צו פרקלענערין – תורה לערנין צו פרווייניגרן אונ דיא אמתדיגע ערליכע יידען צוריק צוזעצן – דאס מיט דער צייט דיא תורה אונ דער אמת זעהר פרווענינגערט ווירד – דען ווען דיא תורה מיט דען אמת זאלטע פרמעהרט אונ פרגרעסערט ווערדין א״נ אין טייערין ווערט שטעהן דאס איין יעדער פון דען המון עם ווענינגסטענס עטוואס איינע וויסענשאפט פון איהר האבען ווירד, מיט וואס ווערדען זיא צו דיזע

# כלל ז שאלה מה

צייט דאס דור בהערשען קענין ־ וועהע דיא אויגן וואס זאלכס מיסן זעהן, דען ניכט ניר דאס דורך איהרע שלעכטע פיהרונג וירד פראורזאכט דאס אלע בתי מדרשים וויא מאן פריהער תורה ברוב עם גלערינט האט, אונ דאס תורה לערנין זעלבסט וואר זעהר גשעצט אונ פערעהרט, הייטע לייא ניכט נור דאס תורה אזו פראכט איזט דאס זאלכע נור פיר ווינקעל שוהלן בטראכט זינד ־ זאנדרין בעונותינו הרבים גאנץ פרשלאסן אונ תורה לערנין האט אויפגיהערט ־ דען עס גיבט יא ביא דען המון עם חכמים ונבונים וואס זיך געני בטראכטן איהרע וועג אונ פיהרונג וויא איין יעדר זיך דאפון ארוים נעמן קאן דאס דער ציעל פון איהרע גאנצע פרעמינקייט איזט נור צו ערלאנגן דאדורך כבוד, גדולה, ממשלה, שררה, בזאנדערס געלד ־ דאס נור דאס דער גאנצר צוועק איזט – אונ נור וועגן דען איזט מאן שולדיג איין אקטער צו זיין זיך פרקליידען צו קענן מיט פרשידענע פרצופים לפי המקום ־ והזמן ־ בריגגט זיא זאלכעס צו אפיקורסת דאס זיא תורה לערנין גאנץ פראכטן (וייל איין יעדר פון דען המון עם קיינע טיפע איבערלעגונג האט דאס ער זאגן זאל דאס תורה לערנן פר זיך איזט זעהר אכטונג ווערט אונ טייער, נור זיא זינד בעטריגר אונ לייכטזיניגע מענשן) דארום ערלובן זיא זיך דאס זיא דען עול התורה גאנץ פון זיך אונ פון איהרע קינדר ווערפן, וייל זיא זאגן דאס קיין אמת מעהר עקסעסטירט, אינ דיא אבזיכט פון איהר לערנן איזט נור הצלחות עולם הזה דאדורך צו ערלאנגן, אונ וועגן דען איזט שאהן ביא איהנן גרינג אונ לייכט איהרע קינדר לערנן צו לאסן פרעמדע קענטניסע ווען אויך דאס זיא וויסן דאס דאדורך דיא יראת שמים אונ דיא אמונה ענטווארצעלט וירד, וייל זיא זאגן דא יענע לערנן תורה אונ דאצו דאך וויא זינד איהרע פיהרונג ־ איהרע מעשים – איהרע מדות.

נין וייל נורדער אמתדיגר אונטרריכט פון דיא תורה איין אין דען יצר הרע צו אונטערדריקן, דאריבר ווען נור דאס

דור אזוי פּראַרימט איזט דאס זיא וועניג אמתדיגע פיהרער האבען וואס זיך בּשטרעבען אונ בּמיהען תורה לערנן צו פּרמערין דען המון עם צו אונטערוויזין אין הינזיכט יידישקייט וויא וועהע איזט איין זאלכעס דור, וויל זיא צו בּטראכטען זינד וויא שאף דיא קיין היטער האבען, וויא גמיין אונ עלענד איזט איהר שטאנד, נון קאנסט דוא שליסען ווען זאלכע צייטען קאמען וויא זיא נאך טיפער געזינקען זינד דאס ניכט נור דאס זיא קיין אמתדיגע פירער האבען, זאנדערין ליידער גאר זאלכע פירער וואס איהר אבזיכט איזט דיא תורה אונ אמתדיגע יראה צו אונטערדריקען אונ דען שקר צו ערהעבען, וויא וועהע אונ אך איזט איין זאלכעס דור דאס דיא יידישע רינדער צאן קדשים וויא איין שה אובד פרלארענעס שאף צו בּטראכטען זינד, אין איין זאלכע צייט איזט נור אונזער שטיצע אויף אבינו שבשמים, דער אונז צו געזיכערט האט ווען דיא צייט קאמען ווירד דאס אזלת יד, דאמאלס ידין ה׳ עמו.

# שאלה מו

וויא ווייט דיא מצוה פון דן לכף זכות (דאס מאן איין יעדין מענשין רעכט פערטיגן זאל) געהט.

**תשובה** וויל פילע מאהל קאמט פאר דיר איין מענש וויא דו זעהסט דאס זיינע וועג אונ פירונג אונ זיינע מדות זיטען, אונ זיינע קליידונג אונ דאס גשטאלט פון זיין פנים זעהר ערוויטערט אונ פרענדרט איזט פון דיא פיהרונג אונ מדות אונ אום זעהן פון ערליכע יידישע קינדער, אונ דאריבער ווירסט דוא איהם פון דיר פרשטוסען אונ ערווייטערין וועלין, מיט דען ווארט, דוא בּיזט איין רשע, איין פושע, דאריבער פינדע איך מיך שולדיג דיר צו זאגען דאס דוא ניכט איבער איילט זיין זאלסט זאלכעס צו טוהן בּיז דוא לאנגזאם אוף איהם דיך גענוי ערקונדיגן ווירסט פון ווא ער אהער קאמט, ווער איזט זיין פאמיליע, ווער זינד זיינע עלטערין

וויא

## כלל ז שאלה מו

ווִיא אִיזְט דִיא פִּיהְרוּנְג פוּן זֵיין לַאנְד פוּן זֵיין גֶעבּוּרְטְס אָרְט, אוּנ פוּן דִיא שְׁטָאט וואָ עֶר וָואהְנְט אוּנ ווִיא דִיא מַנְהִיגִים פִּיהְרֶער דָארְט אוּים זֶעהְן, דֶען פִילֵייכְט הָאט עֶר זֵיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט קֵיין וָוארְט מוּסָר גְהֶערְט דַאס עֶר ווִיסֶן זָאל וֶועלְכֶעס דֶער דֶרֶךְ הַיָשָׁר אִיזְט ווָאס זִיךְ אֵיין מֶענְשׁ אוּים וֶועלֶען זָאל, אוּנ פוּן יוּגֶענְד אוּים הָאט עֶר נוּר גְזֶעהְן זָאלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע פִּירוּנְג פוּן דִיא אַלֶע גֶעבֶּן מֶענְשְׁן ווָאס עֶר מִיט אִיהֶנְן עֶרְווַאקְסֶן אִיזְט, נוּן ווִיא קָאן מַאן אֵיינֶן זָאלְכֶן מֶענְשֶׁן בֶּשׁוּלְדִיגֶן, עֶס אִיזְט יַא זֶעהְר לֵייכְט וֶוען דִיא אִיהְם ווִירְסְט מְקָרֵב זֵיין אוּנ מִיט ווֵייכֶע שֶׁעהֶנֶע רֵייד פַּרְמֶעהְג זֵיין פַּרְשְׁטַאנְד אִיהְם ווִיסֶן צוּ מַאכֶן אוּנ אוּיף צוּ קְלֶערִין אֵיינִיגֶע זַאכֶן פוּן דִיא תּוֹרָה ווָאס עֶר בְּנֶעטהִיגְט דַאס זִיא דַאדוּרְךְ בֵּייא אִיהְם דִיא אַהֲבַת הַשֵׁם אֵיינְוָוארְצְלֶן, זָאל, נֶעהְמְלִיךְ דַאס דוּא אִיהְם זָאגְן זָאלְסְט דַאס אֵיין בּוֹרֵא עֶקְסֶעסְטִירְט ווָאס עֶר בַּשְׁטְרָאפְט מִיט בִּיטֶערֶע עוֹנְשִׁים אוּנ בַּאלָהְנְט מִיט זָאלְכֶן שְׂכַר ווָאס אֵיין שָׁעָה פוּן דֶען פַּרְגֶענִיגֶן פוּן עוֹלָם הַבָּא אִיזְט גְרֶעסֶר אַלְס אַלֶע הַצְלָחוֹת אוּנ תַּעֲנוּגִים פוּן דִיזֶע וֶועלְט , אוּנ פָאר אִיהְם אִיזְט אֵיין יֶעדֶר גְצְווָאנְגֶן רֶעכִינְשַׁאפְט צוּ גֶעבֶּן ווִיא זֵיינֶע פִּירוּנְג אִין הִיגְזִיכְט יִידִישְׁקֵייט ווָאר, אוּנ דֶער אוּיפְזִיכְט אוּיף אֵיין יֶעדֶן מֶענְשֶׁן הָאט אוּיף אַלֶע זֵיינֶע פִּירוּנְג, אוּנ דֶער הָאט גֶגֶעבֶּן דִיא תּוֹרָה דַאס מִיר זִיא נָאךְ פָאלְגֶן זָאלֶן, אוּנ פוּן דֶען גְרָאסֶן פַּרְגֶענִיגֶן אוּיךְ דִיזֶע וֶועלְט ווָאס אֵיין מֶענְשׁ קָאן זוֹכֶה זֵיין וֶוען עֶר דִיא תּוֹרָה טְרֵייא נָאךְ פָאלְגֶן טוּהְט וֶוען זֵיין גוּף רֵיין אוּנְבַּפְלֶעקְט פוּן עוֹנוֹת אִיזְט, אוּנ דֶער גְלֵייכֶן, אוּנ וֶוען דוּא ווִירְסְט אִיהְם אוּנְטָערְרִיכְטֶן מִיט זָאלְכֶע רֵייד אֵיינִיגֶע מָאהְל, קָאן יַא זֵיין דַאס זֵיין פַּרְשְׁטָאקְטֶעס הֶערְץ אוּיף בְּלִיהֶען ווִירְד, אוּנ עֶס ווִירְד זִיךְ גְלִימֶן אוּנ צִינְדֶן אִין אִיהְם דִיא אַהֲבָה צוּ הַשִׁי״ת אוּנ צוּ זֵיין תּוֹרָה, אוּנ שְׁפֶּעטֶר הִין אוּיךְ בְּרֶענֶענְד אוּנ פְלַאמֶענְד זֵיין קָאן, דוּא הָאסְט יַא דֶען בֶּאווַייז אוּיף דֶען, פוּן פִילֶע שְׁטֶעט ווִיא דָארְט זֶעהְר פִילֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת זִינְד, אוּנ דָאךְ זִינְד זִיא פַרְזֶענְקְט אִין אִיהְרֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועג, ווִיא נוּר דִיא אָבִּיגֶע

רֵייד דִיא אוּרְזַאךְ דַאפוּן אִיזְט, צוּ מֶעהֶרֶערֶע אִיבֶּערְצֵייגוּנְג, דֶען וֶוען זִיךְ עֶרְאַייגֶענְט דַאס וֶוען אַיינֶר פוּן דִיא אֶמֶתְדִיגֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִין אִיהֶרֶע גֶעגֶענְד קָאמְט, קָאמֶן זִיא מִיט שִׂמְחָה צוּזַאמֶן אוּנ מִיט לוּסְט אוּנ גְרָאס דָארְשְׁט הֶערֶען זִיא צוּ זַיין תּוֹרָה אוּנ תּוֹכָחָה רֵייד, אוּנ דִיא רֵייד וִוירְקֶען בֵּייא אִיהְנֶען דַאס זִיא דַאדוּרְךְ פִילֶע טְרֶערִין פַרְגִיסֶען, אִיזְט יַא אִיבֶּערְוִויזֶען דַאס דִיא אַהֲבָה פוּן יִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ השי"ת אוּנ צוּ זַיין תּוֹרָה זֶעלְבְּסט אִין דֶען הַייטִיגֶען דור, וִויא אוֹיךְ אִין דִיא שְׁלֶעכְטֶעסְטֶע גֶעגֶענְדֶען נָאךְ נִיכְם פַרְלָאשֶׁען אִיזְט.

דַארִיבֶּער וֶוער זָאלְכֶּעם פַרְשְׁטֶעהְט אִיזְט שׁוּלְדִיג צוּ וֵויינֶען פַאר השי"ת דַאס עֶר דַאצוּ הֶעלְפֶען זָאל דַאס יִידִישֶׁע קִינְדֶער נִיכְט מֶעהְר כְּצֹאן בְּלֹא רוֹעֶה זַיין זָאלִין, אוּנ עֶר זָאל שָׁאפֶען מְקַיֵּים זַיין דִיא צוּזִיכֶערוּנְג וְאָשִׁיבָה שׁוֹפְטַיִךְ כְּבָרִאשׁוֹנָה, אִיךְ וֶועדֶע דִיר אֶמֶתְדִיגֶע פִירֶער זֶעצֶען וִויא אִין דִיא פְרִיהֶערִיגֶע צֵייטֶען.

# כלל ח

## שובו אלי ואשובה אליכם,

# שאלה מז

דַא אִין דִיא פְרִירִיגֶע צֵייטֶען דֶער טָאג יוֹם כִּפּוּר דֶער גְרֶעסְטֶער יוֹם טוֹב וָואר, אָבּ דִיזָעס נָאךְ הַייטֶע אִיזְט, אָדֶער נִיכְט:

**תשובה** ווייל דָאס אֶמֶתְדִיגֶע רֵייכְטוּהְם בֵּייא דֶען מֶענְשֶׁען אִיזְט נוּר וֶוען עֶר אַיין גֶווִיסֶענְס רוּהֶע הָאט, גֶעמְלִיךְ דַאס וֶוען עֶר זִיךְ בֶּערֶעכֶענְט אִין דִיא פַרְפְלָאסֶענֶע יָארֶען דִיא עֶר שָׁאן פַרלֶעבְּט הָאט וִויא זַיינֶע פִירוּנְג אִין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אִיזְט אוּנ עֶר פִינְדֶעט זִיךְ פֶעהלֶער פְרֵייא וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (כּוֹפֶר נֶפֶשׁ אִישׁ עָשְׁרוֹ) אוּנ זַיין הֶערְץ אִיזְט פָאל מִיט בְּרֶענֶענְדֶע לִיבּ צוּ השי"ת דַאס עֶר זִיךְ פְרֵייט דַאס עֶר אַיין עֶרְלִיכֶער יוּד אִיזְט אוּנ דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּ דִיא תּוֹרָה גֶענוֹי בָּאךְ פָאלְגְט, וָואס קֵיין אַנְדֶערֶע הַצְלָחָה אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט וֶוען זִיא נָאךְ אַזוֹ

גראס

## כלל ח שאלה נז

גראס איזט. דען קראפט האט דען מענשן אזו צו בגייסטערן אונ צו ערפרייען וייל אבער זעלטן איין מענש עקסעסטירט דער וואס ניכט זינדיגט, אונ דאדורך פון דיזען רייכטוהם ערוייטערט ווירד דאריבער האט השי"ת אונז געגעבן דען היילגען טאג יום כיפור וויא דאמאל דיא קרבנות האבין אויף יידען מכפר געוועזן, וויא אויך דיא בגדי כהונה, אונ דאדורך דיא ישראל ביא השי"ת בליבט ווארין, אזו וייט דאס זיא ביא איהם אלס זיינע קינדר בטראכטעט, אונ דען נאמין היליג פאלק פון איהם גערופען ווארדען:

הייטע אבער ליידר דאס מיר דיזעס אלעס פרלארן האבין, קיין בית המקדש קיין קרבנות, קיין בגדי כהונה, ווען דיא טייערע צייט דער אבענד פון כל נדרי קאמט (וויא דאמאל דיא היילגקייט פון דען טאג ווירקט דאס זעלבסט זאלכע מענשן דיא גמיין פון וויסענשאפט אונ פון דיא נידריגסטע קלאס זינד, ציטערן אונ זינד פורכטזאם פאר דען שופט כל הארץ ריכטר פון דיא גאנצע וועלט דאס איהר הערץ דאמאלס וינשט דאס זיא זיך בדענקן זאלין איהרע פעלר אום צו בעסערן) ווייניג כנסת ישראל עלענד אונ יעמרליך וויל מיר הייטע ליידר פון אלע פריריגע כפרות זעהר ארים אונ נאקיט זינד, דא אבר דאך טרייע יידישע קינדער צו השי"ת אין איינען יעדן דור עקסעסטירן, זא וייט דאס ווען זיא זיך פאר השי"ת שולדיג פינדען, קוועהלט איהנען איהר הערץ אונ זינד דאריבר זעהר בזארגט אונ טרוריג אונ זעהן מיט שמחה ענטגעגן דאס זיא דען יום כיפור ערלעבן זאלין, איזט דיא פראג ווען איהר הערץ זיא בווילגט צו השי"ת זיך צו נעהרן אונ איהרע שלעכטע מעשים אום צו בעסערן, דורך וואס קענן זיא דאצו זוכה זיין, דאס השי"ת זיא אהנעמין ווירד, אונ ניכט צוריק וויזן, זאל דען זיין דאס מיר הייטע צו טאג האפענונגס לאז זינד אונ זאלכם ניכט ערלאנגן צו קענין, חלילה וחלילה, דא דיא תורה אונז פרזיכערט (ביום הזה יכפר עליכם וכו'

וכו' וְהָיְתָה לָכֶם לְחֻקַּת עוֹלָם). דאס דיא כפרה פון דען טאג אויף יידישע קינדער אונאופהערליך איזט.

ענפערט איהנען איין בת קול זייט ניכט פרצווייפעלט, וויא אויך ניכט אונמוטהיג דען זעלבסט אין דען לעצטען צייטאלטער ווען אויך דאס מיר זעהר צוריק גגאנגען זינד אונ פילעס פרלארן האבן, אבר דאך ניכט אלעס, דען דיא טאהרן פון תשובה ניכט נור דאס זיא ניכט פרשלאסן זינד אונ שטעהן פיר איין יעדן אהנע אוים נאמע אפען זאנדערין השי"ת איזט נאך בייא הילפיג אונ אונטערשטיצט דיא יעניגע וואס תשובה טוהן ווילן דאס זיא איהר גוטעס פארנעהמן אוספיהרן, קענן זאלן דאריבר איזט נור אלעס אבהענגיג אן דען מענשין אליין, אב ער גענוג שטארק איזט געגן דען יצר הרע צו שטרייטן אונ ערנסטע תשובה טהון צו קענן געמליך דאס איין מענש זיך גוט איבר לעגן זאל (אין פרבארגענין וויא ער אונגעהינדערט איזט) דיא אלע יאהרן וואס ער שאהן פרלעבט האט וויא ער זיך העטע פיהרן זאלין אין הינזיכט יידישקייט, אונ ווען ער העטע זאלכעס געטוהן דאס ער דיא פילע לאנגע יאהרין נור דיא מצות פון דיא תורה טרייא נאך גפאלגט וויא וויט וויא גראס העטע גוועזין זיין מדריגה, וויא וויט, דאס דער פסוק פרזיכערט כל שתה תחת רגליו דאס אלע ברואים גשעפטע פון אלע וועלטין מיסן אונטערטעהניג זיין דען צדיק וואס השי"ת באמת דיגען טוהט אונ זיין שכר אויף דיא עוויגע וועלט העטע גוועזין אונענדליך גראס.

ליידער אבר דא ער פון דיא וועג דער תורה אויס גטרעטין איזט אונ נאך דאצו זאלכעס פערדאפעלט אונ פערדאפעלט פילע לאנגע יאהרן, אזו איזט ער דאדורך זעהר ערנידריגט אונ גשטירצט, אזו וייט דאס דיא חיות אונ בהמות אונ שרצים אוף איהם הערשן, אונ נאך מעהר דאס ער בייא זיין אב לעבין בייא דען גראסען יום הדין צו ערווארטן האט פינסטערע ביטערע גראסע עונשים, ווען

זיך

זיך איין מענש מיט זיינע אויגען פון שבל זאלכעס לאנגזאם אונ ניט איבער לעגט וויא ער אליין האט זיך נורם געוועזין זיך צו שטירצן פון איין זעהר הויכעס שלאס אין איינע טיפע גרובען, אזו פראורזאכט דאס בייא איהם דאס זיין הערץ וועגין גראס צער, ניכט נור צעבראכען, זאנדערין צערשמעטערט אין איהם ווירד, אונ איזט זעהר איבערדריסיג איבער זיך אליין דאס ער זיין גוואנט צערייסט, אונ פליקט זיך זיינע האר, אונ פרשלט זיין געבורסט טאג, מיט דען ווארט, דא מיר מיין מוטהווילינגעס הערץ זאלכעס שלעכטעס צו נצאגן אונ גטוהן האט, וואס מיר מיין נרעסטער פיינד ניכט העטע טוהן קענין, אונ זיינע אויגען גיסען הייסען טרערין מיט גראסע חרטה וואס ער טוהט בריייהען זיינע מעשים רעים, אונ מאכט זיך איין שטארקעס פארגעהמן זיינע גאנצע וייטערע לעבנסצייט נור אין דען וועג פון דיא פארשריפט פון דיא היילינגע תורה צו געהן, נון דא השי״ת דיא הערצר פריפט אונ פאר איהם קיין חנף קאמין קאן (געמליך איין מענש וויא דאס הערץ מיט דען מויל ניכט איינשטימיג איזט) איזט יא קיין צווייפעל דאס השי״ת צו איהם זאגין ווירד, (שלום שלום לרחוק ולקרוב אמר ה׳ ורפאתיו), דען דיא היילינגע גמרא זאגט דאס ווען איינער אמתדיג תשובה טוהט שרייבט איהם השי״ת אזו פיעל שכר צו, אלס ער העטע זיך במיהט אויף ירושלים צו געהן, אונ העטע זיך בשטרעבט דאס בית המקדש אונ מזבח אויף צו בויען, אונ העטע דארויף גבּרענגט אלע קרבנות:

איבער דען איזט נור אונזער קלאגין אן (יום כיפור) אשרי עין ראתה כל אלה, גליקליך אונ וואהל איזט געוועזין דען מענשין וואס זאלכעס (בית המקדש, מזבח קרבנות, בגדי כהונה), אויגען שיינליך גזעהן האט, ווייל דער מענש האט איין שמחה אונ פרייד זאלכעס מיט דען (עין גשמיי) צו זעהן, וואס מיר הייטע ליידער נאך ניכט דיא זכייה האבין, אבער אין הינזיכט פון דיא ווירקונג פעהלט אונז ניכט דען דיא אמתדיגע תשובה איזט איין ערזאטץ פיר דען אלען:

שאלה

אָבּ פַּרְנָסָה פֶערְלַאנְגֶען מִיט תְּשׁוּבָה אֵיינֶע פֶערבִּינְדוּנְג הָאט, אָדֶער נִיכט.

# שאלה מח

**תשובה** דַא השי״ת אִין דִיא וֶועלְט פִיערֶערְלֵייא גַאטוּנְגֶען עֶרשַׁאפִין הָאט וָואס אֵיין יֶעדֶע גַאטוּנְג מֶעהְר חֲשִׁיבוּת הָאט אוּנ טֵייעֶרֶר אַלְס דִיא אַנְדֶערֶע אִיזְט, נֶעמְלִיךְ דִיא עֶרְשְׁטֶע אִיז „דוֹמֵם״ דִיא עֶרְד מִיט אַלֶערְלֵייא מֶעטַאהְל אוּנ פֵיינֶע שְׁטֵיינֶער וָואס זִיךְ אִין אִיהְר בֶּעפִינְדֶען. דִיא צְוֵוייטֶע אִיז „צוֹמֵחַ״ אַלֶעס גֶעווֶעקְס, דִיא דְרִיטֶע אִיזְט „חַי״ אַלֶע דִיא וָואס עֶס הָאבִּין אֵיין לֶעבֶּנְס גֵייסְט, דִיא פִירְטֶע אִיזְט „מְדַבֵּר״ דֶער מֶענְשׁ דֶען וָואס השי״ת הָאט צוּ גֶעטֵיילְט דַאס עֶר רֶעדִין קָאן אוּנ פַּרְשְׁטַאנְד בֶּעזִיצְט נוּן וֵוייל אֵיין יֶעדֶע זַאכֶע וָואס אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט עֶקְסְעסְטִירְט אִיז נוּר אוֹיס דִיזֶען גְרוּנְד אַהֶער גִשְׁטֶעלְט וָוארְדֶען דַאס זִיא זִיךְ בֶּשְׁטְרֶעבִּין זָאל אִין אֵיין הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה צוּ קָאמִין, דַארִיבֶּר אִיז דֶער גַאנְצֶער וָואוּנְטְשׁ אוּנ ווִילֶען פוּן דִיא עֶרד, דַאס זִיא דֶען צוֹמֵחַ גֶעווֶעקְס מִיט אַלֶע אִירֶע קְרֶעפְּטִין אוּנ זֶעפְטִין פְרֵייא גֶעבִּיג אוּנְטֶערְשְׁטִיצֶען זָאל, וֵוייל זִיא דַאדוּרְךְ אִין אֵיין הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה קָאמְט פוּן דוֹמֵם אִין צוֹמֵחַ פֶרְוַואנְדֶעלְט ווִירְד, אַזוֹ אוֹיךְ דַאס צוֹמֵחַ גְוֶועקְס גִיבְּט זִיךְ גֶערְן הִיעֶן פִיר דֶען חַי דַאס עֶר עֶס אוֹיף פֶרֶעסִין אוּנ פַרְצֶערִין זָאל דַאמִיט דַאס עֶס דַאדוּרְךְ אִין אֵיינֶע הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה קָאמִין זָאל פוּן צוֹמֵחַ אִין חַי פֶרְוַואנְדֶעלְט צוּ וֶוערִדִין אַזוֹי אוֹיךְ דֶער חַי גִיבְּט זִיךְ הִיעֶן מִיט זֵיינֶע גַאנְצֶע צוּ פְרִידֶעןהֵייט דַאס דֶער מֶענְשׁ וָואס אֵיין מְדַבֵּר אִיזְט, דַאס עֶר אִיהְם שֶׁחְטֶן זָאל אוּנ עֶסִין וֵוייל דוּרְךְ דֶען ווִירְד דֶער צִיעֶל פוּן זֵיינֶען לֶעבִּין אוֹיס גֶעפִירְט אוּנ פַּרְפֶערְטִיגְט דַאס עֶר פוּן דִיא מַדְרֵיגָה פוּן חַי, אִין דִיא מַדְרֵיגָה פוּן מְדַבֵּר קָאמְט.

# כלל ח שאלה מח

נון דא דער מענש פארציגליכער איזט אלס דאס צומח אונ חי העטע זיך יא געביהרט וועניגסטענס דאס ער ניכט פון איהנען צוריק געזעצט זיין זאל נעמליך אזו וויא דאס חי פרלעבט זיינע יאהר אהנע קוממער אונ זארג וויל זיין קאסט אונ שפייז דאס גיוועקס ירק, עשב, איבעראל היענלענגליך גענוג איזט, אזו העטע אויך איין יושר גיוועזין דאס דער מענש זיין פרנסה אהנע מיהע אונ פלאג ערלאנגען זאל, דאס עס אבער ניכט אזו איזט, איזט דיא אורזאך דאפון וויל ווען דער מענש פון דען וועג פון דיא הייליגע פארשריפט דער תורה אויס טרעטין טוהט, דאן ניכט נור דאס ער געגין דען צומח אונ חי קיין פארצוג האט אונ קיין העכערע מדריגה איזט, אלס זיא, זאנדערין נאך נידריגער, דאריבער ווינשען זיא ניכט זיך היען צו געבין דאס ער זיא פערצעהרין זאל, אבער דאס צומח אין דען חי ווירד פרהעכרט אונ פרגרעסרט, דארום איזט דיא קאסט פון דען חי אהנע זארג.

נון וועגן דיזע אויפקלערונג איזט איינע גראסע שולדיגקייט ווען איין מענש צו השי"ת מתפלל איזט וועגין פרנסה דאס ער ערשט אויף זיך אונ אויף זיינע פיהרונג אין הינזיכט יידישקייט איינע גענויע בטראכטונג ריכטען זאל, דאס ער זיינע פעהלער מיט אלען מעגליכען אום בעסערט אונ דאן דא ער שאן איין מדבר וויא זיך געביהרט זיין ווירד (נעהמליך דאס זיין מדריגה באמת העכר זיין ווירד אלס דאס צומח או חי) קאן ער פרלאנגן פון השי"ת איהם פרנסה צו געבין אויף איינע לייכטע ארט וויל ער שאן פון נון אן זיך אליין קיין צוריק האלט פעראורזאכט:

# כלל ח

## שלום רב לאוהבי תורתך ובו ז שו"ת

**שאלה מו** זאג מיר וויא ווייט געהט דער ווערט אונ דאס חשיבות פון דיא מצוה אין תלמידי חכמים זיך צו בהעפטן אונ זיא צו אונטערשטיצן · וויא אוך דען טעם דאפאן ·

**תשובה** דיא גמרא זאגט ווען איינר ברינגט איין דורון געשענק צו איין תלמיד חכם · איזט זאלכעס אזוי טייער אונ געאכט ביא השם יתברך אלס העטע ער ביכורים אין בית המקדש געברענגט · אונ ווען איינר אין זיין הויז דען תלמיד חכם אין קוואטיער נימט · איז זיין שכר אלס העטע ער דאס קרבן פון תמיד מקריב גוועזן א) אונ ווען איינר אונטערשטיצט דען תלמיד חכם דאס ער דאדורך

---

א) אין דיא צייטן וואס יידישע קינדר האבן דיא זכייה געהאט דאס זיא געזעהן האבן דאס בית המקדש ערבויעט אונ דאס מאן מעגליך דארט קרבנות מקריב איזט וואס דאדורך דיא שטאט ירושלים אהנגערופען וואורדן איזט משוש כל הארץ דיא פרייד פון דיא גאנצע וועלט (וייל דאס גרעסטע רייכטוהם אונ שמחה פון דען ערליכען מענשן איזט ווען ער איין געוויסענס רוהע האט · געהמליך ווען ער זיך בערעכענט זעהט ער דאס ער פעהלער פרייא איזט) ווייל דאס קרבן תמיד פון צו פריא האט מכפר געוועזן אוף דיא עבירות פון ביא נאכט · אונ דאס קרבן וואס מאן אבענד האט מקריב געוועזן · האט מכפר געוועזן אויף דיא עבירות פון ביא טאג · אונ דאביא זינד בעטייליגט געוועזן כל ישראל ווייל זיא שקלים דאצו געגעבן האבן · הייטע אבר ליידער דאס מיר זאלכעס פרלארען האבן · איזט דער ערזאץ דאפון דיא תלמידי חכמים אין איין יעדע שטאט וואס זיך בעמיהען אונ פלאגן נור תורה לשמה צו לערנען וועגען יראת שמים צו ערדייכען · איזט זאלכעס ביא השי"ת אזו חשוב אונ אזו טייער אלס העטען זיא קרבנות אונ קטורת מקריב געוועזן · נון ברינגט יא דער ריינער פערשטאנד מיט דאס זאלכע קצינים וואס זאלכע אונטערשטיצונג געבן דאס זיא דורך איהנען תורה לערנען קענען זאלן · דאס זאלכעס פיר איהנען איין כפרה איזט אלס דיא שקלים אין בית המקדש צייטן · דארום זאלען זיא זעהן אלעס מעגליכע צו טוהן ארמע תלמידי חכמים צו אונטערשטיצען דאס זיא דורך איהרע אונטערשטיצונג זעהר ווייט אין דיא השגות התורה קאמן קענען זאלען · ואז בעולם הבא חלק כחלק יאכלו ·

# כלל ח שאלה מו

דאדורך מיט ווענינער מיהע זיין הויז מפרנס זיין קאן אונ זיין גשעפט בעסער בטרייבן קאן [אונ דאדורך מעהר צייט געווינט תורה צו לערנן] איז ער זוכה דאס ער איינסט אין די ישיבה של מעלה זיצן וויר. דאס מאן איהם דארט ווירד בשענקן איינע השגה אין די תורה צו האבן. ווען אויך דאס אויף דיזער וועלט וואהר ער פרעמד אונ ערווייטערט פון דער וויסענשאפט דער תורה א) אונ דאס איינענע תבלין וואס דער תלמיד חכם איז זוכה דאס ער דורך תורה לערנן דען קראפט האט דען יצה״ר אונ די ליידענשאפטן צו אונטערדריקן איזט דאצו אויך זוכה דער יעניגר וואס תלמידי חכמים אונטערשטיצט נן דא די אוים געצייכענטע שאלה וואס השם יתברך פון יורען פרלאנגט

---

א) די גמרא זאגט אזו גוט ווי איינע מצוה איזט תוכחה צו זאגען ווען ער פרשטעהט דאס זיינע רייד ווערדן ביי די צוהערער איינע ווירקונג מאכן. אזו איזט איינע מצוה דאס ער שווייגען זאל אונ ניכט מוכיח זיין ווען ער מוטהמאסונג האט דאס זיינע רייד ביי איהנען ניכט טייער זינד אונ דאס מאן איהם ניכט נאך פאלגן וויר. אונ וויל דער פסוק זאגט חכמת המסכן בזויה די חכמה פון דען ארמען איזט פעראכט. ודבריו אינן נשמעים. אונ זיינע תוכחה רייד ווערדן ניכט געהערט. דאריבר איזט איינע בעזאנדרע שולדיגקייט אויף די קצינים וואס יראת שמים בעזיצען. דאס זיא איהרע תלמידי חכמים פיהל מעהר דען רב ומנהיג פון איהרען ארט רייכליך פרפלעגען זאלען דאס ער זיין הויז בכבוד פיהרן קענען זאל. דען ווען ניכט זא ווערדן ביים יום הדין די אלע הריסות התורה די פארשריפט דער תורה פערקירצט אונ ניכט נאך געפאלגט וויר. וואס אין דען דור געשעהן. ווירד השי״ת איהנען דארויף אויף פאדערן. ניכט די תלמידי חכמים. ניכט די עוברי עבירה. וויל השי״ת זאגען ווירד ווען זיא העטען דען גלאנץ פון די תורה ערהויבן דורך איהרע ברייטע אונטערשטיצונג. אזו העטע דער תלמיד חכם מעהר מאכט אונ כח געהאט די וועלט צו אונטערווייזען אונ מוכיח צו זיין. וויל דמאהל העטן זיינע תוכחה רייד ביי די צוהערער אין איינען טייערן ווערט געוועהזן. נון זאלכע קצינים אונ אזו שטאט וואס דיזעם געהעריג נאך פאלגט. איזט זכות רבים תלוי בהם. די אלע גוטע מעשים וואס דער תלמיד חכם דאדורך מעהר טוהן קאן ווירד איהנען צו געשריבן. ווי אויך דאדורך דאס דער המון עם זעהט דאס דאס תורה לערנען טייער אונ געשעצט איזט בעשטרעבן זיך פיהלע עלטערן איהרע קינדער נור צו תורה לערנען צו ערציהען. ווי אויך איהרע טעכטער צו געבען צו לומדי תורה אונ זיא צו אונטערשטיצן מיט אלען מעגליכן אונ דאדורך דער קרן פון די תורה פערהערליכט אונ פרגרעסערט וויר.

פרלאנגט איזט. כי אם ליראה. און דאס מאן צו דען זאל זוכה זיין מוס מאן אימר ווערענד אויף דען קריגספוס שטעהן צו שטרייטען מיט דעם יצה״ר. און דאס מאן דען זיעג דאפון טראגן זאל איזט זעהר שווער. נור ווען מאן זיך אן תורה לערנן בהעפט. דאס אבר קאן יא לייהדר ניכט איין יעדר טוהן. דארום וויא געבירט זיך דאס מאן מיט שמחה תלמידי חכמים אונטרשטיצן זאל דאס ער דאדורך געווינן זאל דאס תבלין פון דער תורה צו ערייכן און צו זיין איין גבור הכובש את יצרו. און דיא אלע נחמות און שלות וואס אונזרע נביאים האבן אונז פרזיכערט וואס יידען ווערדן זוכה זיין אין דיא צייטן פון משיח איזט גרעסטן טייל נור פיר דיא יעניגע וואס תורה לערנן אכטן און שעצן און תלמידי חכמים אונטרשטיצנג געבן ד).

און

ד) ווען אויך דאס ער אונטרשטיצט זיין איידעם אדער אנדערע פריינד און גיבט איהנען איהר גאנצען הויז ברויך דאס זיא זאלן קענען תורה לערנען. ווע״דעט זיך אבער דאך זעהר פיהל דאראן אב ער עס מיט איין גוטעם אויג. מיט איין פרייא געביגעם הערץ זאלכעס גיבט. אדער ניכט — דען ווען דער תלמיד חכם זעהט דאס מאן זאלכעס טוהט מיט איין מיסגינסטיגעם אויג און דאס מאן תמיד בערעכענט וויא פיהל הוצאות דאס ער וועגען איהם מאכן מוז. און זאגאר צעהלט זיינע קינדער. און זאגט אויך פיהל מאהל אויף מיר ליגט דער גאנצר לאסט — וויא לאנג נאך — און ער זאלכעס הערען מוז. וויא טרוריג איזט זיין הערץ דאס השי״ת אויף איהם זאלכעס גוזר האט געוועזן. דס ער געניסן מוז לחם רע עין זאלכע מיסגינסטיגע קאסט. און דאדורך ווייל ער זעהר אונמוטהיג איזט. ווירד פערארזאכט דאס זיין דיהנסט צו השי״ת און תורה לערנען אין איינע זעהר קליינע מדריגה איזט. ניכט נור ניכט פייעריג און מיט שמחה. זאנדערן זעהר קאלט און פערשלאפן.

אבר מעכט ער שכל האבן און הערר אין זיין הויז זיין. און איבער זיין רייכטום זעלבסט צו שאפן האבן. אזו מעכטע ער זיך אנגרעסט פיהרן. ווייל דער חובת הלבבות) זאגט. עס געבירט זיך דאס דער אמתדיגער ערליכער ייד דער וואס עס ווינשט דען ווילען פון השי״ת גאנץ פעהלער פרייא צו טוהן. דאס ער זיך זאל נעהמן איין ראיה און מוסר פון דען רשע (וויא ער זיך פירט ווען ער איינע עבירה וויל טוהן וואס ער צו איהר גראם לוסט האט. דס ער זיך בשטרעבט זאלכעס צו טוהן גאנץ פייעריג ניכט פערשלאפן. גאנץ פריש איילענד ניכט טרעג און פויל. וויא אוך איזט בייא איהם קיין צוריק האלט ווען עס נאך אזו פיל געלד קאסט. דאמיט ער זאל זיא נור טוהן קענן אוף דיא פיינסטע בעסטע ארט) דאס ער זיך אזו פיהרן זאל ווען ער דיא מצות פון השי״ת וויל מקיים זיין.

# כלל ח שאלה מו

און דער טעם פון דיזע מצוה. וועהע גענוי נאך אין (עת לעשות חלק א׳ דף עט פ׳ פא). און לעזע זאלכם איינינע מאהל דאמיט דיזע אויף קלערונג אין דיין הערץ איינגעפרעגט בלייבן זאל דאס דוא זיא וועהרענד דיינע גאנצע לעבענסצייט ניכט פערגעסן זאלסט. אבער ניכט וויא מאנכע אין דען הייטיגן דור דיא איין פערשטאקטעם הערץ האבן וואס אירע גאנצע אבזיכט נור איזט צו איין צדיק צו געהן דאס זיא איהנן מיט איהר תפלה משתדל זיין זאלן ביים השם יתברך פרנסה. און כבוד. און דער גלייכן פון עניני עוה״ז צו ערלאנגן. און וויל דער כבוד התורה און דיא אמתדיגע יראת שמים זעהר געזונקן איז. און ביא איהנן אין קליינען ווערט שטעהט

אזו

---

נון עפנע דיינע אויגן און בטראכט דיר פילע עשירים דיא דיא קינדער פון איהרע פריינד אונטערשטיצן דאס זיא פרעמדע קענטניסע לערנן זאלן · רפואה · ארצנייא · תכונה אסטראנאמיע · שטערן קונסט · לשונות העמים · דאס זיא אין פילע שפראכן קינדיג זיין זאלן און דער גלייכן · און שיקען זיא וועגן דען אין זאלכע שטעט אין זעהר ווייטע לענדער וועלן אוך דאס דיא שפעזן פון קאסט · און קליידונג · קוואטיר · פון פילע יאהרן אונגעהייער גראס זינד · דענאך ווערדן זיא ניכט מיהד · און דאן ווען דיא צייט קאמט דאס זיא (רעגראזאס) מאכן זאלן · און זיא דעם דיפלאם ערלאנגן · אונטערשטיצן זיא זיא נאך ווייטער מיט פילע קאסטן · וויל זיא מיינן און גלובן דאס ווער זאלכע קענטניסע ערלאנגט איזט ער שאן געזיכערט זיינע גאנצע לעבענסצייט גליקליך צו זיין · ווען אוך דאס זיא גוט וויסען און מיט איהרע אויגן זעהן דאס זיא אוף דיא אלע גראסע שפעזען קיין שכר בעולם הבא צו ערווארטן האבן · וויל דיא אלע יעניגע וואס זאלכע קענטניסע לערנן זינד כופרים און זיין פון זיך פורק דיא גאנצע יידישקייט ·

נון וואס איזט ערסט שולדיג צו טוהן דער ערליכער יוד · וויא פיל און וויא וייט זאל איהם זיין הערץ בעווילינן נאך אזו פיל הוצאות צו מאכן זיינע ארמע פריינד צו אונטערשטיצן דאס זיא תלמידי חכמים צדיקים זיין זאלן · וואס ער דורך דען צו ערווארטן האט דען גראסן אונענדליכן שכר בעולם הבא · פיל מעהר דא דאס קינד האט דען כח זיין פאטער מזכה צו זיין · און דער תלמיד זיין רבי · און דער יתום זיין ערציהפאטער · דאס ער דאדורך האפען קאן דאס ער וועגן איהר תורה און מעשים טובים וואס זיא איהר גאנצעס לעבענסצייט זיך בעשעפטיגן · ער דורך איהנען זעהר וייט און זעהר גראס ערהאבן און געווירדיגט ווערדן וירד בעולם הבא · וויל נור ער דאס איהנן פערארזאכט האט · וויא אוך מיט גראס שמחה וחדוה און מיט איין עין טובה זאלכעס צו טוהן ·

אזוי בעלאהנט עס יא ניכט בייא איהנן דיא מידע דאס זיא וועגן השגות התורה אונ יראת שמים צו ערלאנגן צו איין צדיק געהן זאלן . וויא נארן זינד זאלכע . וויא אירן זיא זיך . דען נור צו ערלאנגן תורה אונ יראת שמים וייל זאלכעס פון השי״ת ניכט נגזר בעשטימט אונ אוים גזעצט אוף דען מענשן איז אונ נור אבהענגיג איזט אן דען מענשענם פליים אונ בשטרעבן . וויל איין יעדר האט דיא בחירה דען פרייען וועג וועלכן ער זיך וועהלן זאל . דאריבר איזט זעהר נאטהווענדיג דאס ער זיך פיהלמאהל צו צדיקים בהעפטן זאל וועגן דרייא טעמים . ערשטענס . דאס ער זיך איהרע מעשים טובים איינען מאכן זאל . צווייטענס . דאס זיא איהנן מיט איהרע אויף קלערונג איינע טובה טוהן קאנן דאס דאדורך אירע אהבה אונ יראת שמים צו השי״ת פרגרעסערט ווערן זאל . דריטענס . דאס זיא איהנן דורך איהרע תפילות בייא הילפיג זיין זאלן צו ווירקן בייא השי״ת דאס זיא אין היניזיכט תורה אונ יראה צו איין העכערע מדריגה אונ השגה גדולה קאמן זאלן . אבר זאלכע זאכן וואס עולם הזה בעריהרט . גליק . רייכטוהם . געזונד . כבוד . גדולה . אונ דער גלייכן . דא דיזעס אלעס באלד בייא דען מענשעם ערשאפונג נגזר בשטימט ווירד פון השי״ת אויף וועלכע ארט ער זיינע זיבציג יאהר פרלעבן מוס . נון וואס ניצט איהם זיינע רייזע צו צדיקים . דען איז אוף איהם בעשטימט דאס ער איין עושר זיין זאל . זא ווירד יא געוויס השי״ת זיין ווארט איינטרעפן אונ זיך בשעטיגן . וועהן ער אויך ניכט צו דען צדיק געהט (א) . איז אבר איהם בשטימט א־מוטה . וואס ווירד איהם דער צדיק העלפן קאנן [ווען אויך דאס מיר געפינן דאס דער צדיק בייא

השי״י

---

(א עס קאן אוך אבר דער פאל זיין דאס אוף איהם איזט נגזר ווארדן רייך צו זיין נור וייל ער אין שלעכטן וועג געהט . (רועה זונות . מחלל שבת . גזל גוי . וישראל). אין דער גלייכן . דאדורך האט ער זיך אליין פעראורזאכט דאס ער אין ארמוטה לעבן מוס . דארום ווען דער צדיק איהם אוף זאלכעס ערינערט אונ ערוועקט דאס ער זיינע פיהרונג אוים בעסערן זאל . אונ נור פינקטליך פון נון אן דען וועג דיא פארשריפט פון דיא תורה נאך צו פאלגן . דאן איזט זעהר לייכט דאס ער דורך דיא נסיעה געהאלפן זיין ווירד ־ זאלכע בייד זיין אבער אויסר דיא מאדע —

# כלל ח שאלה מו מז

השי"ת אין גראסן ווערט שטעהט דאס ער כח האט זיין גזירה מבטל צו זיין · דאס איזט נור איין זעלטענהייט · אבער ניכט אלטעגליך אונ אויך נור ווען דער צדיק איינזעהט דען חומר הנושא [דיא וויכטיגקייט פון דעם געגענשטאנד דאס דיא זאך פֿערדינט אונ בענעטיגט דאס מאן זאל וועגן איהר זיך מתאמץ בתפלה זיין · אדר דיא צייט ערפֿאָדערט עס דאס מאן דיא גזירה זאל זעהן מבטל צו זיין] ״ ־־

## שאלה מז

זאג מיר איין אויפֿקלעהרונג אויף דען דין (יו"ד סימן רמ"ו סעיף ז') דאס דער עושר קאן זיך נור דורך זיין געלד שאפֿען דען זכות פון תורה לערנן ווען ער דאמיט תלמידי חכמים אונטערשטיצט ווען ער דען נאמען שותף האט · אבער ניכט מיט דען נאמן קונה · .

## תשובה

אום דיר זאלכעם פֿערשטעהן צו געבן דאס דוא עס דייטליך בגרייפֿן זאלסט · פֿינדע איך מיך בענעהטיגט דיר פֿריהער איין משל ביישפּיל צו זאגן · עס טרעפֿט זיך זעהר אפֿט ביי פֿילע מענשן דאס זיא גראס רייכטהם האבן · אבער זיא זינד ניכט קינדיג אונ געאיבט געשעפֿטן צו מאכן · זיא פֿערשטעהן קיינע סחורות פּראָדוקטן · וויא אויך איהר גוף איזט ניכט געאייגענט דאצו דאס זיא זאלן זיך פּלאגן דיא וועלט צו בערייזן וועגן האנדעל · עס זינד אבער אויך פֿילע מענשן דיא גראסע סוחרים זינד · טעהטיג אונ פֿלייסיג אונ פֿערשטעהן אללערלייא גאטונגן סחורה · נור דאס געלד פעהלט איהנן דאס זיא געמיין אונ ארים זינד · דאס זאלכע צווייא זיך איינר דען אנדרן · דיא האנד געבן צוזאמן געשעפֿטן צו פֿיהרן · אונ דער געווין וואס זיך ערייגענן ווירד · גלייך צו טיילן · נור איין תנאי בדינגונג נימט זיך דער סוחר מיט דען עושר אויס · דאס ער אויף זיך נעמן זאל איהם אימער אזו פֿיל געלד אהער שטרעקן צו קענן וויפֿיל נור זיין געשעפֿט ערפֿאָדערן ווירד ווערענד דיא גאנצע צייט פון דען שותּפות וואס זיא זיך צוזאמן אין געשעפֿט פֿערבינדן · וויל ער זאגט דא איך דורך מיין פֿלייס אונ וויסענשאפֿט אין אללערליי סחורות אזו ניט איין חבר בין אלם דוא דורך דיין געלד · אונ פֿון מיינער זייט איזט קיין צוריק האלט זעהר פֿילע געשעפֿטן צו אונטערנעהמן · אונ וויא

מעהר דאס מאז דאנדעלט יעמעהר דאס דיא ברכה אונ הצלחה דאדורך ענטשטעהן קענן . אונ דער עושר האט אוף זיך זאלכעס מקבל גוועזן —

וויא אבר גקאמן איזט סוף פון דען זאמער וויא ער האט פיעל געלד בנעטיגט וייל דאמאל דיא צייט מעהר געאייגענט איזט פילערלייא גשעפטן צו מאכן [לעמער וואל . וואקם שיער . קוקורוץ אונ דער גלייכן ] אזו האט דר עושר זיין ווארט איהם נאך וואונטש געלד צו געבן . ניכט האלטן קענן . זא האט דער סוחר וויינענד געשריגן דאס ער איהם זעהר פיל שאדען פראורזאכט . וייל ער זעהט זיך יעצט זעהר פיעל פרדיגען צו קענן . אונ וויא עס איזט גקאמן צו דיא שלום רעכונג סוף יאהר . וואר דער ריוח לערך מאה אלף . זא האט דער שותף דער עושר לויט פרטראג דיא העלפטע גנעמן וואלן . אזו האט דער סוחר העני יעמערליך געשריען אונ גוויינט מיט דען ווארט וויא קאנסט דוא איין זאלכם פאלשעס געוויסן האבן איינע זאלכע נידערטרעכטיקייט צו טוהן . דא דוא בייא דיר זעלבסט וייסט ווען דוא העסט דיינע פרזיכערונג ווירקליך גהאלטן מיר גענוג געלד אהער שטרעקן צו קענן . העטע דער ריוח אוף מיין טייל אליין זיין קענן לערך ק"ן אלף . אונ דא דוא נור אליין דיא שולד ביזט מיינע גשעפטן צו פרווענגרן . ניכט גענוג דאס דוא האסט מיר מפסיד גיוועזן חמשים אלף . ווילסט דוא נאך מיר מעהר אונרעכט טוהן פון דען וועניגן ריוח אוך דיא העלפט וועג צונעמן :

דם נמשל איזט . ווען דר עושר וום דען תלמיד חכם אונטרשטיצט גיבט איהם זאלכם גהעריג אונ ברייט אונ מיט איין פריינדליך פנים . אונ זעהט אלעס מעגליכע צו טוהן אונ בשטרעבט זיך איהם צו פרזארגן אוף איין זאלכע ארט דאס ער דאדורך דיא גרינגסטע הינדערונג ניכט האבן זאל וואס וועגן דיין זיין תורה לערנן אונ עבודה פרקירצט ווערדן קאן . אונ זאלכס טוהט ער ווערענד דיא גאנצע צייט פון זיין אונטרשטיצונג אונ דאדורך זיין תורה לערנן אונ קיום המצות וואס מיט איין פרעהליך הערץ איזט . איזט וייט טייערער אונ גרעסר אלס זאלכע תורה אונ זאלכע עבודה וום מיט צער אונ יגון ואנחה גלערנט ווירד .

ניו ווען דען יום הגמול קאמי ווירד ווא מאן איין יעדן נאך זיין

# כלל ח שאלה מז מח

פרדינסט בלאהנט . זא ווירד זיך געפינן דאס דער עושר האט אן זיין תורה אונ עבודה שותפות . אונ ווינשט פון זיין שכר טייל צו געהמן . ווייל אוף זאלכע תורה אונ עבודה דר שכר אויסערארדענטליך גראס איזט . אונ ווען שובע איזט אין עין בריה צרה בחברתה. ווען דיא יאהרן גיבענשט אונ גזעגענט זינד . אזו האט קיינער קיין שלעכטס אוינ זיין חבר צו בניידען . ווייל איין יעדר האט הינלענגליך גענוג אונ איברפלוס . דארום ווערדן זיא זיך ביידע משמח זיין ווען אוך דאס דער עושר פון זיין שכר טייל נימט ׃

אבר ווען דיא אונטערשטיצונג ווּאר נור קארג אונ גענוי . אונ אלעס נור אויף איינע מיסגינסטיגע ארט . דאמאלם ווירד דער תלמיד חכם פאר דען יוצר כל וויינענד זאגן דאס איהם דאס גרינגסטע ניכט געבירהרט . ווייל ער דורך זיין קמצנות האט איהם גורם געוועזן דאס זיין תורה אונ עבודה נור בבחינות קטנות איזט אין איין קליינן ווערט שטעהט . אונ דער וואס שופט כל הארץ איזט. ווירד ער דען קיין רעכט משפט מאכן . דארום זאגט דער (רמ״א) דאס נור דורך שותפות קאן ער זיך קופן תורה . ווייל דאמאלם האט דער תלמיד חכם דיא פרהאנד ׃

## שאלה מח

ווען איינר רייך איזט . אב איין מיטעל פערהאנדן איזט ווא ער זיך פערזיכערן אונ אסעקורירן קאן דאס ער זיינע גאנצע לעבנסצייט דאך איין ערליכער יוד זיין זאל ׃

## תשובה

פון דיא אויפקלערונג וואס איך דיר געבן ווערדע . פון דען ווירסט דוא האבן איינע תשובה אוף דיינע שאלה ׃

וויפיל זינד מיר שולדיג השי״ת צו לויבן אונ צו דאנקן . דען אויסער דען דאס ער אונז האט אויס ערוועהלט פון אנדרע פעלקר אונ האט אונז געגעבן דיא היילינע תורה וואס דורך איהר קאן זיך איין יעדר פרדינט מאכן אוף דיא קינפטיגע וועלט אזו פרגעניגן אונ נחת רוח וואס עוויג דויערט . האט ער אונז געוויזן נאך איין אנדרע ליב. דאס ער פיר אונז זארגט אונ ווינשט אונזר טובה דאס מיר זאלן ווערענד אונזר גאנצע לעבנסצייט אמתדיגע ערליכע יידען זיין . אונ פון דיא היילינע תורה ניכט דאס גרינגסטע אויס צו טרעטן . געמליך ווייל ער

אונז

אונז געגעבן האט אזו לאנד וואס זעהר געזעגנט אונ גבענשט איזט אונ איהרע איינוואהנער דאדורך אין א״ע היגזיכטן זעהר רייכליך לעבן קענן. אונ ווען ביא איין מענשן דאס גליק גראס איזט. קענן איהם דיא וואהלטעג דאצו ברינגן דאס ער אן השי״ת זיין תורה גאנץ פרגעסט. אדר וועניגסטענס עטוואס פרקירצט:

נון ווען דאס עושר אונ הצלחה פון עולם הזה וואס נור איזט איין חיי שעה איינע געוויסע צייט לאנג. טוהט איהם פעראורזאכן דאס ער דאדורך איין ביעסט אונ פערלירט זיין עושר אונ הצלחה פון עולם הבא וואס עוויג דויערט. דאמאלס ניכט נור דאס איין זאלכעס עשירות ניכט אין דען וועהרט שטעהט דאס מאן עס ניכט מקנא זיין זאל. בעניידן זאנדערן עס פערדינט גאר דאס מאן עס בדויערן זאל. מיט דיא ווארטן וועהע אזו פערשטאנד. אך אזו פרנונפט. וויא קאן מאן אזו פרנארט זיין וועגן איין פרגעניגן וואס פערגענגליך איזט אונ דויערט נור איין קורצע צייט. זאל מאן פערטוישן איין נחת רוח אונ פרגעניגן וואס עוויג דויערט (ווייל איין מענש געניינגט איזט אונ זיין נאטור איזט דאצו געאייגענט דאס ער זיך אזו פיהרט. אונ זאלכע וועג געהט. אונ זאלכע מעשים טוהט אלס דיא פיהרונג. אונ דיא וועג. אונ דיא מעשים. פון דיא מענשן מיט דיא ער אפט צוזאמענקאמט. אונ מיט איהנן אין געזעלשאפט אונ אין פערבינדונג שטעהט. אונ וויא מעהר אונ וויא לענגער דאס דיא צוזאמענקונפט דויערט. דאדורך ווירד מעהר אין זיין הערץ איינגעווארצלט איהרע פיהרונג אונ מעשים) דאריבער האט השי״ת אונז געבאטן דיא מצוה פון מעשר שני דאס איין יעדער יוד דער איין גוט בזיצער איזט. מוס דאס צעהנט פון זיין געוועקס אב שיידן. אונ מוס עס פירען אויף ירושלים אונ דארט אזוי לאנג פערווילן ביז ער זאלכעס פערצעהרט האבן ווירד. איזט דער טעם פון דיא מצוה דאס ער דאדורך דיא אמתדיגע יראת שמים זיך איינגן מאכן זאל. דען ווייל ער ווערענד אין דיא גאנצע צייט וואס ער אין ירושלים פערווילן מוס נור פאר זיינע אויגן זעהט גראסע צדיקים דיא איהרע גאנצע בשעפטיגונג נור תורה לערנן אונ מעשים טובים צו טוהן איזט. אונ זאלכעס אויף דיא פיינע ארט. ברענענד אונ פייעריג אונ מיט גראס שמחה. דאדורך קאמט ער דאצו דאס ער אויך איין אמתדיגער ערליכער יוד זיין ווירד (ספרי) - ווייל גראס רייכטוהם פיר דען מענשן געפערליך איזט דאס ער ניכט דאדורך דיא

יידישקייט

# כלל ח שאלה מח

יידישקייט אויסטרעטן אדר שוואכן זאל. דארום איזט שולדיג דער עושר דאס ער אויף זיך גראסע אופזיכט האבן זאל אונ זיך אפט בערעכנען מוס אב זיין פירונג גענוי אונ פינקטליך אין דען וועג פון דיא תורה איזט. ווייט מעהר אלס אין דיא צייטן ווא ער גמיין אונ ארים וואר. אונ צווישן רייכטום אונ רייכטוהם איזט יא אויך איין אונטרשיד. דאריבר יעמעהר. יעגרעסר. דאס דאס עשירות איזט אונ דאדורך ער מעהר עלול פעהיג איזט צו פרגעסן דיא יידישקייט. יעמעהר דאס ער זיך אונ זיינע הויזלייטע שטערקן מוס מיט תורה לערנן אונ מיט יראת שמים דאס ביי איהנן דיא יידישקייט פעסט בלייבן זאל:

דא דיא יידישקייט איזט ביי אלע יידען צו גלייך. אלע לעגן תפילין. ווא פון קיינעם זיינע תפילין פרענדערט זינד אלס זיין חברס. אלע איין סוכה. איין אתרוג אונ דערגלייכן. נון מוס מאן פרשטעהן דא דער טעם פון מעשר שני איזט אין ירושלים צו פרוויילן איינע צייט לאנג. וועגן יראת שמים זיך איינן צו מאכן. אונ דיזעם איזט דיא שולדיגקייט פון איין יעדן יידען. ווארום פרוויילט נור דער מיטעל מאן. איינן חודש. אונ דער רייכער מעהרערע חדשים. אונ דער גאנץ רייכער דאס גרעסטע טייל פון דעם יאהר. ווארום איזט דיא מצוה אויסגעצייכענט געגן אנדערע מצות דאס זיא ניכט איין געוויסע אויסגעזעצטע צייט זיין זאל ביי אלע יידען צו גלייך. ווי לאנג דאס מאן דארט צו פרווייליין האט:

אבר וויא זים אונ וויא אנגענעהם איזט אונזער היילגע תורה. דא דער רייכער פרשטאנד מיט ברינגט דאס דיזע מצוה פון מעשר שני מוס איין אויסנאהמע זיין פון אלע מצות דאס ניכט אלע צו גלייך זיין זאלן. [אום דיר זאלכעס גיט פרשטעהן צו געבן וויל איך דיר איין משל בייששפיל ברענגן] ווען איינר זיך זיין הויז פון פייער שאדן שיטצן וויל. אזו גערט ער צו דען אגענט פון דער פייער אסעקוראציאן אונ צאהלט איהם דיא געוויסע טאקסע וויא ער בקאמט פון איהם איינע פאליצע. אסעקוראציאנסשיין. אונ ווען זיך ערייגנט דאס עס פרברענט ווירד. ווירד איהם דער גאנצר שאדן ערזעצט. אבער דיא סומא פון דיא איינצאהלונגס טאקסע איזט ניכט גלייך. דען ווען דאס הויז וואס ער זיך אסעקורירן וויל. איזט פון שטיינר געבויט.

און

און דער דאך מיט קיפר גדעקט . ווייל דאמאלס איין זעהר זעלטענר פאל איזט פון פייער בשעדיגט צו ווערדן . דארום איזט דיא איינצאלונגס טאקסע זעהר קליין און ווענינ . ווען אבר דער דאך מיט שינדלן בדעקט איזט . ווייל עס מעהר עלול איזט פון פייער בשעדיגט צו ווערדן . אזו פרשטעהט זיך פון זעלבסט דאס דיא איינצאלונגס טאקסע גרעסר איזט . און ווען דר דאך מיט שטרואה אדר ראהרן . בדעקט איזט . נאך גרעסר . פילמעהר ווען דאס גאנצע הויז פון האלץ גבויעט איזט -

דאס נמשל איזט . ווייל דיא מצוה פון מעשר שני איזט איינע שמירה איינע אסעקוראציאן צו פרזיכערן דיא יידישע הערצר דאס זיא ווערענד איהרע גאנצע לעבנסצייט דיא ליב צו השי"ת און צו זיין תורה טרייא און שטארק זיין זאל . דאריבר איזט דיא מצוה פון פרוויילן אין ירושלים ניכט גלייך . דען ווען ער ניכט רייך אין פרמעגן איזט . זאנדערן נור עטוואס פעלדר און וויינגערטן בזיצט . דאס אין איין מיטל יאהר דער גאנצר בטרעף פון זיינע איינקינפטן נור מזינד גולדן איזט . ווייל איינע זאלכע קליינע סומא . האט ניכט דען כח דאס זיא זאל ביא דען מענשן פראורזאכן דאס ער הויכמיטהיג זיין זאל און פון דיא תורה אוסצוטרעטן . דענאך ווייל זיין נעהטיגן הויז ברויך האט ער אהנע מיהע . אהנע זארג . איזט דאך מעגליך דאס ער עטוואס פרגעסן קאן . דארום האט דיא תורה איינגזעהן דאס ווען ער מיט זיינע הויזלייטע אין ירושלים פרווייולט איין חודש איזט אויך שאהן גענוג היניינצוערנד איהם צו שטערקן אין היניזיכט יידישקייט . דאס אין זיין הערץ איינגעפרעגט בלייבן ווירד איין גאנצעס יאהר דיא אמתדיגע יראת שמים וואס ער אין ירושלים גזעהן האט . אבר ווער פיעל פעלדר און וויינגערטן בזיצט . זא דאס זייגע איינקינפטען גרייכן ביז צוואנציג טויזענד . און ווייל איין זאלכע סומא איזט שאהן מעהר גפערליך דאס דער איינגענטימר שטאלץ און הוכמוטה האבן זאל . און דאדורך דיא פארשריפט פון דיא תורה גרינג צו שעצן . דאריבר האט דיא תורה גבאטן דאס ער אין ירושלים פרווייולן מוס ביז ער פון זיין גראסעס קאפיטאל דען צעהנט פרצערט . דארום מוס ער שאהן פרווייולן פילע חדשים דאמיט דיא צוזאמענקונפט מיט דיא צדיקים און דאס בייוואהנן תורה לשמה לערנן און מיט פייעריגע אמתדיגע יראה

איהרע

# כלל ח שאלה מח

איהרע מצות מקיים זיין . דיא גאנצע לאנגע צייט בייא איהם ווירקן זאל דאס עס אין זיין הערץ איינגעפרעגט זיין זאל . אונ דער וואס זיין רייכטוהם נאך גרעסער איזט . וואס זיינע איינקינפטן פון שניט אונ וויין לעזע גרייכן ביז מאה אלף אונ דאדורך מעהר עלול איזט צו פרגעסן אן השי"ת אונ פון זיין תורה אויס צו טרעטן . דאריבר האט דיא תורה גבאטן דאס ער אין ירושלים פרצעהרן מוס זיין צעהנט אונ דאדורך דאס גרעסטע טהייל פון יאהר אין ירושלים פרווילן מוס :

דער תכלית צוועק פון דיא אביגע רייד פיר דיא היימיגע צייט . דא מיר נאך ליידר קיין מקדש אונ ירושלים בבנינה האבן . איזט ווען השי"ת איין מענשן מיט רייכטום בעגליקט ווא ער דאדורך פרגעסן קאן דיא יידישקייט גענויא טרייא צו בלייבן . איזט דיא שולדיגקייט דאס ער זיך זעהר אפט . בהעפטן זאל צו תלמידי חכמים וואס אמתדיגע ערליכע יידן זינד . אונ וויא גרעסר זיין עשירות איז . וויא מעהר איזט ער שולדיג זאלכם צו טוהן [אבר ניכט וויא ליידר מאנכע עשירים פון דען היימיגן דור וואס איהר פירונג איזט דאס זיא אויגן האבן אונ זעהן ניכט . אין אנפאנג פון איהרע ימי הצלחה וואהר איהר התנהגות מעגליך עטוואס צו לערנן אונ זיך צו בהעפטן צו תלמידי חכמים אונ צדיקים . אונ איהר הויז וואהר אפען דם בייא איהגן תלמידי חכמים אין קוואטיר זיין זאלן . פון דיזע צייט אבר דאס זיך איהר רייכטום זעהר פרגרעסרט אונ פרמעהרט האט . בעשטרעבן זיא זיך נור פיהלע געשעפטן צו אונטרנעהמן . אונ האבן גאנץ אויף געהערט תורה צו לערנן . אונ שעהמן זיך שאן זיך צו בהעפטן אן תלמידי חכמים צדיקים . וועהע איהגן . וועהע איהרע נשמה . דא איהר הערץ פרשטאקט אונ פרשטירט איזט ניכט צו פרשטעהן דאס זאלכם רייכטום דעז איגענטימר צו זיין אונגליק איזט] אונ דאן קאן ער פרזיכערט זיין ניכט נור דאס איהם זיין שלוה ווירד גורם זיין ניכט פון דיא תורה אויס צו טרעטן . זאנדערן ער ווירד זוכה זיין צו דען פסוק . (ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום) .

שאלה

**שאלה מט** ווען יידישע קינדער זיך פרגעסן האבן דען וועג פון די תורה גענוי צו בעפאלגן · וועגן דאס זיא זיך ערוועקן זאלן · אב קיין אנדערער וועג פערהאנדן איזט נור דורך יסורים אונ צרות אדר ניכט ·

**תשובה** נור דאמאלס ווען זיא קיינע אמתדיגע פיהרער האבן · אדר זיא זינד פערראכט אין איהרע אויגן דאס דאדורך איהרע רייד פון תוכחה קיינע ווירקונג מאכן קענן · מוז די ווירקונג פון תשובה דאמאלס דורך יסורים געשעהן · ווען אבר דאס דור אמתדיגע פיהרער האט · אונ זיא בייא איהנען געשעצט זינד · אונ איהרע תוכחה רייד בייא איהנען טייער זינד · אונ אין גראסן ווערט שטעהן · דאמאלס איזט ניכט נאטהווענדיג דאס יסורים קאמן · ווייל ער איהנען זאלכע פארטרעגע אונ דברי תוכחה זאגט וואס עס זינד יוצאים מן הלב וואס קיין אנדרע אינטערעסע דאבייא פערמישט איזט · נור וועגן השי"ת אונ זיין תורה אליין · אונ דאדורך זיא דען קראפט האבן אין איהרע הערצער איינצודרינגן · אונ דאבייא ערזיינערטע ער אויך איהנען דאס ווען זיא איהרע פרשטאקטע הערצער אויף רייסן ווערדן מיט תשובה אונ אלע איהרע שלעכטע פיהרונג אויס בעסרן · דאדורך ווערדן זיא איהרע קליידער ניכט רייסן מיסן וועגן איהרע קינדער דאס זיא שטערבן · אונ דער גלייכן דברי כבושים איינדרינגנדע רייד · אזו איזט יא קיין צווייפל דאס די אלע צוהערער איין ציטערן אונ איין שרעקן ערגרייפט אין אלע איהרע גלידער אונ וויינן פאר השי"ת אונ זינד מתחרט אויף איהרע עבירות · אונ מאכן זיך איין אמתדיגעס פארנעהמן פון נון אן מיט אלען מעגליכן די היילגע פארשריפט פון די תורה נאך צו פאלגן ·

ווייל דער ערליכער מנהיג קאן פראורזאכן דאס זיין גאנצעס דור נור אין יידישן וועג געהן זאל · דאריבער בשטרעבן זיך די כופרים אונ אפיקורסים [וואס איהר צייל איזט די תורה אונ יידישע פירונג אויס צו רייסן · דא זיא שלוחים פון סטרא אחרא זינד] אין מאנכע ערטער צו פראכטן זאלכע תלמידי חכמים וואס אמתדיגע ערליכע יידן זינד · אונ דען אמת צו פרקלערן אונ צו ערנידריגן · אונ נעהמן זיך מיט אבזיכט נור איין זאלכן פיהרער ·) דער קיין מאכט אין תורה

אונ

·) גדענקע נור די צייטן פון (ירמיה הנביא) וואס זיך אייערע פאר עלטערן האבן

זיך

# כלל ח שאלה מט

אונ קיין רוף אין יראת שמים האט . אום דאדורך צו בעווירקן דאס דיא שמירות התורה נאך אונ נאך אויפהערן זאל . אונ דאן אלע פרבאט פון דיא תורה טוהן צו קענן נאך איינגען וואונטש אהנע דיא גרינגסטע הינדערונג . ווייל יעצט מעהר קיין תוכחות אמת געהערט וויר̈ד .

דאריבר קאמע איך אייך צו ווארנען דאס איהר ניכט גלויבן זאלט דאס שאן דיא וועלט פרייא איזט פון דיא אויפזיכט פון השי״ת . דען באמת בייא השי״ת קאן נימאהל איין ענדערונג איינטרעטן . אונ צו יעדן צייטאלטר האט ער איין אפענעם אויג אויף איין יעדן מענשן איהם צו בעלאהנן אונ צו בשטראפן פרמעג זיינע פיהרונג . אונ פאר איהם איזט קיין ריקזיכט פערהאנדן פיר דען רייכען געגן דען ארמען .

אונ ווען אויך דאס איהר רייכטום נאך אזו גראס איזט . דענאך דערפין זיא זיך ניכט וועגן דען דאס גרינגסטע ערלויבן פון דיא תורה אוים צו טרעטן . זאנדערן זיא זינד געצוואונגן זיך צו אונטרזאכן צו אלע מצות דיא געבאטע פון דיא היילגע תורה . אונ זיא האבן קיין אנדרע צו פלוכט נור זיך צו אונטרגעבן צו דיא פארשריפט פון דיא תורה איהרע פרבאטע גענויא נאך צו פאלגן .

אונ ווען עם איהנן נאך אזו שווער איזט . מיסן דאך איהרע נשים אם שטרענגסטן דת משה בעאבאכטן דאס זיא גענויא היטן זאלן דיא מצות פון נדה אונ טבילה . ווייל דער עונש אויף דען פירכטערליך איזט . מיט דען ווארט (הכרת תכרת הנפש ההיא) דאס

דיא

---

זיך געגן איהם ווידר זעצט · אונ האבן זיין תוכחה ניכט נאך פאלגן וואלען · אונ האבן אוף זיך גנאמן גביאי שוא שלעכטע מנהיגים פיהרער אונ האבן פעראכט דיא אמתדיגע תלמידי חכמים · וויא פיל צרות זיא האבן דעסטוועגן מיסען ליידען · אונ דיא עבירה האט איהנן פעראורזאכט דאס זיא פון איהר לאנד פערטריבן זינד ווארדן · אונ זינד גבליבן נאקיט אונ ארום · אונ איהרע קינדר ווארדן גפאנגן · דאריבר גבירט זיך דאס איהר אייך איין מוסר נעמן זאלט · אונ זאלט ניכט אוף אייך אונ אוף אייערע קינדר פעראורזאכן צרות צו ליידען · אונ דער וואס זעצט איין מנהיג וואס ניכט ראוי איזט · איזט אזו אלס ער מעכט פלאנצן איין אשירה צו דיא עבודה זרה · אונ עס וויר̈ד שאן קאמן איינע צייט וויא השי״ת פירכטערליך בעשטראפן ווירד דיא יעניגע דיא איהם גזעצט האבן ·

דיא נשמה פון דען איבערטרעטער פון דען עץ החיים פערשניטען ווירד. ערירים יהיו ערירים ימותו. אונ דאס זיא דאדורך קינדערלאז זיין ווערדען.

אונ ווען אויך דאס איהרע געשעפטען נאך אזו גראס זינד וויל איהר רייכטום אונגעהייער איזט דאס איהער געלד רייץ איהנען פערבלענדט דאס זיא בענעהטיגען דען שבת צו דיא וואכענטעגע צו הילף צו נעהמען. מיסען זיא דאך זיך אונטערווערפען צו דיא פארשריפט פון דיא תורה דיא איהנען געבאטען אונ בעפעהלען טוהט איהרע אלע געשעפטען אם שבת צו שפערען אונ צו שליסען. מיט דיא התראה ווארהנונג דאס דער איבערטרעטער אהנע אויסנאהמע איינסט פון דען אבערלאנדעסגעריכט אויף יעדע צוויא בייכשטאבען דיא אין קאנטור. שרייבשטובען. געשריבען ווירד. מיט איין מיתה פון סקילה פעראורטיילט אונ בעשטראפט צו ווערדען [ווא דארט קיינע לאזקויפונג אונ קיין בעשטעכונג אונ קיין רעקורז מאכען פערהאנדען איזט].

וויא אויך פון דען וואס דיא תורה בעפאהלען האט דאס מאן זיך ניכט פעראונרייניגען זאל מיט דיא געוויסע פערבאטענע שפייזען. איזט קיינער אויס געשלאסען. ווען זיא אויך נאך אזו רייך זינד. אונ ווען זיא אויך נאך אזו געווירדיגט זינד פון פיהלע קעניגע דאס זיא פון איהנען מיט דיא אויסגעצייכענטע מעדאליען בעעהרט ווארדען. דם אלעם איזט איהנען אונניצליך דאס זיא פרייא זיין זאלען פון דיא מצות פון דיא תורה פון דיא זיא דען שטרענגסטען אויפטראג האבען דאס זיא מיסען נור פלייש קויפען פון דיא כשרי באנק *).

אונ ווען אויך דאס איהר גליק אזו גינסטיג איזט דאס זיא בייא דען קייזער אין אזו גראסען ווערט שטעהען דאס זיא פון איהם געווירדיגט ווארדען זינד מיט דען נאמען ריטער. באראן. גראף. דענאך קענען זיא זיך ניכט אוף זאלכעס דאס גרינגסטע שטיצען זיך

צו

*) ווען אוך דאס זאלכעס איין גראסע הערץ קרענקונג איזט • וויל מאנכע זעהר רייך זינד אונ פילע זאלכע גיטער בעזיצען ווא דארט גראסע וואלדונגען זינד • אונ פילע פערשידענע טהירע זיך דארט אוף האלטען • אונ אין געוויסע צייטען אין געזעלשאפט פון גראסע הערן איין אונטערהאלטונגס יאגד מאכען • דאס ווען זיא אויך בעגליקן גינן איין ווילדפרעט צו ערפעכטען • זאלען זיא זעלבסט ניכט געניסען דאפאן קענן •

צו ערלויבן עטוואס פון דיא תּוֹרָה אוים צו טרעטן. דען צור צייט
ווען איהר שטערב טאג קאמט דאס זיא נור אין דיא גריב געוואָרפן
ווערדען אונ ערד איהנען בדעקט. אונ מיסן רעכענשאפט אויף איהרע
פיהרונג אין היענזיכט יידישקייט געבן. אונ זינד אהנגעבריים אויף
פינסטערע פירכטערליכע עונשים. וואס פיר איין געוויכט. וואס פיר
איין ווערט האבן דארט זאלכע מיטלען זיא בשיצן צו קענן. אונ
זעלבסט אויף דיזע וועלט ווען דיא צייט קאמן ווירד וואו דורך צוואנציג
ערדבעבען. אונ פינפצעהן טעגע פון פינסטערניש. אונ פון
פערפעסטעטע לופט. וויא אלע רשעים פון דיא ערד וועג געשאפט
ווערדן. וועלכע הילף קענען זיא דאמאהל פון זאלכע מיטלען
ערווארטן. ד)

שאלה נ זאג מיר וויא נאטווענדיג אונ גיצליך פיר דען דור איזט
דאס זיא אמתדיגע פיהרער האבן זאלן.

תשובה ווייל דער נחת רוח פון השי״ת איזט ווען זיינע קינדער
דען וועג פון דיא תּוֹרָה טרייא נאך פאלגן אונ זאלכעם
בייא

א) זיא זאלן זיך אבער ניכט אירען ווייל זיא זעהן פאר אויגן אין פילע געגענדן
וויא דיא יידישקייט געשוועכט ווירד אונ דיא צייט ריקט נעהער אונ נעהער
דאס דיא רעליגיאנס פרייהייט בייא אלע לאנדטעגע גזעצליך ערקאנט ווירד
וואו דאמאהלס דער קיום התּוֹרָה אונ מצות זעהר געשוואכט זיין ווירד. אונ
דאדורך ווירד איהנען אויף מיר איין וואונדער נעמן וויא קאן איך געגן איהנען
אזו שטרענג אויף טרעטן מיט זאלכע פייער פלאמענדע תוכחה רייד – דא ריבר
מאכע איך איהנען צו וויסן דאס דיא אלע יעניגע דיא זאלכע מוטמאסונגען
האבן. אונ דענקן. פיל מעהר גאר זאגן. דאס זיך דיא היילינע תּוֹרָה אויף
לעזן ווירד – – דאס דיא יעניגע אלע שוטים אונ טפשים זינד. דען נור זאלכע
פארשריפט אונ גזעצע דיא מענשן געגרינדעט האבן. ווייל אידרע גרינדער
פערגענגליך וואהרן אונ פערגאנגן זינד. ווערדן אידרע גזעצע אויך פערגעהן.
אבער אונזרע היילינע תּוֹרָה דיא פון השי״ת גגעבן איזט. אזו וויא ער איזט
אימער אונ עוויג. אזו איזט זיין תּוֹרָה. וויא דער פסוק זאגט ודבר אלקינו
יקום לעולם. אונ ניכט נור דאס זיא אימער בלייבן ווירד. זאנדערן דאס
דער קרן התּוֹרָה ווירד נאך ערהויבן ווערדן אזו ווייט דאס מיר האפן באלד דיא
צייט צו ערלעבן וויא אלע פעלקר אין דיא וועלט אונזרע היילינע תּוֹרָה דיא
דער וואהרע אמת איזט ערקענן ווערדן. אונ זיך צו אידר אונטערווערפן.
וויא אונזרע נביאים אוף פילע שטעלן אונז פערזיכערט האבן ...

ביא איהם טייערער איזט אלס העטן זיא מקריב געווען קרבנות • ווייל זיא דאדורך דען גראסען שכר פון עולם הבא זיך פערדינט מאכן אונ השי"ת ווייל ער איהר טרייער פאטר איזט • איזט זיך משמח דאס ער איהנן זאלכעס געבן קענע • אונ נאך מעהר ווייל דורך דען ווען זיא דיא היילגע מצות געטריי נאך פאלגען אונ גיבן זיך אם שטרענגסטן אכט צוריק צו האלטן פון דיא פערבאטענע ל"ת • פערווארזאכן זיא דאמיט איהרן גוף צו היילגן אונ צו רייניגען • אונ צו טעסטעליגען • אונ איהם אוף אזו מדריגה צו ברינגן דאס איין יעדער יוד פערדינט גרופן צו ווערדן מקדש ה' • דאס דיא שכינה אוף איהם רוהען זאל • נור ווייל מיר ליידר ניכט אין אונזערן היילגען לאנד וואהנען • זינד מיר זעהר צוריק גגאנגן אונ פיל ערנידריגט אונ פערארמט אין הינזיכט דיא ליעב צו השי"ת אונ צו זיין תורה • דא מיר זינד געצוואונגן אונזערע פרנסה צו זוכן מיט מיהע אונ פערשידענע פלאג • אונ צווישן פערשידענע מענשן פון אלערליי קלאסען וואס דאדורך דיא עבודת ד' אין איכות זעהר פערקלענערט אונ פערוועניגערט ווירד • ווייל דורך דיא פילע צערשטרייאונגען ווירד דער שכל פערמישט אונ דיא אהבת ה' געשוואכט אונ דאדורך (שמם בית מקדשינו) דאס מקדש וואס מיר העטן אוף ריכטן קאנן דורך אונזערע מעשים טובים ווען מיר העטן דיא זכיה געהאט זיא געהעריג אונ וויא זיך געבירט מקיים צו זיין • איזט ליידער פערוויסט • דען וואס פיר איין פראכט • וואס פיר איין שאנהייט קאן איין זאלכעס שלאס אונ פאלאסט האבן • ווען דיא מאטריאלען דאפון זינד פון איינן שלעכטן שטאף • וויא אוך געמיין צו געריכט אונ אהער געשטעלט ווארדן • אזו דאס אונז זאלכעס צו פערצווייפלן ברינגן קאן - אבער איין האפענונג איזט נאך • וואס מיר ביא דען אלען דרוק אונ פלאג דאך זוכה זיין קאנן גדול יהיה כבוד הבית האחרון • דאס אונזר מקדש העררליך פערציערט אונ אהער געריכט זיין ווירד • נעמליך ווען אונזר דור דאס גליק האט דאס זיא תלמידי חכמים צדיקי אמת פיר מנהיגים האבן ווערדן דאס פון זאלכע איהר גאנצער וואונטש אונ לוסט אונ בשטרעבן נור איז יידישע קינדער צו ערוועקן אונ צו ערוואכן פון איהרן שלאף דאס זיא געטריי אונ פינקטליך דיא פארשריפט פון דיא היילגע תורה נאך פאלגן זאלן • אונ טוהן זיא מיט אלען מעגליכען אונטרווייזען דען

# כלל ח שאלה ג

וועג וואס זיא געהן זאלן . אונ פון וועלכען זיא זיך צוריק האלטן מיסען . אונ זיא טוהן זיא אויך ווארנען דאס זיא ניכט טרעהג אונ פויל זיין זאלן . אונ דיא מצוה וואס מאן קאן שאהן מקיים זיין ניכט צו פערשיבען אויף איין שפעטערע צייט . וויא אויך טוהן זיא . זיא ערוועקן מיט פיינע זיסע אנגענעהמע תוכחה רעד דאס זיא אן איהרע פערפלאסענע יאהר וואס זיא מיט פיעל פעלער בעפלעקט האבן ניכט פערגעסן זאלן . זאנדערן זיא זאלן זיך בשטרעבן מיט איהרע אלע קרעפטן אום צו בעסערן . מיט דעם ווארט . ווייל ווען מאן אין דען גוטען וועג געהט . טוהט מאן עס נור פיר זיך . אונ ווייל אונזער לעבן אויף דיזע וועלט איז נור וויא איין שאטן דער באלד פאריבער געהט . דאריבער קאן מאן ניכט זאגן איך ווערדע זאלכעס אין איין אנדערע צייט טוהן .

נון דא מיר באמת אהער קאמן פון איין זאלכען ווארצעל אונ פון איין זאלכען גרונד וואס איין זרע קודש מצבתה גרופן ווירד . דאס מיר דיא קינדער פון אברהם זינד וואס ער געריהמט איזט ומצאת את לבבו נאמן . דאס זיין הערץ טרייא צו השי"ת וואהר [אזו פאלט יא דער אפפעל ניכט ווייט פון דעם בוים דאס נאך באמת אויך אין איהרן הערץ דיא אמונה איינגעווארצעלט איזט] נור ווען דיא פילע טרדות אונ צרות אונ דאגות . איזט דיא אהבת ה' פערלאשן אונ דיא אמונה גשוואכט אונ פערמישט . אבער ווען מאן הערט זאלכע אמתדיגע תוכחה רעד וואס אהער קאמן פון איין ריינעם כשר הערץ . האבן זיא דען כח דורך צו בוירען אונ פארט צו שניידן דאס פערשטאקטע הערץ . דאס זיא זינד גורם דאס דאס וועניגע פייער וואס נאך אין איהר הערץ גלימט צו אהבת ה' ווירד פערגרעסערט אונ פערמערט . ביז עס אין פלאמען איבער געהט . אזו ווייט דאס זיא אויף אזו שטאנד קאמן דאס זיא אליין פערשטעהן וואס זיא זיך געטוהן האבן מיט דען דאס זיא דיא יידישקייט פערנאכלעסיגט האבן . אונ נעמן זיך זאלכעס צום הערצן ביז דאס זיא וויינענד מתחרט זינד . אונ מאכן זיך איין שטארקעס פעסטעס פארנעמן איהרע גאנצע לעבנסצייט גענוי אין דען וועג פון דיא תורה צו געהן . אונ ווען אויך דאס זיא געמיין אונ ארים זינד אונ פיהלע זאכן פון עניני עולם הזה בענעטיגען . דענאך ברינגט זיא דאס פייער פון דען אמת וואס אין איהרי הערצן

ברענט

ברענט. דאצו [דאס איהר גרעסטע בקשה צו השי"ת איז נור] דאס זיא וויינענד מתפלל זינד דאס השי"ת איהנן בייא הילפיג זיין זאל דאס זיא פון נון אן אמתדיג השי"ת דינען קאנן זאלן. אונ זאל זיא פרצייהען וואס זיא פרנאכלעסיגט האבן אין דיא יידישקייט:

נון וועיל תשובה בייא השי"ת אין איינען זאלכען גראסן טייערן ווערט שטעהט דאס זיא האט דען כח צו פרקערן אונ צו פרוואנדלן דיא פרפלאסענע עבירות מצות דארוים צו ווערן. פרשטעהט זיך שאהן פון זעלבסט דאס דיא אלע חרבות. אונ הריסות. אונ שברים אונ בקועים. וואס זיך האט ערייגענט אין איהר מקדש דאס וועגן דען וואהר עס ניכט ראוי דאס עס זאל זיין איין וואהנפלאטץ פיר השי"ת. יעצט אבר דא זיא זאלכעם מיט הייסע טרערן אוים געבעטרט האבן. ניכט נור דאס דיא אלע פעהלער שאהן אוף געהערט האבן. זאנדערן דאס שלאס איזט אין איין זאלכע פראכט אונ שאנהייט פילמער אלס עס וואר פריהער אב עס איז חרוב וואָרדן. נון וועט האט זאלכעם פראוהרזאכט. נור דיא מנהיגי האמת. יעצט קאנסט דוא פרשטעהן וואַרום איהרווירקליכער אמתדיגער נאמן איזט (בניך בוניך). זיא זינד דיינע ערבויער. דיא דיך אהער גערינט אונ אהער געשטעלט האבן.:

## שאלה נא

ווען איינער זיין אונ ריכטיגע אוף דען דור אין היינטיגע תורה לערנן אום וויא פיל עס איזט פערוועניגערט וואָרדן. אין מאנכע מדינות זייט איניגע יאהר. אונ דאס ווייניגע לערנן וואס נאך געבליבן איזט. איזט נור דיא אבזיכט צו ערלאנגן כבוד. גדולה. ועושר. אונ דער גלייכן. וואונדערט עס איהם וויא קאן מאן זיך אזו אוף איינמאל פרגעסן. דאריבר מעכטע איך גערן אוף דען איינע אוף קלערונג הערען --

## תשובה

וויל דער מנהיג איז דאס דור ווייל זיך אלעם וועגדעט אונ פירט נאך דיא פירונג פון דען מנהיג. אונ זייט דיא צייט גקאמן איזט וויא דער שקר האט זיך אין דיא וועלט פרמעהרט אונ עס זינד זאלכע פיהרער אונ וועג ווייזער בייא דעם המון עם אנגענאמן וואָרדן. ווען אוך דאס זיא זעהר ווייט פון וויסענשאפט פון תורה זינד. עס זייא אין נגלה אדר אין נסתר [אונ דאס פרשטעהט זיך פון זעלבסט. וויא קיין תורה איזט. דארט

# כלל ח שאלה נא

איזט קיין אמתדיגע יראה] אונד דער וואס זיא געגווי בטראכט אום זיא קענן צו לערנן · זינד זיא זעהר עהנליך צו דיא נביאי השקר אין חורבן בית המקדש צייטן · דאס דאס וועניגע יראת שמים אונ מעשים טובים וואס מאן פון איהנן זעהט · איזט אויך נור פיר דען אויג אום דען המון עם צו פרפירן · דאס זיא צו איהנן צו טרויען האבן זאלן אונ אן איהנן גלויבן זאלן - אונ וועגן איהר כבוד צו פרשטערקן אונ איהר ממשלה צו פרגרעסערן · טראכט מאן מיט אלען מעגליכן תלמידי חכמים צו פרקלענערן - תורה לערנן צו פרווייניגרן - אונ דיא אמתדיגע ערליכע יידען צוריק צוזעצן - דאס מיט דער צייט דיא תורה אונ דער אמת זעהר פרוועניגערט ווירד - דען ווען דיא תורה מיט דען אמת זאלטע פרמעהרט אונ פרגרעסערט ווערדן אונ אין טייערן ווערט שטעהן דאס איין יעדער פון דען המון עם וועניגסטענס עטוואס איינע וויסנשאפט פון איהר האבן ווירד · מיט וואס ווערדן זיא צו דיזער צייט דאס דור בהערשען קענן — ו ו ע ה ע דיא אויגן וואס זאלכם מיסן זעהן · דען ניכט נור דאס דורך איהרע שלעכטע פיהרונג ווירד פראורזאכט דאס אלע בתי מדרשים וויא מאן פריהער תורה ברוב עם גלערינט האט · אונ דאס תורה לערנן זעלבסט וואר זעהר גשעצט אונ פרעהרט · הייטע ליידר ניכט נור דאס תורה אזו פראכט איזט דאס זאלבע נור פיר ווינקעל שוהלן בטראכט זינד - זאנדרן בעונותינו הרבים גאנץ פרשלאסן אונ תורה לערנן האט אויפגהערט - דען עם גיבט יא בייא דען המון עם חכמים ונבונים וואס זיך געגווי בטראכטן איהרע וועג אונ פיהרונג וויא איין יעדער זיך דאפון ארויס געמן קאן דאס דר ציעל פון איהרע גאנצע פרעמיגקייט איזט נור צו ערלאנגן דאדורך כבוד · גדולה · ממשלה · שררה · בזאנדערס געלד - דאס נור דאס דער גאנצר צוועק איזט - אונ נור וועגן דען איזט מאן שולדיג איין אקטער צו זיין זיך פרקליידען צו קענן מיט פרשידענע פרצופים לפי המקום - והזמן - ברינגט זיא זאלכעם צו אפיקורסת דם זיא תורה לערנן גאנץ פראכטן [וויל איין יעדר פון דען המון עם קיינע טיפע איברלעגונג הט דם ער זאגן זאל דם תורה לערנן פר זיך איזט זעהר אכטונגס ווערט אונ טייער. נור זיא זינד בעטריגר אונ לייכטזיניגע מענשן -] דארום ערלובן זיא זיך דאס זיא דען עול התורה גאנץ פון

זיך

זיך און פון איהרע קינדער ווערפן . ווייל זיא זאגן דאס קיין אמת מעהר עקסעסטירט . און דיא אבזיכט פון איהר לעבן איזט נור הצלחות עולם הזה דאדורך צו ערלאנגן . און וועגן דען איזט שאהן ביא איהגן גרינג און לייכט איהרע קינדער לערנן צו לאסן פרעמדע קעניגיסע וועהן אויך דאס זיא וויסן דאס דאדורך דיא יראת שמים און דיא אמונה ענטווארצעלט ווירד . ווייל זיא זאגן דא יענע לערנן תורה און דאצו דאך וויא זינד איהרע פיהרונג - איהרע מעשים - איהרע מדות -

נון ווייל נור דער אמתדיגער אונטעריכט פון דיא תורה איין תבלין איז דען יצר הרע צו אונטערדריקן . דאריבער ווען נור דאס דור אזו פראקטיש איזט דאס זיא וועניג אמתדיגע פיהרער האבן וואס זיך בשטרעבן און במיהען תורה לערנן צו פרמערן . דען המון עם צו אונטערווייזן אין היגזיכט יידישקייט . וויא וועהע איזט איין זאלכעם דור . ווייל זיא צו בטראכטן זינד וויא שאף דיא קיין היטער האבן . וויא גמיין און עלענד איזט איהר שטאנד . נון קאנסט דוא שליסן ווען זאלכע צייטן קאמן וויא זיא נאך טיפער געזונקן זינד דאס ניכט נור דאס זיא קיין אמתדיגע פירער האבן . זאנדערן ליידר גאר זאלכע פירער וואס איהר אבזיכט איזט דיא תורה און אמתדיגע יראה צו אונטערדריקן און דען שקר צו ערהעבן . וויא וועהע און אך איזט איין זאלכעם דור דאס דיא יידישע קינדער צאן קדשים וויא איין שה אובד פרלארענעם שאף צו בטראכטן זינד . אין איין זאלכע צייט איזט נור אונזער שטיצע אויף אבינו שבשמים . דער אונז צו געזיכערט האט ווען דיא צייט קאמן ווירד דאס אזלת יד . דאמאלס ידין ה' עמו :

**שאלה נב** וויא ווייט דיא מצוה פון דן לכף זכות (דאס מאן איין יעדן מענשן רעכט פערטיגן זאל) געהט ·

**תשובה** ווייל פילע מאהל קאמט פאר דיר איין מענש ווי דו זעהסט דאס זיינע וועג און פירונג און זיינע מדות זיטען . און זיינע קליידונג און דם גשטאלט פון זיין פנים זעהר ערווייטערט און פרענדערט איזט פון דיא פיהרונג און מדות און אום זעהן פון ערליכע יידישע קינדער . און דאריבער ווירסט דוא איהם פון דיא פרשטוסענע און

ערווייטערן וועלן . מיט דען וואָרט . דוא ביזט איין רשע . איין פושע . דאריבר פינדע איך מיך שולדיג דיר צו זאגן דאס דוא ניכט איבר איילט זיין זאלסט זאלכעם צו טוהן ביז דוא לאנגזאם אויף איהם דיך געניי ערקונדיגן ווירסט פון וואו ער אהער קאָממט . ווער איזט זיין פאמיליע . ווער זינד זיינע עלטערן . וויא איזט דיא פיהרונג פון זיין לאנד פון זיין געבורטס אָרט . אונ פון דיא שטאט וואו ער וואהנט . אונ וויא דיא מנהיגים פיהרער דאָרטאוים זעהן . דען פיליכט האט ער זיינע גאנצע לעבנסצייט קיין וואָרט מוסר געהערט דאס ער וויסן זאל וועלכעס דער דרך הישר איזט וואס זיך איין מענש אוים וועלען זאל . אונ פון יוגענד אויף האט ער נור געזעהן זאלכע שלעכטע פירונג פון דיא אלע נעבן מענשן וואס ער מיט איהנן ערוואקסן איזט . נון וויא קאן מאן איינן זאלכן מענשן בשולדיגן . עס איזט יא זעהר לייכט ווען דוא איהם ווירסט מקרב זיין אונ מיט ווייכע שעהנע רייד פרמעהג זיין פרשטאנד איהם וויסן צו מאכן אונ אויף צו קלערן איינגע זאכן פון דיא תורה וואס ער בנעהטיגט דאס זיך דאדורך ביא איהם דיא אהבת השם איינוואָרצלן זאל . נעהמליך דאס דוא איהם זאגן זאלסט דאס איין בורא עקסעסטירט וואס ער בשטראפט מיט ביטערע עונשים אונ באלהנט מיט זאלכן שכר וואס איין שעה פון דען פרגעניגן פון עולם הבא איזט גרעסר אלס אלע הצלחות אונ תענוגים פון דיזע וועלט . אונ פאר איהם איזט איין יעדר גצוואונגן רעכנשאפט צו געבן וויא זיינע פירונג אין היניזיכט יידישקייט וואר . אונ דער אויפזיכט אויף איין יעדן מענשן האט אויף אלע זיינע פירונג . אונ דער האט געגעבן דיא תורה דאס מיר זיא נאך פאלגן זאלן . אונ פון דען גראסן פרגעניגן אויף דיזע וועלט וואס איין מענש קאן זוכה זיין ווען ער דיא תורה מרייא נאך פאלגן טוהט ווען זיין גוף ריין אונ אונבפלעקט פון עונות איזט . אונ דר גלייכן . אונ ווען דוא ווירסט איהם אונטעררעדן מיט זאלכע רייד איינגע מאהל . קאן יא זיין דאס זיין פרשטאקטעס הערץ אויף בליהען ווירד . אונ עס ווירד זיך גלימן אונ צינדן אין איהם דיא אהבה צו השי״ת אונ צו זיין תורה . אונ שפעטר הין אויך ברענענד אונ פלאמענד זיין קאן . דוא האסט יא דען בווייז אויף דעם . פון פילע שטעט וויא דאָרט זעהר פילע הייליגע נשמות זינד . אונ דאך זינד זיא פרזענקט אין איהרע שלעכטע וועג . וויא נור דיא אָביגע רייד דיא

אורזאך

אוּרזַאךְ דַאפוּן אִיזְט . צוּ מֶעהרֶערֶע אִיבֶּרצֵייגוּנְג . דֶען וֶוען זִיךְ עֶרְאֵייגֶענְט דַאס וֶוען אֵיינֶער פוּן דִיא אֶמֶתְדִיגֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִין אִיהרֶע גֶעגֶענְד קָאמְט . קָאמֶן זִיא מִיט שִׂמְחָה צוּזַאמֶן אוּנ מִיט לוּסְט אוּנ גְרָאס דָארְשְׁט הֶערֶען זִיא צוּ זַיין תּוֹרָה אוּנ תּוֹכָחָה רֵייד . אוּנ דִיא רֵייד ווִירְקֶען בֵּייא אִיהנֶען דַאס זִיא דַאדוּרךְ פִילֶע טְרֶערֶען פַרגִיסֶען. אִיזְט יַא אִיבֶּערְוֵוייזֶען דַאס דִיא אַהֲבָה פוּן יִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ השי״ת אוּנ צוּ זַיין תּוֹרָה . זֶעלְבְּסְט אִין דֶען הַייטִיגֶען דוֹר . וִויא אִיךְ אִין דִיא שְׁלֶעכְטֶעסְטֶען גֶעגֶענְדֶען . נָאךְ נִיכְט פַרְלָאשֶׁען אִיזְט .

דַארִיבֶּר וֶוער זָאלְכֶם פַרשְׁטֶעהְט אִיזְט שׁוּלְדִיג צוּ וֵויינֶען פָאר השי״ת דַאס עֶר דַאצוּ הֶעלְפֶען זָאל דַאס יִידִישֶׁע קִינְדֶער נִיכְט מֶעהְר כְּצֹאן בְּלֹא רוֹעֶה זַיין זָאלֶען . אוּנ עֶר זָאל שָׁאהְן מְקַיֵּים זַיין דִיא צוּזִיכֶערוּנְג וְאָשִׁיבָה שׁוֹפְטַיִךְ כְּבָרִאשׁוֹנָה. אִיךְ וֶועֶרדֶע דִיר אֶמֶתְדִיגֶע פִירֶער זֶעצֶען וִויא אִין דִיא פְרִיהֶערִיגֶע צֵייטֶען :

# כלל ט

## שובו אלי ואשובה אליכם וכו ט שו״ת

**שאלה נג** דַא אִין דִיא פְרִיהֶערִיגֶע צֵייטֶען דֶער טָאג יוֹם כִּפּוּר דֶער גְרֶעסְטֶער יוֹם טוֹב וָואר . אָבּ דִיזֶעם נָאךְ הַייטֶע אִיזְט . אָדֶר נִיכְט .

**תשובה** ווֵייל דָאס אֶמֶתְדִיגֶע רֵייכְטוּהם בֵּייא דֶען מֶענְשֶׁען אִיזְט נוּר וֶוען עֶר אֵיין גֶעווִיסֶענְס רוּהֶע הָאט . גֶעמֶעלִיךְ דֵם וֶוען עֶר זִיךְ בַּרֶעכֶענְט אִין דִיא פַרפְלָאסֶענֶע יָארֶען דִיא עֶר שָׁאן פַרלֶעבְּט הָאט וִויא זֵיינֶע פִירוּנְג אִין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אִיזְט אוּנ עֶר פִינְדֶעט זִיךְ פֶעלֶער פְרֵייא וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (כּוֹפֶר נֶפֶשׁ אִישׁ עָשְׁרוֹ) . אוּנ זַיין הֶערְץ אִיזְט פָאל מִיט בְּרֶענֶענְדֶע לִיבּ צוּ השי״ת דַאס עֶר זִיךְ פְרֵייט דַאס עֶר אֵיין עֶרלִיכֶער יוּד אִיזְט אוּנ דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה גֶענוֹי נָאךְ פָאלְגְט . וָואס קֵיין אַנְדֶערֶע הַצְלָחָה אוּף דִיזֶע וֶועלְט וֶוען זִיא נָאךְ אַזוֹ גְרָאס אִיזְט . דֶען קְרַאפְט הָאט דֶען מֶענְשֶׁען אַזוֹ צוּ בַּגֵייסְטֶערְן אוּנ צוּ עֶרפְרֵייעֶן . ווֵייל אָבֶּר זֶעלְטֶען אֵיין מֶענְשׁ עֶקְסֶעסְטִירְט דֶר וָואס נִיכְט זִינְדִיגְט . אוּנ דַאדוּרךְ פוּן דִיזֶן רֵייכְטוּהם עֶרְווֵייטֶערְט ווִירְד . דַארִיבֶּר הָאט השי״ת אוּנְז גֶגֶעבֶּן דֶען הֵיילִיגֶען טָאג יוֹם כִּיפּוּר ווִיא דַאמָאל דִיא קָרְבָּנוֹת הָאבֶּן אוּף יֶידֶען מְכַפֵּר גֶוֶועזֶן. וִויא אוּךְ דִיא בִּגְדֵי

כְּהוּנָה ; אוּנ דַאדוּרְךְ דִיא יִשְׂרָאֵל בֵּייא השי״ת בַּלִיבְּט וָוארֶן • אַזוֹ וַוייט דַאס זִיא בֵּייא אִיהְם אַלְס זַיינֶע קִינְדֶר בַּטְרַאכְטֶעט ״ אוּנ מִיט דֶעם נָאמֶן הֵיילִיג פָאלְק פוּן אִיהְם גֶערוּפֶן וָוארְדֶן :

הֵייטֶע אָבֶּר לֵיידֶר דַאס מִיר דִיזֶעס אַלֶעס פֶערְלָארֶן הָאבֶּן • קֵיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ • קֵיין קָרְבָּנוֹת • קֵיין בִּגְדֵי כְּהוּנָה • וֶוען דִיא טֵייעֶרֶע צֵייט דֶער אָבֶענְד פוּן כָּל נִדְרֵי קָאמְט [וִויא דַאמָאל דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם טָאג ווִירְקְט דַאס זֶעלְבְּסְט זָאלְכֶע מֶענְשֶׁן דִיא גְמֵיין פוּן וִויסֶענְשַׁאפְט אוּנ פוּן דִיא נִידְרִיגְסְטֶע קְלַאס זִינְד • צִיטֶערְן אוּנ זִינְד פוּרְכְטזַאם פָאר דֶעם שׁוֹפֵט כָּל הָאָרֶץ רִיכְטֶער פוּן דִיא גַנְצֶע וֶועלְט דַס אִיהְר הֶערְץ דַאמָלְס וִוינְשְׁט דַס זִיא זִיךְ בַּדֶענְקֶן זָאלֶן אִיהְרֶע פֶעלֶר אוּם צוּ בֶּעסֶערְן] וֵוייְנְט כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל עֶלֶענְד אוּנ יֶעמֶרְלִיךְ וֵוייל מִיר הֵייטֶע לֵיידֶר פוּן אַלֶע פְרִיהֶערִיגֶע כַּפָּרוֹת זֶעהְר אָרִים אוּנ נַאקִיט זִינְד - דַא אָבֶּר דָאךְ טְרֵייעֶ יִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ השי״ת אִין אֵיינֶען יֶעדֶען דוֹר עֶקְסֶעסְטִירֶן • זָא וֵוייט דַאס וֶוען זִיא זִיךְ פָאר השי״ת שׁוּלְדִיג פִינְדֶען • קְוֶועהְלְט אִיהְנֶען אִיהְר הֶערְץ אוּנ זִינְד דַארִיבֶּר זֶעהְר בַּזָארְגְט אוּנ טְרוֹרִיג אוּנ זֶעהֶן מִיט שִׂמְחָה עֶנְטְגֶעגֶן דַאס זִיא דֶעם יוֹם כִּיפּוּר עֶרְלֶעבֶּן זָאלֶן - אִיזְט דִיא פְרָאג וֶוען אִיהְר הֶערְץ זִיא בַּוִוילִיגְט צוּ השי״ת זִיךְ צוּ גֶעהְרֶן אוּנ אִיהְרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּם צוּ בֶּעסֶערְן • דוּרְךְ וָואס קֶענֶן זִיא דַאצוּ זוֹכֶה זֵיין • דַאס השי״ת זִיא אָהְנֶעמֶן ווִירְד • אוּנ נִיכְט צוּרִיק וֵוייזֶן • זָאל דֶען זֵיין דַאס מִיר הֵייטֶע צוּ טָאג גַאנְץ הָאפְפֶענוּנְגְס לָאז זִינְד אוּנ זָאלְכֶם נִיכְט עֶרְלַאנְגֶען צוּ קֶענֶן — חָלִילָה וְחָלִילָה • דַא דִיא תּוֹרָה אוּנְז פַרְזִיכֶערְט (כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם וכו׳ וְהָיְתָה לָכֶם לְחֻקַּת עוֹלָם) • דַאס דִיא כַּפָּרָה פוּן דֶעם טָאג אוֹיף יִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ אִיזְט -

עֶנְטְפֶערְט אִיהְנֶען אֵיין בַּת קוֹל זֵייט נִיכְט פַרְצְוֵוייפֶעלְט • וִויא אוֹיךְ נִיכְט אוּנְמוּטְהִיג • דֶען זֶעלְבְּסְט אִין דֶען לֶעצְטֶען צֵייטַאלְטֶער וֶוען אוֹיךְ דַאס מִיר זֶעהְר צוּרִיק גֶנַאנְגֶען זִינְד אוּנ פִילֶעס פַרְלָארֶן הָאבֶּן ; אָבֶּר דָאךְ נִיכְט אַלֶעס • דֶען דִיא טָאהְרֶען פוּן תְּשׁוּבָה נִיכְט נוּר דַאס זִיא נִיכְט פַרְשְׁלָאסֶען זִינְד אוּנ שְׁטֶעהֶען פִיר אֵיין יֶעדֶען אָהְנֶע אוּם נַאהְמֶע אָפֶען זָאנְדֶערְן השי״ת אִיזְט נָאךְ בֵּייא הִילְפִיג אוּנ אוּנְטֶערְשְׁטִיצְט דִיא יֶענִיגֶע וָואס תְּשׁוּבָה טוּהְן ווִילֶען דַאס זִיא אִיהְר גוּטֶעס פָארְנֶעהְמֶען אוֹיסְפִיהְרֶען קֶענֶען זָאלֶען - דַארִיבֶּר אִיזְט נוּר אַלֶעס אָבְּהֶענְגִיג אַן דֶעם מֶענְשֶׁן אַלֵיין •

אָב ער געווינט שטארק איזט געגן דעם יצר הרע צו שטרייטן אונ ערנסטע תשובה טוהן צו קענן . נעמליך דאס איין מענש זיך גוט איבער לעגן זאל [אין פערבארגענן וויא ער אונגעהינדערט איזט] דיא אלע יאהרן וואס ער שאהן פערלעבט האט וויא ער זיך העטע פיהרן זאלן אין היגזיכט יידישקייט . אונ ווען ער העטע זאלכעס גטוהן דאס ער דיא פילע לאנגע יאהרן נור דיא מצות פון דיא תורה טרייא נאך גפאלגט וויא ווייט . וויא גראס העטע געוועזן זיין מדריגה . וויא ווייט - דאס דער פסוק פערזיכערט כל שתה תחת רגליו דאס אלע בריאים געשעפטע פון אלע וועלטן מיסן אונטערטעהניג זיין דעם צדיק וואס השי"ת באמת דינען טוהט אונ זיין שכר אוף דיא עוויגע וועלט העטע געוועזן אונענדליך גראס .

ליידער אבר דא ער פון דיא וועג דר תורה אום געטרעטן איזט אונ נאך דאצו זאלכעס פערדאפעלט אונ פערדאפעלט פילע לאנגע יאהרן . אזו איזט ער דאדורך זעהר ערנידריגט אונ געשטירצט . אזו ווייט דאס דיא חיות אונ בהמות אונ שרצים אוף איהם הערשן . אונ נאך מעהר דאס ער ביא זיין אב לעבן ביא דעם גראסען יום הדין צו ערווארטן האט פינסטערע ביטערע גראסע עונשים . ווען זיך איין מענש מיט זיינע אויגען פון שכל זאלכעס לאנגזאם אונ גיט איבער לעגט וויא ער אליין האט זיך גורם געוועזן זיך צו שטירצן פון איין זעהר הויכעם שלאס אין איינע טיפע גרובען . אזו פראיר זאכט דאס ביא איהם דאס זיין הערץ וועגן גראס צער . ניכט נור צעבראכען . זאנדרן צערשמעטערט אין איהם ווירד . אונ איזט זעהר איבערדריסיג איבער זיך אליין דאס ער זיין גוואנט צעריסט . אונ פליקט זיך זיינע האר . אונ פרשילט זיין געבורסט טאג . מיט דעם ווארט . דא מיר מיין מוטהווילגעם הערץ זאלכם שלעכטס צו גזאגן אונ גטהן האט . וואס מיר מיין גרעסטר פיינד ניכט העטע טוהן קענן . אונ זיינע אויגען גיסען הייסען טרערן מיט גראסע חרטה וואס ער טוהט בריהען זיינע מעשים רעים . אונ מאכט זיך איין שטארקעס פארנעהמן זיינע גאנצע וייטערע לעבנסצייט נור אין דעם וועג פון דיא פארשריפט פון דיא היילגע תורה צו געהן . נון דא השי"ת דיא הערצר פריפט אונ פאר איהם קיין חניף קאמט קאן [נעהמליך איין מענש וויא דאס הערץ מיט דעם מויל ניכט איינשטימיג איזט] איזט יא קיין צווייפעל דאס השי"ת

צו איהם זאגן ווירד (שלום שלום לרחוק ולקרוב אמר ה׳ ורפאתיו) • דען דיא היילינע גמרא זאגט דאס ווען איינער אמתדיג תשובה טוהט שרייבט איהם השי״ת אזו פיעל שכר צו . אלס ער העטע זיך במיהט אוף ירושלים צו געהן • אונ העטע זיך בשטרעבט דאס בית המקדש אונ מזבח אוף צו בויען • אונ העטע דארוף געברענגט אלע קרבנות :

איבער דען איזט נור אונזער קלאגן אן (יום כיפור) אשרי עין ראתה כל אלה. גליקליך אונ וואהל איזט געוועזן דען מענשן וואס זאלכעס [בית המקדש • מזבח קרבנות • בגדי כהונה] • אויגען שיינליך געזעהן דאט • ווייל דער מענש האט איין שמחה אונ פרייד זאלכעס מיט דען (עין גשמיי) צו זעהן • וואס מיר הייטע ליידער נאך ניכט דיא זכיה דאבן • אבר אין הינזיכט פון דיא ווירקונג פעהלט אונז ניכט • דען דיא אמתדיגע תשובה איזט איין ערזאטץ פיר דען אלען :

## שאלה נד

ווייל דער פסוק זאגט אשרי איש שלא ישכחך וואהל דען מענשן דער דיך ניכט פרגעסט • דארום גיב מיר איין דייטליכע אוף קלערונג פון פערשידענע מענשן איהר פיהרונג אויף דיזע וועלט • דאמיט איך מיר זאל קענן וועהלן דען גוטן וועג פון דען ניכט גוטן :

## תשובה

דיא פיהרונג פון דען מענשן אויף דיזע וועלט זינד גטיילט אין פינף קלאסן ווא איינע יעדע נידריגר אלס דיא פריריגע איזט •

מאנכע מענשן ווייל זיא גוט וויסן דאס דיזע וועלט ווייל זיא באלד פרגעהט אונ נור איינע צייט לאנג דויערט ; נור איין פארהויז איזט • אונ דער גאנצר צוועק פון דען לעבן אויף דיזער וועלט איזט נור אום זיך מעשים טובים צו ערווערבן • דארום איזט ביא איהנן זאלכע געדאנקן אימער פאר איהרע אויגן דאס זיא נימאלס דאראן פרגעסן • זעלבסט אין דיא צייטן וויא זיא געצוואונגן זינד זיך עטוואס צו בשעפטיגן מיט עניני עולם הזה איזט דאך אויך דאמאהלס זאלכעס אין איהר הערץ איינגעפרעגט • דאריבר ווייל זיא אימר דענקן דאס נור עולם הבא דיא וואהרע וועלט איזט • אונ דאס נור דיא בשעפטיגונג

פון

פון תורה און מעשים טובים איהר וואהרעס גליק און רייכטום איזט. און דאס איבריגע אלעס נור איין טפל איינע נעבן זאכע איזט. ניצט דאס איהנן דאס זיך נימאהלס איינע צייט ערייגענט וועהרענד איהר גאנצעס לעבן דאס זיא אויס דיא פארשריפט פון דיא תורה דאס גרינגסטע אויסטרעטן - דאס איזט דיא ערשטע קלאס. אבער דיא יעניגע וואס מיט איינע זאלכע גענויע אויפזיכט אויף איהרע וועג און שריט איהרע צייט פרלעבן. זינד זעהר זעלטן און וועניג צו פינדען.

מאנכע אבער איזט ביא איהנן דיא ליעב צו השי"ת און צו זיין היילגע תורה ניכט אזו ברעננענד און פייעריג וויא דיא ערשטע. דאריבר וייל זיא עטוואס טוהן מיסן פון עניני עולם הזה אום זיך דאדורך איהר פרנסה צו שאפן. ברענגט זיא דאמאלס דיא בשעפטיגונג דאצו דאס זיא גאנץ פרגעסן אב עולם הזה נור איין פארהויז. אדר איין ווירקליכס שלאס איזט. און זאלכס פראורזאכט ביא איהנן פיהלעס פון דיא פארשריפט פון דיא היילגע תורה אוים צו טרעטן. אבער דענאך דויערט נור דיא פרגעסענהייט ביא איהנן ביז דער טאג פראיבר געהט. עיין (עת לעשות חלק א דף סד סוף ע"ב ס"ה ע"א). וייל זיא זיך געוועהנן אימר צו זיין פון דיא (מאריה דחושבניה) [פון דיא וואס מעגליך זיך ברעכנן טוהן]. געמליך וייל מיט איין יעדן טאג וואס ביא דען מענשן פראיבר געהט. דאדורך נעהער צו זיין קבר איזט. דארום פרעגט ער זיך זעלבסט וואס ער אין דען טאג זיך פארגזעהן האט. און זיין נשמה פרזארגט אין היענזיכט תורה און מעשים טובים. דא ער נור וועגן דען אויף דיזע וועלט איינע צייט לאנג פרוויילט. נון ווען ער זיך ברעכענט און פינדעט דאס ער ערליך געווירטשאפט האט; און זיין נשמה מיט דען גרינגסטן ניכט בטראגן און פראונמרייעט האט. אזו געהט ער מיט שמחה שלאפן. ווען אבר ער פינדעט זיך שולדיג דאס ער פיהלעס פון דיא פארשריפט פון דיא תורה גאנץ ניכט נאכגעפאלגט אדר פרקירצט האט — זא ברינגט איהם זיין כשר הערץ און ריינעס געוויסן דאצו דאס ער מיט זיך זעהר אונצופרידן איזט. ביז דאס ער זיך בשטרעבט זאלכס מיט הייסע טרערן און איין צערבראכענעם הערץ אוים צו בעסערן. דאס זיין הערץ פון נון אן אונבעפלעקט און ריין גוואשן

# כלל ט שאלה נד

פון דיא עבירות זיין זאל - דאס איזט דיא צווייטע קלאס .

מאנכע אבער וואס איהנען דיא בעשעפטיגונג פון עולם הזה איהר פרשטאנד זעהר פרווירען אונ פרמישען טוהן דאס זיא צו זאלכע פרגעסענהייט דאדורך קאמן ניכט נור דאס זיא ניכט פון דיא ערשטע קלאס , זאנדערן אויך פון דיא צווייטע ניכט זינד . אונ גאנץ זיך פראירען אזו ווייט דאס זיא אין דיא מיינונג זינד דאס עולם הזה איהר (טרקלין) איזט . איהר הויז אונ שלאס . ניכט דער (פרוזדור) איין פארהויז . אונ דאס איהר גאנצר צוועק אויף דיזע וועלט איזט נור טאג אונ נאכט צו זארגן אונ צו ארבייטן גשעפטן צו פיהרן אום זיך רייכטום צו פרשאפן . אונ דאדורך פרשטעהט זיך פון זיך זעלבסט [ווען איין מענש אזו וייט פרנארט איזט דאס ער דיא היימיגע וועלט פיר איין עוויגע אמתדיגע וועלט בטראכטעט] וויא פיהל זיא זיך אן דיא פארשריפט פון דיא היילינע תורה איינשולדיגן [וויל זיא אבער דאך ערליכע יידן זינד אונ דיא אמונה בייא איהנען איינגעפרעגט איזט נעהמליך דאס אלעס וואס זיך אויף דיא וועלט ערייגענט. איזט פון דיא אויפזיכט פון השי"ת . אונ קיין מקרה קיין צופאל איזט גאר ניכט פרהאנדן . וייל עס עקזעסטירט ניכט קיין פלאץ אין דיא גאנצע וועלט וואס ניכט פון השי"ת אליין באויפזיכטיגט ווירד] אבער דיא שולדן דויערן נור בייא איהנען אזו לאנג ביז דיא גבאים המחזירים תדיר [איינגעהמר פון השי"ת וואס אפט איינקאסירן] קאמן . דען אזו באלד דאס איהנען עטוואס צו קאמט. עס זייא איינע געלד פרלוסט . אדער פרפאלגונגען פון שונאים . אדער יסורים אונ דער גלייכן . אזו ברעכענן זיא זיך באלד אונ איילענד אב איהר פיהרונג אין היענזיכט יידישקייט גענויא נאך דיא תורה איהר פארשריפט איזט . אונ ווען זיא זיך פינדען שולדיג רוהען זיא ניכט ענדר ביז זיא ניכט אלם מעגליכע טוהן זאלכעס מיט ערנסטע תשובה אונ ווידוי אונ חרטה אום צו בעסערן . אונ מאכען אויף זיך איין פעסטעס פארנעהמן דאס זיא נימאהלס ווערענד איהרע גאנצע לעבענסצייט זאלכעס מעהר טוהן ווערדן . זאנדערן פון נון אן נור דיא תורה איהר פארשריפט פינקטליך נאך צו פאלגן - דאס איזט דיא דריטע קלאס .

מאנכע אבער וואס נאך מעהר פרקניפט אן דיא תאות עולם הזה זינד אונ דאדורך איהר הערץ זעהר פרשטאקט אונ איהרע אויגן

פרבלענט

פרבלענט זינד . איזט איהר פרשטאנד אזו קורץ אונ געמיין . דם ווען אויך דאמאהל ווען דיא צרות אונ אונגליק איהנען טרעפט ברינגט איהנען איהר אמונה דאצו דאס זיא זיך ברעכענן אין היגזיכט איהרע יידישע פיהרונג אונ זיין מתחרט אויף איהרע שלעכטע מעשים אונ נעהמן אויף זיך פון נון אן דיא פארשריפט פון דיא תורה טרייא צו זיין . אבער עס האט ביא איהנען קיינען לאנגן דויער . דען זא באלד דאס דיא צרה פראיבר איזט אונ זיא שאן גהאלפן זינד . אזו זינד זיא שאן ווידר דיא אלטן אונ פרגעסן גאנץ דאס זיא אוף זיך גענאמן האבן דיא יידישקייט צו אכטן אונ צו שעצן . אונ זיא געוויא צו בפאלגן . וויא דער בריהמטר פרעה עס געטוהן האט . דען דאמאלס ווען דיא גראסע מכות איהם געדרוקט האבן . האט ער פרשפראכן ער ווירד שאן נאכגעביג אונ אונטרטעהניג זיין דען בפעהל פון השי"ת . אונ זא באלד דאס דיא מכה פראיבר וואהר . איזט ער ווייטר געגן השי"ת זיין בפעהל הארטנעקיג געוועזן אונ האט זיך איהם ווידערזעצט - דאס איזט דיא פירטע קלאס .

מאנכע אבער וואס איהרע בילדונג פון איהרע בשעפטיגונג מיט ספרים חיצונים גוישע ביכר [וואס דיא פרפאסר פון זיא וואהרן כופרים אן אלע ווארצלן פון דיא אמונה] וואס זיא דורך געגאנגן זינד . האט איהנען אזו ווייט געברענגט . אונ אויף זאלכן שטאנד געזעצט דאס זיא לייקענן אן אלע ווארצלן פון דיא אמונה [ווען אויך מאנכע פון איהנן וועגן געוויסע אורזאכן זאלכעס ניכט פרייא זאגן . אבער אין איהר הערצן איזט דיא כפירה בשלימות] דאס איינע אופזיכט עקזעסטירט . דאס תורה משמים איזט . דאס שכר ועונש פרהאנדן איזט . אונ דער גלייכן . נון ביא זאלכע מענשן ניצט ניכט קיין ערענד. קיין דרוק . קיינע יסורים . וועז זיא נאך אזו גראס זינד וואס זיא דורך איהנען תשובה טוהן זאלן . אונ אויף זיך צו נעהמן דיא תורה איהר וועג נאך צו פאלגען . וייל פרמעהג איהר פרשטאקטעס אונרייניגעס הערץ אונ איהרע עיני השכל וואס מיט בלינדהייט גשלאגן זינד . אלעס וואס זיך ערייגענט אוף דיזע וועלט נור נאטירליך אונ איין צופאל איזט - דיזעס איזט דיא פינפטע קלאס וואס זיא בי מת . ווער זיא געוויא קאן . שלעכטר אונ ערגר אלס דיא היידן זינד -

דארום מיין פריינד . איך זאל דיר ראהטן דאס דוא נור

דיינע

דיינע פירונג ווערענד דיינע נאציג לעבענסצייט ריכטן זאלסט אזו וועג צו געהן דאמיט דוא פון דיא ערסטע קלאס זיין זאלסט. ווען אויך דאס זיא באמת דיא בעסטע אונ דיא פארנעמסטע איז. דאס קאן איך ניכט. ווייל איך זעלבסט איין זעהע דאס זאלכם איינע שווערע אויף גאבע איזט. וויא אויך דאס איך דיר אוף טראגן זאל דאס דוא פון דיא צווייטע קלאס זיין זאלסט אונ דיינע וועג נור נאך איהר צו ריכטן. ווען אויך דאס זיא שאהן עטוואס לייכטער אונ גרינגער איזט. קאן איך עס פון דיר אוך ניכט פרלאנגן. אבר דאס דוא דיך בשטרעבן זאלסט אלעם מעגליכע צו טוהן דאס דוא ווענינגסטענס פון דיא דריטע קלאס זיין זאלסט. ניכט נור דאס איך פון דיר זאלכם פרלאנגע מיט דען ווארט. דאס עס איין יושר איזט. זאנדרן ווייל עס איינע גראסע שולדיגקייט איזט. טראגע איך עס דיר שטרענג אוף זאלכעס צו טוהן. דען ווייל איין יעדר יוד איין ערנסטעס גלויבן האבן מוס דאס אלע עראייגניסע נור פון השי"ת קאמן. אונ ער געוויס קיין אונרעכט טוהט. אזו איזט יא קיין אנדער אויסוועג ווען ער פון שלעכטע צו פעללע דערהיים גזוכט ווירד. נור דאס ער ערנסטע תשובה טוהן זאל. אונ זיינע שלעכטע פירונג אוים צו בעסערן. דען ווען ניכט. ענטוועדר דאס ער איין כופר בעקר איזט דאס דיזעם אלעם ניכט פון השי"ת געשיקט ווארדן איזט. אדער ער מוס זאגען דאס חלילה מאן ביים אביגען געריכט אויך ניכט נור נאך דען יושר אונ אמת זיך ניכט פיהרט חלילה.

## שאלה נה

אב פרנסה פערלאנגן מיט תשובה איינע פערבינדונג האט אדר ניכט.

## תשובה

דא השי"ת אין דיא וועלט פיערערלייא גאטונגען ערשאפן האט וואס איין יעדע גאטונג מעהר חשיבות האט אונ טייערר אלם דיא אנדערע איזט. נעמליך דיא ערשטע איז "דומם". דיא ערד מיט אלערלייא מעטאהל אונ פיינע שטיינער וואס זיך אין איהר בעפינדן. דיא צווייטע איז "צומח". אלם געוועקס. דיא דריטע איזט "חי". אלע דיא וואס עס האבן איין לעבנס גייסט. דיא פירטע איזט "מדבר". דער מענש דען וואס השי"ת האט צו געטיילט דאס ער רעדן קאן אונ פרשטאנד בעזיצט. נון ווייל איין יעדע זאכע

וואס

וואס אויף דיזע וועלט עקסעסטירט איז נור אום דיזען גרונד אהער געשטעלט וואָרדן דאס זיא זיך בשטרעבן זאל אין איין העכערע מדריגה צו קאמן. דאריבער איז דער גאנצער וואונטש אונ ווילן פון דיא ערד. דם זיא דען צומח געוועקס מיט אלע אירע קרעפטן אונ זעפטן פרייא געביג אונטערשטיצן זאל. וויל זיא דאדורך אין איין העכערע מדריגה קאמט פון דומם אין צומח פרוואנדעלט ווירד. אזו אויך דאס צומח געוועקס גיבט זיך גערן היען פיר דען חי דאס ער עס אוף פרעסן אונ פרצערן זאל דאמיט דאס עס דאדורך אין איינע העכערע מדריגה קאמן זאל פון צומח אין חי פרוואנדלט צו ווערדן. אזוי אויך דער חי גיבט זיך היען מיט זיינע גאנצע צו פריידענהייט דאס דער מענש וואס איין מדבר איזט. דאס ער איהם שחטן זאלל אונ עסן. וויל דורך דען ווירד דער ציעל פון זיינען לעבן אוים געפירט אונ פרפערטיגט דאס ער פון דיא מדריגה פון חי. אין דיא מדריגה פון מדבר קאמט.

נון דא דער מענש פארציגליכר איזט אלס דאס צומח אונ חי. העטע זיך יא געבירט וועניגסטענס דאס ער גיכט פון איהנען צוריק געזעצט זיין זאל. געמליך אזו וויא דאס חי פרלעבט זיינע יאהר אהנע קוממער אונ זארג וויל זיין קאסט אונ שפייז דאס געוועקס ירק. עשב. איבעראל היענלענגליך געניג איזט. אזו העטע אויך איין יושר געוועזן דאס דער מענש זיין פרנסה אהנע מיהע אונ פלאג ערלאנגן זאל. דם עס אבער ניכט אזו איזט. איזט דיא אורזאך דאפון וויל ווען דר מענש פון דען וועג פון דיא היילגע פארשריפט דר תורה אוים טרעטן טוהט. דאן ניכט נור דאס ער געגן דען צומח אונ חי קיין פארצוג האט אונ קיין העכערע מדריגה איזט. אלס זיא. זאנדערן נאך נידריגער. דאריבער ווינשן זיא ניכט זיך היען צו געבן דאס ער זיא פרצעהרן זאל. אבר דאס צומח אין דען חי ווירד פרהעכערט אונ פרגרעסערט. דארום איזט דיא קאסט פון דען חי אהנע זארג.

נון וועגן דיזע אויפקלערונג איזט איינע גראסע שולדיגקייט ווען איין מענש צו השי"ת מתפלל איזט וועגן פרנסה. דאס ער ערשט אויף זיך אונ אויף זיינע פיהרונג אין היגזיכט יידישקייט איינע גענויע בטראכטונג ריכטן זאל. דאס ער זיינע פעהלער מיט אלען

מעגליכן

מעגליכן אויס בעסערט אונ דאן דא ער שאן איין מדבר וויא זיך געביהרט זיין ווירד [נעהמליך דאס זיין מדריגה באמת העכר זיין ווירד אלם דאס צומח אונ חי] קאן ער פרלאנגן פון השי״ת איהם פרנסה צו געבן אויף איינע לייכטע ארט ווייל ער שאן פון נון אן זיך אליין קיין צוריק האלט פראורזאכט ·

## שאלה נו

טוהע מיך איין וועניג אונטעריכטן וויא דער עונש פון דיא עוברי עבירה ביים יום הדין אוס זעהט ·

## תשובה

ווייל השי״ת האט ליב יידישע קינדר אונ ווינשט דאס זיא דען וועג פון דיא תורה נאך פאלגן זאלן דאמיט ער איהנן דען גראסן שכר פון עולם הבא געבן קענן זאל. דארום ווען איין מענש זיך פראי.ט האט אונ איזט מיט מעהרערם פון דיא תורה איהר פארשריפט אוס גמרעטן אונ האט זיך נימאלס בערעכענט זיינע פעלער אום צו בעסערן אונ איזט גשטארבן אלס רשע · זא האט ער ביים יום הדין איין דאפלטן עונש צו ערווארטן · ערשטענס [ווייל ווען איין מענש וויל · קאן איין יעדר הער איבר זיך זיין זיינע ליידענשאפטן אונ שלעכטע מדות אונטרדריקן אונ צו דעמיטיגען] דאס ער דיא העזה · קעקהייט האט גהאט זיך אונטערשטעהן צו קענן השי״ת זיין בפעהל פון דיא היילעגע תורה צו איבר טרעטן · צווייטענס ווייל מאן ביי דען גראסן יום הדין צו איהם זאגן ווירד ווען שאהן דאס דאמאלס דיא גראסע לוסט פון דיא עבירה דיר דיינע אוגן פרבלענט האט אונ דיין הערץ פרשטאקט גמאכט האט. דאס דוא דיר האסט ערלויבט זאלכעס צו טוהן ווען אויך דאס עס געגן דיא תורה איהר פארשריפט איזט · ווען אבר דיא שפעטערע אלטערס צייט שאהן גקאמן איזט וויא דאמאל דאס פייער פון דיא ליידענשאפטן געשוואכט אונ פרלאשן איזט · ווארום האסט דוא דיך ניכט וועניגסטענס דאמאלס בדענקט דאס דוא העסט זאלן האבן גראס חרטה אום צו בעסערן דיינע שלעכטע מעשים · דען וועלכע תאוה אונ לוסט האט דיך דאמאלס דאצו גרייצט אונ פרפיהרט דאס דוא זאלסט קיין חרטה האבן אונ קיין תשובה טוהן ·

דער של״ה אין זיין ספר זאגט אויף דען איין פאסענד משל · עס וואר איין מלך דער איבר זיינע טייערע שאצקאמערן פון גאלד

און

און זילבר און פיינע שטיינער איינגע הערן פון גראסן אדעל וויל ער זיא זעהר ליבט . אלס בעאמטע גזעצט האט . האט זיך ערייגענט דאס גנבים דיא קאמערן איינגעבראכ׃ האבן און אונגעהייער פיהל רייכטוהם מיט גנאמען . און וועגן פילע שטרענגע אונטערזוכונג . האט זיך ענטדעקט איינע גראסע מוטהמאסונג דאס דיא בעאמטען בייא דיא גניבה בטייליגט זינד און דאס זיא נאך פילע פון דיא אבנים טובות בייא זיך האבן —

ווען אויך דאס דער מלך אונמוטהיג און מיסלאהניג וואר וועגן דען גראסען שאדען און פערלוסט ער וואר אבער זעהר טרוריג און אוסעראָרדענטליך בזארגט [דא ער דיזע הערן זעהר ליב האטע . און העטע גערן אלעס מעגליכע געטוהן זיא צו רעטן פון עונש פון יסורים פילמעהר פון עונש מיתה] וויל עס ניכט אין זיינע מאכט שטעהט דיא לאנדעס גזעטצע צו ענדערען . אוף וועלכע ארט איהם מעגליך זיין קענטע דאס ער זיא העלפן זאל זיא צו בפרייען . אזו הט ער בעפאלן ווען מאן זיא ברענגן ווירד צום געריכט בייא איהנן צו זוכען דיא אבנים טובות . זאל מאן זיא ניכט ברינגן אוף דען וועג וואס אוף דיא יבשה איזט . זאנדרן מאן זאל זיא פיהרן אוף דען וועג איבר דען ים [און דיא אבזיכט פון דען מלך וואר פיליכט ווערדן זיא זיך זאלכם איבר לעגן דס דר מלך נור וועגן דען בפאלן הט זיא אוף דען ים צו פיהרן דאמיט זיא זאלן דיא אלע אבנים טובות וואס זיא בייא זיך האבן אין וואסר ווערפן . דאס מאן ביים געריכט בייא איהנן ניכט פינדן ווירד . און פילע פון דיא הערן האבן אזו געטהון . ביז אוף איינגע] נון וויא מאן האט ביים געריכט בייא איינגע דיא אבנים טובות געפינן זא וואר דר מלך אויסעראָרדענטליך ערצירנט . און האט בפאלען דאס מאן זיא מיט ביטערע יסורים בשטראפן זאל . דען ווען אויך דאס דער יצר הרע פון דען געלד רייץ האט אייך פרפיהרט מיינע שטעטצע מיר צו פר אונטרייען . ווען אויך דאס איהר דאמיט זעהר שטארק גפעהלט האט . דעננאך הט איהר וועניגסטענס איינע קליינע פרטיידיגונג . וויל דער געלד לוסט בייא איינען יעדן מענשן זעהר גראס איזט . אבר דא דיא צייט גקאמן איזט . דאס איהר האט גקענט זאלכעס פון אייך ווערפן . וועלכעס שלעכטעס הערץ און וועלכער אונזין האט אייך דאצו גרייצט זאלכעס ניכט צו טוהן דאס איהר אייך

# כלל ט שאלה נו נז

אליין צו ציגען זאלט גראסע יסורים אונ בזיונות אונ מיר צו פראורזאכן פיהל קרענקונג דאס איך זאל גצוואונגן זיין אייך צו בשטראפן :

ווייל דער תנא זאגט שוב יום אחד לפני מיתתך . דאס מאן איין טאג פאר דען שטערבן תשובה טוהן זאל . אונ דער מענש וייס יא ניכט ווען דער טאג איזט . דאריבר איזט איין שולדיקייט דאס מאן זיך זעהר אפט בּרעכען זאל . אונ ווען מאן עטוואס שולדן געפינט . זיך איילענד מיט השי״ת אוס צו גלייכן זיינע פעהלר אום צו בעסערן אונ זיך צו ענטשולדיגן -

**שאלה נז** ווייל אין דען ווארט ערנסטע אמונה איזט פרשטאנן דאס אלעם וואס זיך ערייגענט אוף דיזע וועלט אהנע אוס נאמע. רייכטום. ארמוטה · קראנק · גזונד · אלערלייא שאדן אונ געלד פערלוסט אונ דער גלייכן · אלעם איזט נור פון דיא גזירה פון דען שופט פון דיא גאנצע וועלט · נון ווייל השי״ת קיין אומזאנסטיגע זאך טוט · ערקלעהרע מיר דען טעם פון דיא מצוה פון משיב אבידה (דאס מאן שולדיג איזט זיך צו בשטרעבן דאס פרלארענע פערמעגן פון זיין חבר איהם צוריק צו געבן אונ איין צו הענדיגן) דען פערדינט דער יעניגר דאס ער קיין געלד שאדן האבן זאל · אונ דאריבר האט דיא תורה גהייסן דאס מאן דיא אבידה איהם צוריק געבן מוס · איזט אבר דיא פראג ווארום האט השי״ת פעראורזאכט דאס ער דיא אבידה פערלירן זאל · איזט ער אבר באמת איין חוטא אונ פערדינט דאס ער איין געלד שאדן האבן זאל · אונ דארום האט ער עס באמת פערלארן · איזט ווידר דיא פראג ווארום הייסט דיא תורה דס מאן עס איהם צוריק געבן מוס ·

**תשובה** ווייל השי״ת צו יידישע קינדער איין בארימהערציגער פאטר איזט . דאריבר זינד דיא שטראף וואס ער איהנן צו שיקט אוף איין זאלכע ארט וויא דער פאטר זיין קינד ציכטיגט . דאס ער איהם מיט איינע האנד שלאגט אונ דיא אנדערע האנד איזט אום גשטרעקט . פילייכט ווירד דאס קינד שכל האבן איהם צו איבער בעטן . אונ דיא האנד צו קישען אונ אוף זיך צו נעהמן דאס ער ניכט מעהר געגן איהם זינדיגן וויל . אוף דיזע ארט האט השי״ת בפאהלען דאס דער יעניגר וואס דיא אבידה געפינט זאל מקיים זיין דיא מצוה פון השבת אבידה . געהמליך דאס ער ווישן זאל ווייל השי״ת האט פראורזאכט דאס ער האט דיא אבידה פרלארן זא איזט געוויס דאס

ער

ער דאס פרדינט איינען זאלכן געלד שאדן צו ליידן . נון ווען ער
עס איהם באלד צוריק געבן ווירד וייל ער איהם דיא סימנים דאפון
זאגט זא האט ער ניכט דיא מצוה פון השבת אבידה געהעריג מקיים
געוועזן . ווייל ער זיך דען איהם אויף ערלעגען געלד שאדן ניכט
ענטגעהן ווירד . דען איזט דען דיא האנד פון השי"ת צו קורץ איהם
איינן זאלכן שאדן אויף איין אנדרע ארט צו צו שיקן . זאנדערן
ווען ער וויל מקיים זיין באמת דיא מצוה פון השבת אבידה דאס
ער קיין שאדן האבן זאל. ניכט הייטע. וויא אויך קיין אנדר מאהל .
איזט זיינע שולדיגקייט דאס ער איהם ערוועקן אונ אויפקלעהרן זאל
דאס ער גווים זאלכע עבירות בזיצט וואס ער פרדינט וועגן איהנן
איינן געלד פרלוסט צו האבן . נעהמליך דאס ער קיין ערליכן האנדל
פיהרט אונ בטריגט מיט דיא געוויכטער אונ מיט דיא מאס. אדר דאס
ער זיך געוועהנט ביים געשעפט צו שווערן עס זייא אמת אדר פאלש
אדר אב ער אפט דען שם שמים מעלדעט עס זייא אויף וועלכע שפראך
אימר. אדר דאס ער קיין שלום בית האט . אדר דאס ער איין גדול
דעה איין גאותן איזט [הוכמיטיג איזט אונ שטאלץ בזיצט] אדער דאס
ער איין כעסן קפדן איזט . אדער דאס ער ניכט געהעריג דיא מצוה
פון צדקה מקיים איזט . אדר דאס ביא איהם דאס שבת היטען
ניכט אין טייערן ווערט שטעהט . אדער דאס ער ניכט טעגליך
עטוואס תורה לערינט . זאלכע תורה וואס ער זיך יראת שמים
דאפון ארוס נעהמן קאן . אב ער קריאת שמע זאגט אין דיא
געהעריגע צייט פרמעהג דען ש"ע . אב ער שאהן האט תשובה געטוהן
אויף דיא יוגענד פירונג אין הינזיכט צניעות אונ איינגעציימט . אונ
ערווייטערט פון זנות צו זיין . אב ער נימאלס תלמידי חכמים אונ
לומדי תורה האט מבזה גיוען פראכטעט . ווייל אויף דען אלען איזט
דער עונש דאס זיינע פרנסה פרקלענערט אונ פרוועניגערט ווירד
אדער גאנץ אין ארימען שטאנד קאמן זאל חלילה . דאריבר [איזט
ער איהם שולדיג צו זאגן דאס] ווען ער זיין פרמעגן ליב האט אונ
זיך פון אונגליקס פעלע בהיטן וויל . איזט קיין אנדערער וועג .
נור דאס ער דיא אלע מעשים אום בעסערן זאל . דען דארום האט
השי"ת איהם געוויזן מיט דיא אבידה דאס ער פרדינט דען געלד
שאדן . נור ווייל ער דער בעל הרחמים בארימהערציג איזט .

# כלל ט שאלה נז נח

הָאט עֶר פַּראוּרְזַאכְט דַאס זַיין אֲבֵידָה אִין מַיין הַאנְד גְקאמֶן אִיזְט אוּנ הָאט מִיר אוּפְגְטְרָאגְן דַאס אִיךְ עֶס אִיהְם אָב גֶעבְּן זָאל . אַבֶּער נוּר מִיט דֶען בַּדִינְג דַאס אִיךְ אִיהְם עֶראִינֶערְן זָאל דַאס עֶר אוּף דִיא אַלֶע זַאכְן תְשׁוּבָה בֶּאֱמֶת טוּהְן זָאל . דַאן קָאן עֶר גֶזִיכֶערְט זַיין דַאס אִיהְם נִימָאלְס קֵיין שָׁאדְן צוּ קָאמֶן וִוירְד —

עֶר זָאל אָבֶר נִיכְט דִיא רֵייד פִּיר גְרִינְג הַאלְטְן וַוייל עֶר דֶענְקְן קָאן דַאס זָאלְכֶעס נוּר אֵיין צוּפַאל וָואר . דֶען בֵּייא אוּנְז יִידֶען וָואס אוּנְזֶר נָאהמְן אִיזְט מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים דַארְף אֵיין זָאלְכֶעס וָוארְט נִימָאהְלס גְהֶערְט וֶוערְדְן -

**שאלה נח** אָבּ דִיא מִצְוָה פוּן תּוֹכָחָה אִימֶער אִין אֵיינֶן נוּסַח קָאנְצֶעפְּט גְזָאגְט וִוירְד · אָדֶר וִוירְד זִיא פֶערֶענְדֶערְט פֶערְטֶעג דֶע׳ אָרְט אוּנ דִיא צֵייט —

**תשובה** וַוייל דֶער תַּכְלִית צְוֶועק פוּן מִצְוַת תּוֹכָחָה נוּר אִיזְט יִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ אוּנְטֶערוַוייזְן דַאס זִיא אִיהְרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים פַּרלָאסְן אוּנ דֶען וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה גֶענוֹי נָאךְ פָּארְגֶן זָאלְן · דַארִיבֶּר אִיזְט דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט אוּף אֵיין יֶעדֶן מוֹכִיחַ עֶס זַייא דֶר פָאטֶר אוּף זֵיינֶע קִינְדֶר . דֶר רֶבִּי אוּף זֵיינֶע תַּלְמִידִים . דֶר חָכָם אוּף זַיין שְׁטָאט . אָדֶר דֶר מַנְהִיג אוּף זַיין דוֹר . דַאס עֶר זִיךְ דִיא רֵייד פוּן זַיין פָּארטְרַאג גִיט בַּרֶעכְנְן אוּנ אֵיינִיגֶע מָאהל צוּ זַאמֶן צֶעהלְן אוּנ אָב וֶועגְן זָאל דַאס זִיא זָאלְן פַּאכֶענְד זַיין פַּרמֶעהג דֶען מְהוּת אֵייגֶענְשַׁאפְט פוּן דִיא צוּ דֶערֶר . דֶען וֶוען דִיא יֶענִיגֶע וָואס דִיא תּוֹכָחָה צוּ הֶערְן · זִינְד זָאלְכֶע מֶענְשְׁן וָואס יִרְאַת שָׁמַיִם בֶּזִיצֶען אוּנ זִינְד נִיכְט זֶעהְר פֶּרֶעמְד אוּנ וַוייט פוּן דִיא וִויסֶענְשַׁאפְט פוּן דִיא תּוֹרָה (אוּנ זִינְד נָאךְ זֶעהְר וֶועניג צְוִוישֶׁן אִיהְנֶן וָואס עֶס בַּזִיצֶן בִּילְדוּנְג וָואס עֶס וֶוערְדֶן גְרוּפֶן אוּפְגְקְלֶערְטֶע · זָאנְדֶערְן נוּר פְרֶסְטֶע עֶרלִיכֶע יִידֶען) דַאס זִיא זֶעלְבְּסט פַּרשְׁטֶעהְן אוּנ וִויסֶן דַאס זָאלְכֶע דֶר חָכָם נִיכְט פוּן אֵייגֶענְן וִוילֶן אִיהְנֶן מוֹכִיחַ אִיזְט · זָאנְדֶערְן דִיא תּוֹרָה הָאט אִיהְם דִיזֶעם אוּפְגְטְרָאגְן . דַאמָאלְס אִיזְט עֶר נִיכְט שׁוּלְדִיג זַיין תּוֹכָחָה פִיהל צוּ פַּרקְלֵיידֶען — זָאנְדֶערְן עֶר קָאן זָאגְן דִיא תּוֹכָחָה רֵייד אִין נַאטוּר · וָוארוּם זַייט אִיהְר מְחַלֵּל שַׁבָּת · וֵוייסְט אִיהְר דֶען נִיכְט דַאס דִיא תּוֹרָה הָאט גְוָואהְרֶנְט מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת דֶר וָואס שַׁבָּת מְחַלֵּל אִיזְט פַּרדִינְט דַאס מַאן

איהם

אַיהם פַרְשְׁטֵיינִיגֶן זָאל. וָוארוּם טוּהְט אִיהר נִיכְט טֶעגְלִיךְ עֶטְוַואס תּוֹרָה לֶעהְרֶנֶן. ווייסְט אִיהר דֶען נִיכְט דַאס וֶועגֶן בִּיטּוּל תּוֹרָה וֶוען מַאן תּוֹרָה לֶעהְרֶנֶן פַרַאבְּשֶׁעט. וֶוערְדֶען חָלִילָה קְלֵיינֶע קִינְדֶער הִין גֶעריסֶען. וִויא אוֹיךְ דַאס דִיא גְמָרָא זָאגְט דֶער ווָאס עֶס קָאן לֶעהְרֶנֶן אוּנ נִימְט זִיךְ נִיכְט דִיא צַייט דַאצוּ שְׁטְרָאפְט אִיהם הַשֵּׁי״ת מִיט יְסוּרִים אַכְזָרִיים אוּנבַּארִימְהֶערְצִיגֶע שְׁמֶערְצֶען דִיא אִיהם בַּטְרִיבֶּען. ווייסְט אִיהר דֶען נִיכְט דַאס דִיא רֵייד פוּן דִיא חַכְמֵי הַשַּׁ״ס אִין דִיא הֵיילִיגֶע מִשְׁנָה אוּנ גְמָרָא זִינְד אַלֶם גַחֲלֵי אֵשׁ פֵייֶער קוֹלֶען צוּ בַּטְרַאכְטֶען. אוּנ אִיהר בִּיס אִיזְט וִויא אֵיין בִּיס פוּן אֵיין פוּקס. אוּנ אִיהר שְׁטָאךְ אִיזְט וִויא אֵיין שְׁטָאךְ פוּן אֵיין עֶגְדִים. אוּנ דֶערְגְלֵייכֶען אֵיינְדְרִינְגֶענְדֶע תּוֹכָחָה רֵייד. וֶוען אָבֶּער דִיא צוּ הֶערֶר זִינְד פְרֶעמְד אוּנ ווייט פוּן דִיא ווִיסֶענְשַׁאפְט דִיא תּוֹרָה. אוּנ אִיהר יִרְאַת שָׁמַיִם אִיזְט גֶעמֵיין אוּנ שְׁוַואךְ. אוּנ עֶס זִינְד צְווִישֶׁען אִיהְנֶען אוֹיךְ זָאלְכֶע דִיא רֵייכְטוּם בַּזִיצֶען אוּנ דַאדוּרְךְ שְׁטָאלְץ בַּוִיצֶען אוּנ הוֹיכְמִיטִיג זִינְד. אוּנ מַאנְכֶע שָׁאהְן עֶטְוַואס גֶעבִּילְדֶעט זִינְד. נוּן וֶוען עֶר אִיהְנֶען זָאלְכֶע תּוֹכָחָה פָאר טְרָאגֶען וִוירְד. אָהְנֶע פַרְקְלֵיידוּנְג. נִיכְט נוּר דַאס זִיא בֵּייא אִיהְנֶען קֵיינֶע ווִירְקוּנְג מַאכֶען ווִירְד דַאס זִיא דַאדוּרְךְ אִיהְרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּם בֶּעסֶערְן זָאלֶען. זָאנְדֶערְן זִיא וֶוערְדֶען נָאךְ אִיהם פֵיינְד הָאבֶּען. דַארִיבֶּער ווייל דִיא תּוֹרָה הָאט דִיא מִצְוָה פוּן תּוֹכָחָה אוֹיף גְּטְרָאגֶען פִיר אֵיין יֶעדֶע קְלַאס מֶענְשֶׁען. אַזוֹ אִיזְט אֵיין יֶעדֶער מוֹכִיחַ שׁוּלְדִיג דַאס עֶר זִיךְ גֶענוֹי אַכְט גֶעבֶּען זָאל אוֹיף זֵיינֶע רֵייד. דַאס עֶר קֵיינֶעם נִיכְט נוּר נִיט שִׁילְטֶען אוּנ מְבַזֶּה זֵיין זָאל. זָאנְדֶערְן אוֹיךְ פוּן דִיא גְרִינְגְסְטֶע בַּלֵיידִיגוּנְג זָאל עֶר זִיךְ אַכְט גֶעבֶּען. אוּנ דִיא תּוֹכָחָה ווָאס עֶר אִיהְנֶען זָאגֶען מוּס: זָאל זֵיין פַרְקְלֵיידֶעט אִין אֵיין שֶׁעהְנֶע אוֹיפְקְלֶערוּנְג פוּן אֵיין פָּסוּק. דַאן קָאן זֵיין דַאס אוֹיךְ בֵּייא זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען זֵיינֶע תּוֹכָחָה רֵייד נִיכְט אוּמְזָאנְסְט זֵיין וֶוערְדֶען:

אַבֶּר לֵיידֶר גֶענוּג פִינְסְטֶער אוּנ בִּיטֶער אִיזְט דֶען דוֹר וֶוען אֵיין זָאלְכֶע צַייט גְקָאמֶען אִיזְט דַאס דִיא לִיבּ פוּן יִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ הַשֵּׁי״ת אוּנ צוּ זֵיין תּוֹרָה אַזוֹ שְׁוַואךְ אִיזְט דַאס וֶועגֶן אִיהר כָּבוֹד אוּנ גַאֲוָה דֶען אוּנְטֶערְדְרִיכְט אוּנ אוּנְטֶערְוַוייז אִין הִינְזִיכְט יִידִישְׁקֵייט צוּ פַרְוֶוערְפֶען דַאס דֶער מַנְהִיג אוֹיף זָאלְכֶעס זִיךְ אַכְט גֶעבֶּען מוּס. דֶען וֶוען דֶער דָאקְטָאר פַרְשְׁטֶעהְט דַאס דֶער קְרַאנְקֶער גְפֶערְלִיךְ אִיזְט דַאס

מאן

מַאן אִידהם בְּלוֹט נֶעהְמֶן טוּם וֶוען דֶר קְרַאנְקֶר שָׁאהן אַיין עֶרְוַואקְסֶענֶר מֶענְשׁ אִיזְט דֶער פַּרְשְׁטַאנד הָאט אוּנ וַויים דַאס זָאלְכֶע שְׁטִיכֶע אִידהם זַיין לֶעבֶּן רֶעטֶן וִוירְד · אַזוֹ פַּרְלַאנְגְט עֶר אַלֵיין דַאס מַאן אִידהם אַיינֶער זֶעצְן זָאל · אָדֶער אָדֶר שְׁלָאגֶן · וֶוען אַבֶּר דֶער קְרַאנְקֶר נאך אַיין יוּנְגֶעס קִינְד אִיזְט וָואס נָאך פַּרְשְׁטַאנְד לָאז אִיזְט · אוּנ ווַייגֶערְט זִיך אִידהם זָאלְכֶעס צוּ טוּהְן · אַזוֹ אִיזְט דֶר דָאקְטָאר גְצְוְואנְגֶן מִיט קְלֶענֶערֶע הַיילְמִיטֶל אִידהם צוּ בַּהַאנְדְלֶן · פִיזִיקַאטוּר · זֶענְפְּטֵייג · אַבֶּר דִיא וִוירְקוּנְג פוּן דִיא לֶעצְטֶערֶע אִיזְט נִיכְט אַזוֹ גִיצְלִיך אַלְס דִיא עֶרְשְׁטֶע ·

## שאלה נט

דִיא מִצְוָה פוּן תּוֹכָחָה אוֹיף יֶועם דִיא שוּלְדִיגְקֵייט אִיזְט · אוּנ ווִיא אַזוֹ מַאן זִיא מְקַיֵים זַיין זָאל ·

## תשובה

דֶער פָאטֶר אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶר · דֶער הֶערר אוֹיף זַיינֶע מְשָׁרְתִים דֶער נִכְבָּד וּנְשׂוּא פָנִים אוֹיף זַיינֶע שְׁטָאט לַייט ·

דֶער עוֹשֶׁר אוֹיף דִיא אַלֶע דִיא אִידהם אוּנְטֶערְגֶעבֶּן זִינְד · אוּנ דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אוֹיף זַיין קְהָלָה · ווַייל אוֹיף דִיזֶע אַלֶע דִיא שוּלְדִיגְקֵייט אִיזְט דַאס זִיא גְרָאס אוֹיפְזִיכְט הָאבֶּן זָאלֶן צוּ אוּנְטֶערְרִיכְטֶן אוּנ צוּ אוּנְטֶערְוַוייזֶן אִין הִיעְנְזִיכְט יִדִישְׁקֵייט דִיא אַלֶע מֶענְשֶׁן וָואס זִיא נוּר מוּטְהַמַאסוּנְג הָאבֶּן דַאס אִיהר תּוֹכָחָה בַּייא אִיהְנֶן וִוירְקֶן וִוירְד אוּנ פְרִיכְטֶן טְרָאגֶן א)

ווייל

---

א) ווַייל זָאלְכֶעס אַיינְס פוּן דִיא אוּם גְצֵייכֶענְטְסֶטֶע טֶייעֶרְסְטֶע מִצְוֹת אִין דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיזְט צוּ פֶערְאוּרְזַאכֶן דֶען קִיוּם הַתּוֹרָה צוּ פֶערְגְרֶעסֶערְן אוּנ צוּ שְׁטֶערְקֶן · צוּם בֶּעוַויז דַא אוּנְזֶר פָאטֶר אַבְרָהָם נִיכְט אִין דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גִידֶר גֶשְׁרִיבֶּן אִיזְט · דַאס אִידהם הַשי״ת אִיבֶּר דֶען מִיט גְרָאסֶע לִיבּ אוּם גְצֵייכֶענְט הָאט וַוייל עֶר הָאט פָאר הַשי״ת זַיין לֶעבֶּן הִינְגֶעגֶעבֶּן אִין קַאלֶך אָפֶען זִיך וֶוערְפֶן צוּ לָאסֶן · אָדֶר ווַייל עֶר זַיין זָאהְן הָאט פָאר הַשי״ת שֶׁחְטֶן וָואלֶן · זָאנְדֶערְן נוּר וֶועגֶן דֶען · ווַייל עֶר זִיך הָאט בֶּעשְׁטְרֶעבְּט אוּנ בֶּעמִיהְט זַיינֶע קִינְדֶר · זַיינֶע הוֹיז לַייטֶע · אַלֶע זַיינֶע גוּטֶע בֶּקַאנְטֶע · אוּנְטֶערִיכְט צוּ גֶעבְּן · אוּנ אוֹיף גְקְלֶעהְרְט וָואס אִיהר צְוֶועק פוּן אִיהְרֶן לֶעבְּן אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט אִיזְט · דַאס עֶס קַיין אַנְדֶערֶר אִיזְט נוּר דִיא פָאהְרְשְׁרִיפְט פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גֶענוֹי צוּ בֶּעפָאלְגֶן ·

אוּנ ווַייל דִיא יִידִישְׁקֵייט טְרַייא ווִיא זִיך גֶעבִּיהְרְט נָאך צוּ פָאלְגִן אִיזְט זָעהְר גְרָאס אוּנ ווַייטְלַייפִיג · אוּנ דַארִיבֶּר זֶעהְר זֶעלְטֶן אִיזְט אַיין מֶענְשׁ דֶער זִיך רִיהְמֶען קָאן גַאנְץ פֶעהְלֶער פְרַייא צוּ זַיין · וֶוען עֶר זִיך אָבֶּר בֶּעפְלַייסְט אוּנ בֶּעשְׁטְרֶעבְּט צוּ פֶערְאוּרְזַאכֶן אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁן צוּ עֶרְוֶועקְן דַאס זִיא דֶען עֶרְלִיכֶן יִדִישֶׁען וֶועג גֶעהְן זָאלְן · נוּן וֶוען דִיא תּוֹרָה אִיזְט מַבְטִיחַ דָאס (בְּרָא מְזַכֶּה

אבא

[וויל דיא מצוה פון תוכחה איזט איין שולדיגקייט ניכט נור אוף דען רב · זאנדערן אויף איין יעדן יודן אהנע אויסנאהמע · אונ דיא עבירה וואס ער מיט זיין תוכחה העטע קאנן צוריק האלטן · ווען ער ניכט מוכיח איז · וויררד דיא עבירה ביים יום הדין אידם גרעכנט אלם העטע ער זיא זעלבסט עובר געוועזן · ניכט וויא מאנכע דוממע אונוויסענדע מענשן ווען מאן זיא אויף זאלכעס צו רעדע שטעלט דאס זיא העטען מעהרערעס מיט איהר ווארט איינהאלטן קאנן · אזוי איזט איהר תשובה בין איך דען איין רב - בין איך דען איין מוכיח - אונ זיא האבן ניכט דען פערשטאנד אונ דיא איבערלעגונג דאס זיא דאדורך איהר לעבן פערלירן קאנן · וויא דער פסוק זאגט רשע בעונו ימות ודמו מידך אבקש ווען דער רשע וועגן זיינע עבירות זיין לעבן פערלירט · ווערדע איך זיין בלוט פון דיר איין פאדערן · ווייל דוא איהם דעסט זאלן צו רעכט ווייזען] דאריבער זאל זיך איין יעדר פון דיזע אלע אויף דיא קאנצעפט פון זיין תוכחה זעהר גוט אונ גענוי אכט געבן · אונ דאס איהרע ווערטער מיט גוטע איבערלעגונג אונ געצעהלט זיין זאלן · קיינען צו בשעמן · קיינן צו בעליידיגען · אונ זאל ניכט פון זיינע



אבא) דאס דאס קינד ווען עס אין פראמן וועג געהט קאן עס פערראוהראכן זיין פאטער צו ערהעבן אויף יענע וועלט · ווען אוך דאס ער איהם נור גורם האט געוועזן אויף דיזע וועלט צו ברענגן · פיל מעהר דאס דער תלמיד מזכה קאן זיין זיין רבי אונ דיא אלע וואס איהם מדריך האבן געוועזן · ווייל זיא איהם פערראוהראכט האבן אויף עולם הבא צו ברינגן · דאריבער זאל זיך איין מענש מיט אלען מעגליכן בעפלייסן אין אלערלייא הינזיכטען וואס נור אין זיין כח שטעט דיא יידישקייט צו בעפעסטיגן אונ צו פערשטערקן · עס זייא איין (גבאי פון דיא תלמוד תורה) צו זיין · דאס ער גראסע אויף זיכט האבן זאל וויא דיא השגחה פון דיא מלמדים אויף דיא קינדער איזט · ניכט נור מיט תורה לערנן אליין · זאנדערן דאס זיא מיט איהנן טעגליך ספרי מוסר לערנן זאלן · דאס דאדורך אין איהר הערץ יראת שמים אונ מדות טובות איינגעפרעגט זיין זאל · עס זייא איין (גבאי דחברא קדושה) דאס מאן דען עמוד פון גמילות חסדים ערנסט האלטן זאל · אונ איין גבור מלחמה צו זיין · פעסט צו שטעהן קיינע מנהגי ישראל צו פערהינדערן · אונ קיינע ערנייערונגן איינדרינגן צו לאסן · אונ דער גלייכן · ער זאל אבער ניכט וועגן אום שפאטן פון לצים — זיך פון זאלכען צוריק האלטן · דען דאס אלגעמיינע ווארט איזט · וויא דער קצב קאן ניכט עקסיסטירן אהנע הינד · אזו קאן ניכט זיין דאס דער ערנסטער ערליכער יוד אהנע מתנגדים אונ לצים זיין זאל ·

# כלל ט שאלה נט ס

ברענענדע אהבה צו השי״ת שליסען אויף דעם המון עם [דאס ער איהנן דאראויף מיט פייער אונ צארן זאגט וויא קאן מען זאלכעס טוהן. וויא קאן מאן זיך זאלכעס ערלויבן. איהר פריינט יא וועגן דען ניכט נור מיט דען נאמן רשעים זאנדרן פושעים גרופן צו ווערדן] דא זיא ליידר דען גרעסטען טייל פון איהרע לעבענסצייט וועגען איהר פרנסה צו זוכן פרמישט צווישן אומות העולם זיין מיסן. אונ דאס ווירקט פיעל דיא אהבת ה׳ אונ דיא אהבת התורה צו פרוועניגערן אונ צו שוואכן. דאריבר זאל נור דיא תוכחה בשטעהן אין פריינדליכע ווייכע רעד אונ שעהנע אויף קלערונג:

**שאלה ס** וועלכעס איזט דער וועג אין הינזיכט יראת שמים אונ מצות וועלכעס איין מענש איזט שולדיג צו נעמן דאס ער דויער האפט זיין זאל.

**תשובה** איין מענש מוס מיט קלוגהייט זיך יראת שמים אייגען מאכן - אונ דען יצה״ר צו דעמיהטיגן. אונ דיא ליידענשאפטן צו אונטרדריקן. דאס ער צו דיזען אלען נאך אונ נאך אונ לאנגזאם צו ווערק געהן זאל. נעמליך ווען פריהער וואהר זיין געוואנהייט צו שלאפן ביז דרייא שעה אויף דען טאג אונ דאדורך האט ער נימאהלס מיט מנין גדאווינט. ווען איהם זיין הערץ בעווילינט זיינע שלעכטע וועג אויס צו בעסערן. איז ניכט ראהטזאם דם ער שאן אום דרייא איהר פאר טאג אויף שטעהן זאל ביז טאג תורה צו לערנן אדר תהלים מיט חצות אב צו ריכטן. דען ווען ער אויך זאלכעס איינינע מאהל טוהן ווירד. עס ווירד אבר ניכט זיין דויער האפט. דען וויל ער שאהן איינע זעהר לאנגע צייט זיך געוועהנט האט איי עצר פויל צו זיין אונ לאנג צו שלאפן. וויא איזט מעגליך דאס מאן דיא געוואנהייט פון דיא ליידענשאפט אויף איינמאהל צערברעכען אונ אומענדערן קאן. זאנדערן ערשט זאל ער זיך געוועהנן איינע קורצע צייט דאס ער עטוואס פריהער אויף שטעהן זאל דאס ער ק״ש אונ תפלה אין דיא געהעריגע צייט זאגן זאלל ווען אויך דאס ער נור אין זיין הויז ביחידות דאווינט. שפעטר היען. זאל ער זיך געוועהנן אין שוהל צו געהן דם ער ווענינגסטענס קדושה אונ ברכו הערן זאל. אונ ווען ער שאהן איין שטיק צייט זיך זאלכעס געוועגט האט

זאל

זאל ער זעהן דא תפילות רבים אין טייערן ווערט שטעהט . איין וועניג פריהער אויף צו שטעהן דאס ער מיט דעם ציבור דאווינען קאנען זאל . שפעטער היען געוועהנט ער זיך איינע שעה פאר טאג אויף צו שטעהן . דען ווען מאן פריהער זיך בעשעפטיגט מיט תורה לערנן . תהלים זאגן . אדער ספרי מוסר זעהן . זא איזט דיא תפילה וואס מאן דערנאך דאווינט אין איין ווייט גרעסערן אונ טייערן ווערט . אונ אויף דיזע ארט זאל ער זיך פירן אין אנדערע גוטע מדות אונ מעשים טובים דיא ער זיך איינען מאכן וויל . גון ווען ער נור אימער איין זאלכען וועג נעמן ווירד . איזט ער געזיכערט ניכט נור דאס עס פון איין לאנגען דויער זיין ווירד . זאנדערן ער ווירד נאך תמיד מוסיף והולך זיין — .

## שאלה סא

גיב מיר איינע אויף קלערונג אויף דיא משנה המלאכה מרובה והפועלים עצלים דיא ארבייט איזט גראס אונ דיא ארבייטר זינד פויל .

## תשובה

איך ווערדע דיר זאלכעס צו פערשטעהן געבן פון דעם אלטעגליכען . ווארום זאל איין מענש ניכט זיינע אויגן עפענען אונ זיך איין מוסר נעמן . דען ווען איין ארט בענעהטיגט איינע שוהל צו בויען . אונ זיא אליין זינד צו שוואך דאצו . שיקן זיא שלוחים אין אנדערע שטעהט דאס מאן איהנען ביייא שטייערן זאל . אונ זעלטן דאס זיך איינער טרעפט דאס ער זיך פון דיא מצוה אוים שליסן זאל . [ווען אויך דאס ער אין אנדערע הינזיכטען זעהר קארג איז אונ דאס געלד ביייא איהם אין טייערן ווערט שטעהט] זאנדערן ער האט נאך איינע שמחה דאס ער אויך אן אזוי גראסע מצוה בעטייליגט זיין קאן - יעצט איבער לעגע דיר . דיא שוהל ווען זיא שאהן אין גאנצען ערבויעט איזט . ווירד זיא נור גערופן מקדש מעט . אונ דיא קדושה פון איהר איזט ניכט אזו שטארק דאס זיא עוויג דויערן זאל . ווייל דיא שבעה טובי העיר האבן דען כח זיא צו פערקויפן ווען עס דיא צייט בענעטיגט . אונ מיט דעז וואס דוא ביייא הילפיג ביזט . זיא צו ערבויען . האסט דוא נור איין טייל פון דיא מצוה וואס נור איין מקדש מעט איזט . אונ ניכט אויף אימער דענאך שעצט זיך איין יעדער פיר איין גראסע מצוה דאצו . צוא

# כלל ט שאלה סא

הֶעלְפֿן . נוּן דַא אִין דִיא מַאכְט פֿוּן אֵיין יֶעדֶן מֶענְשֶׁן שְׁטֶעהְט צוּ בּוֹיֶען אֵיין מִקְדָשׁ . אֵיין זָאלְכֶם מִקְדָשׁ וָואס אֵיין מִקְדָשׁ עוֹלָם אִיזְט . וָואס נִימָאלְס דִיא קְדוּשָׁה דַאפֿוּן זִיךְ אוֹיף הֶערֶן קָאן . אוּנ וִוירְד גֶערוּפֶֿן מִקְדָשׁ . נִיכְט נוּר מִקְדָשׁ מֶעט . אוּנ וֶוען אֵיין מֶענְשׁ וִויל קָאן עֶר זָאלְכֶם אַלֵיין עֶרְבּוֹיֶען אוּנ גַאנְץ פַֿרְפֶֿערְטִיגֶען נִיכְט נוּר דַאבֵּייא בֶּעטֵיילִיגְט צוּ זֵיין [וֵוייל וֶוען מַאן גֶענוֹי נָאךְ פָֿאלְגְט דִיא פָֿארְשְׁרִיפְֿט פֿוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דִיא תרי״ג מִצְוֹת פִּינְקְטלִיךְ צוּ הַאלְטֶן . מִיט דֶען טוּהְט מַאן פֶֿרְאוּהרַזָאכֶן דַאס זֵיינֶע רמ״ח אֵבָרִים אוּנ שס״ה גִידִים גֶעהֵיילִיגְט אוּנ טֶעסְטֶעלִירְט וֶוערְדְן . אוּנ זֵיין גוּף דַאדוּרְךְ פֶֿרְדִינְט גֶוִוירְדִיגְט צוּוֶוערְדְן מִיט דֶען נָאמֶן מִקְדָשׁ ה׳] נוּן זָאג מִיר וִויא אִיז דֵיין שֵׂכֶל . וִויא אִיזְט דֵיין פַּרְנוּנְפְֿט . דַאס דוּא פֿוּיל אוּנ טְרֶעהְג בִּיזְט זָאלְכֶם צוּ אוּנְטֶערְנֶעמְן . אָדֶער וֶוען דוּא אוֹיךְ שָׁאהן זָאלְכֶעס אוּנטֶערְנָא מֶעמֶן הָאסְט . דַאס דוּא בִּיזְט נַאכְלֶעסִיג עֶס צוּא פֶֿערְפֶֿערְטִיגְן .

אוּנ פֿוּן מַאנְכֶע אִיהֶרֶע פֶֿרְטֵיידִיגוּנְג דַאס זִיא שְׁפֶּעטֶר הִיעֶן זִיךְ דַאצוּ נֶעמְן וֶוערְדֶן . אִיזְט נִיכְט הִיעַנְרֵייכֶענְד אוּנ אוּים גֶעבְּלִיךְ גֶענוּג . וֶועגֶן צְוֵוייא טַעמִים . עֶרְשְׁטֶעְנְס . וֵוייל דֶען אֵיין מֶענְשׁ וֵויא לַאנְג עֶר נָאךְ צוּ לֶעבִּן הָאט . צְוֵוייטֶענְס . וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר פַֿרְזִיכֶרְט מֶעכְט זֵיין צוּ אֵיין לַאנְגֶעס לֶעבְּן . דַא דִיא בַּשֶׁעפְֿטִיגוּנְג פֿוּן דִיא תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת וָואס זִיא זִינְד דִיא מַאטְרִיאַלֶען דַאס מִקְדָשׁ דַאמִיט צוּ עֶרְבּוֹיֶען זֶעהר גְרָאס אוּנ וֵוייטְלֵייפִֿיג זִינְד . אוּנ וִויא מֶעהְר דַאס עֶר זִיךְ בַּשְׁטְרֶעבְּט דַאס גֶעבֵּייא צוּ פֶֿרְשֶׁענֶערְן אוּנ צוּ פֶֿערְצִירֶן . דַאן וֶוערְדֶן אִיהם זֵיינֶע אוֹיגֶן גֶעעֶפֶֿענְט . אוּנ זֶעלְבְּסְט אֵיינְזֶעהְט דַאס עֶר נָאךְ שׁוּלְדִיג אִיזְט זֶעהר פִֿיעל צוּ טוּהְן . בִּיז עֶס גַאנְץ אַהֶער גְשְׁטֶעלְט אוּנ בֶּעוָואהְנוּנְגְס וֶוערְט זֵיין וִוירְד . נוּן וִויא קָאן מֶען אֵיין אַזוֹי גְרָאסֶע לַאנְגֶע אוּים גֶעדֶעהְנְטֶע אַרְבֵּייט אוֹיף שְׁפֶּעטֶר הִיעֶן צוּ טוּהְן :

# כלל י

## תכון תפלתי קטורת לפניך ובו ח שו״ת

**שאלה סב** דאס מאן זוכה זיין זאל איין אמתדיגער ערליכער יוד צו זיין ווערענד זיינע גאנצע לעבענס צייט · אב דיזעס לייכט איזט · אדער ניכט ·

**תשובה** דיא זאכע פיר זיך איזט זעהר לייכט אונ גרינג · דאס עס דיך אבער ניכט בפרעמדן זאל ווען עס לייכט איזט · ווארום זיא איז ווענינ אונ זעלטן צו געפינן איזט. דא דער - אונ יענער - אונ דיזער - קיין אמתדיגע יראת שמים האבן · דאריבער פינדע איך מיך שולדיג דיא אורזאך דאפון צו זאגן · וויל דיא גמרא זאגט דאס מאן ערלאנגן זאל תורה אונ מעשים טובים אונ ערנסטע יראת שמים · מוז מאן האבן דאצו איין חיזוק איינע אונטערשטיצונג פון השי״ת · אונ דאס איזט מאן עהער ניכט זוכה ביז מאן וועגן דען פיהלע ערנסטע תפלות גבעט פרגיסט צו השי״ת · אונ וויל ער דיא הערצער פריבט וועלכע תפלה מיט געטהיילטעם הערץ · וועלכע מיט אונגעטהיילטעם · אונ וועלכע ניכט נור מיט דען גאנצן הערצן · זאנדערן אויך פייעריג אונ ברענענד איזט · אונ מיט הייסע טרערן בעגאסן ווירד · אונ דער אינהאלט פון דיא תפלות איזט (טהר לבי לעבדך באמת) ריינינע מיר מיין הערץ דאס איך דיא זכיה האבן זאל דיך אמתדיג דיהנען צו קענן · (אחלי יכונו) איך בעטע דיך גיב מיר הילף דאס איך אין דען שטאנד געזעצט זיין זאל דאס מיינע אלע וועג נור זאלן געריכטעט זיין דיין היילינע תורה נאך צו פאלגן · (לעשות רצונך חפצתי) מיין גאנצער טייערר וואונטש איזט נור דיין ווילן צו טוהן · אונ דער גלייכן געבעטע. פרמעהג דען העלפט איהנן השי״ת · נון דא מיר דיא צו זיכערונג האבן פון השי״ת דאס ער איינען יעדן יידען דער וואס דען וועג פון דיא תורה געהן וויל בייא הילפיג זיין ווירד · נון קאן מאן שאן מעהר זאגן דאס דיא אמתדיגע יראת שמים אונ דיא פארשריפט פון דיא היילינע תורה גענויא נאך צו פאלגן דאס זאלכעס איינע שווערע זאכע איזט -- אונ זעהר זעלטן דאס מאן עס ערלאנגן קאן -- דען (היד ד׳ תקצר) איזט דען דיא מאכט פון השי״ת ניכט היעלענליך

שטארק

# כלל י שאלה סב

שטארק געניג איינען יעדן הילפע צו געבן - דאריבער מוז יא איין יעדער בעקענען דאס די יראת שמים פיר זיך איינע לייכטע זאכע איזט — די אורזאך אבער דאס מאן דאך די אמתיגע יראת שמים גענויא אונ פינקטליך וויא זיך געבירט זעהר וועניג פינדעט. איזט נור וויל מאן די תפלה דארויף ניכט געהעריג פרריכטעט.

נון דא די תפלה דער איינגאנג אונ דער שליסעל איזט דאס מאן נור דורך איהר זוכה קאן זיין צו השגות התורה אונ צו ערנסטע יראת שמים. אונ אלע מצות גענויא אונ טרייא נאך פאלגן צו קענן. אונ דאדורך דאס עוויגע לעבן זיך ערווערבן קאן. וויא פיהל איזט איין מענש שולדיג דאס ער אויף זיך איינע גענויע אויפזיכט האבן זאל אונ מיט זיך זעהר אפט צו בערעכענן דאס ער ניכט זאלכע עבירות בעזיצן זאל וואס זיא גורם זיין דאס זיין תפלה ניכט נור פראכטעט זאנדערן גאנץ פרשטויסן אונ צוריק געוויזן ווירד. נעהמליך דאס ער תורה לערנן אדר תורה צו הערן זעהר ליעב האבן זאל. וויא דער פסוק זאגט (מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה) דער יעניגער וואס זיינע אויערן פארט ווענדעט תורה ניכט צו צו הערן. איזט זיין געבעט ביי השי"ת פראכשייעט - וויא אויך ער זאל זעהן אלעם מעגליכע צו טוהן דאס ער זיך די מדה פון גמילות חסדים אייגן מאכן זאל דאס ער זאל מיט איין יעדן מענשן נאך זיין כח גומל חסד זיין אין היענזיכט עניני עולם הזה. פיהל מעהר פון עניני עולם הבא. נעהמליך זאלכע מענשן וואס אונוויסענד זינד זיא צו אונטערווייזן דען וועג פון יראת שמים. אונ אויף די רשעים זאל אימר זיין געבעט זיין דאס השי"ת זאל פראורזאכן דאס די חטאים אויפהערן. נעהמליך דאס זיא תשובה טוהן זאלן.

ווייל דער מדרש זאגט דער מענש וואס זיך בשטרעבט אימער גמילות חסדים צו טוהן. איזט ער דאדורך זוכה דאס זיין תפלה ביי השי"ת אהנגענאמן ווירד. וויא אויך דאס ער פאר יעדער תפלה מהרהר בתשובה זיין זאל דאמיט זיינע תפלה זאל ניכט בטראכט ווערדן אלס זבח רשעים תועבה איין קרבן פון איין רשע איזט ביי השי"ת פראכטעט. אונ דאס וויכטיגסטע איזט דאס ער תמיד מיט איין דעהמיטיגעם צערבראכענעם הערץ בזארגט זיין זאל אויס צו בעסערן זיינע יוגענד פעהלער וואס ער האט געזינדיגט מיט שלעכטע

געדאנקן אדר מיט שלעכטע רייד . אדר גאר מיט שלעכטע מעשים אין היינציכט שמירות ברית קודש וואס לייִדער אין דען הייטיגן דור זעלטן איין מענש דאפון גאנץ פעהלר פרייא איזט . ווייל דיא עבירה פון עון זרע לבטלה פראורזאכט (ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם) דאס דיא תפלות וואס ער מתפלל איזט ווערדן צוריק געווארפן .

נון ווען יידישע קינדר זאלכם נאך פאלגן ווערדן . זא ווערדן זיא געוויס זוכה זיין צו דיא זיכערונג (והיה בטרם יקראו ואני אענה) בפאהר זיא נאך איהר תפלה פרפערטיגט האבן ווערדן . ווערדע איך שאן איהר פרלאנגן איינוויליגען . אונ דאדורך ווערדן זיא זוכה זיין דיא ריינע יראת שמים צו ערלאנגן . ווייל זיא דאמאהלס באמת נור קליין איזט .

**שאלה סג** אב זאלכע תפלה פון איין אונוויסענדן דאס ער נימאל דען זין פון דיא ווערטר ווייס . אוך ביא השי״ת איין ווערט האט .

**תשובה** אזו וויא אין דיא צייטן פון דען בית המקדש וויא מאן האט מקריב קרבנות געוועזן דאס דיא קרבנות ניכט צוגלייך וואהרן . דען דער עושר האט געברענגט איין שטיר . דער מיטעלמאן איין ווידער . דער ארימאן איין פאר טויבן . דער גאנץ עלנדר איין וועניג מעהל . אונ ווייל פאר השי״ת איזט אפענבאר דאס דער עני גערן העטע השי״ת מכבד געוועזן מיט איין טייערם שענערם קרבן . נור ער האט קיין מאכט דאצו [אונ זיין הערץ דאריבר אין פרבארגענן ווייִנט אונ זעהר טיעף גקרענקט איזט . מיט דען ווארט ניכט גענוג דאס מיין וועלט פרפינסטערט איזט דא איך וועגן מיינר גראסע ארמוטה איין זעהר עלענדם לעבן האבע . נור דא דוא אזו האסט גוזר געוועזן . זא איזט עס געוויס רעכט . אונ מוז עס מיט צופרידענהייט אננעהמן דא אהנע היען דיזע וועלט נור פון איין קורצן דויער איזט אונ באלד פראיבר געהט . אבער וואס מיך וייט מעהר שמערצט אונ הערץ רייסענד איזט דא דער גאנצר צוועק פון דען מענשנם לעבן אויף דיזע וועלט איזט נור דאס ער זיך מיט תורה אונ מעשים טובים בערייכערן זאל אונ איזט שודריג וויא וייט נור מעגליך איזט זיך צו בשטרעבן מעהר מעשים טובים צו פרשאפן . נון ווארום זאל איך נאך וועגן מיינר ארמוטה צוריק

גזעצט

# כלל י שאלה סג

גֶזֶעצְט (וָואס עוֹלָם הַבָּא אַנְבֶּעלַאנְגְט) אוּנ גֶעהִינְדֶערְט זַיין גֶעגֶן מֵיין חָבֵר דַאס אִיך נִיכְט דִיא זְכִיָּה הַאבֶּע הַשֵׁי״ת גֶהֶערִיג אוּנ וִויא זִיךְ גֶעבִּיהְרְט צוּ פַאֶרעהְרְן דַאס מֵיין פַארְמֶעגֶן מִיךְ נִיכְט צוּלַאסְט אֵיין שֶׁעהְנֶעס קָרְבָּן צוּ בְּרִינְגֶען] אִיבֶּר דֶען נִיכְט נוּר דַאס זַיין קָרְבָּן בַּיא הַשֵׁי״ת אַזוֹ אָהְנְגֶענָאמְן אִיזְט אוּנ אִין דֶען גְרַאד שֶׁטֶעהְט אַלְס דָאס קָרְבָּן פוּן דֶען עוֹשֶׁר. זָאנְדֶערְן דִיא תּוֹרָה הָאט אִיהם נָאךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט דַאס זַיין קָרְבָּן אַזוֹ גֶשֶׁעצְט אִיזְט אַלְס הֶעטֶע עֶר זַיין נֶפֶשׁ מַקְרִיב גֶוֶועזְן — גַאנְץ אוֹיף דִיזֶע אַרְט [אִין דִיא הַיְיטִיגֶע צַייט דַא לֵיידֶער מִיר קֵיין בֵּית הַמִקְדָשׁ. קֵיין קָרְבָּנוֹת מֶעהְר הָאבֶּען. אוּנ דֶער עֶרְזַאץ פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת אִיזְט אוּנְזֶערֶע תְּפִלוֹת] זִינְד עֶהְנְלִיךְ אוּנְזֶערֶע תְּפִלוֹת. דַא בַּיא דִיא מִצְוָה פוּן דִיא תְּפִלָּה פַארְשִׁידֶענֶע קְלַאסֶען גִיבְּט.

מַאנְכֶע תְּפִלָּה הָאט דֶען כֹּחַ אַלֶע הִימְלֶען דוּרְךְ צוּ דְרֶענְגֶען. וַויל דֶער יֶענִיגֶער וָואס זִיא מִתְפַּלֵל אִיזְט. דֶער וַוייס זִיךְ מְכַוֵּון צוּ זַיין דִיא סוֹדוֹת אוּנ כַּוָּונוֹת פוּן דִיא תְּפִלָּה. דֶעם אִינֶערְן זִין. אַזוֹ וַוייט דַאס זַיין תְּפִלָּה ווִירְד גֶערֶעכֶענְט אַלְס הֶעטֶע עֶר קְטוֹרֶת מַקְרִיב גֶעוֶועזְן.

אוּנ מַאנְכֶער וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר פוּן דִיא סוֹדוֹת אוּנ כַּוָּונוֹת קֵיין בַּגְרִיף הָאט. דֶענָאךְ וַויל עֶר פִיהְל תּוֹרָה אוּנ סִפְרֵי מוּסָר גֶלֶערְנְט הָאט אוּנ דַאדוּרְךְ אִין זַיין הֶערְץ זֶעהְר פִיהְלֶע גְרַאדֶען פוּן בְּרֶענֶענְדֶע אַהֲבַת הַשֵׁם הָאט. דַארִיבֶּר וֶוען עֶר דַאוִוינְט אִיזְט זַיין תְּפִלָּה זֶעהְר פַייֶערִיג אוּנ מִיט שִׂמְחָה. ווִיא דֶער פָּסוּק זָאגְט (כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה) אַלֶע מֵיינֶע גְלִידֶער זִינְד עֶרְשִׁיטֶערְט אוּנ טוּהְן זִיךְ בַּוֶועגְן וֶוען אִיךְ דִיא זְכִיָּה הַאבֶּע דֵיין דִיהְנְסְט צוּ טוּהְן.

מַאנְכֶער וָואס נָאךְ נִידְרִיגֶער אִיזְט. וַוייל עֶר פוּן וִויסֶענְשַׁאפְט פוּן דִיא תּוֹרָה זֶעהְר עֶרְווַייטֶערְט אִיזְט. אוּנ דַאדוּרְךְ דָאס פַייֶער פוּן דִיא אַהֲבָה צוּ הַשֵׁי״ת אִין זַיין הֶערְץ וֶועניג גְרַאדֶען צֶעהְלְט. אַבֶּר דָאךְ אִיזְט עֶר אִין דֶעם שְׁטַאנְד דַאס עֶר פֵּירוּשׁ הַמִלּוֹת דֶען זִין פוּן דִיא וֶוערְטֶער וָואס עֶר דַאוִוינְט פַארְשְׁטֶעהְט. אוּנ טוּהְט זִיךְ בַּשְׁטְרֶעבְּן וֶועהְרֶענְד זַיינֶע תְּפִלָּה זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען צוּזַאמֶען צוּ גֶעהְמֶען. דַאס דַאמָאהְלְס דַאס הֶערְץ מִיט דֶען מוֹיל אֵיינְשְׁטִימִיג זַיין זָאל.

עֶס גִיבְּט אָבֶּר נָאךְ אֵיין נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה. דַאס נִיכְט נוּר דַאס עֶר נִימָאל פֵּירוּשׁ הַמִלּוֹת דֶען זִין פוּן דִיא וֶוערְטֶער פַארְשְׁטֶעהְט. זָאנְדֶערְן עֶר

זאגט נאך פיהלע גרייזען אין דיא עברי. ווייל ער אין זיינע קינדער יאהרען אלס ארים יתום ערצאגען וואהר. זא האט ער קיין געהעריגען אונטערריכט גענאסען. אבער דעננאך האט ער איין זעהר כשר יידיש הערץ. זאלסט דוא ניכט מיינען ווייל זיין תפלה זעהר געמיין אונ נידריג איזט אונ קייגע כוונות. קייגע פייעריגע שמחה. קיין פירוש המלות. אזו גאר גרייזען אין דיא עברי. דאס זיא פאר השי״ת ניכט אין דען ווערט שטעהט דאס זיא פון איהם אהגענאמען ווערדען זאל. חלילה וחלילה זאלכס צו דענקען. דען ווען דען מענשענס כוונה צו השי״ת איזט ערנסט אונ ער מעכטע גערן איהם דיהנען אוף דיא בעסטע פיינסטע ארט. נור עס שטעט ניכט אין זיין מאכט ווייל ער אונוויסענד איזט. אזו איזט זיין תפלה זא טייער אלס דאס קרבן פון עשירית האיפה.

נון ווען דיא צייט געקאמען איזט דאס דער שטאנד פון יידישע קינדער זעהר ערנידריגט איזט. אונ דער חכם וואס איבערלעגונג אונ איינזיכט האט. זעהט איין דאס דר ערנסטער אמת זעהר פרווענינערט איזט אונ דאדורך פארשטעהט דאס פיהלע פיהרער [ווען זיא אויך פון דיא מ ת ק ד ש י ם אונ מ ט ה ר י ם זינד. דאס זיא אייסערליך פיהל קדושה אונ צדקות פון זיך לאסען זעהן] דאך פארפיהרער זינד. אונ ווען ער זיך פון דען הייטיגען שטאנד דיא צוקונפט שפעטער היען בעטראכט וויא זיא אויסזעהן קאן. פראורזאכט זאלכס איינע שולדיגקייט אויף איין יעדען ערנסטען יידען וואס נאך אין זיין הערץ איין ווענינ אהבה צו השי״ת אונ צו זיין תורה גליבט. דאס ער זעהר אפט פאר טאג אויף שטעהן זאל חצות אב צו ריכטען. אונ מתפלל צו זיין מיט רירענדע טרערן דאס דיא (ש א ר י ת ה פ ל י ט ה) דער וועניגער איבערעסט פון דיא אמתדיגע ערליכע יידישע קינדער ניכט זיך גאנץ פארליהרן זאל. ווייל עס שאן יעצט אזו ווייט געקאמען איזט דאס יידישע קינדער אין פיהלע געגענדען איבער געגעבן זינד אין דיא האנד פון סטרא אחרא דאס איהר נשמה פון חיי נצחיי גאנץ פארשניטען אונ אויס געראטט זיין זאל ח״ו. דורך דיא מנהיגים ר ע י ם. צ ב ו ע י ם. מ ה ר ס י ם. מ ח ד ש י ם

וויא אויך דער המון דלות העם [דיא ערליכע יידן וואס קיין וויסענשאפט אין תורה לערנען האבען] זאלען זיך אויך מיט דיא תפלה

בטייליגן

בעטיידיגן. דען ווען זיא איהר תהלים אונ חצות מיט איין ערנסט צעבראכען הערץ אונ מיט וויינען וועגן דיא שפלות התורה והיראה פאר השי"ת זאגן. ווען אויך דאס זיא דען זין פון דיא תפלות ניכט פערשטעהן. דענאך וייל איהר הערץ עס ערנסט מיינט. איזט זיא בייא השי"ת זעהר טייער אונ אין גראסן ווערט. וויא דער פסוק זאגט (כה' אלקינו בכל קראנו אליו) ווער איזט אזו נאהנט אלס אונזער גאט צו איין יעדן דער איהם אהנרופן טוהט ווען אויך דאס דאס געבעט געמיין אונ נידריג ווען עס נור ערנסט איזט

## שאלה סד

איינע זאלכע תפלה וואס מאן האט מיט מחשבות זרות גדאווינט אונ האט זיך ניכט אכט געגעבן דאס מאן דען זין פון דיא ווערטער פערשטעהן זאל. אונ דאדורך איזט זיא צוריק געוויזן אונ ניכט אנגענאמן ווארן. אב זיא אויף אימער פערווארפן בלייבט אדער ניכט.

## תשובה

דא השי"ת נור פון דען מענשן פערלאנגט איינע זאלכע עבודה וואס אין זיינע מאכט שטעהט. עיין (עת לעשות חלק א' דף נד) אונ פאר איהם איזט יא אפענבאר דאס דיא אלע יעניגע וואס זיך איהר גשעפט שטעהרן ווען דיא צייט פון דיא תפלה קאמט דאס זיא אין שוהל געהן דאס זיא גווים נור דען ווילן פון השי"ת גהעריג צו טוהן ווינשן [אונ דיא יעניגע וואס אין דערפער וואהנען דאס זיא אין איין בזאנדער חדר געהן דאס זיא איהר תפלה גהעריג דאווינען קענן זאלן] דא אבער נור דיא פילע זארג אונ דיא גראסע צרשטרייאונג וואס ער דען גאנצן טאג וועגן פרנסה צו זיכן בשעפטיגט איזט איהם פעראורזאכן דאס ער ניכט מתפלל זיין קאן וויא זיך געבירט [אונ דער מענש וואס ערנסטע יראת שמים בזיצט זיך איבר דען זעהר בקימערט אונ ווייגט ווען ער בטראכט זיין נידריגן עלענדן שטאנד אין היגזיכט אהבת ד' דא ער וויים דאס פילע פון זיינע תפלות אלס פיגול אונגווירדיג בטראכטעט ווערדן. דאס דיא עבירה אונ עונש פון דען זעהר גראס איזט. אונ דאדורך אין פערצווייפלונג קאמט וויא אזו ער דיא זכיה האבן ווירד זיך פאר השי"ת אויף דען רעכט פערטיגן צו קענן] דאריבער ברינגט דיא בארמהערציגקייט פון השי"ת מיט דאס ווען ער איין שמונה עשרה זעהר ערנסט אונ פייעריג מיט טרערן דאווינט דם

ער

ער דורך דען פאורזאכען קאן דאס דיא אלע פרוואורפענע תפילות . ווערדען אום גבעסרט אונ אהנגענאמען צו השי"ת . נון וייל דיא תפלה וועז מאן זיא ערנסט אונ ערליך מתפלל איזט וויא זיך געבידרט . קאן זיא זעהר פיהל בייטראגען דאס מיר דיא גאולה שלימה באלד ערלעבען זאלין. אונ דא ליידר שאהן דאס ביטערע גלות זעהר לאנג דוערט אונ דר וואס מיט זיינע אוגען עיני השכל דען שטאנד פון דען דור אין היגזיכט יידישקייט גיט בטראכטעט . זעהט איין וויא זעהר דרינגענד אונ נאטווענדיג איזט דאס שאהן דער גואל צדק קאמען זאל :

דאריבער איזט איין גראסע שולדיגקייט דאס ער זיך אויף זיינע תפילות גיט אכט געבען זאל דאס ער זאל אלע זיינע קרעפטען אנווענדען דאס ער מיט ריינע מחשבות דאווינען זאל . האט זיך אבער ערייגענט דאס ער מאנכעס מאהל דאך אהנע כוונה גדאווינט האט . אזו זאל ער ווענינגסטענס זעהז יעדע וואכע אייניגע שמונה עשרה מיט הייסע טרערן אונ איין זעהר צערבראכען הערץ צו דאווינען. דאס ער דאדורך דיא תפילות פסולות אום בעסרן זאל .

שאלה סה מאנכע חזנים אום איהרע נגונים צו פערשענערן אונ דאס איהר גזאנג בעסר פאסענד אונ קלינגענד זיין זאל . בעניצען זיא זיך דאצו פילע ווערטער פון תורה אונ תפלה צו פרדאפלען אב זאלכעס קיין אונרעכט איזט .

תשובה דיא פרזאמלונג וואס זאלכע גזענגע בייוואגען . ווען אויך נור דיא צוזאמענקונפט אין איין ויין שענק . קאפע הויז איזט . זינד זיא צו בטראכטען אלס מושב לצים . אונ עדת חטאים . פילמעהר ווען זיא דיא קעקהייט האבען אין שוהל זאלכע אונטרהאלטונגען ביי צו וואהנען . דאס איהר זינד וייט גרעסר איזט . וייל זיא מבטל זיין דיא מצוה וואס מיר גבאטען זינד מקדשי תיראו דאס מיר פאר איין מקום קדוש צוריק שרעקען אונ ערפורכט האבען זאלין :

איך דענקע אין יאר (תר"י) האבען פילע פאבריקאנטען צו עהרן דען מלך אונ דיא מלכה פרשידענע כיני מטפחת זאק טיכל פרפערטיגט וואו איהר וועהרטע פאטרעהן דארויף גצייכענט וואר. אבער אין איינע

# כלל י שאלה סה

קורצע צייט דארוף איזט גקאמן איין בפעהל צו אלע בהערדן דאס מאן זיא איינלעזן זאל . וייל זאלכם ניכט נור איין כבוד איין עהרע אנדרן איין בזון איינע גרינגשעצונג איזט . דאס מאן איין זאלכעם נידריגעם פראכטעטם דינסט [דען שמוץ פון דיא נאז אונ דיא הענד אב צו ווישן] טוהן זאל מיט זאלכע טיכל וואס דיא צירות המלך דארוף איזט - נון ווען מאן זאלכם טוהט וועגן דען כבוד אונ ערפורכט פון איין מלכות בשר ודם וואס נור בלוט אונ פלייש איזט. וואס זינד מיר ערסט שולדיג צו טוהן וועגן דען כבוד שמים. דא דיא תורה אונז אם שטרענגסטן גווארנט האט אם לא תשמור ליראה את השם הנכבד והנורא וכו' ווען דוא ניכט ווירסט גענוי אכט געבן צו צו פירכטן אונ צוריק צו שרעקן אונ ערפורכט צו האבן פיר דען פירכטבארן נאמן פון השי"ת . אזו ווירד השי"ת מיט וואנדערליכע מכות דיך בשטראפן .

דא דאס איין דבר ידוע איזט דאס דיא גאנצע תורה אהנע אום נאהמע עס זייא וואס פיר איין פסוק אימר . זינד צירופי שמות הקדושים פון השי"ת . וויא אויך דיא נוסח פון אלע אונזרע תפילות דיא אונז דיא אנשי כנסת הגדולה גמאכט האבן . איזט ניכט נור ביא איהנן דר אייסרליכר זין אליין . זאנדרן זיא זינד מוסד גגרינדעט אויף דען אינערן זין וואס עס זינד פילע סודות ורזים נעלמים אין איהנן פרבארגן . עיין (טאו"ח סימן קכג) דאס זעלבסט דיא ווערטר פון אונזרע תפילות אלע גענוי גצעהלט זינד . אונ זאלכע לייכטזיניגע דורך דען פרדאפלן דיא ווערטר. זינד זיא משחית דען אינערן זין וועגן איהרע עלד אינטרעסע דאס איהר גזאנג ביא דיא צוהערר מעהר חן אונ גייפאל האבן זאל . ואין לך עזות והציפות ומבזה תואר פני המלך בותר מזה. דאס ביא איהנן גלייכגילטיג איז זיך צו בשטרעבן איהר נידריגעם שמוציגעם גזאנג צו פרהערליכן דורך דיא פראכטונג פון דיא תורה אונ תפילה - פילמעהר ווען זאלכם שאהן ביא איהנן נעשה כהיתר אונ איינע גוואנהייט איזט . זא איזט עבירה גוררת עבירה דאס מאן זאלכם אויך טוהט מיט שמות הקודש . וויא מיר גבאטן זינד לא תשא את שם וכו' . אונ דיא גמרא אין נדרים זאגט ווען איינר הערט איין שם שמים אומזאנסט מעלדן . זא איזט ער שולדיג איהם אין חרם צו לעגן . ווען ניכט . איזט דר צוהערר אין חרם . אונ וואו מאן פלעגט דען שם שמים אומזאנסט צו מעלדן . איזט דר עונש דארוף

מיט עניות ארמוטה, געשטראפט צו ווערן ר"ל - דארום ווייכט אוס זאלכע געזעגגע צו צו הערן . אזו ווערן אייערע אוהרן זוכה זיין צו הערן באלד דעז קול ששון וקול שמחה פון בנין ירושלים .

**שאלה סו** דא אין מאנכע מדינות דיא כופרים אונ אפיקורסים זאלכע תפלות שטרייכן וואס אויף דיא גאולה אונ משיח הינווייזט . מיט דען ווארט דאס זאלכעס איין מרידה געגן דען מלך איזט . פערלאנגע איך איינע אויף קלערונג זאלכס וירד לעגן צו קענן .

**תשובה** עיין (עת לעשות חלק א' דף צג ע"ב) דאס דארט דייטליך אויפגעקלעהרט איזט וועגן וועלכע אורזאך דאס מיר שולדיג זינד אויף דיא גאולה מתפלל צו זיין . אונ דאס זאלכס ניכט נור זעהר ערווייטערט איזט זאנדערן אם גרינגסטן קיין בעצוג האט ווס עס איין מרידה בריהרן זאל . ערשטענס וייל מיר פון פילע שטעלן פון תורה שבכתב אונ תורה שבעל פה אם שטרענגסטן געווארנט זינד דאס מיר אונטערטאכט זיין זאלן ביא דיא מלכי אומות העולם ביז ביאת הגואל . אונ נור ביא דיא (ארטאדאקסישע פרטייא) שטעהט דער פרבאט פון דיא תורה אין טייערן ווערט - צווייטענס . וייל אין יענע צייטן פון ביאת משיח וירד מעהר קיין קריג זיין אונ אזו וייט וירד דר שלום הערשן אונ געזיכערט זיין דאס מאן וירד אום אלע שווערטר זיכלן מאכן . אונ אלע פעלקר ווערדן ערקענן אונזערע אמונה . אונ אזו גראס וירד דיא אהבה זיין פון דיא אומות העולם צו משיח אונ צו דען יידישן דת, דאס וויא יידישע קינדר זינד צרשטרייעט אין דיא גאנצע וועלט . ווערדן זיא זיא ברינגן מיט גראס כבוד פיר איין מנחה געשענק צו משיח - נון ווען מיר מתפלל זינד דאס מיר יענע צייט באלד ערלעבן זאלן . וועלכר מענש דר נור עטוואס פרשטאנד בזיצט . וירד ניכט איינזעהן דאס זאלכע תפילות ניכט דאס מינדעסטע געגן דיא רעגירונג איזט [אבר יענע כופרים. ווען אוך דאס זיא ניכט מתפלל זינד אויף משיח אונ גאולה . דענאך זינד זיא וייט געפערליכר פיר איין יעדן שטאט אלס דיא ערנסטע ארטאדאקסן וייל דיא אלע ווארנונגן פון דיא תורה דאס מאן דיא מלכי אומות העולם טרייא זיין זאל . ביא איהנן אין גאנץ קליינן ווערט שטעהט. וייל ווער זאלכע - אונ איהרע פיהרונג גענוי בטראכטעט - זעהט

אֵיין. דַאס זִיא קֵיין גְלויבֶּן הָאבְּן - צוּ מֶעהרֶען בּוּיין בַּייא אֵיינֶע יֶעדֶע מְרִידָה וָואר נוּר זָאלְכֶע יִידֶן דַאבֵּיי בַּטֵייליגְט]-אוּנ זֶעלְבּסְט דִיא כּוֹפְרִים וִויסֶן פוּן דֶען אַלֶען. אוּנ דָאס וָואס זִיא זָאגֶן דַאס זָאלְכֶע תְּפִילוֹת אֵיינֶע מְרִידָה אִיזְט. נוּר אֵיינֶע פָאר וַואנְד אֵיינֶע אוּם רֵייד אִיזְט. אַבֶּר דִיא אֶמֶתְדִיגֶע אוּהרְזַאךְ דַאס זִיא זָאלְכֶע תְּפִילוֹת שְׁטְרֵייכֶען. אִיזְט נוּר. וֵוייל אִיהֶנֶן דַאס גַאנְצֶע יָאךְ פוּן תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת צוּ לַאסְט אִיזְט אוּנ הָאבֶּן דַאדוּרְךְ צוּ גֶווינֶען דַאס אִין שְׁפֶּעטֶערֶע צֵייטֶען נָאךְ אוּנְד נָאךְ דִיא גַאנְצֶע צֶעהְן גֶבָּאטֶע שְׁטְרֵייכֶען צוּ קֶענֶען דַאס זִיא זָאלֶן פוּן דִיא תּוֹרָה גַאנְץ אוּים טְרֶעטֶען אוּנ אֵיינְפַרְלֵייבְּט זֵיין מִיט אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶר. אָבֶּר אַזוֹ לַאנְג דַאס זִיא יֶענֶע תְּפִילוֹת בֶּעטֶען אִיזְט זָאלְכֶם אֵיין גְרָאסֶר צוּרִיק הַאלְט. דַארִיבֶּר זִינְד זִיא גְצְוָואנְגֶען דֶען אַנְפַאנְג פוּן דִיא שְׁטְרֵייכוּנְג צוּ מַאכֶען מִיט יֶענֶע תְּפִילוֹת אוּנ דַאדוּרְךְ קָאן שְׁפֶּעטֶער הִין אִיהר וָואוּנְטשׁ אִין עֶרְפִילוּנְג קָאמֶען [וִויא עֶס דָארְט אִין (עת לעשות חלק א׳ דף צג ע״ב) אוֹיפְגֶעקְלֶעהרְט אִיזְט. דַאס זָאלְכֶם פִיהרְט צוּ דִיא כְּפִירָה. וֶוען מַאן דָאס לַאנְד וִויא מִיר יֶעצְט וָואהנֶען פִיר אֵיין פַאטֶער לַאנְד בַּטְרַאכְט]-

**שאלה סז** אֶבּ עֶר שׁוּלְדִיג אִיזְט אוֹיף בִּנְיַן יְרוּשָׁלַיִם צוּ בֶּעטֶען וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר תּוֹרָה לֶערְנֶען קָאן.

**תשובה** דַא דִיא גְמָרָא זָאגְט וֶוען אֵיינֶער לֶערְנְט תּוֹרָה. זָאלְכֶע תּוֹרָה וָואס אִיהר אִינְהַאלְט דַאפוּן אִיזְט צוּ וִויסֶען דִיא דִינִים וִויא אַזוֹ דַאס מַאן דִיא מִצְוָה מְקַיֵּים זֵיין זָאל. אִיזְט זָא פִיהל אַלְס הֶעטֶע עֶר דִיא מִצְוָה זֶעלְבְּסְט גְטוּהְן (וֶוען עֶר קֵיין מַאכְט הָאט דִיא מִצְוָה זֶעלְבְּסְט צוּ טוּהְן) נוּן וִויא קֶענֶען מִיר שָׁאהן מֶעהר זָאגֶען דַאס וֵוייל מִיר אִין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער אִין גָלוּת צֶערְשְׁטְרֵייעְט זִינְד דַאס פִילֶע מִצְוֹת אוּנְז פֶעהלֶען דִיא מִיר נִיכְט מְקַיֵּים זֵיין קֶענֶען. אוּנ דַארִיבֶּר אוֹיף אוּנְז אֵיינֶע שׁוּלְדִיגְקֵייט אִיזְט מִתְפַּלֵּל צוּ זֵיין דֶען בִּנְיַן יְרוּשָׁלַיִם צוּ עֶרְלֶעבֶּען. עַיִין (עת לעשות חלק א׳ דף צג ע״ב). אוֹיף דֶען זָאג אִיךְ דִיר דַאס דוּא דִיךְ נִיכְט אִירֶען זָאלְסְט אִין דֶען זִין פוּן דִיא גְמָרָא דָאס וֶוען אֵיינֶער עוֹסֵק אִיזְט אִין דִיא תּוֹרָה פוּן דִיא מִצְוָה דַאס עֶס אַזוֹ פִיהל אִיזְט אַלְס הֶעטֶע עֶר דִיא מִצְוָה זֶעלְבְּסְט גְטוּהְן. דֶען בֶּאֱמֶת זִינְד זִיא זֶעהר וֵוייט פוּן אֵיינַאנְדֶער (דִיא גְמָרָא מֵיינְט נוּר דַאס

זָאלְכֶם עֶטְווַאס אֵיין פַּרְגַלֵייךְ הָאט אַלְם הֶעטֶע עֶר דִיא מִצְוָה גְטוּהְן דֶר בֶּוֵייז דַארוּף אִיזְט . דַאס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ בַּשְׁטְרֶעבְּט תקט״ו תְּפִלּוֹת פִינֶף הִינְדֶרְט אוּנ פִינְפְצֶעהְן תְּפִלּוֹת מִתְפַּלֵּל צוּ זֵיין דַאס עֶר דִיא זְכִיָּה הָאבֶּן זָאל צוּ קָאמֶן אִין אֶרֶץ הַקְדוֹשָׁה נוּר אוּם דִיזֶען גְרוּנְד דַאס עֶר אוֹךְ דִיא מִצְוֹת מְקַיֵּים קֶענְן זֵיין זָאל וָואס מַאן נוּר אִין אֶרֶץ הַקְדוֹשָׁה קָאן טוּהְן . נוּן וַוארוּם וָואהר עֶר נִיכְט צוּ פְרִידֶן דַאס עֶר דִיא תּוֹרָה פוּן דִיא מִצְוֹת לֶערְנְן זָאל .

דַארִיבֶּר אֵיין יֶעדֶר עֶרְלִיכֶר יוּד וָואס עֶר הָאט לִיבּ דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּנ שְׁטְרֶעבְּט דֶערְנָאךְ יֶועדֶענְד זֵיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּנְסְצַייט אִיהְרֶע מִצְוֹת גֶענוֹי צוּ בַּפָאלְגֶן אוּם דַאמִיט צוּ הֵיילִיגֶן זֵיינֶע רמ״ח אֵבָרִים וּשְׁסָ״ה גִידִים . ווִיא דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי הִיא חַיֶּיךָ וְאוֹרֶךְ יָמֶיךָ . נוּר דוּרְךְ דִיא מִצְוֹת פוּן דִיא תּוֹרָה קָאנְסְט דוּא דִיר פַּרְדִינְט מַאכֶן דָאס אֶעוִויגֶע לֶעבֶּן פוּן עוֹלָם הַבָּא . אִיזְט שׁוּלְדִיג דִיא בְּרָכוֹת פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וָואס אוֹף בִּנְיַן יְרוּשָׁלַיִם הִינְוֵויזֶן מִיט אֵיין צֶרְבְּרָאכֶן הֶערְץ אוּנ מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן זָאלְכֶע מִתְפַּלֵּל צוּ זֵיין :

**שאלה סח** אָבּ מַאן אִין דִיא הֵייטִיגֶע צַייט פוּן הַשֵּׁי״ת מֶעהְר מִיט כֹּחַ דִיא גְאוּלָּה פָארְדֶערְן קָאן .

**תשובה** ווֵייל הַשֵּׁי״ת אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אַל תִּתְּנוּ דֳמִי לוֹ .

זָאנְדֶרְן מַאן זָאל אִימֶר הַשֵּׁי״ת מְעוֹרֵר זֵיין עֶרְוֶועקְן מִיט תְּפִלָּה אוּנ דְמָעוֹת וֵויינֶענְדֶעס גֶבֶּעט וֶועגְן דִיא גְאוּלָּה . פִילְמֶעהְר דַאס דִיא תּוֹרָה זָאגְט וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק . דַאס עֶס אֵיין מִצְוָה אִיזְט צוּ זוּכֶן אֵיין זְכוּת ווִיא מַאן דַאדוּרְךְ יִידִישֶׁע קִינְדֶר רֶעכְטְפֶערְטִיגֶן קָאנְן זָאל . פִינְדֶע אִיךְ מִיךְ שׁוּלְדִיג צוּ זוּכֶן אֵיין וֶועג ווִיא דַאדוּרְךְ יִידִישֶׁע קִינְדֶר גֶרֶעכְטְפֶערְטִיגְט זֵיין וֶוערְדְן . אוּנ וֶוערֶן אִין דֶען וֶוערְט שְׁטֶעהְן דַאס זִיא פְרֵיְיִן בַּאלְד אוּנ שָׁאן עֶרְלֶעזְט צוּא וֶוערֶדְן .

דָא אוּנְזֶערֶע פָאהְר עֶלְטֶערְן אִין מִצְרַיִם אִין אֵיין זֶעהְר עֶלֶענְדֶן נִידְרִיגֶן שְׁטַאנְד אִין הִינְזִיכְט יִידִישְׁקֵייט וָואהְרֶן . דַאס דֶער נָבִיא אוֹף אִיהְנֶן גְזָאגְט הָאט וְאַתְּ עֵרוֹם וְעֶרְיָה דַאס זִיא אִין הִינְזִיכְט מַעֲשִׂים טוֹבִים אַלְם נַאקִיט בַּטְרַאכְטֶעט וָוארְדֶן . דֶענְנָאךְ הָאט הַשֵּׁי״ת אוֹיף אִיהְנֶן רַחֲמָנוּת גְהַאט זִיא צוּ עֶרְלֶעזְן . ווֵייל עֶר הָאט גְזֶעהְן דַאס דִיא אוּרְזַאךְ

# כללי שאלה סח

פון דען דור דאס זיא ארים אונ געמיין אין יראת שמים וואָרן · איזט · וייל זיא פון פילע אפיקורסים אומרינגעלט וואָהרן . אונ אמתדיגע מנהיגים וואס זיא זאָלן ערוועקן צו דיא יידישקייט · וואָהרן זעהר ווענינ אונ זעלטן - אונ וועגן דען האט אויך (עזרא) זיין דור ווייניגער פרטיידיגט ווען אויך דאס זיא נור אין גלות וואָהרן דאמאלס איינע צייט פון זיבציג יאהר . אונ ווען אויך דאס זיא האבן זעהר פיהלע מנהיגי אמת געהאט · נור וייל ער האט איין געזעהן דאס עס העטטען זאָלן מעהר מנהיגי אמת זיין · האט ער מיט דען זיין דור פאר השי"ת גערעכטפערטיגט - ווען אויך דאס זיא זיך דאמאהל פיהל פעראירט האבן אונ פון דען וועג פון דיא תורה אונגעהייער ערווייטערט האבן ·

נון ווען מיר אין אונזערן היטיגן דור איינע געגויע בעטראכטונג נעמן ווערדן אויף יידישע קינדער אין דיא אלע לענדער וויא זיא צערשטרייעט זינד וואס מיר פון זיא וויסן אונ הערן פון איהר שטאנד אונ פירונג ווען אויך דאס זיא זעהר וייט צוריק געגאנגען זינד זעהר ערנידריגט - זעהר פראָרימט - אונגעהייער עלענד אין היגזיכט יידישע פירונג - דאס דער אמת פיהל פערוועניגערט איז - דיא יראת שמים האלט אין אב נעמן - תורה לערנן באלד גאנץ פרגעסן - אין מאנכע געגענדן נאך ערגער דאס מאן זיא פערקניפט אונ פערבינדט מיט חכמות חיצוניות פרמדע קענטניסע אונ דאדורך כפירה אונ אפיקורסת אין דיא וועלט פרמעהרט ווירד - דענאך ווען מיר דאגעגן נעמן ווערדן דאס מיר שאן אכטצעהנהונדערט אונ פיער יאהר אין פרמדע לענדער צרשטרייעט זינד · אונ דיא מנהיגי אמת וואס זיך בשטרעבן זאלן צו זארגען פיר דען דור זיא צו אונטרריכטן · צו אונטרווייזן · וויא איין פאטר זיינע קינדער - זינד זעהר · זעהר · ווענינ — אונ זאלכע מנהיגים וואס עס זינד רמאים · צבועים · חנפים · האבן איבר האנד גנאמן ·

נון וייל אלם זיך נור ווענדט אן דען מנהיג · דער יעניגע וואס זאלכם גוט זיך איברלעגט אונ פרשטייט דאס יידישע קינדר צו בטראכטן זינד אלם שאף דיא קיין היטר האבן · קאן זאלכעס פראוהרזאכן דאס מיר מיט איין יעמרליך קול שרייען זאלן רבונו של עולם דא דוא קיין נושא פנים ביזט · בריקזיכטיגן · אונ טוהסט קיין אונרעכט · פיר וואס איזט אונזר היטיג דור פרענדרט אלס

דם

דאס דור פון יציאת מצרים - אלס דאס דור פון די צייטן פון עזרא - פאר דיר איזט יא אפענבאר דאס די אורזאך פון אונזער ארעמן שטאנד אין תורה אונ יראת שמים, איז נור, וויל זיא ניכט נור קיינע מנהיגי אמת האבן די פיר איהנן זארגען זאלן איהנן צו פירן אין דען וועג פון די תורה, זאנדערן נאך מנהיגים רעים, כופרים, אפיקורסים, המתעים את עמי די וואס זיא פארפירן, וויא איזט דיין צו זיכערונג כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, ביי די קינפטיגע ערלעזונג וויל איך דיר זאלכע ניסים אונ וואונדער בווייזן אלס אין יענע צייטן וויא איך זיא אוס מצרים ערלעזט האבע—וויל זיא ביי אלע הריסות פון די תורה דורך אירע פאלשע פיהער אלס אונשולדיגע צו בטראכטן זינד -- :

## שאלה סט

וועלכעס איזט דער וועג דאס מאן השי"ת צו דען דין תורה רופן קאן דאס ער שולדיג איזט ניכט נור באלד זאנדערן שאן דען גואל צדק צו שיקן ·

## תשובה

עס שטעהט אין מדרש השי"ת זאגט איהר האט מיט אייערע עבירות גורם געוועזן ירושלים מחריב צו זיין, פרלאנגט פון מיר אונ זייט מתפלל ירושלים צו ערבויען אזו ווערדע איך אייך אין דעם זכות מוחל זיין אייערע עונות ·

וויל דער קראנקער ווען ער ניכט פרשטעהט דאס זיין קראנקהייט זעהר בעדייטענד אונ געפערליך איזט, דארום איזט ער ניכט אזוי בעזארגט זיך הילפע אונ רעטונג צו שאפן, אזוי אויך אזוי לאנג דאס זיך ניכט איין מענש איבר לעגט דען עלענדן פינסטערן שטאנד פון דען אונזערן הייטיגען דור. דאס מיר אזוי וייט געשטירצט אונ געזינקן זינד דאס מיר שאן מיט די ערד גלייך זינד. איז ער ניכט אין שטאנד דאס זיין הערץ ליידענד וויינענד שרייען זאל צו השי"ת מיט די אויף פארדערונג "ובנה ירושלים" ערבויע שאן אונז די הייליגע שטאט ירושלים.

דאריבר איזט איינע גראסע שולדיגקייט דאס מיר זיך צום הערצן געמן זאלן אונ זעלבסט פרשטעהן דען נידריגן שטאנד פון אונזערן הייטיגן דור, געמליך דאס מאן זאל זיין בליק ריכטן אויף דען שטאנד אונ אוים זעהן פון יידישע קינדער אין די אלע לענדר וויא זיא אין גלות זינד. אונ דאן נאך גענויער בטראכטונג איבערצייגט זיין

ווירד

# כלל י שאלה סט

ווירד דאס זיא ליידר טאג טעגליך מעהר און מעהר פארמען אין אללערלייא הינזיכטן. דאס דיא אמתדיגע צ ד י ק י  ה ד ו ר פרוועניגערט זינד. און דיא ג ד ו ל י  י ש ר א ל וואס אויך זיא דיא שולדיגקייט איזט תורה מיט יראת שמים צו פערבריימן. זעהר זעלטען זינד — און דיא ר ב נ י ם פון איין יעדע שטאדט וואס יהר פפליכט איזט מיט אללען מעגליכען יידישע קינדער צו אונטערריכטען דאס זיא געהעריג און וויא זיך געבירט דיא פארשריפט פון דיא תורה נאך פאלגען זאלן. דיזע עבודה איזט בייא פילע זעהר געשוואכט --

און דאס דיא מ ל מ ד י  ת י נ ו ק ת איהר דינסט ערנסט און טרייא טוהן זאלן. נעמליך דאס זיא זיך בשטרעבן זאלן אין דיא הערצער פון דיא קינדער ווען זיא נאך קליין זינד איין צו ווארצלען יראת שמים און מדות טובות. און מיט איהנען צו לערנן מוסר. און זאלכע דינים. ברכות. תפלה. און דער גלייכען וואס מאן זעהר בנעטיגט. און דאס איהר מלאכה וייל זאלכעס מלאכת שמים איזט בייא איהנען אין גראסען ווערט שטעהן זאל דאס זיא פיעלע מאהל אין פרבארגענע וויינען צו השי״ת דאס ער איהנען בייא הילפיג זיין זאל דם איהר אונטערוייז און אונטעריכט פרי קודש טראגן זאל. דאס פון אירע אלע תלמידים נימאלס זיך ערייגנן זאל דאס איינער אוים דיא תורה איהר וועג אוים טרעטן זאל. ווער איז דער. און וויא געפינט מאן דען -- וואס זיין הערץ בעווילגן זאל זאלכעס צו טוהן -

אונד אין הינזיכט ש ו ח ט י ם דא עם איין גראסער חיוב איזט דאס זאלכע ניכט נור יראי השם. זאנדערן פייעריגע ערלבע יידען זיין זאלן. וייל זאלכעס גלוי ומפורסם איז דאס וויא מער אין איהר הערץ דיא יראת שמים ברענט. פרמעג דען איזט איהר חוש ההרגשה שטערקר. נון דער מענש וואס אמתדיגע יראת שמים פרשטעהט ווען ער זיין אויג אויף אירע וועג און פירונג און מדות ריכטעט ניכט נור אין דיא דערפר און אין קליינע שטעהט [דאס עם זעהר עלענד אוים זעהט דאס מאנכעס מאהל דארט שוחטים אנשי שהץ זינד. זיך צו ציערן מיט דען געוואנט. ריכטען דיא האר וואס נאך אין

לעדיגן

לעדיגן שטאנד זינד] זאנדרן אויך אין דיא גראסע אוים גצייכענטע שטעדט . אונ זעהט וויא געמיין . וויא ארים . וויא נידריג זיא זינד דאס בייא איהנן דער געלד רייץ זעהר גראס איז . ווען עס אויך שלא ביושר איז . אונ דאס זיא זיך ניכט אכט געבן פון (חנופה . שקר . ליצנות . לשון הרע) . אונ מחלוקות צו שטיפטן . אונ פון דען אלען איז ארוים צו נעמן דאס דיא ליעב צו השי"ת אונ זיין תורה אין איהר הערצן ניכט זעהר ברענענד איז . אונ דאס זיא ניכט ציטערן אונ צוריק שרעקן פון דען אויג וואס אלעם זעהט . אונ דאס איהר הערץ ניכט אימר בזארגט איזט מיט דיא בקשה . (לעשות רצונך חפצתי . ויהי רצון שלא אכעיסך) מיין גאנצער וואונטש איזט דעז ווילן פון השי"ת צו טוהן . אונ איך זאל קיינמאל השי"ת ערצירנן דורך איין עבירה . דאס פראורזאכט בייא איהם דאס ער מיט איין צערבראכן הערץ טרויערט אונ קלאגט איך ירדנו וויא זינד מיר געזינקן . דא דיא תורה שרייבט דאס נור דאמאהלס (אנשי קודש תהיון לי) פרדינן מיר גערופן צו ווערדן איין הייליג פאלק . ווען (בשר בשדה טריפה לא תאכלו) ווען מיר זעהן מיט אלען מעגליכן פארזיכטיג צו זיין דאס מיר קיין טריפות עסן זאלן :

נון איזט אין דיא היטיגע צייט צו ויינען דאס דיא קדושה פון ישראל איז אזו געמיין ווארדן דאס דיא נשמות פון יידישע קינדער זינד אנפערטרויעט אין דיא הענד פון זאלכע מענשן וואס איר קליינע יראת שמים פראורזאכט דאס זיא זיך ניכט צוזאמן נעמן איהרע מחשבות ווערענד זיא דאס סכין בודק זינד . דאמיט איהר חוש הרגשה פרשטערקערט ווירד . אונ דאדורך קאן לייכט זיך ערייגנן דאס איהר נאמען אנשי קודש מיט דעם נאמן עם טמא שפתים פרוועכסלט ווירד — וועהע זאלכע אויגן וואס דאס צו זעהן מיסן . -

וויא אויך מיט דיא סופרים דאס בייא מאנכע נור דאס הייליגע אומנות וויא איין אנדר פראפעסיאן . שוסטעריא . שניידעריא . בטראכטעט איזט . דען פילע מאהל זינד מיר תפילין פון שני עורות צו דיא האנד געקאמן וויא דיא עורות זיך געטיילט האבן . אונ דער קשר פון תפילין של ראש וואהר זעהר וייט אזו דאס דיא תפילין איהם אויף דען שטירן געריבן . אזו האב איך איהם אויף דען מוכיח געוועזן . אזו האט ער מיר תשובה געגעבן דאס ער זיא יעצט

פון

# כלל י שאלה סט

פון סופר האט בקאמן וואס ער איהם די פרשיות מגיה געוועזן און די בתים געשוואַרצט. און ליידער גאר קיין יראת שמים בזיצט דאס ער זיך פירכטן זאל פיר די קללה פון ירמיה. ארור עושה מלאכת ה' ברמיה פרפלוכט זאל דער זיין דער וואס אין זיין האנד האט די יידישקייט צו פרשטערקן און צו פרפעסטיגן. און ער עם פרנאכלעסיגט מיט בטרוג דאס ביי איהם גלייכגילטיג איזט. אב זיין חבר פסולי תפילין לעגט. און ברכה לבטלה זאגט [דאס איהם ניכט זיין יראת שמים דאצו בוואגן דאט דאס ער די צווייא עורות צוזאמן ליימען. און דען קשר געהעריג ריכטן זאל]:

און ניכט גענוג ביטר דאס די דורות מיט דיזען אלען צוריק געגאנגען און פרקלענערט ווארדן זינד י איזט ליידר נאך פינסטרער דם איינע זאלכע צייט געקאמן איזט " דאס די פויסט פון חנופה און שקר האט זיך פרשטערקט דאס עס זינד אופגעשטאנען פאלשע מנהיגים וואס איהר גאנצר צוועק פון דען רבנות איזט נור צו ערלאנגן כבוד " און שררה " און געלד " און דאדורך האלטן זיא זיך צוריק פון פילע תוכחה און אונטערריכט (ווייל דורך דען זעהר לייכט זיך ערייגנען קאן דאס די איינקינפטן און נדבות פון דען המון עם פרקלענערט און פרקירצט ווערדן) -- און דאמיט זינד זיא גורם ביי דען געמיינען פאלק פון דען וועג פון אמת און יידישקייט אום צו טרעטן " און די ווענינגע מנהיגי אמת וואס יראי השם זינד " און דאדורך אוף אלען מוכיח זינד זינד זעהר פראַכט "

נון דא השי"ת האט צו געזאגט יידישע קינדער לכשתרדו למדריגה התחתונה ווען איהר שאהן אוף די נידריגסטע שטאפעל גרייכן ווירד ווערדע איך אייך ערלעזן. איזט נאטווענדיג און איין גראסר יושר דאס מאן שרייען זאל רבונו של עולם זינד מיר דען נאך צו וועניג אין די מדריגה התחתונה. קאנסט דוא דען ווינטשן דאס מיר חלילה נאך טיפער זינקן און צוריק געהן זאלן - זעהר וועניג צ ד י ק י א מ ת - וועניג ג ד ו ל י ה ד ו ר. וויא תורה און אמתדיגע יראת שמים פרבינדן און פראייניגט איזט - זעהר וועניג אמתדיגע ערליכע ר ב נ י ם. וואס אוף איהרע צאן קדשים איינע גנויע אופזיכט האבן דאס זיא נור אין דען וועג פון די תורה געהן זאלן - זעהר וועניג ערליכע מ ל מ ד י ם - וועניג ערליכע ש ו ח ט י ם. - וועניג ערליכע ס ו פ ר י ם - נון איזט דען נאך ניכט גענוג שחה לעפר נפשינו דאס מיר שאהן מיט די ערד גלייך זינד. דאס דיין שולדיגקייט איזט דיינע צו זיכערונג צו בשטעטיגן קומה עזרתה לנו דאס דוא אונז שאהן איין אמתדיגע ישועה שיקען זאלסט -

# מודעה

ווייל מיר אויך דיא בעאבאכטונג דיא תורה ערבות האבן איינר פיר דען אנדערן · דאס דיא פאהרשריפט פון דיא הייליגע תורה ביא אונז · און אונזערע קינדר · אונד קינדס קינדר · ביז אין דיא עוויגקייט אהנע דיא גרינגסטע פערשמיהלונג בלייבען זאלל · דארום איזט דיא שולדיגקייט אויף איין יעדן ירא שמים אין איין יעדן לאנד ווען זיך עטוואס ערייגנט דורך דיא פילע נייע ערפינדונגן דאס דאדורך דיא שמירות התורה ביא מאנכע איינצעלנע מצות פערקירצט ווערדן קאן · זאלכעס צו פערעפענטליכן דאמיט יידישע קינדר אויס אונוויסענהייט זיך ניכט פערזינדן זאללן · אונד פיר איהר נשמה עובר שארו אכזרי זיין זאללן ·

זייט איינגע יאהר האט זיך פערברייטעט אין פיהלע לענדר דאס מאן דיא זויערע אונאנגעהמליכע ווייניגן פערפיינערט דורך איינן זיסן שטאף וואס עס וירד גערופן "גליצירין" ווייל זאלכעס מיטעל זעהר ניצליך אונד פאהרטעפליך איזט · דאריבער מאכע איך אייך יידישע קינדר (דיא איהר תורה מריא בלייבן ווילן) צו וויסן דאס "גליצירין" דער כח · קראפט פון חלב איזט · דאס דיא תורה זאלכן גענוס שטרענג פערבאטן האט · באיסור עונש כרת · געהמליך דאס דער איבערטרעטער ימות בחצי ימיו · וימי בניו נכרתין · דאס דאס לעבן פון איהם אונד פון זיינע קינדר פערשניטן ווירד ·

ויא אויך דאס מאן זעהר פילע ווייניגן פערבעסערט · בטעם · ובמראה · ובריח · אין געשמאק · אונד גערוך · אונד קאלעהר · דורך איינמישונג פאן "שפיראיטוס" דאס דער "שפיראיטוס" מעהר אלס דען זעכציגסטענטהייל פון דען ויין ערהייכט · מאכע איך אייך וויסן דאס זאלכע ווייגען אויף פסח אסור זינד באיסור עונש כרת -- (פילמעהר דיא יעניגע דיא וואס ווערדן גערופן "קונסטוויין" וואס דער שטאף פאן איהגן איזט · דאס מאן שפיראיטום · אונד וואסער אוף דיא אוים געפרעסטע טרעבערין היזען · גיעסט — דאס זאלכע ווייגן פיר אימער אסור זינד וועגן איסור יין נסך · ווייל זיא אלערלייא טרעבערין אהנע אונטערשיעד דאצו נעהמן) נון דער וואס זיין לעבן אונד זיין קינדערס לעבן ליעב האט · זאלל זיך פאן דען גענוס זאלכע ווייגן ערווייטערן

# מודעה

פילמעהר מאכע איך אויך מערקזאם דיא פערקייפר . געהמליך וייןהענדלער . אונד ויינשענקר . דאס זיא זיך זאלכם גוט איבערלעגן זאללן וואס זיא איינדאנדלן . אונ וואס זיא פרהאנדלן . אונ ניכט בכלל מחטיאי רבים זיין זאלן -- . וויא אוך ניכט בנפשו יביא לחמו . דאס זיא ניכט איהר נשמה פרקויפן לאבדון עולם . פיר איינען ריוח פראפיט . דער נור פרגענגליך איזט . געהמליך דאס זיא אויף איהרע רייזע וועגן איינקויף דיא ויינגען ' אין וועלכע מדינה אימער . זיך אין הערצן געהמן זאגן דאס איבער אונז אללע הערשט איין אויג וואס אלעם זעהט . וויא דער פסוק זאגט עיניך פקוחות לכל דרכי בני אדם — דארום איזט ניכט גענוג וואן איהגן דער איינענטימר אויף דיא וויינען איינן הכשר פון איין מורה הוראה גיבט (וויל דאס שפריכווארט איזט דיא גרעסטע גנבים האבן דיא בעסטע פעסר) זאנדערן ער מוס זיך גענוי ערקינדיגן אונד נאך בעסער אלליין איבערצייגן אויף דען הכשר פון דען איינענטימר . אב ער איין ירא שמים איזט . אונד דער איסור פון יין נסך ביא איהם אין גראסן ווערט שטעהט ' דען וען ביא איהם זאלכם גרינג געשעצט איזט : אזו האט ער קיין נאמנות . גלויבען דאס דער ויין כשר איזט — אונד וויל מאן זיך פיר מענשן אויף דען . מתנצל פרדייטיגן קאן ' געהמליך דאס ער זאגן קאן איך האבע דאס מיינגע געטוהן . דען פערמעהג מיינער איינזיכט איזט דען איינענטימער נאמנות . צו טרויען צו געבן (וען אויך דאס ער ביא זיך זעלבסט איינזעהט דאס ער איין קל איזט) דאריבר בין איך אייך מאיים אונד מתרה דאס איהר ניכט פרגעסן זאלט בדבר המסור ללב נאמר בו ויראת מאלקיך . ביא זאלכע זאכן דיא דען הערץ איבערגעבן זינד. שרייבט דיא תורה דאס דוא פורכט האבן זאלסט פאהר דען . דער דיא הערצר פריבט — ולהשומעים לדברי אלה . תבוא עליהם ברכת טוב —

# ת ם

ב״ה

צוליב איינער רצון אז דעם ספר הקדוש זאל ארויס פיינע דרוק שיין קאנען מיר זיך בענוצט מיט מערערע ארויסגאבעס אין דאדורך האט געקענט דער מעתיק ד׳ סידור געשען דאס פון ח״ב כלל ד׳ וצרפתם כצרוף הכסף איזט הערויס געלאזען געווארען וואס מיר זענען מוסיף דא ולאי אויך פון ח״ב כלל ח׳ שלום לב לאוהבי תורתך צוליי מאהן געדרוקט איזט וואס דאס בלייבט אזוי מהמל״

# וצרפתם כצרוף הכסף ובו ו שו״ת

עת לעשות

כלל ד

שאלה כ

דיא טיילונג צווישן יידישע קינדער אין מאנכע מדינות איזט זאלכעס פיר דיא ערליכע פארטייא צוועק מעסיג און ניצליך אדר ניכט ·

תשובה ווען דיין שאלה איז נור אב דאס פיר יידישע קינדער איין טובה איז דאס זיך דיא רשעים פון איהנען אב געזאנדערט האבן · אויף דען איזט ניכט נאהטווענדיג פיהל נאך צו דענקן און לאנגע איבערלעגונגן וועגן דען צו האבן . וייל דם פילע פסוקים און דר ריינער פערשטאנד בעווייזט דאס זאלכע טרענונג איין גראסע טובה איז · דען ווען איין גליעד פון דען מענשענס גוף ערקראנקט און אין בראנד איבר געהט · איז דאס איינציגע מיטעל נור דען מענשענס לעבן צו רעטן · דאס בראנדיגע גליעד וועג צו שניידן · וייל דאס איינע זעלטענהייט איז דאס דיא געזינטע גלידער קראפט האבן קענן דאס קראנקע גליעד צו היילן און געזונד צו מאכן · אבער דאס דאס קראנקע גליעד דיא געזינטע גלידר שעדליך זיין קענן דאס זיא אויך ענטצינדן קענן ווערדן · דאס איז זעהר לייכט · און אפט ערייגנט זיך זאלכע פעלע ·

איזט אבר דיין שאלה אב דיא ערליכע פארטייא מיט דיא טיילונג שאהן גאנץ געהאלפן זינד און געגנצליך געגען אדר ניכט · עיין (עת לעשות חלק א׳ דף צ״ט) דאס פון דארט האנדגרייפליך בעוויזען איזט דאס אונזערע צוזאמענקונפט און פערבינדונג מיט דיא ״גמעסיגטע״ פארטייא ווייט מעהר שעדליך און געפעהרליכר איז פיר דיא גאנצע יידישקייט אלם מיט דיא פארפשרים · דאריבר איז לייד מיט יענע טיילונג נאך זעהר וועניג אונז געהאלפן ·

אבר נאך לענגערע איבערלעגונג פרדינט דאך דיא טיילונג דאס מיר זיך דאריבר פרייען זאלן און השי״ת דאפיר צוא לויבען און דאנקן · דען ווער העטע זאלכעס גלויבן קענן אין דען היישיגען דור יתום דאס (גבורים) אין היניזיכט תקיפות · און רבים אין היגזיכט רייכטוהם · זאלן ערליגען אין דיא האנד פון מעטים · און איין יעדר דער וואס זאלכעס פאר אויגן געזעהן האט און פיא גנואהנט

מום

# כלל ד שאלה כ

מוס בעקענן דאס דיזע הילף איבר נאטירליך וואהר · אונ נור פון השי״ת זיינע האנד גקאמן איזט · וויל דאמאהל ביא דיא גראסע פרזאמלונג וואהרן פיהלע צדיקי אמת אונ זיא האבן זיך צום הערצן גנאמן דען גראסן חילול ד׳ אונ חירוף וגידוף אונ בזיון התורה פון דיא אפיקורסים · אונ פון דיא צבועים מורכבים וואס זייא האבן מיסען צו הערן · אונ דאריבר אונצעליגע טרערין פרגאסן ושערי דמעות לא ננעלו (דיא טאהרן פון טרערין זינד ניכט פרשלאסן) . אונ מיר האבן איין כלל דאס השי״ת קיין נס אומזאנסט טוהט · דאריבר איז קיין צווייפעל דא שאהן השי״ת האט פראורזאכט דאס איינע טיילונג צו שטאנד געקאמן איז · אונ דיא צייט איז שוין גקאמן ווא זיך האט בשטעטיגט דיא נבואה פון יחזקאל וברותי מכם איך ווערדע פון אייך אבזינדערן המורדים והפושעים.)

זא

(ג אונד דאס וואס זיך ערייגענן אין דען יעציגן דור פילע הריסות אין דיא תורה, מאנכע דיא געמעדסיגטע פארטייא זינד · מאנכע פארטשריטס פארטייא אונ ביא מאנכע גאר דאס עזות אונ הציפות אזו וייט גקאמן איזט דאס זיא זיך ניכט שעהמן געגן דען גאנצן כלל ישראל אלם פרייע כופרים פון פילע עקרי אמונה אוף צו טרעטן · נעמליך אן ביאת משיח אונ קיבוץ גליות אונ בנין ירושלים צו לייקנן ווען אוך דאס זיא דאדורך גאנץ דען גאמן ישראל פערלירן אונ זיא באמת צו בטראכטן זינד אהנע דען גרינגסטן אונטר שיד אלם העטן זיא זיך גאנץ גשמד אונ צו איין אנדרן גלויבן איבר טרעטן אונ פון דיא אומה הקדושה גאנץ אוס גשלאסן אונ ערוייטערט צו זיין אלם דיא קר א״ם · פילמעהר אלם אין דיא פריהיגע צייטן · ניכט נור דאס זאלבעס דען ערליכן יידען דער זיינע אמונה אונ דת טרייא איזט אונ פרשטענדיג איזט אונ עטוואס וויסענשאפט פון דיא תורה בעזיצט · ניכט צו אונמוט אונ צו פערצווייפלונג ברינגט · זאנדערן זאלבעס איזט ביא איהם איינע גראסע נחמה טרייסט · וויל ער פון דען פרשטעהן קאן דאס אונזר ישועה הילף קרובה לבוא איזט ·

דיר זאלבעס אוף צו קלעהרן דאס דוא דיזעס דייטליך פערשטעהן זאלסט געבע איך דיר איין בעוייז פון דען (דארף קאפניק) ווא דארט דיא קייזערליכע בערג זינד אונ אין איהרע שטיינר גאלד אונ זילבר אונ אלערלייא מעטאל פערמישט איזט · אזו ווערדן דיא שטיינער ווען מאן זיא אוס גראבט ערשט פון דען קראפט פון וואסר מיט אייזערנע האמערן צערשלאגן אונ צערשפליטערט וויא דאס וואסר דען ערד טייל וואס ביא איהנען פערמענגט איזט · ריינגט אונ וועג שוועמט · אונ שפעטר היען נימט מאן דען זאנד פון דיא צערשלאגענע שטיינר אין דיא פייער שמעלץ וויא זיך דארט אב טיילען

## זא ווירד השי"ת אהנע צווייפעל זיינע ארבייט פארפערטיגן · געמליך דם

---

טוט איין יעדעס מעטאל אליין צו פליסן · נעמליך ציען בעזאנדער · וויא אויך בלייא אונ דער גלייכן · אבער זילבר מיט גאלד בלייבט נאך ביא זאמן · ווייל יענע מאשין וואס דען קראפט האט אנדערע מעטאלן אב צו טהיילן · האט ניכט דען כח דאס זיך זילבר פון גאלד טרענן זאל --- דאן שפעטר ווירד דאס פערמישטע זילבר מיט גאלד געפיהרט אויף (נאדי באניע) ווא דארט איינע עדלערע פיינערע מאשין צום שמעלין גמאכט איזט דאס זיך דארט אויך דאס גאלד פון זילבר אין גאנצן אב טהיילט --- נון אזו לאנג דאס מאן האט ניכט די שטיינר אין די שטאמפף צערשלאגן דאס זיא פון וואסר גערייניגט ווערדן · ווען אויך דאס מאן וייס אהנע צווייפעל דאס אין איהנן גאלד אונ זילבר צו פינדן איזט · שטעהן זיא דאך נור אין קליינע ווערט · דען ווער וייס ווען די צייט קאמן ווירד דאס מאן פאן איהנן ריינעס גאלד אונ ריינעס זילבער זעהן ווירד --- אבער ווען שאהן די בעאמטן פון די דירעקציאן זיך צו די ארבייט גנומן האבן דאס מען שאן די שטיינר צערשלאגן האט אונ פון וואסר דער ערד טייל גערייניגט אונ וועג גוואשן ווארדן איזט · ווען אויך דאס פיר יעצט נאך קיין ריינעס גאלד אונ זילבר צו זעהן איזט · שטעהן זיא דאך שאן אין איין טהייערען ווערט · ווייל די האפענונג גראס איזט באלד וויא אם געשווינדעסטן דאס ריינע גאלד זעהן צו קענן · דען ווערדן זיא דען לאסן איהרע ארבייט אין דער מיטע · דאס איזט דאס (משל) ·

דאס נמשל דאפון איזט ווען אויך דאס מיר יידען מימות עולם פון השי"י מיט דען מיטעל עם קדוש בעעהרט ווארדען זינד · אבר ליידער אין די זעהר לאנגע צייט וואס מיר אין גלות צערשטרייעט צווישן אנדרע פעלקער זינד איזט צווישן איהנן פערמישט ווארדען פילערלייא פסולות אונ סיגים דאס דאדורך דאס חשיבות פון ישראל זעהר וייט צוריק גגאנגן אונ גפאלן איזט · אזו וייט דאס אין פילע געגענדן דער נאמן עם קדוש איהנען ניכט מעהר צימט אונ פאסענד איזט · דאס דער ירא שמים באמת ווען ער זיך דען שטאנד פון דען דור גוט בטראכט זיך דאריבר זעהר מצער איזט : דען ווען אויך דאס מיר די זיכערונג האבן דאס איינע צייט קאמן ווירד (וישב מצרף וכו') דאס מאן יידישע קינדר לייטערן אונ ריינגן ווירד אבר ווער וייס ווען דאס נאך זיין ווירד אבר ווען מיר שאהן האבן די צייט ערלעבט דאס שאהן השי"ת זיין צו זיכערונג צו זיך בעשטעטיגן אנפאנגט דאס ער פערשפראכן האט דורך דען נביא יחזקאל · וברותי מכם המורדים והפושעים דאס זאלכע וואס דאס יאך פון תורה אונ מצות איהנן צו לאסט איזט · פון די עהרליכע יידען אבטיילען אונ אבזאנדערן ווערדן · אזו קענן מיר זיך שאן משמח זיין דאס מיר האפענונג האבן דאס די צייט פון די גאנצע לייטערונג וואס זכריה הנביא האט אונז פערזיכערט וצרפתם כצרוף הכסף וכו' ניכט לאנג מעהר אויף זיך ווארטן ווירד

לאסן

# כלל ד שאלה כ כא

דאס ער דארויף טראכטן ווירד. דאס איינע צייט באלד קאמן זאל וויא דער אמת מעהר אונ מעהר אין טייערן ווערט שטעהן ווירד. אונ דיא היילינע תורה אין גרעסערן גלאנץ זיין ווירד. דאס עס זיך בילדן ווירד איין עם (לבדד ישכון) וואס זיך אוים שליסען ווירד פון דיא פארטשרים אונ פון דיא גמעסיגטע פרטייא. דאס זיא זאלן בילדן איין "עם תליתאי" איינע דריטע פארטייא. ווייל זיא דיא גרינגסטע ענדערונג ניכט דולדן ווילן. אינ מיט דען נאמן גרופן ווערדן כולך יפה רעיתי ומום אין בך אונ דאן זיך בשטעטיגן ווירד דיא נבואה פון זכריה וצרפתים כצרוף הכסף וכו"

## שאלה כא

ווייל שלום אונ אחדות איינינקייט בייא השי"ת זעהר טייער איזט אב דאך דיא טיילונג איין עצה טובה איזט • ווייל דאמאל מעהרערע צווייסטיגקייטן אונ געטיילטע הערצר אונ שנאת חנם ענטשטעהן קענע •

## תשובה

עס נימט מיך וואונדר דאס דוא איינע זאלכע שאלה מאכן קאנסט. דא דער פסוק זאגט אין שלום אמר ה' לרשעים השי"ת זאגט קיין פרידען מיט דיא רשעים. הלא משנאך ד' אשנא וכו' זאלכע דיא וואס דיא תורה אונ דיא יידישקייט פיינד האבן. דיא האבע איך פיינד. זא זינד מיר געצוואונגן דיא פסוקים געהארזאם נאך צו פאלגן. ווען מיר אויך ניכט פרשטעהן דיא אורזאך דאפון. פיעלמעהר דא דער פסוק זאגט רוע כסילים ירוע דער וואס זיך מיט רשעים בהעפטן טוהט. צו לעצט ווירד ער אויך איין רשע. אונ זאלכם איין יעדר אויגענשיינליך זעהן טוהט דאס דער יעניגר וואס אפט אין געזעלשאפט אונ פרבינדונג מיט רשעים שטעהט. צו לעצט ווירד ער היען גריסטן זיין טרייעם עהרליכעם הערץ צו דיא תורה אונ יידישקייט צו פרלירן. אונ דער ווארער

אמתדיגר

---

לאסן ווייל השי"ת זיין ארבייט ניכט אין דער מיטע לאסן ווירד דאס השי"ת ווירד פערארזאכן דאס אלע יידישע הערצר צו דיא אהבת התורה אונ יראת שמים גאנץ פייעריג אויף פלאמען ווערדן דאס דיא אלע לייט מיט שמחה שרייען ווערדן כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע דאס מיר דיא תורה אין גאנצען אהן דיא מינדעסטע ענדערונג גענוי נאך פאלגן ווילע אלס אונזערע פאהר עלטערן •

אמתדיגר שלום איז . ווען יידען געהן נאך דיא פארשריפט פון דיא הייליגע תורה זיא געגזי נאך צו פאלגן . דאס דאמאהלס איזט שלום צווישען איהנען אונד צווישען איהר פאטער אין הימעל :

נון וויא איזט דער פרשטאנד . וויא איזט דער פרנונפט דאס איך זאל מיך בשטרעבן איין זאלכען שלום צו ערלאנגן דער מיר געווים אהנע צווייפעל איינסט פראורזאכען וויד דען אמתדיגן וואהרן שלום צו פרליהרן אונ איין צו ביסען ־־ דאריבר זאג איך דיר נאך איינמאל דאס איין יעדר יוד וואס ער שפיהרט ביא זיך דאס ער נאך הייטע צו טאג אין דען שטאנד געזעצט איז . דאס זיין הערץ ווינשט אונ גלוסט צו ערלאנגן וויסענשאפט פון דיא הייליגע תורה אונ ווינשט דאס ער האבן זאל אמתדיגע יראת שמים . איזט קיין אנדערר וועג דאצו נור זיך גאנץ אב צו טיילן פון דיא מהרסים אבר ניכט מיט איהנן צו צאנקן [זאנדערן ער זאל זאגן דיא אורזאך פון מייגע טרענונג מיט אייך איז נור דאס איינציגע אליין ווייל איך מיין אמונה אונ דת טרייא בלייבן וויל] אונ ניכט נור פון דיא מהרסים אליין וואס עס ווערדן גערופן פ א ר ט ש ר י ט. זאנדרן אויך פון יענע וואס עס ווילען איין פשר פרגלייך מאבן וואס עס ווערדן גרופן ג ע מ ס י ג ט ע — וואו איין יעדר אמתדיגר ערליכר יוד איז שולדיג לויט צו שרייען בקהלם אל תחד כבודי צו אידרע פרזאמלונג וויל איך מיך ניכט אנשליסן ווייל איך אונ מיינע קינדר עד עולם ווינשן דיא הייליגע תורה אונ דיא גאנצע יידישקייט זאמט איהרע תקנות אונ מנהגים אהנע גרינגסטע ענדערונג אונ פרוועכסלונג טרייא נאך צו פאלגן אזוי וויא אונזערע פאהר עלטערן . אונ דיזעם פארנעמן איזט ביא מיר אזוי פעסט אונ שטארק ווען איך אויך מעכטע וויסן אהנע שום ספק דאס ווען אויך דאס איך יענע תקנה אדר דיא אנדרע ניכט האלטן ווערדע ווירד מיר דאך ניכט ענשטעהן דאפון קיין שום שאדען אונ פרדערבן אויף דעם קיום פון דיא עקרי התורה . ווייל מיר געבאטן זינד לא תסור וכו׳ דאס דיא תורה אונז אויף געטראגן האט דאס מיר נאך פאלגן מיסן דיא תקנות אונ סייגים פון דיא חכמים פיעלמעהר דא זאלכם אפענבאר איזט פיר איין יעדן דער דען אמת בקענען וויל דאס דיזעס אלעם וואס דיא (געמעהסיגטע

# כלל ד שאלה כא

פ א ר ט י י א) פרוועכסלן. נעמליך שינוי לשון דיא יידישע שפראך צו פרענדערן. שם. מלבוש. מנהגי בהכנ״ס. ולדרוש בלשון לע״ז. דאס דער רב זיין דרשה פאר טראג אויף גוישע שפראך זאגן זאל. ולעסוק בספרים חיצונים אונ דאס מאן תורה לערנן מיט ביכר לעזן פרבינדן זאל. אונ דיא קינדר מיט זאלכן חינוך צו ערציהן ווען אויך דאס דיזעס פיר יעצט פרקליין בטראכטעט ווירד. צו לעצט אבער אונ שפעטר היען איזט זאלכם גורם ניכט נור צו פרהינדערן אונ אוים צו רייסען איינצעלנע מצות. זאנדערן עס ברינגט אזוי וויט דאס מאן דאדורך כופר איזט אן דיא עיקרי ויסודי הדת צו לייקענן אן דיא ווארצלן פון דען גאנצן יידישען גלויבן:

נון איין מענש דער איין חכם רואה את הנולד איזט. דיא צו קונפט פאר אוים זעהט. וויא קאן ער זיך מיט דיא פ א ר ט ש ר י ט טיילען. אונ מיט דיא ג מ ע ה ס י נ ט ע -- אין פרבינדונג שטעהן *):

שאלה

---

*) אונ זאלכע מנהיגים וואס מיט יענע טיילונג ניכט איינשטימיג זינד (זאנדרן ווילען ״שטאטעסקווא״ --) ווען אוך דאס זיא פאר אויגען זעהן דאס יענע כופרים אונ אפיקורסים פילעס געגן דיא תורה פערענדערן. אינ דער יצר הרע וואס ביא איהנן אלס ערליכר יוד פערקליידעט איזט. זאגט גדול השלום --- זאלט איהר וויסן אהנע שום צווייפעל דאס זאלכע מנהיגים איינס פון דיא צוויא ניכט ענטגעהן. ענטוועדער דאס אין איהר הערץ איזט פערבארגן מ י נ ו ת א ו נ כ פ י ר ה. אונ איהר איגערעס איזט דאס געמליכע וויא דאס אייסערע פון יענע -- אדער דאס דיא א ה ב ת ה כ ב ו ד. אדער דיא אהבה פון ״ש ו ח ד ממון״. געלד בעשטעכונג וואס זיא צו האפן האבן דאס זאלכעס מעהר אונ גרעסר זיין ווירד זא לאנג דאס קיינע טיילונג איזט. פערבלענדעט איהרע אויגן דאס דאדורך איהנן פאר קומט דאס זאלכעס קיין פעהלער איזט. דיא אנדערע אבער וואס זאלכעס איינזעהן אונ פערשטעהן זאגן וועהע אונ אך פיר זאלכע מנהיגים רעים וואס עס איבר ליפערן אונ פערקויפן יידישע קינדר להריגה ר״ל וועגן איהרע אינטרעסע. ווייל דאס אפענבאר איזט אזו לאנג דאס דיא אפיקורסים ניכט גטיילט זינד. טוהן זיא טעגליך פערפירן היילגע נשמות אום דיא תורה אום צו טרעטן -- עס איזט אבר קיין כף זכות דאס זיא זאלכעס ניכט פערשטעהן -- מעכטען זיא נור קריאת שמע זאגן בכל לבבך ובכל מאודך. מיט אמתדיגע איבערלעגונג (דאס זיא איהר כבוד אינ פערמעגן אונטערטעהניג

מאכן

**שאלה כב** ווייל וועהרענד דען אריכות הגלות האבן וויר שאן פערשידענע צייטן ערלעבט · עס וואהרן מאנכע צייטן וואס מיר פון די אומות העולם זעהר פילע צרות אונ דרוק אונ פעראכטונג געליטן האבן · עס וואהרן אבער אויך צייטען וואו מאן אונז ניכט נור פרייהייטן געגעבן האט · זאנדערן אויך עמאנציפירט גלייכגעשטעלט · איזט מיין שאלה וועלכע צייט איזט מעהר ווינטשענס ווערט · יענע · אדר דיזע ·

**תשובה** ווייל די גאנצע לעבנסצייט פון דיזע היטיגע וועלט ווען אויך די הצלחה אונ שלוה נאך אזוי גראס איז דענאך ווירד זיא ביא אונז יודישע קינדער נור פיר איין פרוזדור פאהרהויז בטראכטעט · דא אונזר שטרעבן וועהרענד אונזר גאנצעס לעבן איזט נור וועגן דיזר אבזיכט די פאהרשריפט פון די היליגע תורה גענוי נאך צו פאלגן דאס מיר זיך אזו פיהרן אונ אין זאלכן וועג געהן זאלן וויא מיר דאדורך איינסט נאך אונזערן אב לעבן זוכה זיין קאנן אין טרקלין צו קאמן · דאס מיינט מען עוה״ב וואו ער ווירד אנגערופן דאס שלאס · אונ פון דעם אונענדליכן שכר [וואס איינע שעה צו געניסן נחת רוח בעולם הבא איזט טייערער אונ מעהר ווערט אלס אלע פרגעניגונגען אונ אלע הצלחות פון גאנץ עוה״ז] וואס השי״ת צאלט פיר איין יעדן ערליכן יודן דער די מצות פון די תורה טרייא נאך פאלגט · אויך טייל געהמען קעננען זאלל :

אונ ווייל מיר זינד געבאטן אונ בשרענקט מיט זעקס הונדערט אונ דרייצעהן מצות נאך צו פאלגן אונ די אומות העולם (אנדרע פעלקר) זינד נור געבאטן זיבן מצות · אונ ווייל איין מענש איז גענייגט דאס ער זיך אזו פיהרט אונ זאלכע מעשים טוהט אלס יענע מענשן מיט די ער אפט צוזאמן קאמט אונ מיט איהנן אין געשעפט פרבונדען איזט · עיין (עת לעשות ח״א דף צד ע״ב) דאריבר איזט זעהר שעדליך וויא אויך געפעהרליך פיר דען דת אונ יודישקייט די שפעטערע צייטן · דען דאמאהלס ווען מיר פון איהנן ערווייטערט אונ אין אלע הינזיכטן פון איהנן צוריק געזעצט זינד · אונ דאדורך

דאס

---

מאכן די יודישקייט טרייא צו האלטן) אזו העטען זיא שאן געוויס איינזעהן דאס זאלבעס ניכט דער גראדע וועג איזט ·

# כלל ד שאלה כב

דאס יידיש פאלק גאנץ בעזאנדער פיר זיך אליין איזט · דורך דעם בלייבט דער דת גאנץ אונבערירט אונ אונבשעדיגט (ועדע נור אין דיא לענדר וויא דאס גלות נאך היינטע צו טאג אויף יידען זעהר שטרענג איז · אונ זיא זינד פרהאסט ביי דיא אוה"ע · וויא שטארק וויא פעסט דארטן דיא יידישקייט איז · וויא דארט אונזערע ברידר אוים גצייכענט זינד אין שם · ולשון · ומלבוש · אבר אין זאלכע לענדר וויא דיא פריידהייט הערשט · איז מקוים דער פסוק ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם ווייל זיא מיט אנדרע פעלקר פרמישט זינד דאדורך איזט דיא יידישקייט זעהר שוואך · פיעלמעהר אין זאלכע צייטן וויא צווישן יידען אליין אין הינזיכט יידישקייט טיילונגען · שפאלטונגן · פון פרשידענע פארטייען איינגעטרעטן זינד · רעפארים · פארטשריט · גמעסיגטע · ווא דיזע אלע פון דיא אמתדיגע עכטע ארטאדאקסען זעהר ערווייטערט זינד · דאס דאמאהלם דיא שפעטערע צייטן זעהר געפערליך פיר דען דת איזט · דען וועלכע האפענונג האט איין זאלכעס לאנד דאס עס גרעטעט ווערדן ווירד · ווען פון אויסן דאס פיינדעס שווערט צו בעפירכטן איז · אונ פון אינערן זאלכע אונאייניגקייט הערשט דאס איין בירגר קריעג ענשטהן קאן · דאמאהל וויינט דאס הערץ פון כנסת ישראל וויא דער פסוק זאגט רחל מבכה על בניה מאנה להנחם על בניה כי איננו זיא איזט טראסט לאז דאס דיא היילגע תורה אונ דיא יידישקייט פון אירע קינדר זיך ניכט אויף לעזען זאל . אונ נימט דאס ווארט מיט טרוריגע שטימע · מה נעשה לאחותינו אין זאלכע עלענדע צייטן וער ווירד אונז בייא הילפיג זיין דאס מיר דען ערליכן יידישען וועג טרייא בלייבן קענען זאל ·

אויף דען קאמט פון השי"ת איינע ברוהיגענדע טראכט רייד · מיט דען ווארט · זייט ני"ט פרצאגט · פרצווייפעלט ניכט · איזט דען מיינע האנד צו קורץ אייך הילפע צו געבן · ווער האט אייערע עלטערן פון מצרים ערלעזט ווען אויך דאס זיא ניכט נור פ"מישט זאנדערן גאנץ פרשלינגן פון כופרים אונ אפיקורסים ווארן (דא דאמאלס דיא אמתדיגע ערליכע יידען געגן דיא פושעים נור דאס פינפציגסטע טייל ווארן) ווער האט דען דיא דרייא טעג חושך איבר איהנען גשיקט ווא דאמאלס אלע רשעים אוים גשטארבן זינד · ווער האט

יידען

יידען געהאלפן אין דיא צייטן פון דיא יוונים . דא דיא חשמונאים זעהר איין קליינע אנצאהל ווארן אונ זיא האבן מיסען שטרייטן מיט דיא יוונים . וויא אויך מיט דיא יידישע אפיקורסים וואס זיך מיט איהנן פראייניגט האבן . וואר איך עס נור אליין - זאלט איהר וויסן דאס איך השי"ת בין ניכט פרענדערט . אונ וואס איך האבע צו געזיכערט אין דיא היילינע תורה דאס איינע צייט קאמען וויררד וויא איך יידישע קינדר פרזאמלן ווערדע פון דיא גאנצע וועלט ווא זיא צרשטרייט זינד . אונ דאס איך דורך פינסטערנים וועלכם פיפצעהן טאג דורך איינאנדער דויערן וויררד . אונ דורך צוואנציג ערדבעבן אלע רשעים פון דיא וועלט אויס ראטען ווערדע . דאס איך דיזעס אלעס בשטעטיגן אונ אין ערפילונג ברינגן ווערדע .

דאריבר זייט ניכט אונמיטהיג אונ זעהט אלעס מעגליכע צו טוהן דאס איהר דיא יידישקייט טרייא בלייבן זאלט אהנע דיא גרינגסטע ענדערונג אונ פרוועכסלונג . דען השי"ת איזט מיט אייך .

**שאלה כג** איינער דער וואס וועגן כבוד שמים אייפערן וויל . אב ער שולדיג איזט דאמאלס דיא גאנצע צוקונפט פאהר אום צו זעהן . אדער ניכט .

**תשובה** דא דיא פסוקים אונז פרזיכערן לא יאונה לצדיק כל און דאס דען צדיק פיר זיינע גוטע פיהרונג ניכט שלעכטעס ערגייגענט . ושומר מצוה לא ידע דבר רע דער יעניגע וואס דיא מצות טרייא בפאלגט . איזט בשיצט פאר אלען אונגליק . אונ דיא גמרא זאגט רחמנא לבא בעי השי"ת פרלאנגט נור דאס ריינע הערץ . והבא לטהר מסייעין אותו דער יעניגר דער וואס דען וועג פון דיא תורה גאך פאלגן וויל . איזט איהם השי"ת דאצו בייא הילפיג . זא איזט דיא פרזיכערונג פון דיזע פסוקים הינלענגליך גענוג איהם זיין הערץ צו שטערקן דאס ער אוסער זארג זיין זאל . ווען נור זיינע גדאנקן פון הערצן איזט נור דען ווילן פון השי"ת צו טוהן . אונ קיין אנדרע אינטערעסע דאבייא פרמישט איזט . אונ זיינע גאנצע אבזיכט איזט נור דען כבוד שמים אונ דען כבוד התורה צו פערגרעססערן אונ צו ערהעבן .

אבר ניכט וויא מאנכע מענשן וועלכע ווען אויך דאס זיא מדות טובות

# כלל ד שאלה כג כד

אונ יראת שמים בעזיצן . ווען זיך ערשייגענט איין זאלכע צייט וויא זיך געבידערט דאס מאן זאל מקדש שם שמים זיין . אונ זיך וועגן דיא היילינע תורה אונ מצות עטוואס אן צו נעמן . זינד זיא טרעהיג אונ פויל דאצו . אונ טרעטין צוריק זאלכם צו טוהן ווייל זיא וויכן חכמים זיין . דיא צוקונפט פאר אוים צו זעהן . וואס זיך פון זאלכם ערשייגנן אונ ענטוויקלן קאן - דאריבר זאג איך אייך דאס זאלכם ניכט דער גראדר וועג וויא אויך ניכט דער אמת וועג איזט . זאנדערן איזט אין אייער הערצן פייער צו דהשי״ת אינ צו זיין תורה אונ אייער כונה איזט לשם שמים . אזו זאלט איהר טוהן וואס איהר קאנט אום צו אייפערן קנאת השם . עס זאל זיך דער נאך ערשייגנן וואס אימער . דען דאמאלס ווען משה רבינו האט געזעהן דיא עלענדע טרערן פון זיין ברודר דען שומר וואס פון דען מצרי מערדערליכע שלעג גשלאגן איזט וואהרן . ווען ער העט זיך דאמאל אין דיא גדאנקן גנאממען עס עקספעסטירט . יא אין דען לאנד (גושן) דתן ואבירם ווס עס זינד מוסרים אונ כופרים אזו איזט יא לייכט מעגליך דאס זאלכם ניכט פערשוויגען בלייבן ווירד . אזו העטע ער גווים אזו לייכט זאלכם זיך ניכט אונטרנאמן צו טוהן . ווייל אבר דיא קנאה אונ דאס ברענענדע פייער אין איהם זעהר פלאמט . זא האט איהם זאלכם ניכט צו גלאסן איין ווענינ זיך צו בדענקן - אונ פון איהם זאלן זיך דיא יראי ה׳ באמת בכל דור איין מוסטר אונ ראיה נעהמן.א) עיין עת לעשות חלק א׳ דף ק״י

**שאלה כד** ערקלעהרע מיר דען זין פון דען פסוק כי דור תהפוכות המה זיא זינד איין פערקעהרט דור .

**תשובה** דער מענש וואס איין פעסטעם טרייעם גלויבן האט . אונ אין דען איזט פערשטאנדן דאס אונזר תורה אין גאנצן נור פון השי״ת געגעבן איז . אונ דם איין יעדעם ווארט פון איהר אמת לאמיתו איזט . אונ דאס השי״ת איין עין רואה איזט . איין אויג וואס אלעס זעהט . נעהמליך דאס אלעס וואס זיך אויף דיזע וועלט ערשייגענט נור פון איהם אליין נגזר בעשטימט איזט (ווייל דיא תורה זאגט היום לעשותם היייטינע וועלט איזט נור געייגענט דאס מאן דיא מצות טוהן זאל . אבר דען שכר דיא באלאהנונג דאפיר צו בקאמן

איזט

---

א) נעמליך נור זאלכעס צו טוהן וואס ניכט געגן דיא לאנדעס געזעצע איזט .

אִיזְט נוּר בְּעוֹלָם הַבָּא דִיא קִינְפְטִיגֶע וֶועלְט דַאצוּ בֶּשְׁטִימְט . וֶוען אָבֶּר אַיינֶר אַיין גְרָאסֶר רָשָׁע אִיזְט . אַזוֹ צָאהְלט אִיהְם הַשֵּׁי״ת דֶיעֶן לָאהְן אוֹיף זַיינֶע וֶועניג מַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט . דַאמִיט עֶר פוּן דִיא קִינְפְטִיגֶע עֶווִיגֶע וֶועלְט גַאנְץ פַּרְלָארְן אוּנ אוּיס גֶרָאטֶעט זַיין זָאל] נוּן דַארִיבֶּר וֶוען עֶר זֶעהְט דַאס אִיהְם זַיינֶע צַייט זֶעהְר גִינְסטִיג אוּנ גְלִיקְלִיךְ אִיזְט אִין יֶעדֶער הִינְזִיכְט . דַאס עֶר בֶּעזִיצְט כָּבוֹד . גְדוּלָה . עוֹשֶׁר . גֶזוּנְדהַייט . שָׁלוֹם . גֶבִּיהְרט זִיךְ דַאס זַיין עֶרְנְסטֶע אֱמוּנָה בַּייא אִיהְם פֶּראַיְזַאכְּן זָאל דַאס עֶר אוֹיף דִיזֶען אַלֶען זֶעהְר בֶּאוּנְרוּהִיגְט אוּנ בֶּזָארְגְט זַיין זָאל דַאס עֶר זִיךְ אוֹיף דֶען טִיעף קְרֶענְקֶען אוּנ וֵוייט מֶעהְר מְצַעֵר זַיין זָאל אַלְס אוֹיף אִיהְם גֶקָאמְן הֶעטְן גְרָאסֶע צָרוֹת אוּנ יְסוּרִים . ווַייל עֶר פִּירְכְטֶעט דַאס דִיזֶע אַלֶע הַצְלָחוֹת נוּר אִיהְם גֶעגֶעבְּן זִינְד דַאס עֶר צוּ לֶעצְט אִין עֶווִיגֶן שְׁטוּרְץ אוּנ אוּנגְלִיק פֶּרפַאלְן זָאל *) אוּנ דַארוּם בְּרִינְגְט אִיהְם דִיזֶע אַנגְסט אוּנ שְׁרֶעקֶן דַאס עֶר בַּאלְד [בַּיים אַב שְׁ״ייגֶען אִין בַּאנְהָאף וָוא עֶר פוּן יְרִיד מַארְקט . פֶּעסְט . אָדֶער לַייפְּצִיג . קָאמְט אוּנ דָארְט אִין זַיינֶע גְשֶׁעפְטֶן זֶעהְר גְלִיקְלִיךְ וָואר אוּנ אַיין גְרָאסֶעם רַייכְטוּהְם זִיךְ פֶּרשַׁאפְט הָט] אוֹף זִיךְ נִימְט מֶעגְלִיךְ אִין אַיין בֶּזָאנְדֶר חֶדֶר צוּ גֶעהְן אַיינֶע גֶווִיסֶע צַייט דָארְט צוּ פֶּרְוַוייְלֶן דַאס עֶר זִיךְ גֶענוּי בֶּרֶעכְנֶען זָאל

---

*) ווייל דִיא מִצְוָה אִיזְט בְּצֶדֶק תִּשְׁפּוֹט אֶת עֲמִיתֶךָ דַאס מַאן אַיין יֶעדְן מֶענְשֶׁן מִיט אַלֶען מֶעגְלִיכֶן דַן לְכַף זְכוּת זַיין זָאל רֶעכְט פֶּערְטִיגֶן דַאס מַאן נִיכְט דֶענְקֶן זָאל דַאס אַיין יֶעדֶר וָואס רַייכְטוּהְם בֶּעזִיצְט דַאס עֶר אַיין רָשָׁע זַיין מוּס . דֶען עֶס קֶען אוֹךְ דַאס דֶער שְׂכַר פוּן דִיא מִצְוֹת אוֹף דִיזֶע וֶועלְט נִיכְט גֶצָאהְלְט וֶוירְד . זִינְד דָאךְ פִילֶע מִצְוֹת וָואס זִיא פֶּערְאוּרְזַאכֶן דֶער וָואס זִיא מְקַיֵּים אִיזְט דֶם עֶר אוֹךְ אוֹף דִיזֶע וֶועלְט רַייךְ זַיין זָאל . מַאנְכֶעס מָאל דֶער זְכוּת פוּן גְרָאס צְדָקָה אָדֶר דֶער זְכוּת דַאס מַאן שַׁבָּת זֶעהְר שֶׁעצְט אוּנ עֶהְרט . אָדֶער דַאס מַאן דִיא תּוֹרָה אוּנְטֶער שְׁטִיצְט אוּנ מְכַבֵּד אִיזְט . אָדֶער אַיין זְכוּת פוּן גִיטֶע עֶלְטֶערְן . אָדֶער הַנִּסְתָּרוֹת להי׳ דַא מַאנְכֶעס מָאל פוּן הַשֵּׁי״ת אִיזְט נִגְזָר בֶּשְׁטִימְט וָוארְדֶן דַאס דִיזֶע בֵּיידֶע פַאמִילְיֶען זָאלְן זִיךְ צוּ זַאמֶן מִתְחַתֵּן זַיין פֶערְשְׁוֶועגֶערְן . אוּנ דִיזֶעס הֶעטֶע אַיינֶע אוּנְמֶעגְלִיכְקַייט גִיוֶועזְן וֶוען נִיכְט זַיין גְרָאסֶעס רַייכְטוּהְם דִיא אַנְדֶרֶע פַּארְטֵייא דַאצוּ בֶּעוָואגְן הֶעטֶע — . אָבֶּער דֶער מֶענְשׁ וָואס זִיךְ לִיבּ הָאט אוּנ אוֹךְ הֶען וַוייטֶעסְטֶן אוּנגְלִיקְס פַאל זִיךְ בֶּעהִיטֶן אוּנ בֶּעשִׁיצֶן וִויל . מוּס פוּרְכְטְזַאם זַיין פִילֵייכְט אִיזְט זַיין עֲשִׁירוּת נוּר דֶעסְט וֶועגֶן דַאס עֶר דַארוּרךְ פוּן עוֹלָם הַבָּא גַאנְץ פֶּערְלָארֶן זַיין זָאל .

זאל וויא זיינע פיהרונג אין היגזיכט יידישקייט אויס זעהט. אונ וויא זיא געהער אויס צו זעהן. אונ אויף זיינע שלעכטע מעשים מתחרט צו זיין אונ יעמערליך אויף זיא צו וויינען אונ אויף זיך צו נעהמן וואס מעגליך איזט אויס צו בעסערן. דאמיט פון נון אן אלע זיינע פיהרונג נור זיין זאלן געגוי נאך דיא תורה איהר פארשריפט. וויא אויך דאס ער אויף זיך אכט געבן ווירד ווער זיינע חברים זינד מיט דיא ער אפט צו זאמן קאמט אב זיא קיינע רשעים אונ אפיקורסים זינד. וויל אין געזעלשאפט צו זיין מיט זאלכע מענשן איזט זעהר שעדליך אונ געפערליך. דאמיט זיין רייכטוהם זאל ניכט פיר איהם זיין וויא איין צאכט רוטה איהם פון דען גראסן שכר פון עולם הבא אויס צו ראמטען:

אבער ליידר ליידר זעהר פילע פון דיא הייטיגע וועלט איזט איהר וועג אונ פיהרונג פרקעהרט. וויל דיא אביגע עהרנסטע אמונה ביי איהנן גאנץ פרלאשן אדר זעהר פרקלייגערט איזט. דאריבר וויא מעה־ דאס איהר רייכטוהם אונ גליק פרגרעסערט ווירד. פראורזאכט דאס ביי איהנן מעהר צו פרגעסן אן השי״ת אונ צו פרנאכלעסיגן זיך צו בשטרעבן דיא פארשריפט פון דיא הייליגע תורה נאך צו פאלגן. אויף זאלכע זאגט דר פסוק עינים להם ולא יראו זיא האבן אויגן אונ זעהן ניכט - עיין (עת לעשות חלק א דף סא ע״א):

## שאלה כה

וועלכע מענשן פערדינען באמת דאס זיא גרופן ווערדן זאלן פארטשריטס פארטייא.

## תשובה

דיר זאלכם אויף צו קלעהרן דאס דוא עס גיט פרשטהן זאלסט. מוסט דוא דיר ערשט איינע צייט נעהמן איינע גנויע בטראכטונג צו מאכן אויף זאלכע מענשן וואס יראת שמים בזיצן וויא איהר מיהע אונ פלאג אונ איהרע מלחמות וואס זיא פיהרן מיסען געגן איהרע ליידענשאפטן אונ געגן דיא מענשן וואס זיא מיט איהנן אפט צו זאמן קאמן ווערענד איהרע גאנצע לעבענסצייט. געמליך אין איהרע שחרות אונ בחרות יאהרן ביז סוף פון דיא ימי עלייה אונ שפעטר הין אין דיא ימי עמידה. אונ נאך שפעטר אין דיא ימי ירידה. וויא איהר געשטאלט אונ אויס זעהן איזט - אונ אויף דיזע ארט זאלסט דוא אויך דיין אויג ריכטן אויף זאלכע מענשן וואס לייכטזיניג זינד אונ

קיין

קיין יראת שמים בעזיצן . וויא איהר פיהרונג אין דיא אלע אבען בעמעלדעטע צייטן זינד . אונ וויא דאמאלס איהרע פערגעניגונגען אונ וואהל לעבן אויס זעהן טוט . אזו ווירסט דוא זעהן דאס ניכט נור דאס זיא זעהר ווייט אייגער פון דען אנדערן זינד. זאנדערן גאנץ פערקערט ווען ביא איינעם אבענד ווירד דאס דיא זון אונטערגעהט . אזו ווירד ביא דען אנדערן טאג . דאס דיא זון ביא איהם אויף שיינט . אונ ווען ביא זיין חבר דיא זון אוף שיינט זא ווירד ביא דען אנדערן נאכט . דא דען מענשענס תכלית צוועק וואס ער אוף דיזע וועלט גקאמן איזט . איזט נור דאס ער זיינע גאנצע לעבענסצייט זיך אונאופהערליך בעשטרעבן זאל תורה אונ מצות איינגן צו מאכן . אונ זאלכעס צו ערלאנגן איזט ניכט מעגליך ווען ער זיך בעלעבן וויל אלע איבערפליסיגע ליידענשאפטן וואס דער גוף פערלאנגט . אונ ווינטשט איהם נאך צו געבן אונ צו ערפילן. געמליך עסן . טרינקן . שלאפן צירען . כבוד . ממשלה . ארבת ממון . נון ווען דער מענש דאך דיא פאהרשריפט פון דיא היילגע תורה כריא בלייבן וויל . וויל אבער ער נור אויס ליים געפארמט איזט . אונ דארום נור זיין גוף ווינטשט תאוות אונ תענוגים גשמיים אונ פון דיא תורה זיך צו ערווייטערן . איזט אוף איהם איינע גראסע שולדיגקייט דאס ער זיך געפאסט מאכן זאל אונ מאכן מוס אימער אום געריסטעט צו זיין אונ אוף דען קריגס פוס צו שטעהן . דאס ער געגן דיא גראסע אונ שרעגליגע מלחמה פון דען יצר הרע מיט תאוות עולם הזה וואס איהם געגן איבר שטעט . שטארק געננג זיין זאל . אונ ניכט נור געגן איהנען שטרייטן צו קענן זאנדערן אוך זיא צו אונטערדריקן אונ צו איבר ווינדען צו קענן. ער זאל אבער ניכט צוריק שרעקן אונ מהתלאז אונ אין צווייפעל זיין אב זאלכעס אין זיינע מאכט שטעהן ווירד . וויל מיר דיא צו זיכערונג האבן הבא לטהר מסייעין אותו דער יעניגע וואס אין דען גיטן וועג געהן וויל . איזט איהם השי"ת דאצו ביא הילפיג (אבער השי"ת קאן מאן ניכט נארן . דען ער גיבט איהם נור דאמאלס אונטערשטיצונג אונ הילף ווען ער זעהט דאס ער אלעס מעגליכע אנגעוועדעט וואס נור אין זיין מאכט שטעהט געגן דען יצר הרע צו שטרייטן . אונ טוט זיך בשטרעבן זיין גוף צו היילגן מיט דיא געבאטענע מצות) .

אבער ווען אוך דאס דיא מלחמה דויערט זיינע גאנצע לעבענסצייט

# כלל ד שאלה כה

וואו ער אימער אונטער וואפען שטעהן מיט אונ זיך נימאלס רוהיג ניעדער לאסן קאן . דענאך איזט דיא שטרענגע פייעריגע מלחמה וואו עס דאמאל רעגענט מיט קוגלען אונ קאנאנן . נור אין דיא יונגע יאהרן ביז צום סוף פון דיא ימי עלייה (וואו דאמאלס דען מענשענס זיינע קרעפטן אונ זעפטן אין וואקסן אונ צו נעהמן שטעהן) וויל דאמאלס דיא היצע אונ דאס פייער פון דען מענשן זיינע ליידענשאפטן נאך צו געהן אונגעהייער גראס זינד . אונ אין זיין הערץ זעהר פלאמענד ברענן טוהן . ווען אבער שאהן דיא ימי עלייה פעראיבער זינד . איזט שאהן דאס פייער איין וועניג גלאשן . זא איזט שאהן דאמאלס דיא מלחמה עטוואס לייכטער . פילמעהר ווען ער שאן איניגע יאהר אין דיא ימי עמידה איזט . וויל דאמאל שאהן זיין פערשטאנד גרעסער אונ שטערקר איזט אלס אין דיא יונגע יאהרן . אונ דאריבער פילע תאוות צוריק לאסן טוהט . וויל ער שאן צו איינזיכט גקאמן איזט אונ זעלבסט פערשטעהט דאס זיא הבל אונ אונניצליך זינד . נאך וויט מעהר ווען ער שאהן גרייכט אין דיא ימי ירידה דא ער דאמאל פאר אויגען זעהט דאס זיין גוף נאך אונ נאך אב געהמט אונ שוואכער ווירד . דאריבער האט דער יצר הרע ניכט מער דען גראסן כח איהם צו איבער רעדן צו פילע עבירות אלס פריהער מכל שכן ווען ער שאהן ביא דיא ימי זקנה איזט דאס דאמאלס דיא מלחמות היצר זעהר גשוואכט איזט וועגן צווייא טעמים . ערשטענס . וויל ער זעהט דאס דער גוף שאהן זעהר צרבראכן אונ קראפטלאז איזט . אונ דיא צייט פון זיינער אבריזע ניכט מעהר וויט איזט . אזו האט ער מעהר קיין צו טריט פון דיא תורה איהר וועג איהם צו פרפיהרן . צווייטענס . וויל דאמאלס אין דיא אלטערס צייט דיא כוחות פון דען נפש אונ שכל זיך פרמעהרן אונ פרשטרקן אזו וויט דאס דר אמתדיגר ערליכר יוד אין זאלכע צייטן אוף אזו שטאנד קאמן קאן דאס ניכט נור דאס ער מעהר קיינע לוסט אונ נייגונג האט פון דען וועג דער תורה אויס צו טרעטן . זאנדרן דאס פייער פון דיא אהבת השם איזט אזוי ברענענד אין זיין הערץ דאס ער זיך גליקליך שעצט ווען ער דיא זכייה האט השי"ת זיין תורה אונ מצות געטרי נאך צו פאלגן . אונ ער איזט מיט דיזען רייכטוהם מעהר פערגעניגט אלס איינער וואס מוצא שלל רב .

נון זאלכע מענשן דיא זיך דען ציעל פון איהרן לעבן אויף דיזע וועלט גמאכט האבן נור דיא מצות פון דיא תורה נאך צו פאלגן אונ דיא תאות הגוף צו אונטערדריקן אונ צו פערוועניגערן . ביא זאלכע זינד דיא יונגע יאהר איינע דונקלע טריבע צייט . וייל זיא דאמאלס פאר זיך זעהר פיהל מלחמות האבן . האלטן זיא זיך אבר טאפפער ביז דיא ימי עמידה גערייכן אזו געהן זיא שאן עטוואס פארווערטס פון דען ציעל וואס זיא זיך גמאכט האבן . וייל דאמאהל שאן דיא פייעריגע מלחמה עטוואס געלינדערט אונ פערגרינגערט איזט . אונ דיא צייט פאנגט אן עטוואס הייטערער צו ווערדען -- פיהל מעהר ווען זיא שאן אין דיא ימי ירידה קאמן וויא דיא כוחות הגוף שאן אב נעהמן וויא זאלכעס פראורזאכט דאס דיא מלחמה געגן איהנען נאך מעהר גשוואכט ווירד . אונ דאדורך שטעהט איהר וועג איהנען מעהר פרייא מיט וועניגער הינדערונג זיך בשטרעבן צו קענן איהר ציעל צו עררייכן זיך פיהל תורה אונ מצות איינען צו מאכן . נאך ווייט מעהר ווען זיא שאן אין דיא ימי הזקנה קאמן דא דאמאהל שאן גרעסטן טייל פון דען יצה״ר זיינע ארמעע [דיא ליידענשאפטן] רעטעריערן אונ זיך איבערגעבן מיסן . אונ דאדורך זיא שאן איין פרייע שטראס האבן אונגעהינדערט איהר ציעל עררייכן צו קענן . אזו דאס דאמאהל איהר ליכט זעהר העל שיינען טוהט . דאריבער פאסט אויף זאלכע מענשן צו זאגן דאס זיא פון דיא פארטשריט זינד . וייל זיא דיא זכיה האבן וויא מעהר יאהרן דאס זיא פערלעבן . דאס זיא אימער וייטער אונ פארווערטס געהן .

אבער זאלכע מענשן דיא וואס זיך נור צום ציעל פון איהרן לעבן מאכן דען וואונטש פון דען גוף נאך צו געהן אונ צו ערפילן . אונ ווען זיא זאלכעס ערלאנגן קענן איזט דאס איהר רייכטום אונ גליק . אונ איהרע גאנצע מיהע אונ פלאג איזט נור אימער זיך צו ערווערבן זאלכע אייגענטימער וואס אונטער דיא זון זינד . אונ פון תורה אונ מצות זינד זיא זעהר ערווייטערט . נון ווען דוא ווילסט דיר בטראכטן איהרע לעבנסצייט . ווירסט דו איינזעהן דס נור אין דיא שחרות יונגע יאהרן וייל דאמאהל אין דיא ימי עליה דיא ליידענשאפטן ביא דען מענשן אין גרעסטן פלאם זינד . דאס דיא נור ביא איהנען פיר ימי הצלחה אונ שלוה גרעכנט ווערדן . וייל זיא דאמאלס אלע איהרע פערלאנגן

אונ

# כלל ד שאלה כה

אונ פרגניגונגן געהמליך שחוק אונ שמחה · ליצנות · אכילה ושתיה. משגל · טעאטער · מוזיק בעללע · ערפילן קענן · אונ נור דאמאלס בייא איהנען דיא זון שיינט · ווען אבער זיא אין דיא ימי ירידה נאך פינף אונ פירציג יאהר קאמן · וייל דאמאלס דיא זעפטן פון דעם גוף אנפאנגן אב צו נעהמן · אונ דאדורך פון פיהלע תאות דאס פייער יין גאנצן פרלאשן · אדר וועניגסטענס גשוואכט ווירד · אזו פאנגט אן בייא זאלכע מענשן איהר וועלט אין דונקעלהייט אונ אין פינסטרניש צו איבערגעהן · וייל שאן איהרע צעהנע פרשוואכט זינד אלערליי באקערייא עסן צו קענן אלס פריהער · אונ ליידר אונ וועהע איהנן דאס זיא נור דם אינערע ווייכע געניסן קענן · אונ דם אייסערע פיינע צוריק לאסן מיסן · אוי לאותו בושה - ווי אויך וייל שאן דער כח פון דען פרצעהרן פון דען מאגען גשוואכט איזט · אזו קענן זיא ליידר נור זעהר וועניג געניסן · דאריבער זינד זיא זעהר פרצאגט אונ טרוריג · דא זיא גראסעס רייכטום אונ פיהל גוטעס בעזיצן אונ ניכט דאפון געהעריג גענוג געניסן קענן ·

פיהל מעהר ווען זיא שאן אין דיא ימי הזקנה קאמן דא דאמאלס דער כח פון איהרע פים זעהר גשוואכט איזט אונ דאדורך ניכט מעהר בייוואהנן קענן איינע צוזאמן קונפט ביי איין באל אונ טאנץ · וייל אין איהר מאכט ניכט מעהר שטעהט געהעריגע פיגורן מאכן צו קענן · אונ דם איהר אהרן פון גיהער גשוואכט זינד אזו דם זיא מעהר קיין פרגניגען האבן קענן פון מוזיק אונ זענגערייא אין טעאטר . אזו דאס איהנען זאלכעס אזו אונמיטהיג אונ מיסלויניג מאכט דאס זיא זיך דאריבער איהר לעבן פרווינטשן דא זיא דען צוועק פון איהרן לעבן געהמליך תענוגים ליידענשאפטן נאך צו געהן ניכט מעהר ערדייכן קענן · צו וואס זאל איהנען איין זאלכעס אונניצליכעס לעבן.

נון בייא זאלכע מענשן איז דאמאלס איהר וועלט פרפינסטערט דם זיא יעצט איינזעהן מיסן דם דער ציעל פון איהרן לעבן ווס זיא זיך גמאכט האבן פאלש אונ שקר איזט ·

נון ווער נור פרשטענדיג איזט אונ זיין שכל ניכט פרקרימט איזט · מוז יא איינזעהן אונ בקענן דם דאס ווארט "ויהי לאחור ולא לפנים" דם זיא צוריק געהן · אונ ניכט פארווערטס · צימט אונ פאסט גור זאלכע מענשן -

הספר ה״ק **עת לעשות** הובא לבית הדפוס ע״פ הסכמתו של כ״ק דודי זקיני ר׳ בן ציון שליט״א בן המחבר ז״ל, שקבלתי אני נכד המחבר הק׳ יצחק ליכטענשטיין מטשירטש.

הרוצה להשיג ספה״ק זה נא ליפנות לר׳ פאוויש רויזענבערג נ״י האדרעסע כדלמטה — או אצל סוחרים מוכרי ספרי קודש בלבד

Z. ROSENBERG

219 Keap Street * Brooklyn 11, N. Y.

# לזכר עולם ולזכרון בספר

אאמו"ר הרב ר' ברוך בן הרב ר' אשר אנשיל ל"ש נכד המחבר זצוקללה"ה, א"מ זיסל חנה בת הרב ר' מרדכי (אב"ד טשירטש) זללה"ה, אחותי האשה שרה ובעלה הוא דודי מוה"ר חיים בן הרב ר' מרדכי ויו"ח, אחותי רחל חוה, לאה, ואסתר דבורה, אחי יהודה ושלו' מאיר נהרגו כולם עקה"ש בקאמיניטץ פ. ד' אלול תש"א הי"ד. בני אשר אנשיל נשרף עקה"ש באשוויטץ הוא ואמו אלטא תי', וזקנו הרב ר' חיים בן הרב ר' דוד זצוקלה"ה, וזקנתו רבקה צירל בת הרב ר' יצחק ע"ה, י"ב סיון תש"ד הי"ד.

אאזמו"ר הרב ר' אשר אנשיל בן הרב ר' יעקב קאפיל חתן המחבר ובן אחיו זצוקללה"ה, נפטר בש"ט כ"ה סיון תרצ"ז בקלויזענבורג ושם מנוחתו כבוד, אז"מ הציל בת הרב ר' הילל ע"ה הלכה לעולמה ח"י שבט תרנ"ח בקאלאמיא ושם מנוחתה כבוד, אחותה אז"מ רחמה בת הרב ר' הילל ע"ה נשרפה עקה"ש באושוויטץ ח"י סיון תש"ד הי"ד, ב' מוה"ר אביגדור הילל המכונה אלטר ואשתו ויו"ח נשרפו עקה"ש י"א סיון תש"ד הי"ד, חתנם מוה"ר פינחס בן הרב ר' יוסף מאיר משה הכהן נכד המחבר נהרג עקה"ש הי"ד.

אביו הרב ר' יוסף מאיר משה בן הרב ר' פינחס הכהן שטיינער נפטר בחצי ימיו מעוטף בטלית ותפילין בשעת אמירת ק"ש כ"ו אייר תרצ"ח באילאק ושם מנוחתו כבוד, זו' גיטל בת הרב ר' הילל ויו"ח נהרגו כולם עקה"ש הי"ד.

מו"ה יוסף חיים בן מוה"ר יחיא' הכהן רובין חתן המחבר, וז' אלטא תי' בת הרב ר' הילל ויו"ח נהרגו עקדה"ש תש"ד הי"ד.

אאזמו"ר הרב ר' מרדכי בן הרב ר' יעקב קאפיל זצוקללה"ה אב"ד טשירטש נשרף עקה"ש ב' חוה"מ סוכות תש"ה הי"ד, אז"מ וויטל בת הרב ר' משה מאיר זללה"ה הלכה לעולמה י"ג תשרי תרצ"ו ונקברה בערב סוכות בטשירטש, בתם תי' רחל מנ"ב בטשירטש, ב' ליבא ובעלה ויו"ח, ב' ריזל ובעלה ויו"ח, ב' רבקה ובעלה ויו"ח, ב' מו"ה יעקב קאפיל וזו' ויו"ח, ב' מו"ה משה הילל וזו' ויו"ח ב' ישעי' וזו' ויו"ח נהרגו עקדה"ש תש"ב הי"ד, חתנם מו"ה חיים ידידי' בן הרב ר' שמואל דוד אונגאר נהרג בשמ"ע תש"ה הי"ד.

רחל בת ר' יודא ווייס חתן המחבר הלכה לעולמה ט' מרחשון תשי"ט בברוקלין. אחותה אלטא תי' הלכה לעולמה ב' ניסן תש"כ אחר שסבלה יסורים כמה שנים. חמי מו"ה יצחק בן ר' יהושע ראכליץ זללה"ה, חמותי אסתר בת ר' בן ציון זילבערשטיין ע"ה נשרפו עקה"ש באוישוויץ י"ב סיון תש"ד הי"ד.

כלה אלה שנהרגו הוגלו ממקומות מושבותיהם ע"י הצוררים הרוצחים הגרמנים ועוזריהם ימשו"ז. — ה' ינקום לעינינו דמם השפוך.

יזכור אלקים את נשמות אבותי ואבות אבותי, יו"ח של המחבר ואחי' זצוקללה"ה, ולע"נ הורי' של זוגתי תחי' שהיינו לעזר ולסעד בהדפסת הספר הק' הזה אני ודודתי מרת אסתר זיסל ל"ש בת הרב ר' אשר אנשיל קאַלאָמייער רבי מקלויזענבורג, ודודתי מרת ברכה גרוס בת הרב ר' מרדכי ל"ש טשירטשער רבי.

הק' יצחק ליכטענשטיין מטשירטש, נכד המחבר.

---

אבי זקיני ר' צבי ארי' בן ר' נתן נטע פויגעל, ר"ח סיון, מ"ת לעומר. — בנו ר' שמואל ואשתו גיצא בת ר' אלטר, ר"ח סיון, מ"ת לעומר תש"ד. בתם מרים, מתה בחורף תש"ה באושוויטץ. — בנו ר' נתן נטע מפעטערוועו, מת בשבי ברוסיה, י"ז לחודש אדר —תש"ג. אשתו מאנצי בת ר' בנימין, ובתם שרה ובנם נפתלי צבי, נהרגו באושוויטץ. — בתו צפורה בתי' ובעלה ר' ברוך בן אליעזר געגאד, ובניהם שמעון, ושמואל, א' סיון תש"ד, באוישוויטץ. — כלתו שרה אסתר, אשת נעוריו של בנו ר' יצחק נ"י, ויוצאי חלצי' משה, אלי' רייזא, דוב, כ"ו לחודש אייר, מ"א לעומר.

אמי זקנתי רייזא בת ר' שמשון ווערצבערגער, נפטרה ראש חשון תש"א. — אחותה דודתי זקנתי יענטא בת ר' שמשון ווערצבערגער, ר"ח סיון תש"ד, באוישוויטץ.

אבי מוה"ר שמשון ע"ה בן ר' צבי ארי' ואמו רייזא, אשר לעילוי נשמתו נדפס הסה"ק הזה, נפטר י' אדר תש"א.

אבי זקיני ר' שרגא פייש בן ר' יצחק צבי קליין, וזוגתו דודתי חיה ראזמאן, ו' תמוז תש"ד באוישוויטץ. — בנו ר' חיים אלטר, מת בשבי ברוסיה אחר המלחמה. זוג' חנה ובתם לאה, ובנם יהודה ועוד ארבעה בערך, כל יוצ"ח, בחודש סיון, נהרגו באושוויטץ. — חתנו ר' ישעי'

ראטה ובנו ר׳ יצחק צבי וזוג׳ ויו״ח, ובניו אברהם מאיר, שמחה, חיים, מקאלעוו, בחודש אייר תש״ד באוישוויץ. — בתו קיילא ובעלה ר׳ אברהם זעלצער ובנם נח ועוד מיוצ״ח, מקיראליהעלמעץ, בחודש אייר תש״ד באוישוויטץ. — בתו הענטשא ובנה שמעון ג׳ סיון תש״ד. — בעלה ר׳ יחזקאל זאב גאנצפריד מבאטאר, ה׳ תשרי תש״ה באוישוויץ וגם בנם מאיר נהרג במחנה עבודה. — בתו שרה ובנה שמואל, נהרגו כשהוסעו מבערגען־בעלזען על ידי הגרמנים, בצערליץ אצל האמבורג מהיריות של חייל האויר האנגלי ביום ג׳ אייר תש״ה עם עוד שבעים נפשות בערך שהיו עמהם באותו זמן. — בנה משה מת בחולי טיפוס בטערעזיענשטאט, ט״ז אייר. בעלה ר׳ פנחס לייטנער, נהרג ביום י״ג אייר תש״ה, בין מאטהויזען וגונזקירכען. — כלתו פריידא בת ר׳ מאיר, אשת נעוריו של בנו ר׳ אברהם מאיר נ״י, ויוצ״ח, פערל, ישראל, שמשון, מאיהעל, א׳ דשבועות תש״ד באוישוויטץ. — בתו לאה עם יו״ח ממאקעווע, תמוז תש״ד באוישוויטץ.

משפחת דודי זקיני ר׳ יוסף צבי שאמועל וזוגתו שרה לאה ע״ה, בת ר׳ אברהם מאיר פריעדמאן: בתם שיינדל ובעלה ר׳ משה עלנבויגען מבעסערמין, בנם יעקב ובתם הינדא ויוצ״ח, — בתם מאטיל ויוצאי חלציה משאלגאטאריאן, תמוז תש״ד באוישוויטץ. — בתם רבקה ובעלה ר׳ זאב וואלף זייף בן ר׳ דוד ועשרה מיוצ״ח מטאקטאהארקאני. — בתם הענטשא אשת ר׳ חיים הערש מארטאן מסערענטש, מגעטא איהעל לאוישוויטץ, סיון תש״ד. — בתם חנה ובעלה ר׳ מאיר ברוין מבעסערמין עם עשרה יוצאי חלציה, תמוז תש״ד באוישוויטץ. — בתם פיגא אשת נעוריו של ר׳ ישעי׳ עלענבויגען נ״י, ויוצאי חלציה שרה לאה, הינדא, רחל אסתר, מאטעל, שבע אידל. — בנם ר׳ נפתלי הירצקא וזוגתו מרים בערקאוויטש ובנם מנחם מבערעגסאס. — כלתם טשארנע אשת נעוריו של בנם ר׳ אייזיק בער נ״י ויוצ״ח שרה לאה, הענדל מרים. — כלתם שבע אשת נעוריו של בנם ר׳ מרדכי נ״י ויוצ״ח אשר זעליג ובתם.

דודי זקיני ר׳ צבי הירש פרידמאן וזוג׳ מנאנאש, תמוז תש״ד, באוישוויץ.

דודי זקיני ר׳ יצחק מערמעלשטיין בן ר׳ אלי׳ וזוגתו ברכה בת ר׳ אברהם מאיר ובנם אלי׳, סיון תש״ד מאונגוואר לאוישוויטץ.

דודי זקיני ר׳ זלמן לייב בן ר׳ אברהם מאיר פרידמאן, ושם אמו רחל, ומיו״ח שנהרגו.

ש"ב ר' יוסף היילברון בן ר' יהושע היילברון נ"י בירושלים, ושם אמו אסתר בת ר' אברהם מאיר, וזוגתו ויו"ח, באוישוויטץ.

ש"ב מרת פערל ובתה הענטשא הדס ואחי' מנחם מענדל בני ר' אברהם נאה נ"י בירושלים, ושם אמם הענטשא הדס.

אחיו ואחותיו של חמי ר' שלום ע"ה (נפטר ב' טבת תשי"ח) בני ר' בנימין זאב ושם אמם רבקה ע"ה, ה"ה בנו ר' יואל וזוגתו ביילא, וואן לעווען, עם בתם רבקה מאמסטערדאם. — ר' פנחס אלי' וזוגתו יהודית בת ר' שמעון באטעליע, ובניהם רבקה, אסתר פנינה, רות מרים, שמעון בנימין, מאמסטערדאם. — מרת פרייטשא ובעלה ר' אליעזר ב"ר אהרן מאָזעס ובניהם רבקה יוספא, אהרן, מרים מרתא, בנימין זאב, נחמה, פנינה חנה, שולמית גאולה. — הב' לוי, — הבתולה יענטא, כולם מאמסטערדאם, שנהרגו עקה"ש.

אחי' ואחותי' של חמותי קלארע ת' בת ר' משה וואנסטעדאם ואמם חנה ר' יהודה וזוגתו הענטיע ממשפחת מאייער עם בניהם משה וזוגתו חנה חזן ובנם יודא. — ביילא ובעלה ר' אברהם מארקאָס. — חנה ובעלה ר' צבי יוסף כהן. ור' מאיר יהודא. — ר' שלמה וזוגתו ביילא בת ר' צבי ובנם צבי משה. — ר' שמואל וזוגתו. — ביילא ובעלת ר' אברהם בן יונה, ובניהם יונה, חנה, יהודא משה. — חי' ובעלה ר' יצחק בן שלמה וואנדעקאר, ובנם שלמה עם זוגתו שרה פאָלאק. — הבתולה מרים והבתולה עלקא, כולם מאמסטערדאם.

כל אלה שנהרגו הובלו ממקומות מושבותיהם ע"י הצוררים הרוצחים הגרמנים ועוזריהם ימשו"ז, למקומות ההריגה והעינויים אושוויץ ועוד מקומות. — ה' ינקום לעינינו נקמת דמם השפוך.

**מחמו"ל**

אבי ר' חיים בן יהודא צבי בוים וזוגתו אמי באשא מלכה בת ר' מרדכי זיסבערג ויו"ח, אחי משה ושאול, אחותי שיינדל, ורחל לאה, דודי ר' דוב בער וזו' ויו"ח, הובלו מביתם מקראשניק אצל לובלין, שבת פ' נח תש"ג וגם דודתי שרה אחות אמי ובעלה יצהק ובנה יוסף ובתם יוטא, ואחותה דודתי אחות אמי אסתר רבקה ובעלה הערצקא רייזמאן ויו"ח, ש"ב צבי' נכדת זקיני ר' מרדכי זיסבערג כל אלה נהרגו ע"י הרוצחים ועוזריהם ימשו"ז הי"ד לעינינו מהמסעיים להוצאה.

לזכרון נשמת אבי מורי ר' מנשה בן ר' אליעזר ליפמאן רויזענבערג ע"ה מקראסנא וזוגתו זקנתי פייגא ע"ה, לזכרון נשמת אמי מורתי רייזל בת ר' צבי רויזענבערג וזו' רחל ע"ה, ויו"ח, אחי ואחותי דוב וזו' ויו"ח, לאה ויו"ח, אחי הבחור שמעון ישראל נפטר בוולץ, אחותי הבתולה שרה נפטרה בברגבלזן.

דודי ודודתי אחיו ואחותיו של אבי ר' מנשה הי"ד, לוי יהודא ויו"ח באוישוויץ, שמואל וזוגתו וכמה מי"ח באוישוויץ, משה וזוגתו וכמה מי"ח באוישוויץ, אלי' וזוגתו וכמה מיו"ח באוישוויץ, שרה רייזל ובעלה ר' ישראל מרדכי הערשקויץ מגרויסוואררדיין, אסתר ובעלה ר' אהרן הערש נאה מקראסנא וכמה מיו"ח באוישוויץ, מרים ובעלה אברהם היילפרין עשרה מי"ח בערך באוישוויץ, ר' שלמה בעל אחות אבי גאלדע שנפטרה בביתה ,ויו"ח באוישוויץ, לאה ובעלה שמואל זאוועל ויו"ח אוישוויץ, חנה ובעלה ר' בנימין שווארץ מגריוס-וואררדיין וכמה מיו"ח באוישוויץ, ר' יעקב נפטר במוינטעווידא, י"ז סיון תשי"ח. דודי ודודתי אחי' ואחותי' של אמי רייזל בת ר' צבי רויזענבערג ע"ה מוואלקוי, חיי שרה אשת ר' אברהם זלמן בלוי שנפטר בשאמלוי ויו"ח באוישוויץ, מרים עם בעלה ר' משה יוסף לויסטיג מוואלקא ויו"ח, דינה עם בעלה ר' קלמן ויו"ח לאוישוויץ, לאה ובתה, — לוי יהודא וזוגתו ובתם, שכולם נהרגו ע"י הרוצחים הגרמנים ועוזריהם ימשו"ז הי"ד לעינינו מהמסעים להוצאה.

לזכרון נשמת אבי ר' נפתלי הערצקא בן ר' צבי מארמארשטיין, ואמו רבקה אסתר, וזוגתו אמי חיי בת ר' יהושע גליק ואמה רבקה, ויו"ח אחותי רחל ליבא — טשארנע, דודי ודודתי מצד אבי, ר' יוסף וזוגתו פייגא ושש בנותיהם מיו"ח, אושויץ, העניע עם בעלה ר' הערצקא עם שלש בניהם, יצחק אייזיק, שלמה זאב, ואחותם חי' מינדל, דודתי חיה רחל אשת נעוריו של דודי ר' ירמי' נ"י עם יו"ח, מרים לאה, ישראל, אלטע גיטל, ליבא פרומט, ביילא חנה, שנהרגו כולם באוישוויטץ.

דודי ודודתי מצד אמי בני זקיני ר׳ יהושע גליק ואמם רבקה ע״ה, ר׳ צבי אלימלך ווייס מקליינווערדיין, בעלה של דודתי יענטע ויו״ח שנהרגו, ר׳ חיים וזו׳ אידל ובניהם יהושע. צלאווע ועוד מיו״ח שנהרגו, ש״ב אהרן, יענטע, וגיטעל, בני דודתי פייגע עם בעלה ר׳ מאיר גינזבערגער ע״ה, ר׳ אלכסנדר זושא וזוגתו שרה ובניהם, ליבא ויו״ח, הבתולות רבקה, ופרומט, ר׳ מתתי׳ ומשפחתו, ר׳ יהושע ומשפ׳, שלמה וזו׳ וכמה מיו״ח שנהרגו, כל אלה שנהרגו הובלו ממקומות מושבתם ע״י הצוררים רוצחים גרמנים ועוזריהם ימח שמם וזכרם למקומות ההריגה ועינוים אישוויץ ועוד מקומות הי״ד לעינינו, מהמסעיים להוצאה.

לזכרון הנשמות ממשפחת חמי ר׳ ברוך ארי׳ דייטעל נ״י, אביו ר׳ שמואל בן ר׳ עזריאל מאיר ועמו נכדתו חנה בת ר׳ ברוך ארי׳ נ״י ששם אמה האשה געניסע בת ר׳ יוסף ווייס מאניק ע״ה ה׳ סיון תש״ד אושוויץ, דודי ודודתי אחיו ואחות חמי נ״י בני ר׳ שמואל ואמם חיה פייגא שנפטרה ר״ח אב תש״א, ר׳ יוסף מרדכי וזוגתו יענטע בת ר׳ משה פראמאוויטש, בניהם עזריאל מאיר, נפתלי, ושיינדל ה׳ סיון תש״ד, ר׳ נפתלי וזוגתו הענטשע בת ר׳ מאיר מאשקאוויטש ויו״ח יוסף יצחק, וחיי פייגא ה׳ סיון תש״ד, האשה פערל בת ר׳ משה שמואל קליין אשת נעוריו של ר׳ צבי דייטעל נ״י ויו״ח, כ״ו אייר תש״ד, היצל שרה ובעלה ר׳ אהרן דוד בן ר׳ אפרים קליין מסאמאשאויוואר ובניהם אברהם, משה, עזריאל מאיר, גאלדע, ה׳ סיון אושוויץ, אחי׳ של חמי נ״י, הבחורים יהושע, עזריאל מאיר, חיים, אשר ענזיל, הובלו לקאמענץ פדאלסק ולא באו בחזרה, אח ואחות חמותי תחי׳ בני ר׳ יהודה טרייטעל נ״י בראנסדארפער בירושלים, ששם אמם אסתר בת ר׳ יצחק טייכטאַל מהאלעס ע״ה, ר׳ אהרן וזוגתו רבקה ממשפחת גרויסמאן ויו״ח, מאיר, מרים, מנחם, שהובלו מנירעדהאז לאושוויץ, שרה ובעלה ר׳ דוד שמעונאוויץ מטגלאש.

אחיו של דודי ר׳ געציל אפעל נ״י, ר׳ יצחק מנחם בן זאב ואמו עטל וזו׳ אסתר ומיו״ח גיטל, רבקה, שרה, אלי׳, כל אלה שנהרגו הובלו ממקומות מושבותם ע״י הצוררים רוצחים גרמנים ועוזריהם ימח שמם וזכרם, למקומות ההריגה ועינוים הי״ד לעינינו, מהמסעיים להוצאה.

לזכרון הנשמות ממשפחת זוגתי תחי׳, אביה הוא חמי ר׳ דוד יעקב בן ר׳ שלמה וואלף שטיינמעטץ ושם אמו יהודית ע״ה, ואחותו היא דודתי חנה ויו״ח באושוויץ, דודתי אחות חמותי תחי׳ חנה בת ר׳ יעקב יו״ט בערקאוויטש ואמם רחל ע״ה עם בעלה ר׳ שלמה פיקסלער ויו״ח באושוויץ.

דודי זקיני ר׳ יצחק צבי בן ר׳ סנדר וואלף וזוגתו הענטשע בת ר׳ ישראל בערקאוויטש ומיו״ח — ישראל — חיים אשר אלימלך — משה לייב, שנהרגו באוישוויץ ה׳ סיון תש״ד והובלו ממקומות מושבותיהם למקומות ההריגה ע״י הרוצחים ימשו״ז ועזריהם ימ״ש הי״ד לעינינו מהמסייעים להוצאה.

לזכרון נשמת ר׳ מרדכי בן ר׳ מנחם ואמו רבקה לאה שנהרג עקדה״ש א׳ שבועות תש״ד, זוגתו סימא בת ר׳ מאיר ואמה פערל נפטרה בביתה, היארצייט כ״ח אייר, כלתם אשת נעוריו של בנם ר׳ אברהם צבי פריד נ״י אביטל נחמה בת ר׳ אלכססנדר ווייס ואמה חנה ע״ה, עם אחד עשרה מיו״ח חיים מאיר, יעקב — אהרן — עמרם מנחם — משה יואל — יחזקאל — ישעי׳ דוד — חנה — סימא — ריזל — רבקה — שנהרגו ע״י רוצחים ימח שמם וזכרם עקה״ש י״ז תמוז תש״ד, באוישוויטץ הובלו ממקום מושבותם סאמבאטהעלי, הי״ד לעינינו, המה ממשפחת ידידי ש״ב ר׳ אברהם צבי פריד נ״י מהמו״ל.

# לזכר עולם ולזכרון בספר